STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06436

BERTHA

Leon Gotlib

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בערטהא

ראָמאַן

פון דעם אידישען לעבען אין אַמעריקאַ

— פון —

לעאָן גאָטליעב

(ל. גראָדסקי)

HEBREW PUBLISHING COMPANY

50-52 Eldridge Street, New York

ש. פרוג׳ס שריפטען

אין 3 פראכטפאָלע בענדער

א זאמלונג פון אלע זיינע ליעדער, פאעמען און שריפטען וועלכע האבען איהם בעריהמט געמאכט איבער דער גאנצער וועלט.

פרייז בלויז 4 דאָלאר

(פּאָרטא פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

א פאסענדעס ווערק פאר דיזע צייטן!

די אידען אין רוסלאנד און פוילען

אן איבערבליק איבער זייער געשיכטע און קולטור

פון פראפ. ישראל פרידלענדער

איבערגעזעצט פון ענגליש

פון אלכסנדר הארקאווי

דיזעס ווערק איז פון גרויס אינטערעס פאר אונזערע ברידער באזאנדערס צו דיזער צייט. די קריטישע ווענדונג, וועלכע עס האט דורך די וועלט-מלחמה גענומען די לאגע פון די אידען אין די געגאנטע צווייי פלאווישע מדינות, ציהט די אויפמערקזאמקייט פון זייערע ברידער אויף דיזער זייט ים ניט נאר אויף זייער טרויעריגע געגענווארט, נאר אויך אויף זייער פארגאנגענהייט, אין וועלכער עס ליגען די ווארצלען פון די בארבארייען, וואס ווערען יעצט באגאנגען געגען זיי אין אוקראינע און פוילען.

געשריבען אין א פאפולערע און לעבעדיגען סטיל

מיט א לאנדקארטע און אילוסטראציעס

געדרוקט אויף שענעם פאפיר און עלעגאנט געבונדען אין לייוונט

פרייז 1 דאלער.

HEBREW PUBLISHING COMPANY, 50-52 ELDRIDGE ST., N. Y.

ערשטער קאפיטעל.

דאס איז געווען אין מאנאט מאי. דער פריהלינג איז שוין געשטאנען אין זיין פולען פראכט און גלאנץ. אלעס אין דער נאטור האט גערופען צו געניסען, צו לעבען. די מענשען האבען זיך שוין צוגעגרייט מקבל פנים צו זיין דעם ליעבען זומער, אנצוזעטיגען זיך מיט זיינע פערגעניגענס און האבען שוין כמעט פארגעסען אן דעם גרויזאמען ווינטער, וועלכער האט זיך דיעזען מאל אויסגעצייכענט מעהר וויא אימער מיט ברענענדיגע פרעסט, שרעקליבע שטורמס און זאווערוכעס.

אין א רייכען זאאל אויף לענאקס עוועניו אין ניו יארק, זיינען געזעסען א יונגער מאן פון א יאהר פיער און צוואנציג און א פריילין פון א יאהר צוואנציג.

ער איז געווען א הויכער, שעהנער, שטארק געבוימטער מאן מיט א געדיכטען קאפ בלאנדע האאר, וועלכע זיינען געווען פערקאמט אין מיטען מיט א שרונט. זיין געזיכט איז געווען גלאט ראזירט. זיינע אויגען האבען אויסגעדריקט דעם פעסטען כאראקטער וואס ער בעזיצט.

דיא מיידעל איז געווען א ברונעטקע, פון מיטעלען וואוקס. איהר פולע, רונדע געזיכט איז געווען אויסגעגאסען מיט יענער זארט חן, וועלכער קען בעצויבערען און פערטויבען יעדען מאנספערזאן פון דעם ערשטען בליק, וואס ער ווארפט אויף איהר. אין איהרע גרויסע, קארשען־שווארצע קלוגע אויגען האט זיך אפגעשפיעגעלט א ים מיט גוטהערציגקייט און ערליכקייט. ווען זיא פלעגט אויף אימיצען א קוק טהאן מיט דיעזע וואונדער־שעהנע אויגען איהרע, פלעגט יענער איהר בליק לאנג ניט קענען פארגעסען. איהר שטימע, אבוואהל ניט קיין שטארקע, האט געקלונגען מעלאדיש, זאנפט. שטונדען לאנג האט מען געקענט זיך צוהערען צו איהרע רייד און האבען דערביי דעם העכסטען פערגעניגען, אונגעאכטעט היעדויף וועגען וואס זיא רעדט. זאנפט, צארט, חן'עוודיג און פול מיט גראציע איז אויך געווען איהר גאנצע בענעהמונג. איהרע קליידער זיינען געווען איינפאכע, אבער פול מיט עדעלער געשמאק און זיי האבען פאלשטענדיג הארמאנירט מיט איהר אייגענער אויסזעהן.

דער יונגער מאן איז געווען דער איינציגער זוהן פון דעם רייכען קלאוקס מאנופעקטשורער און אייגענטהימער פון פיעלע הייזער, בענדושאמין ראטער, וועלכער איז מיט עטליכע מאנאטען צוריק געשטארבען. דער פערשטארבענער איז געווען א איינגעוואנדערטער רוסישער איד, וועלכער האט זיך אין פערלויף פון צוואנציג יאהר דערשלאגען צו א גרויסע עשירות. דיא מיידעל איז געווען דעם אלטען ראטער'ס פריוואט־סעקרעטערין, וועלכע האט פערטראטען דיעזע שטעלע פאר דיא לעצטע דריי יאהר.

דער רייכער יורש איז געווען זעהר צומראגט. דיעזע צומראגטהייט האט זיך אויסגעדריקט אין זיינע אונרוהיגע בעוועגונגען, אין דעם באראבאנען מיט דיא פינגער אין טיש. ענדליך האט ער זיך אפגערופען:

— אלזא, איך פרעג אייך צום לעצטען מאל, מיסס סילווער. איהר ווילט דוקא, אז דיא חתונה זאל שטאטפינדען?

זיא האט אויף איהם א קוק געטהאן מיט איהרע צויבערליכע אויגען און געענטפערט מיט א שטילע אבער מעלאדישע שטימע:

— יעס, דאס איז מיין וואונש.

— דיא ברירה איז גענצליך ביי אייך — האט ער מיט א טאן פון פערביסענהייט ווייטער גערעדט. אויפהויבענדיג זיך פון זיין טשער און נעהמענדיג ארומשפאצירען איבער'ן צימער — און אויב איהר ווילט דורכאויס, אז דיא הייראט זאל שטאטפינדען, מוזט איהר זיך צוגרייטען צו דעם לעבען, וועלכען עס ביהד

רען פרויען. וועמען מען הייראט אהן ליעבע. איהר זעהט דאך, אז איך בין ניט קיין היפאקריט. איך זאג אייך אלעס וואס עס קומט פאר ביי מיר אין דער נשמה.

זיא האט אויף איהם ווידער א קוק געטהאן. דיעזען מאל האט איהר בליק אין זיך אפגעשפיעגעלט א ים מיט ליידען — מיט ליעבעס ליידען... און א שווערער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון דער טיעפענים פון איהר ברוסט.

זיין אויפרעגונג איז געוואקסען מיט יעדער סעקונדע. ער איז געווארען זעהר בלייך. איז צוגעגאנגען צו איהר און האט געזאגט:

— וויא איך זעה, זיינען מיינע רייד ארויסגעווארפען. איהר האט בעשלאסען מיט מיר צו הייראטען, וויסענדיג, אז מיין הארץ איז אבסאלוט פרעמד צו אייך, וויסענדיג גאנץ גענוי, אז איך ליעב אייך ניט!

איהר רונדע, שעהנע געזיכט איז בעצויגען געווארען מיט א פלאמענדע רויטקייט. א שטראם מיט שארפע ווערטער האבען גענומען בעוועגען איהרע אויסגעטאקטע, חן׳עוודיגע ליפען. אבער זי האט זיך מיט אלע כחות אנגעשטרענגט דיעזע ווערטער ניט ארויסצורייסען. און זיא האט געשוויגען אזוי לאנג, ביז זיא האט ניט צוטראטען איהר מייעדלשען שטאלץ אונטער איהרע פיס. דאן האט זיא זיך אפגערופען:

— איך וועל טרייען און איך האף, אז עס וועט מיר געלינגען צו געווינען אייער ליעבע.

— דאס איז דעם מאן׳ס אויפגאבע צו געווינען — האט ער געזאגט מיט א ייטאלצען טאן — דער פ ר ו י ׳ ס ליעבע דארף מען געווינען... דיא פ ר ו י דארף געוואונען ווערען פון דעם מאנספערזאן.

— איהר האט רעכט — האט זיא צוגעגעבען אין א ציטערענדען טאן — איך האב זיך שלעכט אויסגעדריקט.

זיא האט פאפראוועט מיט דער האנד איהרע האאר, און, אפזיפצענדיג, האט זיא צוגעגעבען:

— איהר ווייסט גאנץ גוט, אז א עלכע געשפרעכען פערשאפען מיר ניט קיין פערגעניגען: גענוג געזונד קאסטען זיי מיר. אלזא, איך וויל אייך זאגען מיין לעצטעס ווארט: איך האב נאר איין הארץ, ניט קיין צוויי און דאס הארץ בעלאנגט צו אייך. וואלט איך אייך ניט געליעבט אזוי שטארק, וואלט איך אייך גלייך בעפרייט. איך וואלט ניט געקוקט אויף דיא שאנדע, וואס דאס וואלט מיר פערשאפען. דען אלע מיינע פריינדע בעטראכטען אונז שוין אלס חתן־כלה...

זיא האט נאך עפעס געוואלט זאגען, אבער טרעהרען האבען איהר גענומען שטיקען און זיא האט אויסגעבראכען אין א שטילען, הערצליכען געוויין. ווען זיא האט זיך בערוהיגט, האט זיא אויסגעשטרעקט צו איהם בעטענד דיא הענד און געזאגט:

— צווייפעלט איהר דען אין מיין הייליגע ליעבע צו אייך, מיסטער ראטער?

— ניין, איך צווייפעל אין דעם ניט — האט ער געענטפערט מיט דיא קאלטקייט פון א גזלן — אבער דאנקבאר זיין אייך פאר דעם — דאס קען איך ניט.... איך וויל, אז איהר זאלט מיר גוט בעגרייפען, בערטהא, דען איך בין אימער אויפריכטיג אין מיינע האנדלונגען, און איך גלויב, אז איהר צווייפעלט דעריין ניט. אלזא, הערט מיך אויס: מיין יעצטיגע האנדלונג איז ווייט, ווייט פון דיא מינדעסטע עקשנות. מיינע שארפע ווערטער דארפט איהר אויך ניט בעטראכטען אלס א ספעציעלע פיינדשאפט צו אייך. איך בין נאך, אמת, יונג אין יאהרען, אבער ערפאהרונג האב איך שוין געהאט זעהר פיעל אין לעבען. בערטהא, געצוואונגענע הייראטען ברייגנען קיין זאך ניט אויסער אונגליק און אונגליק. ביידע — אי דיא פרוי, אי דער מאן זיינען אונגליקליך. איך גלויב, אז איהר ווייסט עס פונקט אזוי גוט וויא איך. איך האב אייניגע פריינד, וועלכע האבען אויף אזא ארט געהייראט און — אין זייערע הייזער שפיעלען זיך יעדען טאג אפ שרעקליכע דראמאס. זייער לעבען איז א וואהרער גיהנום. און איך האב געמיינט — האט ער שווער אפגעזיפצט — אז איהר, ווען איהר וועט זיך דערוויסען וואס עס טהוט

זיך ביי מיר אין הארצען, וועט אליין פערשטעהן, וואס איהר האט צו טהאן; אז איהר וועט דאס טהאן אין אייערע אייגענע אינטערעסען, פון אייער טובה וועגען...

זיא האט געשוויגען. אבער ווען אימיצער וואלט איהר איצט בעטראכט, וואלט ער בעמערקט וויז אין איהרע אויגען האט א בליץ געטהאן א שטאלצער פייעריל, וויא איהר פלאמענדע געזיכט האט גענומען קאנוואולסיוו צוקען פון אינערליכע שמערצען און איהרע הענד האבען זיך קראמפהאפט צוזאמענגעדריקט אין פויסטען. זיא האט איהם אין מיטען פון זיין ריידען געוואלט אונטערברעכען; זיא האט זיך אבער וויא דערמאנט אן עטוואס און איז געבליבען שטיל.

— איך האב אימער וועגען אייך געהאט א געהויבענע מיינונג — האט ער פארטגעזעצט אין א העפליכען טאן — איך האב זיך קיין מאל ניט פארגעשטעלט אז איהר וועט מיר וועלען הייראטהען **געגען מיין ווילען.**

דיא לעצטע דריי ווערטער האט ער שטארק בעטאנט.

— און איך קוק אויף דעם אנדערש — האט זיא געזאגט מיט א שטילע אבער קלאהרע שטימע — עס איז נאך ניט אזוי שלעכט. איך האב געפיהלט, אז איהר זייט צו מיר ניט גלייכגילטיג און דאס האט נאך מעהר פארנאנדערגעפלאקערט מיין ליעבע צו אייך. איהר וועט זיך ענדערען מיט דער צייט.

— איהר האט א גרויסען טעות, בערטהא — האט ער אין א שארפען טאן אויסגעשריען, ווערענדיג זעהר אויפגערעגט — איך וועל זיך קיינמאל ניט ענדערען! איהר זאגט, אז איך בין צו אייך ניט געוועזען גלייכגילטיג. שטעלט אייך פאר, אז דאס איז אמת. אבער וואס זאל איך טהאן, אז דיעזע ניט גלייכגילטיגקייט האט זיך ניט ענטוויקעלט ביי מיר אין א ליעבע, פונקט אזוי וויא ביי אייך? וואס זאל איך טהאן, אז מיין הארץ — האט ער אויסגעשטרעקט צו איהר רחמנות'דיג דיא הענד — איז פרעמד צו אייך? אז זיא בעלאנגט...

ער האט נערוועז פערביסען דיא ליפען און איז פלוצלונג שטיל געווארען. א הערצרייסענדער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון זיין אויפגערעגטער ברוסט.

— איך וויים, איך וויים אלעס! — האט זיא אין א וויינענדיגע שטימע געזאגט און האט זיך ווידער צעוויינט אויפ'ן קול.

— און דאך ווילט איהר, אז מיר זאלען הייראטען? — האט ער מיט זיין גאנצען הארצען גערעדט — פרעגט ביי דער מאמען, וועט איהר הערען, צו איך האב איהר ניט געזאגט, אז איך בין דער אונגליקליכסטער מענש אויף דער וועלט. אבער דיא מאמע מיינע איז פונקט אזוי וויא איהר. זיא וויל אויך ניט פערשטעהן מיינע געפיהלען. איהר זאגט, אז איהר ווייסט אלעס. און דאך ווילט איהר, אז מיר זאלען הייראטען? — האט ער ווידערהאלט דיא פריהעריגע ווערטער.

זיא האט זיך פלוצלונג בערוהיגט. איהר געזיכט האט נאך מעהר גענומען פלאמען. איהרע אויגען האבען זיך אנגעצונדען מיט דעם פייער פון אייפערזוכט — דער פייער, וועלכער קען דעם עדעלסטען, בעסטען מענשען פערוואנדלען אין א ווילדע חיה, אין א פערברעכער. איהרע הענד האבען זיך ווידער פעסט צוזאמענגעקארטשעט אין צוויי פויסטען און מיט א פעסטער, קלינגענדער שטימע האט זיא געזאגט:

— יא דאס איז מיין בעשלוס. מיינט ניט, מיסטער ראטמער, אז דאס איז עפעס א קאפריז ביי מיר. איהר ווייסט דאך, אז קיין לייכטזיניגע בין איך ניט. איך האב וועגען דעם זעהר פיעל נאכגעדיינקט, זעהר פיעל. נעכט האב איך ניט געשלאפען. איך האב ניט אויפגעהערט צו טראכטען וועגען דעם. איך בין זיכער, אז אי איך, אי איהר וועלען לעבען גליקליך צוזאמען. וואלט איך דיזע זיכערהייט ניט געהאט, וואלט איך מיט אייך זיך ניט פערבונדען. איך שטעל יעצט מיין יוגענד, מיין גאנצען לעבען אין קאן און איך וויים, אז איך וועל ענדליך געווינען — געווינען אייער ליעבע און דאן — דאן וועט צו אונזער ביידענס גליק קיין גליי־

כען ניט זיין. איך ווייס, אז ביז איך וועל דיעזע גליקליכע צייט דערלעבען, וועט עס מיר געגוג געזונד קאסטען; איך וועל זעהר פיעל צרות און שמערצען דארפען אריבערטראגען; עס וועט מיך אפשר מיין לעבען קאסטען. אבער קיין אפפער איז מאר מיר ניט צו שווער, אום אייער ליעבע צו געווינען. איך ווייס אויך, אז איהר האט יעצט וועגען מיר ניט קיין גוטע מיינונג; אבער איך בין זיכער, אז איהר וועט דיעזע מיינונג אייערע מיט דער צייט ענדערען.

א מערקווירדיגע לאגע! ראטטער האט איהר ניט פערשטאנען. ער האט איהר פאלש געארטהיילט.

עס טרעפט אפט אז א פרוי נעהמט זיך אריין א געדאנק אין זינען און האלט זיך ביי איהם דעם גאנצען לעבען און דיא ארומיגע מענשען פערשטעהען ניט ריכטיג איהרע מאטיווען.

דאס זעלבע איז געוועזן מיט בערטהא'ן. זיא האט זיך אריינגענומען אין מוח דעם געדאנק אז איהר הייראט מיט ראטטער'ן איז א גליק פאר ביידען. בלויז זיא קען איהם גליקליך מאכען — אזוי איז זיא געוועזן איבערצייגט. זיא האט דאס געזעהען אויף טויזענדער פערשיעדענע ארטען. וואס מעהר זיא האט געטראכט וועגען דעם, אלץ דייטליכער האט זיא געזעהען, דאס זיא און קיין אנדערע וויא זיא קען איהם גליקליך מאכען. עס איז איהר הייליגע פליכט איהם צו רעטען פון אנדערע הענד — אזוי האט זיא געפיהלט. לאזען איהם הייראטהען אן אנדערע? לאזען איהם זיך אונגליקליך מאכען אויף'ן גאנצען לעבען? דאס וואלט געוועזן עגאאיזמוס פון איהר זייט. אזוי האט זיא געקוקט אויף דער פראגע.

דער לעזער וועט א שמייכעל טהאן. ער וועט זיך קלערען, אז איהר אייגענע ליעבע האט דאס איהר אללעס אין דיעזע פארמע פארגעשטעלט. אז זיא האט זיך איינגערעדט דיא אללע זאכען, ווייל איהר הארץ האט עס געפאדערט. יא! זיא האט עס אבער ניט געוואוסט. זיא האט מיט'ן גאנצען הארצען אזוי געפיהלט. ביז ייה איז ביי איהר געווארען וויא א היילי־גע רעליגיאן, אן אידעאל — ראטטער'ן גליקליך צו מאכען מיט איהר הייסע, אונשטערבליכע ליעבע...

און זיין רייכטהום?

בערטהא וואלט געאפפערט מיט צעהן אזעלכע פערמעגענס וויא זיינע פאר דיעזען אידעאל איהרען.

— אלזא, איך האב ניט מעהר אויף וואס צו האפפען! — האט ער שמערצליך אפגעזיפצט — איך האב נאך געהאפט, אז איהר וועט זיך ענדליך ארומזעהען, אז איך האנדעל דא וויא אן עהרליכער מענש מיט א ריינעם געוויסען דארף האנדלען. איהר זאגט, אז איך וועל מיט דער צייט ענדערען מיין מיינונג וועגען אייך. ניין, בערטהא. אויב איך וועל מיין מיינונג ענדערען, וועט דאס ניט זיין צו גונסטען אייך.

— איך וועל ווארטען אויף דער גינסטיגער צייט — האט זיא געזאגט — ווען איהר וועט מיך בעסער בעגרייפען. ראן...

— איך בעגרייף אייך שוין יעצט זעהר גוט — האט ער גערעדט מיט איראניע, קוקענדיג אויף איהר מיט שטעכיגע בליקען — אה, איך בעגרייף אייך זעהר גוט! איהר האט מיך פעסט אין האנד. איהר שטיצט זיך אויף מיין פאטער'ס צוואה, אז אויב איך וועל מיט אייך ניט הייראטהען, בעקום איך קיין איין סענט ניט ירושה. אייך ווילט זיך דוקא ווערען מיסעס ראטטער! און איהר ווייסט דאך, אז איך וועל זיך פון דער ירושה ניט ענטזאגען. איך וועל דאך ניט גיין יעצט זוכען א פאזישאן ביי יענעם. יא, איך בעגרייף אייך, איך בעגרייף אייך זעהר גוט, זאגאר צו גוט!...

זיא האט א שרעקליכען ציטער געטהאן און איהר געזיכט האט זיך בעדעקט מיט א טוידטע בלייכקייט. זיא האט שמערצליך פערביסען דיא ליפען און האט געזאגט מיט א פערשטיקטען קול, איינהאלטענדיג זיך מיט אללע כוחות ניט אויסצוברעכען אין א געוויין:

— איהר הייבט מיר ניט אן צו בעגרייפען, מיסטער ראטטער. איך האב אייך ליעב געקראגען נאך איידער איך

האב געוואוסט, אז אייער זעליגער פאטער האט אזא צוואה איבערגעלאזט. איך האב אייך ניט ליעב צוליעב אייער רייכטהום. וואלט איהר יעצט געווען ניט מעהר וויא אן ארימער אפעריטאר, וואלט מיין ליעבע צו אייך ניט געווען שוואכער וויא זיא איז יעצט. איהר ווילט דאס יעצט ניט פערשטיין; איהר גלויבט מיר ניט. אבער מיט דער צייט וועט איהר זיך איבערצייגען אין דעם אמת פון מיינע רייד. ווען איהר זאלט קענען אויפשניידען מיין הארץ, וואלט איהר זיך יעצט איבערצייגט....

ער האט א פערצווייפעלטען מאך געטהאן מיט דער האנד און געזאגט:

— אלזא, אלעס איז געענדיגט! איהר האט מיך גוט אין האנד, פריילין. מיין טאטען'ס וואונש וועט אלזא ערפילט ווערען. מיר וועלען הייראטהען — און דערמיט איז אללעס געשלאסען. דיא ליעבע פון א מאן צו זיין פרוי — דאס וועט איהר פון מיר קיינמאל ניט האבען. באלד נאך דער חתונה שיידען מיר זיך. דאן קען מיר אפילו דער פרעזידענט פון יונייטעד סטייטס ניט צווינגען, איך זאל מיט אייך לעבען צוזאמען. סופפארט וועט איהר בעקומען וויפיעל איהר וועט נאר פערלאנגען. אה, טאטעניו, טאטעניו! — האט ער פערצווייפעלט זיך געריסען דיא האר פון קאפ — ווארום האסטו מיך אזוי אונגליקליך געמאכט?

ער האט זיך אבער באלד בערוהיגט און זיך געווענדעט צו בערטהא'ן אין א קאלטען געשעפטסמעסיגען טאן:

— אלזא, יעצט זייט איהר שוין צופריעדען?

זיא איז געווארען וויים וויא קאלך. דער גלאנץ אין איהרע אויגען איז אויסגעלאשען געווארען. איהר גאנצע חן'־עוודיג־אויסגעגאסענע פיגור האט זיך איינגעקארטשעט אזוי וויא א בלום בשפאר א שטורם־ווינד. זיא האט אין א שוואכע, וויינענדיגע שטימע געזאגט:

— איהר בעליידיגט מיר שרעקליך, מיסטער ראמטער! איהר טראמפעלט אונטער אייערע פיס מיינע עדעלסטע, מיינע הייליגסטע געפיהלען. איך בין ניט אויסען אייער פערמעגען!

ער האט זיך איראניש פערנאנדערגעלאכט אויפ'ן קול. דיעזער געלעכטער זיינער האט א יאג געטהאן א שטראם מיט בלוט אין איהר געזיכט אריין.

— וועל, וועל — האט ער געזאגט אריינרוקענדיג דיא הענד אין זיינע הויזען־פאקעטס און אוועקשטעלענדיג זיך מיט א פעסטקייט נעגען איבער איהר — איך בין ניט אזא נאר צו דיינקען, אז איהר האנדעלט דאס אזוי, ווייל איהר זייט אזוי שטארק פערליעבט אין מיר... און פאר וואס זאלט איהר מיך דען ליעבען? איך האב אייך קיין מאל קיין געלעגענהייט ניט געגעבען, איהר זאלט זיך אין מיר איינליעבען. דורך דיא דריי יאהר וואס מיר האבען זיך געפונען צוזאמען אין אפפיס, האב איך אייך קיין ליעבע ניט ארויסגעצייגט, אפילו קיין פוסטע קאמפלימענטען ניט געמאכט: איך האב אייך געגליכען וויא א פריינדין, ניט מעהר וויא דער פאפא האט אייך געגליכען. איך וועל אייך זאגען גאנץ אפען, אז זינד איך האב זיך דערוואוסט פון דער אונגליקליכער צוואה, האב איך אויסגעמידען מיט אייך זאגאר אן איבעריגען ווארט אויסצוריידען און — איך האב אייך פיינט געקראגען.

— איך קען דאס ניט אפלייקענען — האט זיא געענטפערט, וועהרענד איהר שעהנער שטערן האט זיך שטארק פערריגצעלט, אזוי וויא זיא וואלט יעצט וועגען עטוואס זעהר וויכטיגעס געטראכט.

— איהר גיט אלזא צו, אז איך האב קיין מאל ניט געזוכט צו געווינען אייער ליעבע? — האט ער געפרעגט אין א טאן, געמישט מיט שטאלץ און ווייטאג.

— איך גיב דאס צו — האט זיא געענטפערט אין אן ארט, אזוי וויא דיא ווערטער וואלטען אליין פון איהר מויל ארויסגעפלויגען.

— אלזא, איז וועגען ליעבע דא קיין שום פראגע ניטא און איהר הייראטה פאר מיר, וויא איך האב שוין פריהער געזאגט צוליעב מיין רייכטהום — האט ער איהר געשטאכען מיט דיא רייד.

— איך האָב אייך שוין פריהער ער־קלעהרט מיינע געפיהלען, — האָט זיא שטיל געזאָגט — אָבער איהר מעגט זיך דיינקען וויא איהר ווילט. עס וועט קומען א צייט, ווען איהר וועט אנדערש דיינקען.

אויף זיינע ליפּען זיינען שוין גע־לעגען עטליכע שאַרפע, ביטערע ווער־טער. ער האָט זיי אָבער אונטערדריקט און ניט ארויסגערעדט. ער האָט געזאָגט:

— איך וועל אייך ניט זאָגען יואָס איך דיינק וועגען אייך. איך לאָז עס אי־בער צו אייך, איהר זאָלט עס זיך זעלבסט פאָרשטעלען. עס בלייבט אלזאָ וויא איהר ווינשט זיך. מיר וועלען הייראַטהען, איהר בלייבט מיסעס ראָטער און באלד נאָך דער חופּה געהען מיר זיך פאַרנאַנ־דער אין צוויי פערשיעדענע וועגען.

זיא איז געשטאַנען אין א פּאָזע אזוי וויא זיא וואָלט זיך יעצט געפונען צווישען פייער און וואסער. און איהר גע־זיכט האָט אויסגעדריקט שרעקליכען כרויער און פערצווייפלונג.

אויף א קליינער ווילע זיינען זיי ביידע פערזונקען געוואָרען אין א שטיל־קייט, וועלכע קיינער פון זיי האָט ניט געוואָלט איבעררייסען.

— איך מוז יעצט אוועקפאָהרען אויף עטליכע טעג — האָט ער געזאָגט אין א גלייכגילטיגען טאָן, אזוי וויא ער וואָלט ריידען מיט א ביזנעס־מאַן — ווען איך וועל צוריק קומען, וועלען מיר בעשטימען ווען די הייראטה זאָל שטאַטפינדען.

דאס וואָרט „הייראַטה“ האָט ער שמאַרק בעטאָנט.

— זיא האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר שטוהל, איז צוגעגאַנגען נעהענטער צו איהם און מיט א זיפץ געפרעגט:

— איהר זאָגט, אז באלד נאָך דער חופּה געהען מיר זיך פאַרנאַנדער?

— יעס — האָט ער קאַלטבלוטיג געענטפערט — דעם טאַטענס צוואה בינדט נאָר צוזאַמען אונזערע הענד אָבער ניט די הערצער. די צוואה, מיין פאַטער׳ס וואונש, וועט פערווירק־ליכט ווערען. מיין פאָטער האָט מיר אָבער ניט געקענט בעפעהלען, אז איך זאָל אייך מיין הארץ שיינקען — מיין הארץ, וועלכעס איז פרעמד צו אייך, וועלכעס.... אבער גענוג וועגען דעם!

— איך וועל אייער הארץ געווי־נען, איך וועל געווינען אייער ליעבע — האָט זיא שטיל געשעפּטשעט, ווערענד גרויסע טראָפּען טרעהרען האָבען גענו־מען פליסען פון איהרע אויגען.

* * *

דער געשפּרעך איז געפיהרט גע־וואָרען אין ענגליש און אין אידיש. ראָ־טער׳ס הויז איז געווען א אידישע. דער פערשטאָרבענער איז יאָהרען לאַנג געווען אן אָרימער אַפּערייטאָר. זיין פרוי, מיט וועלכע ער האָט געהייראַטה אין אמערי־קא און וועלכע איז געווען מיט עטליכע יאָהר אינגער פון איהם, איז אויך געווען אן ארבייטערין. זיא איז אָבער געווען א בריה, א גרויסע ווירטהין. זיא האָט דעם מאַן מיטגעהאָלפען ארבייטען. ווען זיי האָבען געהאט אָפּגעספּיפּט אביסעל געלד, זיינען זיי אריין אין ביזנעס. און אזוי האָבען זיי געוואַקסען און געוואַק־סען ביז זיי האָבען זיך גערעכענט צווי־שען די רייכסטע רוסיש־אידישע עמי־גראַנטען פון נויאָרק. קיין קאַרגע זיינען זיי ניט געווען; זיי האָבען געפיהרט א ברייטע הויז; אבער פערשווענדען געלד פון ספּאָרט וועגען, וויא עס טהוען די מעהרסטע אָלרייטניקעס — דאָס האָבען זיי ניט געטהאָן. קיין איבעריגער פרומער איז דער פערשטאָרבענער אויך ניט גע־ווען. ער האָט בעלאָנגט צו א שוהל. אָבער אויסער ימים טובים האָט מען איהם אין שוהל ניט געזעהען. ער האָט זיך אויך ניט נאָכגעיאָגט נאָך כבוד, וויא עס טהוען די מעהרסטע אויפגעקומענע גבירים. האָט מען איהם ערוויילט צו אן עהרען אמט אין זיין שוהל, האָט ער דאָס אָנגענומען, אָבער ער האָט דערפון קיין גרויסען וועזען ניט געמאַכט. ער האָט בעלאַנגט צו פיעלע צדקה־אנשטאַל־

טען, וואו ער האט געשאנקען שעהנע נדבות.

פון וואנען ער קומט, ווער ער איז— דאס האט פון זיינע בעקאנטע קיינער גענוי ניט געוואוסט, און דאס וואס מען האט געוואוסט, איז אויך געווען וויא פערהילט אין א נעבעל. דיא וואס האבען איהם געקענט אין דיא ערשטע צייטען, ווען ער איז נאך געווען אן ארימער אפערייטאר, פלעגען זיך אימער וואונדערען ווארום מען זעהט איהם קיינמאל ניט פערברייגגען צווישען לאנדס-לייט, וויא עס פיהרען זיך דא געוועהנליך עמיגראנטען. ער פלעגט זיך אימער גיין זיין וועגס, מיט קיינעם ניט געשלאסען קיין בעקאנטשאפט. אין שאפ איז ער אויך אימער געווען אפגעזונדערט פון אלע זיינע מיט-ארבייטער.

זיין הייראטה איז געווען א שטילע, אהן צערעמאניעס. ער האט געאָרדערט א סאפער פאר א מנין מענשען ביי דער מיסעס, וואו ער איז געשטאנען לאזשי. דיא חתונה-געסט זיינען געווען דעם לאזשי-מיסטער'ס לאנדסלייט. אז מען פלעגט איהם פרעגען וואס פאר א לאנדס-מאן ער איז, פלעגט ער קורץ ענטפערען, אז ער קומט פון אדעסס. זיין אויסשפראכע איז אבער ניט געווען דיא זעלבע וויא פון דיא אדעסער אידען. ער האט גערעדט וויא א'ן אמת'ער ליטוואק.

ס'רוב מענשען האבען פיינט פערזאנען מיט אזעלכע נאטורען. איהם אבער האט מען פיינד האבען ניט געקענט. ער האט געהאט אין זיך עפעס סימפאטהישעס און זיינע אויגען האבען אימער געקוקט מיט א מילדען, ליעבליכען בליק, וועלכער איז געווען א נאטירליכער, ניט קיין געמאכטער... ער איז ניט געווען קארג זאגאר דאן, ווען ער איז נאך געווען ארים. פלעגט מען אמאל מאכען א קאלעקשאן אין שאפ, האט ער זיך אימער אפגערופען דער ערשטער מיט זיין נדבה.

ער איז געווען זעהר א פראסטער. ער האט קוים זיין נאמען געקענט אונטערשרייבען, און דאס בלויז אויף אידיש. ווען ער פלעגט קומען פון דער ארבייט און אפעסען סאפער, פלעגט ער זיך אוועקזעצען טראכטען. שטונדען לאנג פלעגט ער אזוי אפזיצען און צו קיינעם קיין ווארט ניט ארויסרעדען. ער פלעגט זעלטען ווען ערגעץ-וואו גיין. שבת, ווען ער האט ניט געארבייט, האט ער כמעט דעם גאנצען טאג פערבראכט אין הויז. שכנים האבען איהם גערעדט שידוכים. ער איז געגאנגען זעהען דיא כלות, אבער ער האט זיך קיין איינע ניט געקענט צו קלייבען.

א געוויסען אבענד איז ער ארויפגעקומען אין הויז מיט א מיידעל, וועלכע ער האט פארגעשטעלט אלס זיין כלה, און אין עטליכע וואכען ארום איז געווען דיא חתונה.

ווען ער איז שוין געווארען רייך האט ער זיך ניט געהאלטען גרויס. פערקעהרט ער איז געווען זעהר איינפאך ביי זיך. אז ער פלעגט בעגעגענען אין גאס אן אלטען בעקאנטען, פלעגט ער זיך מיט איהם אפשטעלען און אויספרעגען יענעם וויא עס געהט איהם. א פאר פון זיינע אלטע מיט-ארבייטער האבען זאגאר געארבייט ביי איהם אין שאפ. צו זיינע ארבייטער איז ער ניט געווען קיין שטרייגגער באס; ער איז אבער אויך ניט געווען צו גוט. דאס זייניגע האט ער געפאדערט מיט א פעסטע האנד. דיא רולס פון שאפ האבען געמוזט שטריינג אפגעהיט ווערען. דערכאר זיינען ביי איהם דיא פרייזעס פון דער ארבייט געווען פערהעלטניסמעסיג בעסערע וויא אין דיא אנדערע שעפער פון דער זעלבער ליין.

דיא פרוי האט איהם מעהר ווי דעם איין זוהן ניט געבארען. זיין גאנצער לעבען איז דער בן יחיד ביי איהם געווען, זיין נשמה, זיין אללעס אין דער וועלט איז ער פאר איהם געווען. אבער ער האט דיעזע ליעבע זיינע קיינמאל אפען ניט ארויסגעצייגט. מיט זיין פרוי האט ער געלעבט אמת גליקליך. זיי האבען זיך

זעהר געליעבט איינער דעם אנדערען. אָבער דיעזע ליעבע איז אויך געווען אן איינערליכע ניט קיין אויסערליכע. די גאנצע צייט וואָס זיי זיינען געווען פערהייראטה, האָבען זיי זיך קיין איינמאָל ניט געקריעגט. דער גרעסטען רעספעקט רעספעקט האָבען זיי זיך איינער דעם אנדערען ארויסגעוויעזען.

אָט דאָס איז א געפּאסטע פּאָאר'ל — פלעגען זייערע בעקאנטע צווישען זיך ריידען — אזוי וויא איין מאמע וואָלט זיי געהאט.

ווען דער זוהן האָט געענדיגט סיטי קאָלעדזש, האָט ער גענומען שטודירען לאָא אין קאָלאמביא קאָללעדזש. ער האָט אָבער דאָס לערנען אויפגעגעבען. ער האָט זיך געוואָלט נעהמען צו ביזנעס. ווען ער האָט דעם פאָטער ערקלעהרט, אז ער האָט בעשלאָסען ארויסציטרעטען פון קאָללעדזש און אריינצוטרעטען אין זיינע ביזנעס, האָט ער קורץ געענטפערט:

— אָלל־רייט. ווילסט ניט קיין לאָא, זאָל זיין ניט.

ער האָט איהם אריינגענומען אין די פעקטאָריע און איהם געמאכט פאר זיין צווייטע האנד.

פון זיין פאָטער האָט דער יונגער ראטער גע'ירש'נט בלויז דעם פעסטען כאראקטער. זאָנסט איז ער געווען גאר אן אנדער זאָרט מענש. ער האָט געהאט פריינד, מיט וועלכע ער פלעגט אָפט פערברייגגען און האָבען א „גוד טאים“. קיין הולטאי איז ער אָבער ניט געווען.

דיא בעציהונגען פון דעם פאָטער צו זיין סעקרעטערין האָבען אנפאנגס, ווען זיא איז אָנגעקומען אין אָפפיס, ארויסגערופען ביים זוהן א פערדאכט. דיעזער פערדאכט איז נאָך ביי איהם שטארקער געוואָרען, ווען ער האָט גענומען בעטראכטען אויף וועלכען ארט דיעזע מיידעל איז אָנגעקומען אויף דיעזער שטעללע.

א געוויסען טאָג זאָגט איהם דער פאָטער, אז מאָרגען וועט קומען א מיידעל, וועלכע ער וועט מאכען אלס זיין סעקרעטערין. דער זוהן האָט אויף איהם אויסגעשטעלט א פּאָאר פערוואונדערטע אויגען. ער האָט געוואוסט, אז דער פאָטער נויטיגט זיך ניט שטארק אין אזא געהילף, דען אין אָפפיס האָבען געארבייט צוויי טייפּרייטערינס, און דיא ראָללע פון א פּריוואט סעקרעטער האָט ער דאָך אליין ביז יעצט פערטראָטען. דער פאָטער האָט איהם דערביי ערקלעהרט, אז די מיידעל איז א פּלימעניצע פון זיינעם א יוגענד־פריינד, וועלכען ער האָט פּלוצלונג בעגעגענט אין סטריט, נאָך עטליכע און צוואנציג יאָהר ניט זעהען זיך. ער האָט איהם געבעטען, אז ער זאָל זיין פּלימעניצע געבען א פּאָזישאָן און ער האָט דאָס איהם ניט געקענט ענטזאגען.

דער מאנופעקטשורער פלעגט זעלטען זיך בעגייסטערען פאר עטוואָס. האָט ער געמעגט זיין ווער ווייסט וויא צופריעדען, וויא גליקליך פון עפּעס א זאך, האָט ער דאָס קיינמאָל ניט ארויסגעצייגט. אזא נאטור האָט ער געהאט. ריידענדיג אָבער וועגען זיין צוקונפטיגע פּריוואט סעקרעטערין, האָבען דיא אויגען ביי איהם געבלישצעט מיט א מאָדנעם פייער'ל און א צופריעדענער שמייכעל האָט זיך בעזעצט אויף זיין געזיכט. דאָס איז דעם זוהן געוואָרען זעהר אויפפאלענד.

דער אלטער ראָטער פלעגט אימער קומען דער ערשטער אין אָפפיס. ער האָט זיך קיינמאָל ניט פערשפעטיגט, האָט געמעגט זיין דער ערגסטער וועטער. דעם טאָג, ווען דיא פּריוואט־סעקרעטערין האָט געדארפט אָנקומען, איז ער אויפגעשטאנען פריהער וויא געוועהנליך. פאר'ן אוועקגיין האָט ער מיט דיא פרוי געהאט א לייגגערען געשפּרעך. דיא פרוי פלעגט יעצט זעלטען ווען קומען צו איהם אין אָפפיס. דעם טאָג אָבער ווען דיא מיידעל איז אָנגעקומען, איז זיא נאָכמיטאָג געקומען אין דער פעקטאָרי. ראָטער האָט איהר פאָרגעשטעלט מיס סילווער.

זי זאָגט דיא מיידעל בעטראכט פון קאָפּ ביז דיא פיס און האָט גאָר איהרע בליקען פון איהר ניט ארונטערגענומען. זיא האָט מיט איהר פערבונדען א געשפּרעך און פאר'ן אוועקגיין האָט זי איהר איינגעלאדען, זי זאָל איהר בעזוכען אין איהר וואָהנונג. דער זוהן האָט אן ערשטוינטער געצויגען מיט דיא פּלייצעס, ניט בעגרייפענדיג וואס דאָ קומט פאָר.

ראָטער האט דאַן איבערגעבויט דעם אָפּפיס. ער האָט געלאָזען אויפבויען פאר זיך און זיין סעקרעטערין א בעזונדערען צימער. שטונדען לאַנג פלעגט דער אַלטער ראָטער יעצט פערברייגגען מיט זיין סעקרעטערין. דער זוהן האָט געברענט פון נייגיעריגקייט צו וויסען, וואָס טהוען זיי דאָס דאָרטען דיא גאַנצע צייט. ער האָט זיך אָבער געשעהמט זיך אוועקצושטעלען אונטער דער טהיר און זיך איינדאָרכען. וואָס וואָלטען דיא בוך־קיפּערס און די טייפּרייטערינס געזאָגט? פלעגט ער כמעט יעדע צעהן מינוט אהין אריינגיין מיט פערשיעדענע אויסריידען.

ער האָט אָבער דערמיט זיין נייגיעריגקייט ניט איינגעשטילט. פערקעהרט, זיא האָט זיך נאָך מעהר פארגאנדערגעפלאַקערט אין איהם. דאָס וואָס ער האָט ערוואַרטעט דאָרט צו טרעפען, האָט ער ניט געפונען. ער האָט איינפאַך חושד געווען דעם פאָטער, אז דאָס וואָס ער האָט פּלוצלונג צוגענומען א פּריוואַטע סעקרעטערין איז פערבונדען מיט געהיימניספאַללע מאָטיווען. ער איז זאָגאר אין זיין אויפגערייצטע פאַנטאַזיע דערגאַנגען אַזוי ווייט אז ער האָט גענומען דעם פאָטער פערדעכטיגען אין אונאַנשטענדיגקייט... האָט ער אָבער ניט פערשטאַנען וואָרום דער פאָטער האָט דיא מיידעל פאָרגעשטעלט פאר דיא מוטער, וועלכע איז גראָד געקומען אין אָפּפיס אין דעם ערשטען טאָג וואָס דיא מיידעל איז אָנגעקומען. און ער האָט בעשלאָסען אז ער מוז אויסגעפינען וואָס דאָ קומט אַזעלכעס פאָר. יעדעס מאָל וואָס ער איז ארויס פון דעם פאָטער'ס פּריוואַט אָפּיס, איז ער

געווען שטאַרק דיסאַפּאָינטעד. ער האָט דאָרטען קיין שום גרונד צו זיין פערדאַכט ניט געפונען. דעם פאָטער פלעגט ער מייסטענס טרעפען פערנומען אין א געוויסע ארבייט ביי זיין דעסק און דיא מיידעל איז געווען בעשעפטיגט ביי איהר דעסק; אָדער ער פלעגט געפינען דעם פאָטער, זיצענדיג אויף זיין טשער אין אן אויסגעצויגענע פּאָזע און ריידענדיג מיט דער מיידעל וועגען ביזנעס־אנגעלעגענהייטען אָדער וועגען איהר אָנקעל.

— ווער איז דאָס דיא מיסס סילווער? — האָט ער זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטען און האָט א געוויסען אָבענד, זיצענדיג ביים סאַפּער, געפרעגט ביים פאָטער.

דער אַלטער ראָטער האָט אויף איהם א דורכדרינגענדען בליק געוואָרפען. ער האָט גאַנץ גוט פערשטאַנען וואָס דער זוהן מיינט מיט דער פראַגע. און ער האָט געענטפערט:

— איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אז זיא איז מיין פריינד'ס א פּלימעניצע. אמת, זיא איז א פיין קינד? — האט ער איהם געפרעגט.

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, טאַטע, אז איך האָב נאָך מיט איהר קיין צעהן ווערטער ניט אויסגערעדט. וואָס קען זיא מיך אינטערעסירען? — האָט ער געזאָגט, זייענדיג אונצופריעדען וואס ער האָט ניט אויסגעפונען דאָס, וואָס ער האָט געוואָרט צו וויסען.

— זיא איז זעהר א געלערנטע — האָט דער פאָטער ווייטער גערעדט — איהר אָנקעל האָט דאָס מיר געזאָגט. זיא קען עטליכע שפּראַך זעהר גוט. זיא איז אין דער היים אין גימנאַזיום געגאַנגען. זיא איז אין גאַנצען דעם דריטען יאָהר אין אמעריקא.

— און ווער איז איהר אָנקעל? — האָט ער געפרעגט, דיינקענדיג, פיעלייכט וועט ער זיך יעצט עפּעס מעהר דערוויסען.

— ער איז א איד אן אָרימאַן. ער האָט א גראָסערי ערגעץ אין בראָנזוויל. ער איז אַמאָל געווען א רייך קינד. מיסס סילווער איז זיין שוועסטער'ס א מיידעל.

זיא איז א יתומה. דיא מוטער איז געשטארבען, ווען זיא איז געלעגען מיט איהר אין קינפעט. ער האט איהר צוגענומען צו זיך און אויסגעהאדעוועט.

— און וואו איז דער פאטער איהרער?

— מען ווייסט ניט וואו ער איז. ער איז פערשוואונדען געווארען באלד נאך דער פרוי׳ס טויט. ביז מיט עטליכע יאהר צוריק האט זי דעם אנקעל בעטראכט אלס איהר פאטער.

דיא גאנצע געשיכטע האט דעם זוהן עפעס אויפגערעגט. ער איז עפעס געווען אין כעס, אליין ניט וויסענדיג אויף וועמען און צוליעב וואס. האט ער דיזען כעס זיינעם אויסגעלאזען צום פאטער, פרעגענדיג איהם אין א שטעכיגען טאן:

— פאר וואס האסטו דיין יוגענדפריינד ניט איינגעלאדען ער זאל ארויפקומען צו אונז?

— פון וואנען ווייסטו אז איך האב איהם ניט איינגעלאדען? — האט דער אלטער ראטער אנגעקוקט דעם זוהן מיט פערוואונדערונג — איך האב איהם שטארק געבעטען, ער זאל קומען. קען ער אבער ניט אוועקגיין פון דיא ביזנעס. זיין פרוי איז א קראנקע און זיא קען אליין ניט אטענדען צו דיא גראסערי. איך בין שוין אבער ביי איהם געווען — האט ער צוגעגעבען — איך רעד איהם צו, ער זאל אויפגעבען דיא ביזנעס און ער זאל ווערען ביי מיר אן איידזשענט איבער דיא הייזער; ער וועט קאלעקטען דיא רענט און אכטונג געבען אויף זיי.

— אויף וואס קוקענדיג געהסטו א פרעמדען מענשען אנגעטרויען געלד און דערצו נאך א גרינהארן? — האט דער יונגער ראטער געשטאכען דעם פאטער.

— נעווער מיינד א גרינהארן — האט דער פאטער געזאגט —הלואי וואלט איך שוין געקענט אזוי גוט ענגליש וויא ער קען. און וואס אנבעלאנגט עהרליכקייט, וואלט איך איהם אפילו ניט־געצעהלטע געלד אנפערטרויט.

דיעזע רייד האבען דעם יונגען ראטער׳ן נאך שטארקער געמאכט זיין פערדאכט. יעצט איז איהם שוין דיא געשיכטע מיט דער מיידעל׳ס אנקעל אויך פארגעקומען עפעס געהיימניספאל, און ער האט ביי זיך פעסט בעשלאסען, אז ער מוז דיעזע געהיימנים אויסגעפונען.

ער האט שפעטער געהאט אויך א געשפרעך מיט דער מוטער, דיינקענדיג, פיעלייכט וועט ער פון איהר עטוואס דערגיין. ער איז אבער דאס מאל אויך ענטוישט געווארען. ער האט פון איהר געהערט דאס זעלבע וואס פון פאטער.

מיט דער צייט האט ער זיך אויפגעהערט צו אינטערעסירען מיט דעם. ער האט ענדליך געזעהען, אז זיין פערדאכט האט קיין שום גרונד ניט; אז עס איז דא קיין שום געהיימניספאלעס ניטא. דאן האט ער זיך אנגעהויבען נעהענטער צו בעקענען מיט דער מיידעל און ער איז פון איהר ממש ענטציקט געווארען. זיא האט איהם פעראינטערעסירט ניט נאר מיט איהר אויסערגעוועהנליכע שעהנקייט, נור אויך מיט איהר קלוגען פערשטאנד און מיט איהר בענעהמונג, וועלכע איז געווען פולל מיט טאקט און בעזאנדערען חן זיא איז געווען זעהר א בעלעזענע. ווען ער האט מיט איהר געהאט א געשפרעך איבער ליטעראטור, האט ער אויסגעפונען אז וועגען דיעזען געגענשטאנד קען ער ביי איהר זעהר פיעל לערנען. און ער האט איבער דיעזער טהעמא מיט איהר טאקע אפט גערעדט.

דער פאטער פלעגט זיצען דערביי, זיך צוהערען מיט אויפמערקזאמקייט, און אבוואהל ער האט נאר ניט פערשטאנען פון זייער געשפרעך, האט ער זיך אנגעקוואלען. דיא אויגען האבען דאן ביי איהם געבלישצעט מיט אן איגערליכען נחת און א שמייכעל האט זיך בעצויגען איבער זיין אימער צופריעדענע געזיכט. עס פלעגט אפט טרעפען, אז נאך דער ארבייט, פלעגט דער יונגער ראטער ארייגלויפען אין דעם פאטער׳ס פריוואט אפיס

אוז אַנפאַנגען אַ געשפּרעך מיט דער סעקרעטערין, וועלכע איז שוין געוועזן אַנגעזאָגט וועגן דער (...) אַוועקצוגיין.

ווען זיא איז אַ געוויסען טאָג ארויפגעקומען צו ראָטער'ן אין הויז, האָט דער אַלטער גאָר ניט געוואוסט וואו איהר צו זעצען. ניט וועניגער גאסט־פריינדליכקייט האָבען איהר אויך ארויסגעצייגט די ווירטהין און איהר זוהן.

נאָך'ן סאפּער, האָט דער פּאָטער געבעטען דעם זוהן, ער זאָל עפּעס שפּיעלען אויף דער פידעל.

— איהר שפּיעלט פּיעדעל? — האָט זיא נייגיעריג געפרעגט דעם יונגען ראָטער'ן — און איהר האָט מיר גאָר ניט געזאָגט וועגען דעם.

— איך בין זעהר ווייט פון צו זיין אַ ווירטואָז — האָט ער געענטפערט — קיין קאָנצערטען קענט איהר פון מיר ניט הערען.

— ווען דו וואָלסט געוואָלט פּראַקטיסען, וואָלסטו יע געקענט געבען קאָנצערט — האָט זיך דער פּאָטער אריינגעמישט — דער טיטשער האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט טאַלאַנט. ער האָט אָבער ניט געוואָלט שפּיעלען — האָט ער זיך געווענדעט צו דעם גאַסט.

מאיר האָט גענומען דיא פידעל און האָט געשפּיעלט דעם „ציגיינער וויזע“ פון סאַראַסאָטא.

ער האָט ווירקליך ניט שלעכט געשפּיעלט. עס האָט זיך אין דיא טענער פון דיעזער הערליכער מוזיקאַלישער קאָמפּאָזיציע געהערט הארץ, נשמה. דער פּאָטער און דיא מוטער זיינען געזעסען וויא פערגאַפט פון בעגייסטערונג. אויף דעם גאַסט'ס געזיכט האָט זיך אויך בעוואונדערונג אָפּגעשפּיגעלט.

ווען ער האָט געענדיגט זיינען אַלע געבליבען זיצען שטיל. דיא שטילקייט האָט איבערגעריסען דער ווירטה פון הויז, ווענדענדיג זיך צו זיין סעקרעטערין:

ער האָט געפרעגט אין אַזא טאָן, אַזוי וויא עס וואָלט ביי איהם קיין שום צווייפעל ניט זיין, אַז זיא איז אַ מבין אויף „אַזעלכע זאַכען“.

— גאַנץ שעהן — האָט זיא קורץ געענטפערט.

— איך דאַנק אייך — האָט זיך דער זוהן העפליך פערנייגט.

— איהר האָט טאַלאַנט — האָט זיא מיט אָפּענהערציגקייט זיך געווענדעט צו דעם יונגען ראָטער — און עס איז ווירקליך אַן עולה וואָס איהר פערנאַכלעסיגט איהם.

— ווער האָט עס צייט צו שפּיעלען! — האָט ער געזאָגט, ציהענדיג מיט דיא אַקסלען און נעהמענדיג איינפּאַקען דיא פידעל צוריק אין דער באַקס.

— אָט דאָס איז אַמעריקאַ — האָט זיא געזאָגט מיט אַ איראָנישען שמייכעל — עס איז קיין צייט ניטאָ! עס איז אפילו קיין צייט ניטאָ אויף צו געניסען אַ הימעלשען פערגעניגען.

— ער האָט קיין צייט ניט! — האָט דער פּאָטער זיך אָפּגערופען מיט אַ טאָן פון פּאָרוואורף — ער דאַרף דאָך נעבעך אויפשטעהן פּאַרטאָג און לויפען אין שאַפּ אריין! ווען ער איז געוועזן אינגער, האָט ער זעהר ליעב געהאַט צו שפּיעלען; אָבער ווען ער איז עלטער געוואָרען, האָט ער מאָנאַטען לאַנג דיא פידעל אין דער האַנד אריין ניט גענומען. עס איז שוין אודאי אַ האַלב יאָהר וויא ער האָט ניט געשפּיעלט. דאָס וואָס ער האָט יעצט געשפּיעלט — יא עס איז אַ שעהן שטיקעל? — האָט ער זיך דירעקט געווענדעט צום גאַסט — דאָס האָט ער נאָך געשפּיעלט מיט צוויי יאָהר צוריק. און מיינט איהר, אַז עס דאַרף איהם לאַנג נעהמען אויסצולערנען זיך אַזא נגון! צוויי דריי מאָל און — ער שפּיעלט עס מזמור.

דער זוהן איז געוואָרען אַביסעל אומרוהיג. ער האָט זיך געשעהמט פאַר דער מיידעל מיט זיין פּאָטער'ס מבינות אויף מוזיק. אום ניט צו געבען דעם פּאָטער קיין געלעגענהייט ווייטער צו ריידען, האָט ער זיך אָפּגערופען, ווענדענדיג זיך צו דעם גאַסט:

— אייך איז בעקאַנט דאָס וואָס איך האָב יעצט געשפּיעלט?

— דאָס איז דאָך סאַראַסאַטאַ'ס

„דער ציגיינער וויזע" — האט זיא געזאגט — איך האב דאס געהערט אין דער היים א גרעסערען קינסטלער פון איך — האט זיא גוטהערציג געשמייכעלט — אבער איך בין פאלשטענדיג איינפערשטאנען מיט אייער פאטער. איהר בעגעהט איינפאך א פערברעכען וואס איהר שפיעלט ניט.

— איהר שפיעלט פיאנא? — האט ער איהר געפרעגט, ניט וועלענדיג איהר ענטפערען אויף איהרע פארווירפע.

— איך האב געשפיעלט אין דער היים, אבער איך האב קיין בעזונדערע פעהיגקייטען ניט — האט זיא אפענהערציג געזאגט — איך האב אבער זעהר ליעב מוזיק. שפיעלט איהר עפעס פון דיא רוסישע קאמפאזיטארס? — האט זיא איהם געפרעגט.

— איך האב אמאל געשפיעלט — האט ער ארונטערלאזענדיג דיא אויגען פערשעהמט, געענטפערט.

— אויב איהר ווילט אזוי גוט זיין, שפיעלט עפעס פון א רוסישען קאמפאזיטאר.

— פאר וואס עפעס דוקא פון א רוסישען? — האט ער געפרעגט — מילא, אז איהר זאגט, אז דיא רוסישע ליטעראטור איז דיא רייכסטע, דיא שעהנסטע, אז זיא האט דיא גרעסטע קינסטלער, בין איך שוין מיט אייך איינפערשטאנען; איהר האט מיר אין דעם איבערציינגט, נאכדעם וויא איך האב איבערגעלעזען עטליכע ווערק פון טורגעניעוו, דאסטאיעווסקי, טאלסטאי און טשעכאוו. אבער מוזיקער האבען זיי דאך ניט דיא גרעסטע!

— זאג איך דען, אז זיי האבען דיא גרעסטע? — האט זיא געזאגט — אבער רוסלאנד האט זיך אויך אין דיזער הינזיכט ניט צו שעהמען. שפיעלט איהר טשייקאווסקי'ס, רובינשטיין'ס, גלינקא'ס. דיא מוזיק פון דיזע קאמפאזיטארס פערשטעה איך בעסער וויא דיא מוזיק פון אנדערע קאמפאזיטארס. איך פיהל איהר טיעפער.

— יעס — האט ער צוגעגעבען — טשייקאווסקי און רובינשטיין זיינען גרויס; דיא איבעריגע קען איך ניט.

ער האט גענומען זוכען צווישען א בארג מיט נאטען, וועלכע זיינען געלעגען אויף א טישעל, ער האט ארויסגענומען א בוך, איהם געעפענט און גענומען סטראיען דיא פידעל.

— דאס געהט ער שפיעלען איהר צוליעב — האט דער אלטער ראטער איינגעראמט דיא פרוי אין אויער.

און ביידע האבען א קוק געטהאן אויף דער מיידעל מיט ליעבליכע בליקען.

— וואס געהט איהר יעצט שפיעלען? — האט דיא סעקרעטערין געפרעגט, זיך אויפהויבענדיג פון איהר פלאץ און צוגעהענדיג צו דעם ווירטה'ס זוהן.

— איך וועל שפיעלען אן אריע פון טשאיקאווסקי'ס אפערא „פיקאוואיא דאמא".

— אה, שפיעלט דאס! שפיעלט דאס! — האט זיא מיט א קינדערשע בעגייסטערונג אויסגעשריען, פאטשענדיג אין דיא הענד.

ער האט גענומען שפיעלען. ער האט יעצט געשפיעלט מיט מעהר געפיהל, מיט מעהר בעגייסטערונג וויא פריהער. דיא מוזיק האט דערצעהלט וועגען דיא ליידען פון א מעדכען, וועלכע איז ענטוישט אין איהר ליעבע, פון וועמען דער שיקזאל האט אוועקגערויבט אלע זיסע טרוימען, האפנונגען און האט איהר בלויז איבערגעלאזען בענקשאפט און ביטערניס. ער האט געפעשטשעט, געצערטעלט דיא טענער, ווארפענדיג אלע ווײלע א בליק אויף דער מיידעל, וועלכע איז געשטאנען טיעף פערטראכט.

פלוצלונג האט זיך געהערט א שטילע אבער א זיסע סאפראנא־שטימע. דאס האט דיא מיידעל מיטגעזונגען דיא מעלאדיע מיט דיא רוסישע ווערטער.

„...נאטשיו לי דניאם,
טאלקא א ניאם".

האט איהר קול געפיהלפאל אפגעקלונגען אין צימער, דער יונגער ראטער איז נאך מעהר בעגייסטערט געווארען און ער האט געשפיעלט נאך מיט מעהר הארץ.

זיא האט מיטגעזונגען ביז ער האט געענדיגט. דיא גאנצע צייט איז דאס פאאר פאלק געזעסען מיט אפענע מיילער און געקוקט מיט בעגייסטערטע בליקען דאס אויף דעם זוהן, דאס אויף דער מיידעל. ווען זיי האבען געענדיגט, האט דער מאנופעקטשורער אפלאדירט, זאגענדיג שטארק געריהרט פון אן אינערליכען געפיהל:

— אה, וויא שעהן דאס איז געווען!

און ווענדענדיג זיך צו זיין סעקרעטעריז, האט ער צוגעגעבען:

— איהר זינגט דאך אזוי שעהן, מיסס סילווער!

— זיא זינגט שעהנער וויא איך שפיעל

— האט דער זוהן איהר געמאכט א קאמפלימענט.

זיא האט ארונטערגעלאזען פערשעהמט דיא אויגען און איהר געזיכט האט גענומען פלאמען.

— איך דאנק אייך פאר דעם קאמפלימענט — האט זיא געזאגט צו דעם יונגען מאן, אבער דער אמת איז, אז איהר שפיעלט פיעל, ביעל שעהנער וויא איך זינג און איך מוז אייך נאך א מאל זאגען, אז עס איז ווירקליך אן עולה וואס איהר פערנאכלעסיגט אייער טאלאנט.

— וואס האבען געמיינט דיא ווערטער, וואס איהר האט געזונגען? — האט איהר דיא ווירטהין געפרעגט.

דאס בעקלאגט זיך א מיידעל, וועלכע איז פערליעבט — האט זיא איהר ערקלעהרט — זיא דערצעהלט וועגען איהר מיעפע ביינקשאפט, אז ביי טאג און ביינאכט הערט זיא ניט אויף צו טראכטען וועגען איהר געליעבטען.

— אה, עס איז דאך אזוי שעהן! — האט זיא ווידער אויסגעדריקט איהר בעגייסטערונג.

— יעצט וועט איהר עפעס זינגען! — האט זיך דער יונגער ראטער אפגערופען, זיך ווענדענדיג צום גאסט.

זיא האט זיך ניט געלאזען בעטען און זיא האט געזונגען אן אריע פון רובינשטיין'ס אפערא „דעמאן“. זיא האט געזונגען מיט אזוי פיעל געפיהל, דאס ווען זיא האט געענדיגט, איז צו איהר צר־לאפען דער יונגער ראטער, געדריקט איהר ווארים דיא האנד און געזאגט:

— איהר האט מיט אייער זינגען ווידער ערוועקט אין מיר א חשק צום שפיעלען. פון יעצט אן וועל איך זיך אפט זעהן מיט מיין פיעדעל.

זיא האט פערשעהמט ארונטערגעלאזט דיא אויגען און האט געשוויגען.

אין דער זעלבער מינוט האט דער אלטער ראטער זיך צוגעבויגען צו זיין פרוי און איהר איינגערוימט אין אויער א סוד:

— אסתר, איך בין יעצט דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט!

— און איך אויך — האט דיא פרוי, קוקענדיג אויפ'ן מאן מיט שטראהלענדע בליקען, געענטפערט.

ווען די סעקרעטערין איז אוועק אהיים, האט איהר דער יונגער ראטער בעגלייטעט און ביים געזעגענען זיך, האט ער איהר איינגעלאדען, זיא זאל זיי אפט בעזוכען.

און זיא פלעגט אפט צו זיי קומען. דעם לעצטען יאהר, ווען דער אלטער ראטער האט אנגעהויבען צו קרייענקען און דער זוהן האט פערטראטען זיין שטעלע אין אפפיס, פלעגט זיא כמעט יעדען טאג זיין ביי איהם אין הויז און זיא פלעגט מיט דעם קראנקען פערבריינגען גאנצע שטונדען.

צווייטער קאפיטעל.

נאך דעם געשפרעך וואס איז פארגעקומען צווישען בערטהא'ן און ראטער'ן, וועלכען מיר האבען בעשריבען אין דעם פריהערדיגען קאפיטעל, איז בערטהא ארומגעגאנגען אין דעם צימער טיעף פערזונקען אין געדאנקען. איהר געזיכט איז געווען בלייך וויא קאלך און פון איהר ברוסט האבען זיך פון צייט צו צייט שווערע, ביטערע זיפצען ארויסגעריסען.

פלוצלונג האט זיא זיך אפגעשטעלט אין מיטען צימער, אויף דעם זעלבען פלאץ, וואו ער איז מיט א פאאר מינוט צוריק געשטאנען, האט אויפגעהויבען די אויגען אין דער הויך און האט מיט א שטארק ציטערענדע שטימע ארויסגעשעפטשעט:

„דעם טאַטען'ס צוואה בינדט נאר צוזאַמען אונזערע הענד, אָבער ניט אונזערע הערצער" האָט ער געזאָגט, אָה, גאָטעניו! — האָט זיא פערצווייפעלט פערבראָכען דיא הענד — וויא אַזוי קען איך איהם איבערצייגען אין דעם אמת? וויא אַזוי קען איך פאַר איהם מיין הארץ עפענען? ער האָט אַזוי גרויזאַם צוטראָטען אונטער זיינע פיס מיינע הייליגסטע, מיינע נאָבעלסטע געפיהלען, מיין שטאָלץ! ער גלויבט מיר ניט, אַז איך ליעב איהם אַזוי שטערבליך; ער גלויבט מיר ניט, אַז איך בין צו יעדער מינוט בערייט מיין לעבען צו אָפּפערען פאַר איהם; אַז איך וואָלט אַלעס געטראָגען, אום איהם באַטש אויף איין מינוט גליקליך צו מאַכען! איך בין נאַר אויסען זיין פארמעגען זאָגט ער!

טרעהרען האָבען איהר גענומען שטיקען אין האַלז און זיא האָט אויסגעבראָכען אין א שטילען, אָמערליכען געוויין, וועלכער האָט אַנגעהאַלטען היבשע עטליכע מינוטען. ווען זיא האָט זיך בערוהיגט, האָט זיא ווידער גענומען ריידען צו זיך זעלבסט:

— באַלד נאָך דער חתונה, האָט ער געזאָגט, וועלען מיר זיך שיידען. דיא ליעבע וואָס א מאַן האָט צו זיין פרוי, וועל איך פון איהם קיין מאָל ניט האָבען. ער וועט ניט לעבען מיט א פרוי, וועלכע ער ליעבט ניט.

זיא איז פּלוצלונג ווילד געוואָרען וויא אַן אויפגעדרייצטער טיגער און האָט מיט א פערשטיקטע שטימע אויסגעשריען:

— איך שפּיי אויף דיין רייכטהום! מיין הארץ, מיין ליעבע קען מען מיט קיין ביליאָנען ניט קויפען. גיב מיר דיין פערמעגען, דיא צוואה און איך וועל דאָס צורייסען, צופּליקען אויף פּיצלעך און פאַר דעם ווינד ארויסוואַרפען. איך בין רייכער פון דיר — מיט מיין ליעבע!

זיא איז פּלוצלונג שטום געבליבען. זיא האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט דער האַנד פאַר דער ברוסט, אַזוי וויא זיא וואָלט וועלען פערהאַלטען דעם הערצרייסענדען זיפץ, וועלכער האָט זיך אין דער זעלבער סעקונדע פון דאָרט ארויסגעריסען. איהר כעס איז פּלוצלונג, אַזוי וויא דורך א כשוף פערשוואונדען און זיא האָט שטיל, כליפּענדיג, געזאָגט:

— אָבער איך מוז איהם ראַטעווען! איך מוז דיך ראַטעווען, מיין טהייערער, מיין ליעבער! איך מוז דיך ראַטעווען, ווען דו זאָלסט מיך אפילו דערפאַר האַסען, פעראַכטען, און דו וועסט עס זאָגאַר קיין מאָל ניט וויסען.

זיא האָט פערגלאָצט דיא אויגען אין דער הויך, אַזוי וויא א פרומער איד, בשעת ער טהוט תשובה, אָדער א נדר פאַר גאָט. איהם צו ראַטעווען — דאָס איז דאָך ביי איהר געווען א מין רעליגיאָן; איהר אידעאַל איז דאָך דאָס געווען...

— מיינע רייד האָבען אויף איהם דעם מינדעסטען איינדרוק ניט געמאַכט! — האָט זיא ווייטער געריידט מיט איהר גאַנצען הארצען — זיין הארץ איז קאַלט וויא שטיין, הארט וויא א פעלז; זיינע אויגען האָבען דיא גאַנצע צייט געקוקט אַזוי שטריינג אויף מיר. וויא אַזוי וועל איך דיעזע בליקען קענען שפּעטער אריבערטראָגען?

דיא טהיר האָט זיך געעפענט און עס איז אריין א דיקע פרוי פון מיטעלען וואוקס. דאָס איז געווען דיא אלמנה, מאיר ראַטנער'ס מוטער.

— דוא ביזט נאָך דאַ, בערטהא? — האָט זיא געפרעגט דיא מיידעל — איך האָב געזעהען וויא מאיר איז מיט דיר אהער אריינגעגאַנגען, האָט מיר דיא הארץ גענומען יעפּעס אַזוי שטאַרק קלאַפּען. ווען איך האָב איהם געזעהען ארויסגעהן, איז ער געווען אַזוי צוטראָגען, אַז איך האָב ניט געוואַגט צוצוגעהן צו איהם, זאָג מיר, טהייערע, וואָס האָט איהר בעשטימט?

— איהר דאַרפט זיך גאָר ניט שרעקען — האָט בערטהא געזאָגט אין א געלאַסענעם, קלאָהרען טאָן — די חתונה וועט אין קורצען שטאַטפינדען. ער דאַרף יעצט אוועקפאָהרען אויף א פּאָר טעג. ווען ער וועט צוריק קומען, וועט מען זיך נעהמען צוגרייטען צו דער האָכצייט.

— גאָט צו דאַנקען! — האָט די פרוי אויפגעהויבען איהרע אויגען אין דער הויך

— און איך האב זיך אזוי שטארק געשראקען, איך האב אזוי פיעל געליטען. יעצט וועט זיך אלעס ענדיגען מיט גליק.

בערטהא איז פּלוצלונג געוואָרען זעהר פערטרויערט, אין איהרע אויגען האבען זיך בעוויעזען טרעהרען. דיא אלמנה איז געוואָרען אונרוהיג און האט איהר געפרעגט:

— וואס ביזטו וויעדער פערזארגט, בערטהא?

— איהר זאגט, אז עס וועט זיך אלעס ענדיגען מיט גליק — האט זיא גערעדט אין א וויינענדע שטימע — ליידער איז דיעזעם גליק נאך זעהר וויט. מאיר האט געזאגט, אז באלד נאך דער חתונה וועלען מיר זיך שיידען, ער וועט מיט מיר ניט וואהנען צוזאמען; ער ליעבט מיך ניט — האט זיא זיך שוין ניט געקענט איינהאלטען און האט אויסגעבראכען אין א הערצליכען געוויין — ער וועט האלטען דיא צוואה, ער וועט מיר הייראטהען אבער ער וועט מיין מאן ניט זיין, ער וועט מיר געבען סופּארט. וויא האלט מען אויס אזא שאנדע, אזעלכע צרות?

דיא פרוי איז געוואָרען זעהר בלייך, איהרע ליפּען האבען געציטערט, איהרע אויגען זיינען פערלאפען געוואָרען מיט טרעהרען.

— מיין ליעב קינד — האט זיא געזאגט, איינהאלטענדיג זיך מיט אלע קרעפטען ניט אויסצוברעכען אין א געוויין — וויא שרעקליך דאס איז! האט ער ווירקליך אזוי געזאגט?

— יעס! — האט זיא שארף געענטפערט און איהר געזיכט האט פּלוצלונג אנגענומען א'ן ערנסטען, שטאלצען אויסזיהן — איך האב היינט פון איהם געהערט ווערטער, וועלכע האבען מיר געשטאכען וויא פייערדיגע שפּיזען. ווען איך וואלט איך ניט געוועזען אזוי הייליג פערשפּראָכען, וואלט איך אויף איהם א שפּיי געטהאן און מיין געביין וואלט זיך דא מעהר ניט געפונען. ער האט מיר געזאגט, אז איך ליעב ניט איהם, נאר זיין געלד! קענט איהר זיך פארשטעלען א שרעקליכערע בעליידיגונג? ער האט מיין הארץ, מיין שטאלץ אונטער זיינע פיס אזוי גרויזאם געטראטען!

זיא איז געשטאנען מיט א שטאלצע מינע און פון איהרע מילדע, צוויבערליכע אויגען האבען פייערדיגע פונקען געשפּריצט.

— ווארום האט אייער זעליגער מאן איידער ער האט געשריעבען זיין צוואה פריהער ניט גערעדט מיט מאירין, צי ער וועט מיר ליעבען? ער האט מיר געוואלט גליקליך מאכען, צום סוף האט ער מיר פעראומגליקט. איך האב איהם ליעב מיט מיין גאנצען הארצען, איך האב איהם ליעב בעקומען, נאך איידער אייער זעליגער מאן האט זיך נאך פיעלייכט געחלומ'ט וועגען דיא צוואה. און ער טראטעוועט אונטער זיינע פיס מיינע הייליגסטע געפיהלען! זיין געלד בלויז בין איך אויסען, זאגט ער! איך האב איהב אין דער האנד, שטעכט ער מיר!

זיא האט אויסגעבראכען אין א ביטער געוויין און כליפּענדיג האט זיא פארטגעזעצט:

איך בין דא עלענד, איך האב זיך פאר קיינעם צומאל מיין הארץ ניט אויסצורײדען. מיין אנקעל זאגט, אז ער האט מורא מיט איהם צו ריידען. ער איז אימער אזוי שטריינג צו איהם, קיין גלייכען ווארט רעדט ער צו איהם קיינמאל ניט ארויס. ער האט מורא, אז ער זאל נאך די שטעלע ניט פערליערען. איך פיהל, אז די גאל וועט אין מיר פּלאצען פון דיעזע שרעקליכע ליידען.

מיסעס ראָטער האט איהר העפליך אנגענומען פאר דיא האנד און געזאגט צו איהר מיט דער צערטליכקייט פון א געטרייע מוטער:

— רייד ניט אזוי, בערטהא, דו וועסט קיין מאל עלענד ניט זיין אזוי לאנג וויא איך וועל לעבען. איך פערשטעה דיין ביטער הארץ, ווייל איך בין אויך א פרוי. מענער פערשטעהען ניט אזעלכע זאכען. אבער דו דארפסט ניט זארגען. מיין זוהן וועט מיט דער צייט איינזעהן וויא ליעב דו האסט איהם און אלעס וועט זיך גליקליך ענדיגען. דו ביזט דאך א גע־

בילדעטע, דו פערשטעהסט דאך מעהר פון מיר. ווייסטו דען ניט, אז מען ליידעט אמאל דעם גאנצען לעבען צוליעב דיא ליעבע? דו פרעגסט, ווארום מיין מאן — א ליכטיגען גן עדן זאל ער דארפען האבען — האט פריהער ניט גערעדט מיט מאיר'ן איידער ער האט אנגעשריבען דיא צואה. ער האט ניט גערעדט מיט איהם, ווייל ער האט גאר ניט געדיינקט, אז ער וועט זיך אויף איין סעקונדע צוריקהאלטען פון דעם. מיט מיר האט ער יא גערעדט און איך בין אויך געוועזען מיט דער זעלבער מיינונג וואס ער. מיר האבען געזעהן, אז דו ליעבסט איהם, און דאס איז געוועזען גענוג. וויין ניט, מיין קינד, עס דיר ניט אפ דיא הארץ, ער וועט דיך מיט דער צייט ליעבען; ער מוז דיך ליעבען.

— אה, ווען איך וואלט איהם ניט ליעב געהאט! — האט זיא ביטער געזיפצט — וואלט איך איהם גלייך געוועזען בעפרייט פון דער צואה. איך האב איהם אבער צו שטארק ליעב און ער האט צו מיר קיין שום געפיהלען ניט; ער האסט מיר. קענט איהר זיך פארשטעלען מיין שאנדע — האבען איהר ווידער מרעהרען גענומען שטיקען — מענשען וועלען אויף מיר נאך טייטלען מיט די פינגער: אט איז מאיר ראטער'ס פרוי, וועלכע דער יונגער מאן האט אוועקגעווארפען באלד נאך דער חתונה! אז ער אליין זאגט, אז איך בין נאר אויסען זיין געלד, וואס וועלען נאך פרעמדע זאגען? וויא האלט מען דאס אויס אזעלכע יסורים?

מיסעס ראטער האט איהר צערטליך ארומגענומען און געגלעט איהר געזיכט, וואס איז געוועזען פייכט פון טרעהרען, זאגענדיג:

— לעב מיט דער האפנונג, אז ער וועט זיך ענדליך ארומזעהן, דאס ער האט געגען דיר זעהר ניט פיין געהאנדעלט: ער וועט ענדליך אויסגעפינען וויא היים, וויא שטארק דו ליעבסט איהם און ער וועט דיר צו דיא פיס פאלען און ביי דיר פערציייהונג בעטען. נאך א שטורם שיינט אויף דיא זונן. דיין זונן, בערטהא, דיין גליק וועט אויך מיט דער צייט אויפשיינען, דו וועסט אבער מיט דער צייט פאר דיעזע ליידען דיינע בעלאהנט ווערען — דו וועסט בעלאהנט ווערען מיט ליעבע.

זיא האט בערטהא'ן צוגעטוליעט צו זיך און אפגעעסט א הייסען קוש אויף איהר שטערן, זאגענדיג:

— איך האב ניט קיין ווערטער אויסצודריקען דיר מיין דאנקבארקייט. איך בין נאך קיין מאל ניט געוועזען אזוי גליקליך וויא יעצט.

זיא האט זיך א ווייליע פערטראכט און צוגעגעבען:

— מאיר דארף ניט וויסען, אז איך וויים פון דעם געשפרעך וואס עס איז צווישען אייך פארגעקומען, ער וועט אין כעס זיין. ער איז אויף מיר אויך בייז, ער רעדט צו מיר ניט. איך דארף דאך דיר ניט זאגען, אז דאס קאסט מיר גענוג געזונד. אבער איך בין אויך בערייט אלעס אריבערצוטראגען. מיר וועלען באלד פאהרען צו דער דרעס מייקערין און מיר וועלען זיך נעהמען צוגרייטען צו דער התונה. איך געה אהרערען מען זאל צוגרייטען דעם דינער. נאך'ן עסען וועלען מיר גלייך געהן.

ווען דיא ווירטהין איז ארוים, האט בערטהא פערבראכען דיא הענד און ארויסגעזיפצט:

— אנדערע פרויען גיבען בלויז ליעבע; איך האב געגעבען מיין ליעבע, מיין שטאלץ, מיין גאנצען לעבען; און וואס האב איך דערפאר צוריק בעקומען? האס און פעראכטונג!

אויפ'ן וועג צו דער דרעס מייקערין האט זיך מיסעס ראטער אפגערופען:

— איך בעט דיך, בערטהא, דו זאלסט קיין איין ווארט ניט דערצעהלען פאר מאיר'ן וועגען וואס מיר האבען גערעט; דו וועסט דערמיט פיל ערגער מאכען.

בערטהא האט אויף איהר געווארפען א לאנגען דורכדרינגענדען בליק, אזוי וויא זיא וואלט וועלען דערגעהן דעם סוד פון דיעזער ווארנונג און האט געזאגט:

— אז איהר זאגט, אז איך זאל ניט

דערצעהלען, וועל איך אייך אוודאי פאלגען.

ביי דער דרעסמייקערין האבען זיי פערבראכט א פאאר שטונדען. זיי האבען דורכגעקוקט צעהנדליגע, צעהנדליגע סעמפעלס פון טהייערע שטאפען און דיא וואארע וואס עס איז געפעלען, האבען זיי געאורדערט. בערטהא האט דערביי ארויסגעצייגט א מין גלייכגילטיגקייט, וואס עס האט ארויסגערופען עפעס א פערדאכט ביי דער דרעסמייקערין. דיא דרעסמייקערין האט געארבייט נאר פאר דיא „אפטאן" לײדיעס, פאר דיא רייכע. דאס ערשטע מאל איז אידר פארגעקומען צו זעהן, אז א מעדכען זאל זיין אזוי גלייכגילטיג ביים ארדערן איהר חתונה־גארדעראבע.

— וויא א פרינצעסין וועסטו אויסזעהן אין דיעזער דרעסס — האט מיסעס ראטמער געזאגט צו בערהטא'ן. יעדעס מאל, וואס זיא האט א יסגעקליעבען א געוויסע שטאף.

— איך פערלאז זיך אין גאנצען אויף אייער געשמאק — פלעגט איהר דערויף בערטהא מיט א לייכטען זיפץ ענטפערן.

— ווען דיא שניידערין האט געבראכט סעמפעלס פון קאסטבארע ווייסע זיידענשטאף אויף א חופה־קלייד, איז בערטהא פלוצלונג געווא. ען בלייך וויא קאלך און זיא האט דערפיהלט א שמערצליכען שטאך אין הארצען. עס האט זיך איהר געדוכט, אז דאס געהט מען דא פאר איהר ארדערן תכריכים...

— עס געפעלט דיר ניט דיעזע שטאף?

— האט איהר דיא אלמנה געפרעגט, קוקענדיג אויף איהר מיט אונרוהיגע בליקען.

בערטהא האט ניט געענטפערט. א טיעפער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון איהר ברוסט און אידרע שעהנע, קלוגע אויגען. אין וועלכע עס האבען זיך בעוויזען צוויי גרויסע טרעהרען, האבען פערטראכט געקוקט ערגעץ ווייט, ווייט.

— זאג, קינד מיינס — האט איהר מיסעס ראטטער נאך א מאל געפרעגט — אויב עס געפעהלט דיר ניט דיעזע וואארע, וועל איך הייסען וויזען אנדערע; דוא קענסט זיך אויסקלייבען דיא טהייערסטע, וואס מען קען נאר בעקומען.

— ער וועט דאך מיר באלד נאך דער חופה פערלאזען — האט זיא, זיפצענדיג שווער, געשעפטשעט מעהר צו זיך זעלבסט — ער וועט דיך ניט פערלאזען, מיין קינד! — האט מיסעס ראטטער איהר געטרייסט, אננעהמענדיג איהר צערטליך פאר דיא האנד — עס וועט זיך אלעס גוט ענדיגען, פערלאז זיך אויף מיר!

ווען זיי זיינען צוריק אהיים געגאנגען, איז בערטהא דיא גאנצע צייט געווען פערזונקען אין טיעפע געדאנקען און האט קיין ווארט ניט אויסגערעדט. איהר בעגלייטערין האט יעדע ווײלע געווארפען אויף איהר א מיטליידענדען בליק. ענדליך האט זיא איהר געפרעגט:

— וועגען וואס טראכסטו דאס יעצט, בערטהא?

— וואס? — האט זיא איהר אנגעקוקט אזוי וויא זיא וואלט זיך פון א טיעפען חלום ערוואכט.

— וועגען וואס קלערסטו דאס דיא גאנצע צייט? — האט איהר מיסעס ראטטער איבערגעפרעגט.

— איך טראכט וועגען דעם — האט בערטהא טרויעריג געענטפערט — אז עס וואלט פיעל גלייכער געווען, אז דיא חתונה זאל שטאטפינדען פריוואט, אהן שום צערעמאניעס. פון מיין צד וועט בלויז זיין מיין אנקעל און איהר לאדעט אויך איין דיא נאהענטסטע פריינד אייערע און זאלען כאטש פרעמדע מענשען ניט וויסען פון מיינע שמערצען.

— דוא ווייסט גאנץ גוט, מיין קינד — האט מיסעס ראטטער געזאגט צו איהר מיט צערטליכקייט — אז איך וועל פאר דיר אלעס אין דער וועלט טהאן, נאר דערצו וועל איך קיין מאל ניט איינשטימען. שטעל דיר פאר וואס וועט דיא וועלט זאגען! מאיר ראטטער, בענדזשאמין ראטטער'ס זוהן, האט געמאכט א שטילע חופה! ניין, מיין קינד, דאס קען איך ניט און ער וועט דערויף אויך ניט איינוויליגען:

וויעדער האט זיך א טיעפער, שניידענדער זיפץ פון איהר צו־ווייטאגטע ברוסט ארויסגעריסען און זיא האט מעהר קיין ווארט וועגען דעם ניט גערעדט.

די פּאָר טעג, וואָס די אָרימע בערטהאַ האָט איבערגעלעבט ביז די האָכצייט, זיינען פאַר איהר געווען אַן אמת'ע גסיסה. זיא האָט איהרע וואונדער־שעהנע, צויבערליכע אויגען אויסגעוויינט — זיא האָט שוין מעהר קיין טרעהרען ניט געהאט.

וועלכע פעדער, וועלכער פּינזעל איז דאָס אימשטאַנדע צו שילדערן די הארץ פון אזא מעדכען?...

דריטער קאַפּיטעל.

אין א רייכען זאַל פון א פּריוואַט הויז אויף איינע פון די סטריטען אין האַרלעם איז געזעסען די יונגע אלמנה, מיסעס זיידען און האָט יעדע ווײַלע געקוקט אויף די טהיר, אַזוי ווי זיא וואָלט יעמאַנדען ערוואַרטעט. דאָס איז געווען א פרוי פון אַ יאָהר 28, פון הויכען וואוקס. איהר געזיכט איז געווען קלאָהר ווי אַלבאַסטער און איז געווען בעצויגען מיט א לייכטע ראָזאָווע פאַרב. איהר נאָז און די מויל זיינען געווען ווי אויסגעשניצט פון א קינסטלערישע האַנד. איהרע אויגען זיינען געווען בלוי ווי דער הימעל אין מאָנאַט מאַי און אין זייער אונענדליכער טיעפקייט האָט אימער א פּיערל געבלישצעט — א פּיערל וועלכער האָט געמאַכט יעדען מאַנספּערזאָן, אויף וועמען דיעזע אויגען האָבען געקוקט, די הארץ קלאַפּען דאָפּעלט... איהר קאָפּ איז געווען בעדעקט מיט אַ ים ווייכע גאָלד־בלאָנדע, בלישצענדע האָאַר, וועלכע זיינען געווען פערקאַמט אויף אזא אַרט, דאָס זיי האָבען אויסגעזעהן ווי א קרוין איבער זייהר הערליכען, שטאָלצען שטערען און האָבען צוגעגעבען צו איהר אלגעמיינעם רייצענדען אויסזעהן א מאַיעסטעטישען חן. זיא האָט געטראָגען אויף זיך א טונקעלע דרעס, איז געווען בעפּוצט מיט קאָסטבאַרע לייס. די וויסט איז געווען אויסגעשניטען אויף אזא אַרט. דאָס עס האָט זיך אַרויסגעזעהן איהר מאַרמאָר ווייסער אויסגעשטאָקטער האַלז און האָט אויך עטוואָס ענטבלעזט איהר פולע ברוסט. א שעהנע, רויטע רויז האָט אַרויסגעקוקט פון איהרע גאָלדענע האָאַר און א צווייטע האָט גערוהט אויף איהר רייצענדע ברוסט. פון די פאַלדען פון איהר קלייד האָט געיאָגט א ריח פון די פיינסטע פּערפיומען.

מיסעס זיידען איז שוין דאָס דריטע יאָהר אַן אלמנה. איהר מאַן, אַ רייכער קלאָדהינג מאַנופעקטשורער, אַ רוסישער עמיגראַנט, וועלכער איז עלטער געווען פון איהר מיט עטליכע און פופציג יאָהר, האָט זיך אין איהר איינגעליעבט און אין אַ קורצע צייט האָבען זיי געהייראַט. זיא איז געווען אַ קינד פון אָרימע עלטערן, שוין ניט קיין יונגע. זיין רייכטהום האָט איהר בעצויבערט. א האַלב יאָהר האָבען זיי געוואָהנט צוזאַמען ביז—ער איז פּלוצלונג געשטאָרבען פון אַפּאָפּלעקסיע. קיין קינדער האָט דער פערשטאָרבענער מיט דער ערשטער פרוי זיינער ניט געהאַט; איז זיין גאַנצער פאַרמעגען געבליבען פאַר דער יונגער אלמנה.

א פּאָאָר וואָכען נאָך איהר מאַן'ס טויט האָבען זיך גלייך בעוויזען קאַנדידאַטען אויף איהר האַנד. זיא האָט אָבער צו קיינעם פון דיעזע קיין שום געפיהל ניט געהאַט, הויפּטזעכליך האָט זיא צו זיי קיין צוטרויען ניט געהאַט. זיא איז געווען זיכער ביי זיך, אַז זיי יאָגען זיך מעהר נאָך איהרע טויזענדער דאָלאַרס איידער נאָך איהר פּערזאָן. דען די מעהרסטע פון דיעזע קאַנדידאַטען זיינען געווען אויך ניט גאַנץ אָרימע יעדענפאַלס ווייט ניט קיין רייכע. דאָס זיינען געווען בוקקיפּערס, דראַמערס און נאַר־וואָס געענדיגטע דאָקטוירים, וועלכע האָבען נאָך קיין פּראַקטיקע ניט געהאַט.

קיין הויך געבילדעטע איז זיא ניט געוועזן. זיא איז געקומען קיין אַמעריקאַ אַלס קינד, האָט געענדיגט פּאַבליק סקוהל און דערנאָך געאַרבייט אַלס סיילס ליידיע אין אַ דעפּאַרטמענט סטאָר, וואו זיא האָט זיך בעקענט מיט איהר פערשטאָרבענעם מאַן. זי איז אָבער געווען זעהר א פּראַקטישע און אַ קלוגע. סיידעל־וויז האָט זיך איהר ניט איין מאָל געמאַכט א געלעגענהייט צו קריעגען אַ פּאַרטהי, אָבער זיא האָט אַלץ געקליבען; זיא האָט געוואוסט, אַז

זיא איז א בעריהמטע שעהנהייט, האט זיא אימער געהאפט, אז עס וועט זיך אין איהר איינליעבען א רייכער יונגער מאן. דאס האט אבער ניט פאסירט און אזוי זיינען אוועק א יאהר נאך א יאהר.

זיא האט יעצט ווידער בראקירט מיט איהרע קאנדידאטען, אבער דאס מאל איז דער קלייבען געווען פון א גאנץ אנדערען כאראקטער. זיא האט געזוכט א מאן, אין וועלכען ז י א זאל זיך איינליעבען, און, נאטירליך, וועלכער זאל איהר אויך ליעבען — דען זיא האט נאך ביז יעצט דעם גענוס פון ליעבע ניט פערזוכט. איהר הייראט מיט דעם מאן, וועלכער האט געקאנט זיין איהר זיידע, איז געווען א פליינער ביזנעס-שריט, אבוואהל זיא איז איהם געווען אמת געטריי און איבערגעבען. זיא איז געווען ענטוישט אין איהרע ערווארטונגען, טרוימען, און ווען ער האט זיך איהר אין ליעבע ערקלעהרט, האט זיא איהם גלייך איהר האנד געגעבען.

ענדליך האט זיא אזא מאן געפונען. דיעזער מאן איז אונזער בעקאנטער רייכער יורש מאיר ראטער. זיא האט זיך מיט איהם בעקענט אויף א באל און באלד פון דער ערשטער בעקאנטשאפט האט זיא זיך אין איהם איינגעליעבט.

זיא האלט אין האנד א בריעף, וועלכען זיא האט אין דער פריה ערהאלטען און זיא לעזט איהם שוין אודאי דעם צעהנטען מאל:

„טהייערע פלארא!

מארגען נאכמיטאג וועל איך ביי דיר זיין. איך צעהל שוין דיא סעקונדען, ווען איך וועל זיין דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט: ווען איך וועל זיך געפינען אין דיין געזעלשאפט; זיך קוויקען מיט דעם צויבער-פראכט וואס איז אויסגעגאסען אויף דיין וואונדער-שעהנע געזיכט: ווען איך וועל הערען דיא הימעלשע מוזיק, וואס קלינגט אין דיין זאנפטע שטימע.

גוד באי טהייערע

דיין מאיר“.

א גליקליכער שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף איהר געזיכט און אין איהרע טיעפע בלויע אויגען האט א בלישץ געטהאן א ליידענשאפטליכער פייער'ל. זיא האט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען און א פערטראכטע גענומען ארומשפרייזען הין און צוריק איבער'ן זאאל. ענדליך האט זיא זיך אוועקגעשטעלט ביים פענסטער און געזאגט צו זיך זעלבסט.

— אה, ווען דו וואלסט וויסען, טהייערער, וויא אונגעדולדיג איך בין, דיך צו זעהן! וואס פאר א נייעס וועסטו מיר יעצט ברייגען? האסטו זיך שוין בעפרייט פון יענער מיידעל, דיין פאטערס סעקרעטעריז, וועלכע האלט דיך געבונדען וויא אין אייזערנע קייטען?

ווידער האט איהר גאנצער וועזען איינגעציטערט און איהר אונגעדולד איז געוואקסען מיט יעדער סעקונדע.

ווען ער האט איהר מיט א פאאר וואכען צוריק, באלד נאך זיין פאטער'ס טויד'ט, אנגעזאגט דיא בשורה וועגען דער טרויעריגער צוואה, האט זיא ביטער געוויינט און צו איהר פערצווייפלונג איז גאר קיין גרונד ניט געווען. ער איז אויך געווען זעהר פערטרויערט, אבער ער האט איהר געטרייסט מיט דער האפנונג, אז ער וועט ריידען מיט דער מיידעל און זיא וועט זיך זיכער צוריקציהען פון זיין פאטער'ס וואונש. דען אין דער צוואה איז פאראן א פונקט, אז אין פאל ווען בערטהא וועט ניט וועלען הייראטען פאר מאיר'ן, דארף ער, מאיר, איהר געבען צעהן טויזענד דאלאר.

— איך וועל איהר ערקלעהרען דיא גאנצע לאגע — האט דער יונגער ראטער דאן געטרייסט דיא פערליעבטע אלמנה — איך וועל פאר איהר מיין הארץ עפענען; איך וועל איהר זאגען, אז איך האב צו איהר קיין שום געפיהלען ניט און אז איך וועל איהר קיינמאל ניט ליעבען; איך

וועל איהר זאָגען, אז מיין הארץ בעלאַנגט צו אַן אַנדערע; און זיא וועט מיר זיכער ניט צווינגען, נאָכצוקומען מיין זעליגען פּאָטער׳ס וואונש.

דאָס האָט אביסעל בערוהיגט דיא יונגע, שעהנע אלמנה און זיא האָט איהם געפרעגט:

— ביזטו זיכער, אז זיא וועט דיך בעפרייען? אה, טאָמער ניט, בין איך דיא אונגליקליכסטע אויף דער גאַנצער וועלט.

— איך בין זיכער, האָט ער איהר בערוהיגט — זיא איז אַן עדעל קינד און זיא וועט זיך ניט וועלען פערבינדען מיט א מאַן, וואָס האָט צו איהר קיין שום ליעבע ניט. איך וועל איהר געבען צעהן טויזענד דאָלאר, וויא עס איז מיין פּאָטער׳ס וואונש, און זיא וועט קענען זיין גליקליך מיט אַ מאַן וואָס וועט איהר ליעבען.

— איז זיא א שעהנע? — האָט אַ נייער געפיהל איהר דאַן גענומען בעאונרוהיגען.

— זיא איז זעהר אַ שעהנע און אַ בעגאַבטע — האָט ער געענטפערט — אָבער זינד איך האָב דיך דערקענט, זעהען אַללע שעהנע פרויען אוים העסליך אין מיינע אויגען.

א לאַנגער, הייסער ליידענשאַפטליכער קוס איז דאַן געוועזן איהר אנטוואָרט אויף זיין ליעבעס־אויסדרוק. נאָכהער האָט זיא געזאָגט:

— אז זיא זאָל נאָר בעשטעהן, וועט וועגען געלד קיין אָפּהאַלט ניט זיין. מיין גאַנצען פערמעגען וועל איך איהר אוועקגעבען, אבי זיא זאָל דיך בעפרייען. וואָס וועט אָבער זיין, אז זיא וועט ניט בעשטיין, אז זיא וועט דיך ניט וועלען בעפרייען? — האָט זיא טרויעריג געפרעגט, וועהרענד אַ וואָלקען פון אומעט האָט זיך בעצויגען איבער איהר וואונדער שעהנער געזיכט.

— זיא וועט אָבער געווים מיך בעפרייען — האָט ער איהר פערזיכערט.

און יעצט האָט זיא איהם דאָס ער וואַרטעט אום צו הערען אויב זיין האָפּגונג איז פערווירקליכט. זיא איז צוגעגאַנגען צום שפּיעגעל און האָט פּאַפּראַוועט אויף זיך דיא טואלעטע, וואַרפענדיג אַללע ווייַלע אונגעדולדיגע בליקען צו דער טיהר.

פון דיא וויטערע צימערען האָבען זיך געהערט טריט. זיא האָט אויפגעציטערט, זאָגענדיג:

— דאָס איז ער.

זיא האָט זיך אוועקגעזעצט אין א ראָקינג טשער און גענומען זיך פערטראַכטען איבער אַן אָפענעם בוך.

אויפ׳ן שוועל האָט זיך בעוויזען דער יונגער ראָטער. ער האָט זיך העפליך פערנייגט, בעגריסענדיג זיא. איין בליק אויף זיין געזיכט האָט איהר אַללעס דערציילט:

זיא האָט אויסגעשטרעקט צו איהם איהרע הענד, וועלכע זיינען געוועזן דיק בעזעצט מיט דימאַנטען און בריליאַנטען און געזאָגט אין א נערוועזען טאָן:

— זיא וויל דיך ניט בעפרייען, מאיר?

און איהרע צויבערליכע אויגען זיינען מיט טרעהרען פערלאָפען געוואָרען.

— ניין! — האָט ער ארויסגעזיפצט און ער האָט אויסגעבראָכען אין א היסטערישען געוויין.

זיא האָט איהם בערוהיגט, געטרייסט, אָבער זיין פערצווייפלונג איז געוועזן אזוי גרויס, אז ער האָט זיך גאָר ניט איינגעהערט אין איהרע רייד.

זיא האָט איהם צערטליך ארומגענומען און אוועקגעזעצט אויף אַ שטוהל לעבען זיך, האָט מיט איהר זיידענע טאַשענטיכעל זיינע טרעהרען אויסגעווישט, זאָגענדיג אין א ביטערען, פערצווייפעלטען טאָן:

— איך האָב געפיהלט, אז אזוי וועט עס זיך ענדיגען; מיין הארץ האָט מיר די גאַנצע צייט געשראָקען, זעהר געשראָקען! טרויעריגע, פינסטערע געדאַנקען האָבען מיר מיין רוהע, מיין שלאָף גערויבט.

זיא האט וויטער ניט געקענט ריידען. א שטראם מיט טרעהרען האט גענומען פליסען פון איהרע אויגען. א היבשע ווײלע זיינען ביידע אזוי געזעסען און ביטער געכליפעט. דיא ערשטע האט זיא זיך בערוהיגט. זיא האט איהם אנגענומען פאר דיא האנד און, קוקענדיג אויף איהם מיט איהרע אויגען, אין וועלכע עס האט זיך פלוצלונג בעוויזען יענער בעקאנטער פייער'ל, וועלכער קען א מאנספערזאן אין איין מינוט צו וואהנזינן טרייבען, האט זיא איהם געפרעגט:

— און וואס דיינקסטו יעצט צו טהאן?

ער איז געזעסען וויא פערשטיינערט מיט אויסגעגלאצטע אויגען און מיט א בלייכע געזיכט, אויף וועלכע עס איז ניט געוועזן קיין סמן פון לעבען און האט געשוויגען.

— ווארום ענטפערסטו מיר ניט, מאיר? — האט זיא איהם געמונטערט.

ער האט געמאכט א בעוועגונג אזוי וויא ער וואלט פון א טיעפען טרוים ערוואכט, געווארפען אויף איהר אן אויסגעלאשענעם בליק און געפרעגט:

— הא?

— איך פרעג דיך: וואס דיינקסטו יעצט צו טהאן? — האט זיא ווידערהאלט איהר פריהעריגע פראגע און דער פייער'ל אין איהרע אויגען האט זיך נאך מעהר פארנאנדערגעפלאקערט....

ער האט פלוצלונג ערוואכט, איז אויפגעשטאנען און מיט א טאן פון ענטשלאסענהייט האט ער געזאגט:

— מיין פאטער'ס וואונש וועט פערווירקליכט ווערען! איך בין זיך געקומען מיט דיר געזעגנען, פלארא, דיר זאגען דעם לעצטען גוד־באי!

א פערצווייפעלטער געשריי האט אפגעהילכט אין דעם גרויסען זאאל. דיא יונגע אלמנה איז אין אונמאכט געפאלען. ער האט זיך ארונטערגעלאזען אויף דיא קניע און איהר גענומען מינטערען. אויף דעם געשריי זיינען דיא דיענסטען ארײנגעלאפען שטארק דערשראקענע. ראטער האט זיי אבער גלייך ארויסגעשיקט, זאגענדיג זיי, אויב ער וועט דארפען זייער הילף, וועט ער זיי ארײנרופען. זיי האבען איהם גלייך געפאלגט. דען זיי האבען איהם געקענט אלס אן אפטער בעזוכער פון זייער ווירטהין.

עס האט ניט לאנג גענומען און ער האט איהר צום בעוואוסטזיין געבראכט. א היבשע ווײלע זיינען זיי געזעסען שטום, ניט אויסריידענדיג קיין ווארט איינער צום אנדערן. ענדליך האט זיך א טיעפער זיפץ ארויסגעריסען פון איהר ברוסט און זיא האט ארויסגעשעפטשעט אין א שוואכע, ציטערנדע שטימע:

— איך בין אזוי אונגליקליך!

— און איך? — האט ער אויף איהר געקוקט מיט פערצווייפעלטע בליקען.

— דוא מוזט אלזא מיט איהר זיך פערבינדען? — האט זיא איהם געפרעגט, ווערענדיג פלוצלונג זעהר ערנסט.

— יא — האט ער מיט א זיפץ געענטפערט.

— און ווער צווינגט דיך דערצו?

— האט זיא געפרעגט פערבייסענדיג מיט דיא ליפען.

— מיין פאטער'ס צוואה.

— דוא קענסט דאך איהר איבערלאזען דיזע גאנצע ירושה — האט זיא שיין מיט אפענע איראניע איהם געשטאכען.

— דא האנדעלט זיך ניט בלויז וועגען דיא געלד־פראגע, אבוואהל איך וויל ניט, אז מיין פאטער'ס פערמעגען זאל איבערגיין אין פרעמדע הענד. איך האב דא אבער הויפטזעכליך אין זינען מיין מוטער. זיא וועט דאס ניט איבערהאלטען, ווען איך וועל מיין פאטער'ס פערלאנג ניט ערפיללען. דאס איז איהר איינציגער וואונש וואס זיא האט אין לעבען. זיא האט פאר מיר געוויינט מיט בלוטיגע טרעהרען, וועלכע האבען מיין הארץ צעריסען.

און וועגען מיר, וועגען מיינע ליידען — דיינקסטו גאָר ניט ? — האָט זיא זיך ווידער צו־רווינט.

— דיינע לידען זיינען דאָך דיא זעלבע וואָס מיינע ! — האָט ער געזאָגט, צוטוליענדיג זיך צו איהר — איך האָב בעשלאָסען צו אָפּפערען מיט זיך, מיט מיין גליק. איך וויל ניט זיין דער מערדער פון מיין ארימער, צובראָכענער מוטער, וועלכע האָט ניט קיינעם אויף דער וועלט, אויסער מיך. איין האָפנונג האָב איך אָבער נאָך אין מיין אונגליק, איין טרייסט : זיא וועט זעהען, אז איך האָס איהר, זיא וועט פון מיר קיינמאָל קיין פריינדליכען בליק ניט זעהען ; אזוא לעבען וועט איהר מוזען מיט דער צייט פער'מיאוס'ט ווערען און זיא וועט מיר ענדליך בעפרייען.

— דיינע האָפנונגען האָבען דאָך דיר שוין ביז יעצט אָפּגענאַרט — האָט זיא אַלץ ניט אויפגעהערט צו וויינען — דוא האָסט דאָך געהאָפט, אז זיא וועט דיך יעצט אויך בעפרייען.

— וועט מיר דען זיין בעסער אָהן דיעזע האָפנונג ? — האָט ער שטיל, קוים הערבאר, וויא צו זיך גערעדט.

א הערצרייסענדער זיפץ האָט זיך ארויסגעריסען פון זיין ברוסט און ער האָט פאָרטגעזעצט :

— איך בין אָבער זיכער, אז עס וועט זיך אזוי ענדיגען. זיא וועט זיך דאָך ענדליך ארומזעהען, אז זיא וועט מיין ליעבע קיין מאָל ניט געווינען און זיא וועט מיר בעפרייען. און דאַן — האָבען זיינע אויגען גענומען בלישטען מיט א ליידענשאַפטליכען גלאַנץ — דאַן וועל איך קומען צו דיר, מיין טהייערע, און אויב דוא וועסט מיר ניט פערשטויסען, וועלען מיר זיין דיא גליקליכסטע מענשען אויף דער וועלט.

ער האָט בעפרייט איהר האַנד פון זיינע און גענומען א נערוועזער ארומגיין הין און צוריק איבער דעם זאאַל. ענדליך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַר איהר און געפרעגט :

— האָסטו מיר גאָר ניט וואָס צו זאָגען, פלאָרא ?

זיא האָט אויף איהם א ביטערען קוק געטהאָן און געענטפערט קורץ :

— ניין. עס איז גענוג דאָס, וואָס דוא האָסט געזאָגט.

— איך האָב ערוואַרטעט פון דיר כאָטש מיטלייד צו האָבען. איך האָב גע־דיינקט, אז דוא וועסט זיין דיא איינציגע, וועלכע וועט מיר בעגרייפען און בעדויערען מיין אונגליקליכע לאַגע — האָט ער אין א טאָן פון פאָרוואורף געזאָגט — צום סוף נעהמסטו ביי מיר אויך אוועק מיין לעצטע האָפנונג. פלאָרא, איז דאָס אַלעס וואָס דוא האָסט מיר צו זאָגען ? — האָט ער בעטענד אויסגעשטרעקט צו איהר דיא הענד.

זי איז געזעסען בעוועגלאָז און האָט אין א קאַלטען טאָן געזאָגט :

— דאָס איז אַלעס.

ער האָט טיעף אָפּגעאָטהעמט און געזאָגט :

— אויב דוא ווילסט מיר איצט ניט בעגרייפען, וועסטו מיר אָבער שפּעטער פערשטעהן. אלזאָ איך וועל דיר זאָגען מיין לעצטעס וואָרט : געדיינק, פלאָרא, אז מיין הארץ בעלאַנגט צו דיר. וואָס עס זאָל ניט פּאַסירען מיט דיר אין דער צייט, ווען איך וועל זיך פּלאָגען מיט דיא שרעקליכסטע יסורים און פּיין — איך וועל דיר ניט אויפהערען צו ליעבען. מיין הארץ, מיין מוח וועט אימער מיט דיר זיין. אבוואָהל איך וועל דיך ניט זעהן, וועט דאָך דיין געשטאַלט אימער פאַר מיינע אויגען שטעהן. ווען דוא וועסט וועגען מיר אמאָל טראַכטען, געדיינק, אז איך בין א מאַרטירער פון ליעבע, פון מיין הייליגע ליעבע צו דיר. דוא וועסט זיך דעריין שפּעטער איבערצייגען, אויב דוא גלויבסט מיר יעצט ניט.

זיא איז געזעסען שטום און אויף איהר געזיכט האָט זיא אויסגעדריקט א מינע, אזוי וויא דער גאַנצער געשפּרעך וואָלט איהר ווייניג פּעראינטערעסירט.

ער האָט אנגענומען איהר האַנד, צו־

געטראָגען צו זיינע ליפּען, און, בעגיסענ-
דיג זיך מיט טרעהרען, האט ער ארויסגע-
כליפּעט:

— גוט-באי, פלאָרא! געדיינק אָן מיינע לעצטע ווערטער, וואס איך האב דיר יעצט געזאָגט!

א צובראָכענער, א ניעדערגעשלאָגענער האט ער דער יונגער אלמנה׳ס הויז פערלאָזען. זיין לעצטע האָפנונג, זיין לעצטע טרייסט אין לעבען, האט ער דאָרט איי-בערגעלאָזט... וויא מען וואָלט איהם פון א גן-עדן אין א גיהנם אריינגעטריעבען, אזוי האט דער יונגער ראָטער געפיהלט...

— קליינער, שוואכער מענשעלע!

— האט דיא יונגע אלמנה מיט שרעקליכען כעס אויסגעשריען, ווען ראָטער האט פערלאָזען דעם זאאל — אָה, וויא איך האס דיך יעצט!

זיא האט זיך האסטיג אויפגעהויבען, איז צוגעגאנגען צום שפּיעגעל און געזעהן צו דיא טרעהרען האבען איהרע שעהנע אויגען ניט רויט געמאכט, און זיא האט שוין גענומען טראכטען וועגען אן אנדערען קאנדידאט, וועלכער האט זיך איהר שוין אייניגע מאָל אין ליעבע ערקלערט. איהרע אויגען האבען זיך אנגעצונדען מיט א פייער פון ראכע.

— ער איז א מארטירער פון ליעבע!

— האט זיא איראָניש גערעדט, קריצענדיג מיט דיא צייהן — איך זאָל וואַרטען אויף איהם! אזא פייגלינג! נאָך דיעזע וואָך וועט דער ענגיידזשמענט שטאַטפינדען! איך וועל וואַרטען אויף דיר! — האט זיא זיך צולאכט מיט א היסטערישען געלעכטער.

* * *

ווען ראָטער איז אין עטליכע טעג ארום צוריק געקומען פון זיין רייזע, איז דיא מוטער צו איהם צוגעגאנגען, איהם געקושט און געזאָגט:

— אלעס איז צוגעגרייט צו דער האָכצייט. איך האב שוין ארויסגעשיקט אינווויטיישאנס.

זיא האט איהם דערלאנגט א ליסט מיט נעמען, זאָגענדיג:

— קוק דורך דיא ליסט, פיללייכט האב איך פערגעסען אימיצען איינצולאַדען אדער אפשר ווילסטו אימיצען איינלאַדען.

ער האט גלייכגילטיג געקוקט אויף דער ליסט אזוי וויא דאס וואָלט איהם גאר ניט אינטערעסירען.

דיא מוטער האט אפּגעזיפצט, אנגענומען זיין האנד און געזאָגט מיט הארץ:

— מיין קינד, ווען דוא זאָלסט קענען אנדערש דיינקען; ווען דוא וואָלסט געוואָלט בעסער פערשטעהן בערטהא׳ן, ווען דוא זאָלסט וויסען וואס פאר א דיימענטענע הארץ זיא האט, וויא הייס, וויא שטערבליך זיא ליעבט דיך, וואָלסטו איהר ליעב געהאט און וואָלסט זיך געשעצט גליקליך צו האבען איהר פאר א פרוי.

אין איהרע אויגען האבען זיך טרעהרען בעוויעזען און זיא האט פאָרטגעזעצט:

— איך האב געדיינקט, איך האב געהאָפט, אז איך וועל זיין דיא גליקליכסטע מאמע אויף דער וועלט אין דעם טאָג פון דיין חופה, מאיר! דוא ביזט דאָך אלעס וואס איך פערמאָג אויף דער וועלט — האט זיא זיך געבעטען ביי איהם, קושענדיג זיינע הענד — דוא צווייפעלסט דאָך ניט. אז איך בין נאר אויסען דיין גליק, מיין קינד! און קיין גרעסער גליק וויא צו זיין געליעבט פון בערטהא׳ן קען דיר גאר ניט טרעפען. האב איהר ליעב, מיין קינד און דוא וועסט זיין גליקליך! פאָלג א מאמען, טהו דאס מיר צוליעב.

ער האט געשמייכעלט. דאס איז געווען דער טרויעריגסטער שמייכעל וואס איז ווען געזעהן געוואָרען אויף א מאנספערזאָן׳ס געזיכט.

— פאָלג א מאמען! — האט זיא זיך ווייטער ביי איהם געבעטען — טהו דאס מיר צוליעב.

— דוא רעדסט אזוי נאאיוו, מאמע!

— האט ער טרויעריג זיך אפּגערופען — אין ליעבע איז ניט פאראן א צוליעב טהאָן. מיין הארץ איז פרעמד צו בערטהא׳ן. איך וועל איהר קיינמאָל ניט ליעבען.

ער איז עטליכע מינוטען געזעסען שטיל. פּלוצלונג האט ער אויף איהר א ביסטרען קוק געטהאָן און האט געפרעגט מיט א שארפען טאָן:

— מאמא, איך בעט דיך, זאָג מיר וואס האט דעם טאַטען געצוואונגען צו מאַכען דיזע צוואה? איך בעט דיך, זאָג מיר דעם גאַנצען אמת. עפּעס איז דאָ פאַראַן א געהיימניס. איך הער ניט אויף קיין איין מינוט צו קלעהרען וועגען דעם און איך האב מורא, אז איך וועל דעם זינען פערליערען, אויב איך וועל דיזע געהיימניס ניט דערגעהן.

— עס אז דאָ קיין שום געהיימניס ניטאָ — האט זיא געזאָגט מיט א פעסטען טאָן, גלעטענדיג זיין געזיכט, ווערהרענד אין איהרע אויגען האט זיך בעוויזען אן אויסדרוק פון אינערליכע פורכט — דער טאַטע איז געווען איבערצייגט, פונקט ווי איך, אז דוא וועסט פאר בערטהא'ן זיין גליקליך; ער האט געוואוסט, אז זיא ליעבט דיך מיט איהר גאַנצען הארצען, מיט איהר גאַנצער נשמה, האט ער געוואָלט, אז דוא זאָלסט זיין גליקליך.

עס איז געקומען דער טאָג פון דער חתונה. ראָטער איז ארומגעגאַנגען אין זיין צימער א צובראָכענער, א פערטרויערטער. דיא מוטער איז צו איהם עטליכע מאָל אריינגעקומען, איהם אויפגעמונטערט, אבער איהרע רייד האבען איהם נאָך מעהר אויפגערייצט. זיא איז יעדעס מאָל ארויסגעגאַנגען פון איהם א פערטרויערטע, מיט פערבראָכענע הענד. אויך בערטהא'ס הארץ איז ניט געווען פרייליכער. ווען דיא שניידער־מיידלאך זיינען געקומען איהר אנטהאָן, האט זיך איהר געדוכט, אז דאס טהוט מע זאיהר אָן דיא טוידטען־קליידער און אָט וועט באלד זיין איהר לויה. ביי איהר אנקעל, וועלכער האט שוין לאנג נעהאט אויפגעגעבען זיין גראָסערי און איז יעצט געווען דער איידזשענט פון ראָטער'ס הייזער, האבען זיך אלע געפּאַרעט צו דער חתונה, און איהר איז דאס עפּעס אזוי טרויעריג־ווילד אויסגעקומען...

דער אַנקעל, וועלכער האט איהר דיא גאַנצע צייט צוגעגעבען מוטה און האפנונג, איז אריין אין איהר צימער און זעהענדיג וויא אומעטיג און פערטרויערט זיא איז, האט ער איהר וויעדער גענומען טרייסטען, שילדערענדיג איהר דערביי א גליקליכע צוקונפט. זיא האט איהם אויסגעהערט, געדאַנקט און — איז נאָך אומעדיגער געוואָרען.

נאכמיטאג, א פּאָר שטונדען פאר דער חופּה, איז זיא צוגעפאָהרען צו ראָטער'ן. מיסעס ראָטער האט זיך זעהר דערשראָקען, דערזעהענדיג איהר יעצט ביי זיך אין הויז און זיא האט איהר געפרעגט:

— וואס איז געשעהן, בערטהא?

— עס איז גאר ניט געשעהן — האט זיא איהר בערוהיגט — איך וויל עפּעס ריידען מיט מאיר'ן. וואו איז ער?

— וואס ווילסטו מיט איהם ריידען? — האט דיא אלמנה געפרעגט מיט טוידט־שרעק — זאָג מיר, וואס דו ווילסט מיט איהם ריידען! איך מוז עס וויסען.

— איך האב מיט איהם עפּעס צו ריידען — האט זיא פעסט געזאָגט, ווערענדיג נערוועז און נעהמענדיג געהן אין דער ריכטונג פון ראָטער'ס צימער.

— בערטהא! — האט דיא אלמנה אויסגעשריען אין א פערשטיקטען, פערצווייפעלטען קול, פערשטעלענדיג איהר דעם וועג — איך וועל דיך ניט לאָזען געהן קיין איין טריט אויב דוא וועסט מיר פריהער ניט זאָגען וועגען וואס דוא געהסט מיט איהם ריידען! אוי! — האט זיך א טיעפער זיפץ ארויסגעריסען פון איהר ברוסט און זיא האט זיך מיט דער האנד אנגעכאפּט פאר איהר הארצען — איך וועל זיך דאָ אויסציהען א טוידטע פאר דיינע פיס, אויב דוא זאָגסט מיר גלייך ניט וואס דוא ווילסט איהם זאָגען.

— איך וויל, איך וויל איהם בעפרייען פון דער צוואה! — האט זיא מיט א ציטערנדע שטימע, וועלכע איז געווען אויסגעוויקט אין טרעהרען, געזאָגט — איך קען ניט...

מיסעס ראָטער האט מיט איהר האנד

פערשטעלט איהר מויל און ניט געלאָזען ריידען. זיא איז געוואָרען בלייך וויא קאַלך און איהרע אויגען האבען געקוקט ווילד. זיא האט איהר פעסט ארומגענומען און כמעט מיט געוואַלד אריינגעצויגען צו זיך אין בעד־רום. דאָרט האט זיא איהר אוועקגעזעצט אויפ׳ן בעט און, אויסברעכענדיג אין א יאָמערליכען, פערשטיקטען געוויין, האט זיא געזאָגט:

— וואס געהסטו טהאָן, בערטהא? ביזטו חלילה פון זינען אראָפּ? אין א פּאָר שטונדען ארום וועט דאָך זיין דיא התונה! אַלע געסט גרייטען זיך שוין צו, וואס געהסטו טהאָן?

— איך קען ניט פערטראָגען אזא שאַנדע! — האט בערטהא ספּאַזמאַטיש געכליפּעט — געהט אריין אין מיין לאַגע! „חתונה" רופט איהר דאָס? מיין לויה געהט יעצט זיין! מאָרגען וועט ער מיך פערלאָזען, האט ער געזאָגט — מיר וועלען בלייבען פרעמדע. האט איהר א טראַכט געטהאָן וועגען דעם? בעגרייפט איהר מיין הארץ יעצט? קענט איהר זיך פאָרשטעלען וויא איך פיהל יעצט?

— ער וועט עס ניט טהאָן! — האט זיא גערעדט מיט היץ — ער האט בלויז אַזוי געזאָגט, אום דיך אָפּצוסטראַשען. ער איז ניט קיין פערדאָרבענער מענש. איך וועל מיט איהם ריידען, איך געה שוין מיט איהם ריידען. דו געה אַהיים און מאַך זיך ניט נאַריש. וועסט זעהן, אַז אַלעס וועט זיך גוט ענדיגען.

— איך וויל מיט איהם אַליין ריידען — האט זיך בערטהא שוין אַביסעל בערוהיגט — איך וועל איהם בעטען, איך וועל איהם צו דיא פיס פאַלען, ער זאָל מיר דיא שאַנדע ניט פערשאַפען. זאָל ער שפּעטער טהאָן וואָס ער וועט וועלען, אָבער ניט יעצט.

— ער וועט דיר קיין מאָל קיין שאַנדע ניט פערשאַפען — האט מיסעס ראָטער איהר צוגעגעבען מוטה — ער וועט דיך ליעבען מיט דער צייט און איהר וועט זיין גליקליך. אויב דו ווילסט איהם דוקא זעהען — האט זיא צוגעגעבען נאָך א ווײַלע נאָכדיינקען — קענסטו דאָס טהאָן. נאָר דו מוזט מיר צוזאָגען, אַז דו וועסט דיעזע נאַרישקייט ניט ריידען. אויב דוא האָסט ניט דאנגעגען, וועל איך זיין דערביי.

— וואָרום זאָל איך האָבען דאגעגען — האט זיא געענטפערט.

מיסעס ראָטער האט פּאַפּראַוועט אויף איהר דיא האָאָר, דיא קליידער און זיי זיינען אריין צו ראָטער׳ן אין צימער.

זיי האָבען איהם געפונען זיצען ביים טיש, שרייבענדיג עטוואָס. דערזעהענדיג בערטהא׳ן, איז ראָטער שנעל אויפגעשטאַנען, האט נערוועז אָפּגערוקט דיא פּאַפּיער, אויף וועלכע ער האט געשריבען און איז איהר אנטקעגען געגאַנגען, אום זיא זאָל ניט צוגעהן נעהענטער צום טיש און ניט וואַרפען קיין בליק אויף דעם אָנגעשריבענעם פּאַפּיער. ער האט איהר אָפּגעמאָסטען מיט ערשטוינטע בליקען.

— איך וויל מיט אייך עפּעס ריידען — האט זיא צו איהם געזאָגט אין א שוואַכער שטימע — הערט מיך אויס בלויז איין מינוט.

זיינע אויגען האָבען אָנגענומען א שוואַכען אויסדרוק פון מיטלייד. באַלד אָבער זיינען זיי געוואָרען שטרענג און ער האט געזאָגט:

— איהר ווילט מיט מיר ריידען אונטער פיער אויגען, אדער דיא מאַמע מעג אויך זיין דערביי?

— ניט נאָר מעג זיא זיין דערביי — האט זיא געענטפערט אין דעם זעלבען שוואַכען טאָן — איך האָב איהר אַליין געבעטען, אַז זיא זאָל מיט מיר אַריינגעהן. דאָס וואָס איך וויל מיט אייך ריידען איז קיין שום סעקרעט. א ביטע האָב איך צו אייך, און איך בעט אייך, איהר זאָלט דאָס מיר צוליעב טהאָן.

— אויב איך וועל נאָר קענען — האט ער געזאָגט אין א קאַלטען טאָן, וועלכער האט ביי דער אונגליקליכער מיידעל פערגליווערט דיא בלוט אין איהרע אָדערען.

— האט מיטלייד מיט מיר! — האט זיא מיט טרעהרען אין דיא אויגען

אויסגעשטרעקט צו איהם ביידע הענד — האט מיטלייד און פערשאפט מיר ניט די שאנדע!

— וועלכע שאנדע? — האט ער געפרעגט, קוקענדיג דאס אויף בערטהא'ן, דאס אויף דער מוטער, ביי וועלכע די אויגען זיינען געווען פערלאפען מיט טרעהרען.

— פערלאזט מיר ניט באלד נאך דער חופה! איך וועל דאך דיעזע שאנדע ניט אריבערטראגען! — האט זיא אויסגעבראכען אין א יאמערליכען, הערצרייסענדען געוויין — האט איהר כאטש אויף א סעקונדע א טראכט געטהאן וועגען דעם וואס פאר א שרעקליכע שאנדע איהר ווילט מיר פערשאפען? איהר זייט דאך עפעס א געבילדעטער מאן, א דזשענטעלמאן, וועט איהר מיר דאס טהאן?

איהר הערצליכער געבעט איז אפגעשטארבען אויף איהרע ווייסע, ביטערנדיגע ליפען. ער האט געזעהן, אז זיא קען שוין מעהר ניט ריידען.

— איך וועל זיין אייער שקלאווין — האט זיא מיט איהרע לעצטע קרעפטען גערעדט — איך וועל לעבען און שטארבען פאר אייך, איך וועל אלעס אין דער וועלט טהאן פאר אייך, אבי איהר זאלט מיר דיעזע חרפה, דיעזע שאנדע ניט פערשאפען!

ער איז געשטאנען שטום. זיא האט אויפגעהויבען אויף איהם איהרע אויגען, אין וועלכע עס האט זיך אפגעשפיעגעלט א ים מיט טרויער. ער האט דיעזע בליקען ניט געקענט פערטראגען און ער האט זיינע אויגען ארונטערגעלאזען צו דער ערד.

— האט איהר א טראכט געטהאן וועגען דעם — האט זיא וייטער גערעדט — וואס עס הייסט דער חופה־טאג פאר א מעדכען און וואס דער זעלבער טאג איז פאר מיר? פאר יעדער מיידעל איז דאך דיעזער טאג דער גליקליכסטער מאמענט אין איהר לעבען און פאר מיר איז דער היינטיגער טאג דער אונגליקליכסטער טאג אין מיין לעבען. אויב איהר וועט טהאן אזוי וויא איהר האט געזאגט, אזוי איהר וועט מיך פערלאזען, זאלט איהר וויסען, אז מארגען וועט מען מיך געפינען א טויטע.

א שווערער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון זיין ברוסט און ער האט געזאגט:

— פאר דעם מאן איז דער חופה־טאג אויך דער גליקליכסטער מאמענט אין זיין לעבען — און וואס איז דער היינטיגער טאג פאר מיר?... אבער גענוג, איך וועל אייך ה י י נ ט ניט פערלאזען — האט ער גערעדט מיט ביטערניס — אבוואהל...

ער האט ניט געענדיגט דאס וואס ער האט געוואלט זאגען. די מוטער איז צו איהם צוגעגאנגען און, קושענדיג איהם, האט זיא מיט טרעהרען געזאגט:

— איך האב געוואוסט, אז דו וועסט אזא זאך ניט טהאן, מיין קינד! איך בין יעצט דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט!! און איך האף, אז דו, מיין קינד, וועסט מיט דער צייט אויך זיין גליקליך — איהר וועט ביידע זיין גליקליך, דען דאס איז דאך געווען דיין זעליגען פאטער'ס לעצטער וואונש.

— איך דאנק אייך זעהר! — האט בערטהא צו איהם אויסגעשטרעקט די האנד — איהר האט יעצט מיין יונגעס לעבען גערעטעוועט. איהר וועט זעהן, אז איך וועל אייך ניט צו לאסט פאלען אויף די מינדעסטע האר; איך וועל צו אייך קיין שום טענות ניט האבען; איהר וועט פון מיר קיינע פארווירפע ניט הערען; איהר קענט זיך פיהלען גענצליך פריי, פונקט אזוי וויא איהר וואלט ניט געווען פערהייראט.

— מארגען אדער איבערמארגען וועלען מיר פאהרען אין אונזער קאטטעדזש אין ראקאוויי — האט ער געזאגט אין א קאלטען טאן — דארט וועלען מיר רייֿדען וועגען א פלאן וויא אזוי מיר זאלען ווייטער אנגעהן אין אונזער פ ע ר ה י י ר א ט ע ן לעבען.

זיא האט זיך געלאזען געהן צום טהיר. צוקומענדיג צו דער שוועל, האט זיא אומגעקעהרט דעם קאפ און האט איהם נאך אמאל געדאנקט, זאגענדיג:

— איהר האט יעצט מיין לעבען געראטעוועט.

— דעם אמת זאגענדיג — האט ער גערעדט, ווענדענדיג זיך צו דער מוטער — האב איך גאר וועגען דעם ניט אנגעדויבען צו טראכטען. איך האב בלויז זיך זעלבסט אין זינען געהאט און האב געהאנדעלט אזוי וויא איך האב געפיהלט.

דאן האט ער זיך געווענדעט צו בערטהא'ן און געזאגט:

— זייט רוהיג, אלס ד ז ש ע נ ט ע ל מ א ן וועל איך זעהן, אז איהר זאלט ניט האבען קיין שאנדע. מיר וועלען אזוי איינארדענען אונזער לעבען, אז מענשען זאלען מיינען, אז מיר זיינען דיא גליקליכסטע פאר פאלק אויף דער וועלט.

א ביטערער שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף זיין בלייכע, נערוועזע געזיכט. ער האט גענומען אויפגערעגט ארומשפאציערען איבער'ן צימער, מורמלענדיג מעהר צו זיך זעלבסט:

— פיעלע מענשען לעבען אויף אזא ארט היינטיגע צייטען. מען איז זיי מקנא, מען מיינט, אז זייער לעבען איז א גליקליכער, ווערהרענד אין דער ווירקליכקייט לעבען זיי צווישען זיך וויא א קאץ מיט א מויז.

דיא לעצטע ווערטער האט בערטהא שוין ניט געהערט. זיא איז געוועזן ארויסגעגאנגען. נאך איהר איז ארויסגעגאנגען מיסעס ראטער.

— האב איך דיר ניט געזאגט, אז אלעס וועט זיך גוט ענדיגען? — האט זיא געזאגט צו בערטהא'ן, צוטוליענדיג איהר צו זיך און גלעטענדיג איהר געזיכט — נו, יעצט האסטו מעהר קיין אורזאכע ניט צו זיין בעטריעבט. געה אהיים, מיין קינד, און גרייט זיך צו. עס ווערט שפעט.

אין דער זעלבער צייט האט ראטער געענדיגט זיין שרייבען. דאס האט ער געשריבען א בריעף צו זיין געליעבטע, צו דיא יונגע שעהנע אלמנה. ער האט אין דיעזען בריעף זיין גאנצע הארץ אויסגעגאסען; ניט מיט טינט איז ער געווען געשריבען, נור מיט טרעהרען, מיט הייסע, זודיגע טרעהרען.

דיא חופה האט שטאטגעפונען אין דער שוהל, וואו דעם חתן'ס פאטער איז יאהרען לאנג געווען א מעמבער און איינינע מאל אויך דער פרעזידענט. עס זיינען געוועזן מאסען געסט, וועלכע דיא מחותנת'טע, מיסעס ראטער האט איינגעלאדען. דער חתן אליין האט קיינעם פון זיינע בעקאנטע ניט איינגעלאדען. דיא געסט זיינען אלע געווען רייכע מאנופעקטשורערס און ביזנעס־לייט, מיט וועלכע דער אלטער ראטער האט יאהרען לאנג געהאנדעלט. פון דער כלה'ס צד איז בלויז געווען איהר אנקעל מיט דער פאמיליע.

ווען דער חזן מיט'ן כאר האט ביי דער חופה געמאכט „אל מלא רחמים“ דעם חתן'ס פאטער, האט דער יונגער ראטער אויסגעבראכען אין א יאמערליכען געוויין. דאס איז אבער ניט געווען יענער הארציגער געוויין, וועלכער ווערט ארויסגערופען ביי א חתן אדער א כלה אין דעם גליקליכסטען מאמענט פון זייער לעבען— ווען זיי שטעהען אונטער דער חופה און דער חזן דערמאנט דעם נאמען פון זייערע פערשטארבענע עלטערן — זיין געוויין איז געווען א ביטערער פארוואורף צו זיין פאטער, וועלכער האט איהם זיין יונגען לעבען אונטערגעהאקט, וועלכער האט איהם פעראונגליקט.

מיסעס ראטער האט אויך ביטער געוויינט — זיא האט געקלאגט ווארום איהר מאן איז ביי דיעזער שמחה ניטא... דיא כלה האט ניט געוויינט. אין איהר שנעע־ווייסע חופה־קלייד, מיט איהר טויט בלייכע געזיכט איז זיא ענליך געווען צו א מארמארנע סטאטוע — א סטאטוע פון טרויער. זיא איז געשטאנען בעוועגלאז, בלויז דיא ליפען האבען ״יטארק געציטערט.

נאך דער צערעמאניע זיינען אלע געסט געפאהרען אין קערידזשעס און אוטאמאבילס אין א רייכען האטעל, וואו עס איז געווען אנגעגרייט פאר זיי א גרויסארטיגער סאפער.

דיא האלטונג פון חתן־כלה האט ביי פיעלע פון דיא געסט ארויסגערופען פערוואונדערונג; הויפטזעכליך האט מען זיך געוואונדערט אויף דער כלה'ס האלטונג.

און געוואונדערט האבען זיך אם מייסטען דיא פרויען־געסט.

— זעהט נאר וויא אומעדיג דיא כלה איז — האט איינע פון דיא פרויען־געסט בעמערקט צו איהר בעקאנטע, זיצענדיג ביים טיש — וויא פארוויינט זיא איז, אזוי וויא זיא וואלט דא געטהאן ניט קיין גליקליכען שידוך.

— און דער חתן איז אויך ניט פרעהליכער — האט דיא צווייטע פרוי בעמערקט, ציהענדיג מיט דיא אקסלען — הפנים, אז ער איז ניט זעהר צופריעדען מיט זיין פאטער'ס צואה...

דיא נייעס, אז דער פערשטארבענער ראטער האט געלאזען א צואה, אז זיין איינציגער זוהן זאל הייראטען מיט זיין פריוואטסעקרעטערין, איז לאנג קיין סוד ניט געווען. מען האט זיך באלד נאך זיין טויט וועגען דעם דערוואוסט און דיזע ידיעה האט ארויסגערופען ניט קיין קליינע סענסיישאן ביי זיינע בעקאנטע. וויא געוועהנליך, האט מען דאס גענומען אויסטייטשען אויף פערשיעדענע אופנים; יעדער האט זיך געזאגט זיין מיינונג, אבער אלע זיינען זיי געקומען צו איין בעשלוס: אז עפעס מוז דא זיין א טיעפע געהיימנים. און יעצט, זעהענדיג דיא האלטונג פון חתן־כלה, איז ביי זיי דיא מיינונג אז דא איז א געהיינים, נאך שטארקער געווארען.

מיסעס ראטער, דעם חתן'ס מוטער, איז געווען דיא איינציגע וואס איז געווען זעהר פרעהליך.

ביז שפעט אין דער נאכט האבען דיא דיא געסט פערבראכט. ווען אלע זיינען זיך שוין געווען פערנאנדערגעגאנגען, איז מיסעס ראטער צוגעגאנגען צו דער כלה, ביי וועלכער עס האבען זיך בעוויזען טרעהרען אין דיא אויגען, ארומגענומען איהר, געהאלזט, געקושט און געזאגט:

— וויין ניט, מיין קינד! — האט זיא איהר געטרייסט, אויסווישענדיג דיא טרעהרען פון איהרע אויגען.

— אז א פרוי הערט אויף צו וויינען וועגען איהר געליעבטען — האט בערטהא געבליפעט — איז א סימן, אז זיא ליעבט איהם שוין מעהר ניט. ליעבעס־טרעהרען זיינען אויך א פערגניגען, הויפטזעכליך פאר דיא, וועלכע ליעבען און ווערען ניט צוריקגעליעבט.

— יא — האט זיא ווייטער גערעדט — איך וועל זיין ליעבע מיט דער צייט געווינען. איך וועל געדולדיג האפען און ווארטען אויף דיעזען גליקליכען מאמענט — מאיר וועט מיר ליעבען!

איז דיעזער גליקליכער מאמענט געקומען? איז איהר האפנונג פארווירקליכט געווארען? האט ער איהר אפגעענטפערט אויף איהר הייסע, פלאמענדע ליעבע מיט ליעבע? — אן ענטפער אויף דיזע פראגען וועט דער לעזער געפינען אין דיא ווייטערע קאפיטלעך פון אונזער ערצעהלונג.

פיערטער קאפיטעל.

אויף מארגען נאך דער התונה איז דאס יונגע פאר פאלק אוועקגעפאהרען אין ראקאוויי, וואו זיי האבען געהאט זייער אייגענעם קאטטעדזש, וועלכען דער פערשטארבענער ראטער האט מיט עטליכע יאהר פאר זיין טויט געלאזט אויפבויען. דיא מוטער איז מיט זיי מיטגעפאהרען, אבער זיא האט זיי ערקלעהרט, אז זיא וועט מיט זיי לאנג ניט פערבלייבען, ווייל זיא מוז אוועקפאהרען אין מאונט קלעמענס, מישיגען, וואו דער דאקטאר האט איהר געהייסען נעהמען א בעדער קיור צוליעב איהר געזונד. דאס איז אבער בלויז געווען אן אויסרייד. זיא האט ניט געוואלט יעצט בלייבען מיט זיי, דיינקענדיג, אז ווען זיא וועט ניט זיין, וועט דער זוהן מוזען פארברייגגען מיט זיין יונגע ווייבעל. זיא האט אבער א טעות געהאט.

פאהרענדיג אויף דער טריין איז דער יונגערמאנטשיק דיא גאנצע צייט געזעסען און ארויסגעקוקט דורך דער ווינדאו, ניט ריידענדיג קיין ווארט. בערטהא איז געווען זעהר אומעטיג. זיא האט געפיהלט פונקט וויא א רעקרוט, וועלכען מען שיקט אוועק דיענען אין מיליטער, וואו ער וועט זיין לעבען פערברייגגען אין דער קאזארמע, וואו מען וועט טרעטען אויף זיין שטאלץ, אויף זיין מענשליכע ווירדע, אויף זיין „איך"...

בערטהא האט ארויסגענומען פון איהר האנד־טעטשעל א בוך און האט זיך פערטיעפט אין לעזען. דיא אלטע מיסעס ראטער, זייענדיג מיעד פון דער התונה, האט געכאפט א דרעמעל. ראטער, בעמערקענדיג אז בערטהא לעזט, האט ער איהר געפרעגט, וואס פאר א בוך זיא לעזט.

זיא האט אויף איהם אויפגעהויבען א פאאר דאנקבארע בליקען, אזוי וויא זיא וואלט איהם דאנקען פאר דעם גרויסען פערגעניגען וואס ער האט איהר פערשאפט מיט דער פראגע און זיא האט געענטפערט:

— איך לעז „דיא געשיכטע פון א זינד", זעהר אן אינטערעסאנטער בוך. דער פערפאסער פון דיעזען בוך איז א פוילישער שריפטשטעלער זשעראמסקי, ער איז פון דיא יונגע שרייבער, פון דער מאדערנער שוהלע. דאס איז א רוסישע איבערזעצונג.

— איך האב שוין אזוי לאנג קיין בוך ניט געלעזען! — האט ער כמעט מיט א זיפץ ארויסגערעדט.

— „דיא געשיכטע פון א זינד"? — האט ער וויטער גענומען ריידען — זעהר א קלינגענדער נאמען. וועגען וואס פאר א זינד ווערט דא דערצעהלט?

— איך האב נאך קיין העלפט ניט איבערגעלעזען — האט זיא געזאגט אין א זאנפטע, קלינגענדע שטימע — און איך קען נאך נאטירליך ניט וויסען מיט וואס דיא געשיכטע וועט זיך ענדיגען. אבער דערהוייל איז דאס זעהר אינטערעסאנט. דער פערפאסער דערצעהלט דא דיא געשיכטע פון א זינד, וועלכע א יונגע פרוי איז בעגאנגען אויס איהר הייסע, הייליגע, שטערבליכע ליעבע צו א מאן. וויא א וואהרער קינסטלער דרינגט ער אריין אין דיא טיעפענים פון דער העלדין'ס נשמה און ער ברייננט פון דארטען ארויס דיא דינסטע פעדעמלאך. עס האנדעלט זיך דא אייגענטליך ניט נור וועגען איין זינד, נאר וועגען א גאנצע קייט מיט עבירות, וועלכע קומען פון דער הויפט

זינד — פון איהר פלאמענדע, ברענענדע ליעבע...

דא האט זיך דיא אלמנה אויפגעכאפט מיט א טיעפען גענעץ.

— מיר זיינען שוין באלד אין ראקאווי! — האט מאיר געזאגט, ארויסנעהמענדיג פון פאקעט דעם זייגער — דיא טריין האט זיך עפעס היינט אזוי לאנג געשלעפט.

בערטהא האט פערמאכט דעם בוך, וועהרענד א ביטערער געפיהל האט ארומגענומען איהר הארץ, איהר נשמה.

ארונטערגעהענדיג פון טריין, האט שוין אויף זיי געווארט דער אוטאמאביל, וועלכען דיא מוטער האט ראטער'ן געקויפט אלס חתונה פרעזענט, און זיי זיינען צוגעפאהרען צו זייער קאטטעדזש, וועלכער האט זיך געפונען וויים פון סטיישאן, אויף א פרייע פעלד.

ווען זיי זיינען אריבער דיא שוועל, האט דיא מוטער אנגענומעןביידע פאר דיא הענד, זיי הערצליך געקושט און מיט טרעהרען אין דיא אויגען האט זיא צו זיי געזאגט:

— קינדערלעך, איך ווינש אייך, איהר זאלט זיך לעבען גליקליך אין אייער נייע היים, איהר זאלט זיין געזונד און גליקליך, איך זאל פון אייך נחת האבען אויף דער וועלט און דער טאטע — האט זיא געקוקט מיט איהרע פארוויינטע אויגען אויפ'ן זוהן — זאל פון אייך נחת האבען אין קבר!

בערטהא איז געשטאנען א בלייכע וויא קאלך און טרעהרען האבען זיך גענומען שפארען אין איהרע אויגען, וועהרענד ראטער האט געשיינט צו זיין גאנץ גלייכגילטיג. ער האט בעפרייט זיין האנד פון דער מוטער'ס האנד, איהר געדאנקט מיט א לייכטען נייג מיט'ן קאפ און מיט א געמאכטען שמייכעל און דאן האט ער זיך געווענדעט מיט א בייזע שטימע צו דעם ניגער, וועלכער איז געוועזן דער הויזקיפער, ווארום מען האט ניט איבערגעגעבען דיא וועראנדע, וויא ער האט טעלעפאנירט מען זאל טהאן.

מיסעס ראטער האט אנגענומען בערטהא'ן פאר דיא האנד און איז מיט

איהר אריין אין איינע פון דיא צימערען. זיא האט אויף איהר געקוקט מיט מיטליידענדיג בליקען. זיא האט זעהר גוט געפיהלט וואס ביי דער יונגער מיסעס ראמער טהוט זיך יעצט אין הארצען...

בערטהא'ן איז דיעזער פלאץ ניט פרעמד געווען. זיא האט דא יעדען זומער, זינט זיא איז געווען בעשעפטיגט ביי דעם פערשטארבענעם בענדזשאמין, פערבראכט איהר וואקיישאן. אבער וואס פאר א געוואלדיגער אונטערשיעד עס איז צווישען יענער צייט און דיא יעצטיגע. דאמאלס האט זיא זיך דא געפיהלט גליקליך, פריי וויא א פויגעלע אין וואלד. זיא איז געווען לוסטיג און פרעהליך, איז ארומגעלאפען, ארומגעשפרונגען אויף דעם פרייען פעלד; זיא האט פרעהליך פערבראכט מיט דעם יונגען ראמער, וועלכען זיא האט שוין דאן היים געליעבט טיעף ביי זיך אין הארצען און וועלכער איז געווען אזוי פריינדליך צו איהר... זיא האט זיך געפיהלט גליקליך מיט דער צערטליכער, אמת פאטערליכער ליעבע, וועלכע דער אלטער ראמער האט איהר אימער ארויסגעצייגט. קורץ, צו איהר גליק איז דאן קיין גלייכען אויף דער וועלט ניט געווען.

און א געפיהל פון טיעפען אומעט האט יעצט ארומגענומען איהר גאנצען וועזען. וויא איינער וואס קומט אויף א בית עולם, וואו עס ליגען אין אייביגע רוהע זיינע טהייערסטע, זיינע געליעבטעסטע, אזוי האט זיך בערטהא יעצט געפיהלט. יא, א בית עולם איז דיעזער פלאץ יעצט פאר איהר געווען. יעדעס ווינקעלע אין צימער, יעדעס שטיקעל מעבעל, האט איהר דערמאנט אן דיא פערגאנגענע פרעהליכע צייט וואס זיא האט דא פערבראכט און האט איהר מיט טויזענדער שטימען געלאזט וויסען, אז דער זעלבער פרעהליכער פלאץ וועט יעצט פערוואנדעלט ווערען אין א יאמערטהאל פאר איהר. איהר ברוסט האט זיך האסטיג בעוועגט און זיא האט געפיהלט, אזוי ווי א דריבניקער זאמד וואלט איהר דורכגעלאפען דורך איהר בלוט...

מאיר איז אריינגעקומען. ער איז געווען אין כעס.

— קיין זאך איז ניט אטענדעט געווארען! — האט ער גערעדט מעהר צו זיך זעלבסט.

— ערגער זיך נים, מיין קינד — איז דיא מוטער צו איהם צוגעגאנגען — דו ווייסט דאך, אז אויף פרעמדע מענשען קען מען זיך ניט פערלאזען. זיי וועלען שוין יעצט אלעס אטענדען.

— אזא שווארצער הונד! האט ער געדונערט אויף ענגליש צום ניגער — איך גיב איהם ארדערס און ער טהוט זיך וויא איהם געפעלט!

דאן האט ער זיך אביסעל בערוהיגט, איז צוגעגאנגען צו בערטהא'ן און געזאגט:

— איהר זייט דאך שוין דא ניט קיין פרעמדע, איהר קענט דאך דיא הויז. קלייבט זיך אויס וועלכע רומס איהר ווילט פאר זיך, אויבען אדער אונטען, וויא עס איז אייך בעקוועמער. צוויי דיענסמען זיינען שוין דא. אויב איהר ווילט מעהר, וועל איך זיי גלייך שאפען.

בערטהא האט אויף איהם אויפגעהויבען איהרע וואונדער־שעהנע אויגען, וועלכע זיינען יעצט געווען פול מיט טרויער און האט קיין ווארט ניט גערעדט. א פערשטיקטער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון איהר ברוסט.

— מאיר! — האט דיא מוטער צו איהם אויסגעשטרעקט, בעטענדיג דיא הענד — ווארום מאכסטו אזעלכע צערעמאניעס? איהר זייט דאך שוין מאן און ווייב. ווארום איהרצט דוא זיא?

— מאמע! — האט ער מיט ביטערנעס ארויסגערעדט — איך בעט דיך...

ער האט אבער ניט ארויסגערעדט דאס, וואס ער האט איהר געוואלט בעטען. ער האט זיך ווידער געווענדעט צו בערטהא'ן אין א טאן, מיט וועלכען מען ווענדעט זיך צו א קאפריזנע קינד:

— איך ווינש זיך, אז איהר זאלט זיך דא פיהלען וויא אם בעקוועמסטען, עס זאל אייך דא קיין זאך ניט פעהלען. וואס איהר וועט נאר פערלאנגען, זאלט איהר בעקומען.

וואָלט ער דאָס ניט גערעדט אין אזא טאָן, וואָלט זיא זיך יעצט געפיהלט אלס דיא גליקליכסטע פרוי אונטער דער זונן. אָבער זיא האָט זיך יעצט געפיהלט זעהר אונגליקליך. זיין גוטסקייט האָט זיא בעטראכט אלס א נדבה — א נדבה, וועלכע מען שענקט א נאָהענטען געפאַלענעם קרוב...

— מאָרגען מוז איך פאָהרען קיין ניו יאָרק און שבת וועל איך זיין צוריק — האָט ער ווייטער גערעדט — שפּעטער וועל איך אפשר קענען לענגער דאָ פערבלייבען, יעצט מוז איך זיין אין ניו־יאָרק. דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו דיא מוטער:

— מאַמע, לייג דוא יעצט אָפּ דיין רייזע, איך בעט דיך! וועסט פאָהרען נעקסטע וואָך. וועסט דאָס פאַר מיר טהאָן מאַמע?

— דו ביזט א בעד בּאָי — האָט דיא מוטער צו איהם געזאָגט מיט א שאַרפען פאָרוואורף אין איהר נערוועזער שטימע און קוקענדיג אויף איהם מיט בייזע בליקען — דו האָסט ניט יעצט אזוי נויטיג צו פאָהרען קיין ניו יאָרק און... איך מוז פאָהרען, דו ווייסט דאָך, אז דער דאָקטאָר האָט מיר אָנגעזאָגט, אז איך זאָל וויא אָם שנעלסטען פאָהרען.

— איך מוז אויך פאָהרען — האָט ער שנעל זיך אָפּגערופען. איך מוז זיין אין שאַפּ. איך בין דיא לעצטע טעג געווען פערנומען, יו נאָו, און איך האָב ניט אַלעס אַראַנזשירט אזוי, אז איך זאָל שוין קענען האָבען מיין וואַקיישאָן.

— נעווער מיינד, מאַיר — האָט דיא מוטער געזאָגט אין דעם זעלבען טאָן וואָס פריהער — דו קענסט דאָ בלייבען עטליכע טעג. אָרדערס קענסטו געבען דורך דעם טעלעפאָן. ניש־קשה, דו האָסט גענוג מענשען אין שאַפּ, אויף וועמען דו קענסט זיך פערלאָזען.

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען, שוויגער, וואָס איך מיש זיך אריין — האָט בערטהא זיך אָפּגערופען אין אַן אונדרייסטען טאָן — אז ער זאָגט, אז ער מוז פאָהרען, דאַרף ער פאָהרען און איהר קענט אויך פאָהרען. ניש־קשה, איך בין דאָך דאָ ניט קיין פרעמדע און דערצו בלייב איך דאָך דאָ ניט אַליין.

אויף דער מוטער'ס געזיכט האָט זיך א גליקליכער שמייכעל בעוויזען. דאָס ערשטע מאָל אין איהר לעבען האָט זיא געהערט וויא מען רופט איהר „שוויגער" און איהר הארץ איז געוועזן איבערפול מיט אונבעשרייבליכען גליק. יעדע פרוי פיהלט זיך גליקליך ווען זיא הערט צום ערשטען מאָל איהר רופען מיט דיעזען נאָמען... אָבער באַלד איז דיעזער גליקליכער שמייכעל פערשוואונדען און זיא האָט געזאָגט אין אַן ערנסטען טאָן:

— ניין, ער דאַרף ניט פאָהרען און דו דאַרפסט איהם קיין ערלויבניס ניט געבען. עס איז ניט שעהן. מען וועט דאָך באַלד וועגען דעם ריידען אין גאַנץ ראַקאַווי און אויך אין ניו יאָרק.

— וואָס אַרט מיך וואָס מען וועט ריידען? — האָט ראָטער געזאָגט מיט א מיעסטען טאָן — איך וועל פאָהרען, און איך בעט דיך, מאַמע, לייג אָפּ דיין רייזע אויף עטליכע טעג.

— ניין, איך פאָהר מאָרגען אין דער פריה! — האָט דיא מוטער ענטשלאָסען געזאָגט.

ער איז געוואָרען אין כעס און האָט פערלאָזען דעם צימער.

ווען א'ן עקספּרעס האָט געבראַכט דיא זאַכען, האָבען ביידע פרויען גענומען, מיט דער הילף פון דיא דיענסטען, איינאָרדענען דיא רומס. בערטהא האָט ציערשט געהייסען אויפפיקסען דיא אונטערשטע צימערען. דיא אויבערשטע, וועלכע זיא האָט בעשטימט פאַר זיך, האָט זיא געהייסען לאָזען אויף שפּעטער. זיא איז ניט געשטאַנען מיט פערלייגטע הענד, נאָר זיא האָט אַליין געהאָלפען דיא דיענסטען אין זייער ארבייט, אָבוואָהל זיי האָבען איהר פערזיכערט, אז זיי וועלען אַלעס טהאָן אזוי וויא זיא פערלאַנגט. זיא האָט געהאַט א'ן אינערליכען פערגניגען, טהוענדיג דיא ארבייט. עטליכע מאָל האָט מען געמוזט איבערשטעלען דיא זאַכען ביז עס האָט צופריעדענגעשטעלט איהר געשמאַק.

ווען ראַטער איז אַריינגעקומען און געזעהן וויא דיא רומס זיינען צוגעקליעבען מיט אַ'ן עסטהעטישען געשמאַק, גאַנץ אַנדערש וויא אין דיא פריהערדיגע יאָהרען און זעהענדיג וויא בערטהאַ פּאַרעט זין דערביי, האָט ער אויף איהר אַ לאַנגען קוק געטהאָן. זיא האָט אויף זיך דיעזען בליק געפיהלט...

— דו דאַרפסט זיי ניט העלפען — האָט ער זיך אַנגערופען צו איהר אין אַ העפליכען טאָן — זיי קענען אַליין אַלעס טהאָן.

— וויא אַ געטליכע מיזיק האָבען אין איהרע אויערע, יעצט דיעזע ווערטער געקלונגען. ער האָט איהר געזאָגט „דו"... איהר געזיכט האָט גענומען שטאַרק פלאַמען, זיא איז געווען בעטויבט פון פלעצליכען גליק. זיא האָט אויפגעהויבען אויף איהם איהרע צויבערליכע אויגען און געזאָגט:

— איך טהו דאָך ניט קיין שווערע אַרבייט. אין געשמאַק־זאַכען קען מען זיך אויף קיין פרעמדע מענשען ניט פערלאָזען. געפעלט...

זיא איז געוואָרען צוטומעלט, ניט וויסענדיג וויא אַזוי צו איהם יעצט צו ריידען; צי דוצען איהם אָדער איהרצען. ער האָט בעמערקט איהר פערלעגענהייט און ער האָט איהר געגעבען דייטליכע אָנצוהערענעס, אַז זיא מעג איהם דוצען, פונקט וויא ער איהר, זאָגענדיג:

— דו ווילסט אודאי פרעגען, אויב מיר געפעלט וויא דיא רומס זיינען אויפגעפיקסט.

ער האָט שטאַרק בעטאָנט דעם וואָרט „דו".

— יאָ — האָט זיא געענטפערט, ווערענדיג נאָך רויטער און אַרונטערלאָזענדיג דיא אויגען.

בערטהאַ האָט זיך אין דיעזען מאָמענט געפיהלט דיא גליקליכסטע פרויענצימער אויף דיא וועלט. עס האָט אָבער ניט לאַנג גענומען וויא דיעזער גליק איז פון איהר פערשוואונדען, אַזוי ווי אַ בייזער שטורםווינד וואָלט עס געווען פון איהר אוועקגערויבט. ווען דיא דיענסטען זיינען אַרויס פון צימער, אום עטוואָס אַריינצוברייגען, האָט ראַטער זיך צו איהר געווענדעט אין אַ קאַלטען טאָן, וועלכער האָט אַריינגעיאָגט אַ פראָסט אין בערטהאַ'ס האַרצען:

— איהר זייט דאָך ניט אין כעס וואָרום איך פאָהר מאָרגען אוועק. איך מוז פאָהרען. דיא ביזנעס, יו נאָו...

— איך בין ניט אין כעס — האָט זיא געזאָגט, אָנשטריינגענדיג אַלע איהרע כוחות זיך צו האַלטען רוהיג — איך האָב דאָך אייך פריהער געזאָגט, אַז איהר זאָלט פאָהרען. אָבער דיא מאַמע מוז דאָך אויך פאָהרען. עס האַנדעלט זיך דאָך אום איהר געזונד.

— זיא קען אָפּלייגען דיא רייזע אַ וואָך, ביז מאָנטאָג אַם וויינינגסטען, ווען איך וועל שוין זיין צוריק — האָט ער געזאָגט אין דעם זעלבען קאַלטען טאָן.

דיא דיענסטען זיינען צוריק אַריינגעקומען. ער האָט גלייך איבערגעביטען דעם טאָן און געזאָגט:

— וואו איז דיא מאַמע? קום אַביסעל פאַר אַ וואָק. עס איז אַזוי שעהן דרויסען.

— זיא איז דאָ ערשט געווען און איז נאָר וואָס אַרויסגעגאַנגען — האָט זיא געענטפערט און גענומען געהן צו דער טהיר.

זיא האָט שוין יעצט געזעהן וויא אַזוי זייער לעבען וועט צו־זעהן. פאַר פרעמדע מענשען אין דיא אויגען וועלען זיי זיך דוצען, וויא געוועהנליך מאַן און פרוי, און צווישען זיך, אונטער פיער אויגען, וועלען זיי זיך איהרצען. וויא פרעמדע מענשען, צומאָל ניט וויא גוטע, אינטימע פריינד...

— איז זיא געווען אין כעס?

— ניין. זיא האָט דאָס ערוואַרטעט און זיא האָט דאַרום ניט געהאַט פאַר וואָס אין כעס צו זיין. „איך וועל דיין ליעבע געווינען" — האָט זיא געזאָגט צו זיך אין האַרצען, אַרויסגעהענדיג מיט איהם פון צימער.

דאָס זעלבע האָט זיא געזאָגט צו זיך צעהנדליגע מאָל דורכ'ן טאָג פאַר דיא לעצטע עטליכע מאָנאַטען.

ווען זיי זיינען געווען אין האָלל, האָט זיא זיך ענטשולדיגט פאַר איהם, אַז זיא

מוז צוריק אריינגעהן, אום עטוואס צו זא־
גען דיא דיענסטען, און איז שנעל אוועק.

ווען זיא איז ארויסגעקומען, האט ער איהר געפרעגט:

— האט איהר שוין אייערע רומס אויפגעפיקסט?

— ניין — האט זיא געענטפערט — איך האב זיי טאקע געהייסען, אז ווען זיי וועלען פארטיג ווערען, זאלען זיי זיך נעהמען צו דיא אויבערשטע רומס.

— וואו איז דיא מאמע? — האט ער ווידער געפרעגט, ארומקוקענדיג זיך פון אלע זייטען.

ארויסקומענדיג דרויסען, האבען זיי געטראפען שטעהן דיא אלמנה א פערזויי־קענע אין גרדאנקען.

— מיר זוכען דיך ארום — האט ער צו איהר געזאגט און דו שטעהסט גאר דא. וואס שטעהסטו עפעס אליין?

— איך בין אין כעס אויף דיר, מאיר, האט זיא געזאגט מיט הארץ.

— האסט ניט וואס אין כעס צו זיין —האט ער זיך פערענטפערט פאר איהר.

און ווענדענדיג זיך צו דער יונגער ווייבעל, האט ער צוגעגעבען:

— זאג דו, בערטהא, דארף איך ניט פאהרען?

די מוטער האט זיי ביידען אנגעקוקט ערשטוינט און איהרע אויגען האבען גע־נומען שטראהלען פון גליק. זיא איז גע־שטאנען מיט אן גפענע מויל, ניט גלויי־בענדיג איהרע אייגענע אויערן וואס זיא האט יעצט געהערט. זיא האט זיך געוואלט איבערצייגען, צי זיא האט דא קיין טעות ניט און זיא האט שנעל געפרעגט:

— און דו זאגסט אויך אז ער דארף פאהרען? דו ווייסט דאך, וואס אין שאפ טהוט זיך, פונקט וויא ער. קען מען אהן איהם ניט אויסקומען? קען ער ניט געבען קיין ארדערס פון דאנען?

— אז ער האט ניט אלעם אראנזשירט פריהער, מוז ער אליין פאהרען און איבער־לאזען ארדערס צום סופעראינטענדענט.
— האט זיא געזאגט.

דיא אלמנה איז אבער ניט צופריעדען געווען מיט דיעזען אנטווארט. ניט דאס האט זיא געוואלט וויסען. זיא האט גע־

וואלט הערען, וויא זיי דוצען זיך. מאיר און בערטהא האבען גאנץ גוט פערשטאנען איהר כונה, ווען זיא האט געשטעלט דיא פריהעריגע פראגע. ער האט געוואלט דיא מוטער בערוהיגען און ער האט זיך אנגע־רופען צו בערטהא׳ן:

— דיא דיענסטען ווייסען דאך שוין, וואס זיי האבען צו טהאן, דו האסט דאך זיי געגעבען ארדערס, טא קום, לאמיר נעהמען א וואק.

— וואו ווילסטו געהן? — האט זיא איהם אומינשע געפרעגט, כדי דיא מוטער זאל הערען, אז זיא דוצט איהם אויך.

דיא אלטע מיסעס ראטער איז יעצט געווען אויסער זיך פון גליק, און איהרע אויגען האבען זיך טרעהרען בעוויזען. „דיין וואונש איז פערווירקליכט געווא־רען" — האט זיא געזאגט צו זיך אין הארד־צען. טראכטענדיג וועגען איהר פערשטאר־בענעם מאן — „זיי האבען זיך ליעב".

זיא האט א כאפ געטהאן דעם זוהן אונטער איין ארעם און דיא שנור אונטער־דעם אנדערען, און האט זיי א בעגייס־טערטע געצויגען מיט זיך, זאגענדיג:

— קומט, קינדערלאך, לאמיר נעהמען א שפאציער. עס איז אזא שעהנער וועט־טער.

דאן האט זיא זיך געווענדעט צום זוהן מיט א שטימע, וועלכע האט געציי־טערט פון שמחה:

— זיי א גוד באי, מאיר לעבען, און איך וועל דיך נאך מעהר ליעב האבען. איך וועל דא בלייבען, ביז דו וועסט קו־מען. מאנטאג וועל איך אוועקפאהרען. אבער זעה אלעס צו בעזארגען אזוי, אז דו זאלסט שוין דא קענען פערבלייבען איבער דעם גאנצען זומער.

ער האט עפעס געוואלט זאגען, אבער ער האט זיך צוריקגעהאלטען.

צו דער אלמנה׳ס גליק איז יעצט קיין גרענעץ ניט געווען. זיא איז געגאנגען מיט זיי געארעמט און האט געשטיפט, גע־שפאסט, ווענדענדיג זיך דאס צים זוהן, דאס צו בערטהא׳ן גאר ניט פערדעכטי־גענדיג, אז די הערצער פון איהרע בעגליי־טער זיינען ווייט, ווייט פון איהר פרעה־ליכקייט, אז זייערע הערצער זיינען יעצט

בעשווערט, אזוי וויא זיי וואָלטען אנשטאָט מיט בלוט, מיט בליי אנגעגאָסען געוועזן....

דער שווארצער הויז־קיפּער, א יונגער, פּרעהליכער, לוסטיגער און קלוגער חברה־מאַן, וועלכער האָט גערעדט אידיש, וויא א געבאָרענער איד, ווייל ער איז פון קינדווייז אָן אויפגעהאָדעוועט געוואָרען צווישען אידען, איז אריין אין דיא צימערען, וואו דיא דיענסטען האָבען געטהאָן זייער ארבייט און ער האָט צו זיי געזאָגט:

— דיא ערשטע כּפּרה בין איך געוועזן. איהר האָט געהערט, וויא דער באָס האָט זיך דאָס ביסעל צובייזערט אויף מיר. ער איז עפּעס ניט אין קיין גוטען הומאָר. דער יונגער בעל הבית'על ערשט נעכטען חתונה געהאַט און ער איז שוין איז כּעס.

— האָט ער געמאַכט א ציניש׳ע מינע און א וואונק טהוענדיג מיט אן אויג צו איינע פון דיא מיידלאך — קענסט מיר ניט זאָגען, בעססי, — האָט ער פערשייט שמייכלענדיג גענומען דיא מיידעל פאר דיא האַנד — וואָרום אונזער באָס איז אין כּעס? דו ביזט דאָך ניט קיין נארר, בעססי.

— געה מיר אין דר'ערד אריין, פּאַסקודניאַק! — האָט איהם דיא מיידעל געגעבען א קלאַפּ איבער דיא האַנד!

— אין דער אדמה אריין זאָגט מען ביי אונז אין שניפּישאָק! — האָט דער שווארצער וויצלינג געזאָגט, צולאַכענדיג זיך און ווייזענדיג צוויי שורות ווייסע, געזונדע ציינער — טאַקע, זאָג מיר, בעססי, פאַר וואס איז אונזער באָס אזוי אין כּעס? ער האָט דאָך אזא יונגע, שעהנע ווייבעל!

דאַן האָט ער זיך געווענדעט, נאכאהמענדיג וויא א ליטוואַק רעדט, צו דער צווייטער מיידעל, וועלכע האָט זיך געשטיקט פון געלעכטער:

— זאָג־זשע, דו, ליטוואַק, וואָרום איז מיסטער ראָטער אין כּעס. אז מען האָט חתונה, דאַרף מען זיין אין כּעס? אויב אזוי וועל איך קיינמאָל ניט הייראַטען. איך האָב שוין געדיינקט אויסצוקלייבען זיך איינע פון אייך פאר א כּלה, יעצט — נאָ מאָר. איך בלייב אן אלטער בחור, איך וועל קיינמאָל ניט הייראַטען.

ער האָט א כאַפּ געטהאָן ביידע מיידלאך אין זיינע געזונדע אָרעמס און גענומען מיט זיי טאנצען איבער'ן צימער, צוזינגענדיג:

„מיי וואיף איז עוויי אין דהי קאונטרי הוררייי! הוררייי!“

דיא מיידלאך האָבען זיך אייכגעריסען פון איהם און האָבען, קייכענדיג פון געלעכטער, זיך ווייטער גענומען צו זייער ארבייט, ווערהענד דער הויז־קיפּער, וועלכער איז אויך געוועזן דער שאָפער (אויטאָמאָביל דרייווער), האָט זיך ווייטער גענומען וויצלען:

— אויפ'ן סטיישאָן, ווען דער באָס מיט זיין יונגער ווייבעל זיינען ארונטער פון טריין, האָב איך גלייך דערקענט, אז עפּעס איז דאָ ניט קיין גלאַטער עסק; ער האָט זיך גלייך גענומען טשעפּען צו מיר. חתונה האָבען מוז־זיין ניט קיין גוטע זאַך, אז מען איז דעם ערשטען טאָג שוין אזוי בייז. איך וועל קיינמאָל ניט הייראַטהען און איהר פאָלגט מיך, האָט אויך ניט חתונה. איך געה ווערען א מעמבער פון דער סאָסייעטי פון „דיא פיינדע פון הייראַטה“ און אויב איהר ווילט, וועל איך אייך אויך דאָרטען פאַרשלאָגען פאר מעמבערס.

דיא מיידלעך האָבען זיך ווידער פארנאַנדערגעלאַכט און איינע פון זיי, דיא ליטוואַטשקע, האָט זיך אָפּגערופען.

— דוא האָסט רעכט, דזשאָרדזש. עפּעס איז טאַקע דאָ ניט גלאַט. די רומס וועלען זיין פאר דעם באָס און דיא מיסעס וועט וואָהנען אָפּ־סטערז. ווען מיר וועלען דאָ פערטיג ווערען, וועלען מיר זיך נעהמען אויפצופיקסען דיא אויבערשטע רומס. זיא האָט געהייסען דיא עקספּרעסלייט אַלע איהרע זאַכען ארויפטראָגען אויבען.

— זעהט איהר שוין, אז איך האָב אַן אויג און ווייס וואָס עס טהוט זיך אויף דער וועלט! — האָט דער לוסטיגער ניגער אויסגעשריען מיט א טאָן פון שטאָלץ — איך זאָג אייך, קינדער, מיר וועלען דאָ האָבען פאָן.

און ער האָט זיך ווידער שטאַרק צולאַכט אויפ'ן קול.

— אויב עס איז טאקע אזוי וויא איהר זאָגט — האָט זיך דיא צווייטע דיענסט מיידעל אָפּגערופען — איז נעבעך אויף דער יונגער ווייבעל א גרויסער רחמנות. זיא איז אזא שעהנע און זיא שיינט צו זיין א גוטהערציגע, אן עדעלע. דער באָס פּאָהרט מאָרגען אוועק קיין ניויארק און דיא אַלטע מיסעס פּאָהרט אויך אוועק. זיא וועט ערשט צוריק קומען אין א מאָנאַט ארום. איך האָב פריהער געהערט פון הינטער דער טהיר וויא זיי האָבען גערעדט צווישען זיך וועגען דעם. די אַלטע האָט זיך געבעטען ביים זוהן, ער זאָל ניט פּאָהרען. אז דיא יונגע מאַדאַם איז ניט ביי קיין פריילכען מוטה, האָט מען געקענט זעהען, ווען זיא איז דאָ פריהער מיט אונז געוועזן. זיא האָט געהאַלטען אין איין זיפצען.

— אויב זיא וועט זיין גוט צו אונז, וועלען מיר זיין צו איהר נאָך בעסער — האָט זיך דיא צווייטע מיידעל אָפּגערופען אין א טאָן פון מיט־געפיהל, און מיר שיינט אויך, אז זיא איז א גוטע.

—איך בין אייך מקנא וואָס איהר וועט איהר בעדיענען — האָט דער הויזקיפּער געזאָגט מיט א שמייכעל — עס איז גוט צו האָבען אזא שעהנע מיסעס...

— געה מיר אין דער ערד אריין, דזשאָרדזש — האָט איהם איינע פון דיא מיידלעך אָפּגעשטויסען פון זיך — טראָג זיך ארויס פון ־אנען. מיר דארפען ארבייטען.

— איז דאס אמת, דזשאָרדזש, דער באָס האָט דיר געגעבען דיא טשעק? — האָט איהם דיא אַנדערע דיענסט־מיידעל געפרעגט.

— ער האָט זיך געקאָכט, האָט ער מיר געגעבען דיא טשעק. דאָס איז ניט צום ערשטען מאָל. טאָמער וועל איך וועלען אוועקגיין, וועט ער מיר ניט לאָזען — האָט ער געענטפערט מיט שטאָלץ. ער איז א גוד באָי, נאָר אז ער ווערט אין כעס, רעדט ער וואָס מען דארף ניט.

אויפ'ן וועג האָט דיא פאמיליע בעגעגענט בעקאַנטע, וועלכע האָבען דאָרטען געוואָהנט אין שכנות. ראָטער האָט פאָרגעשטעלט זיין יונגע ווייבעל, און זיי האָבען אַללע שפּאַציערט צוזאַמען. ביסלעכווייז איז דיא קאָמפּאַני אַלץ גרעסער געוואָרען. וואָס ווייטער זיי זיינען געגאַנגען, האָבען זיי אַלץ מעהר בעקאַנטע בעגעגענט.

דער יונגער ראָטער איז געוועזן פריילּיך, אויפגעלייגט: ער האָט פאר יעדען פאָרגעשטעלט זיין פרוי און מען האָט זיי געוואונשען גליק. ביי דער מוטער האָט דיא הארץ געטאַנצט פון שמחה. בערטהא'ס הארץ איז אָבער געוועזן זעהר פערטרויערט. זיא האָט דאָך גוט געוואוסט, אז דיעזע פריילּיכקייט זיינע איז בלויז א געמאַכטע, ניט קיין ערנסטע. אָבער זי האָט זיך אָנגעשטריינגט צו זיין פריילּיך און זיא האָט דיעזע ראָלע איהרע דורכגעפיהרט וויא א וואהרע קינסטלערין, וויא א גרויסע אַקטריסע. א קוק כהאָנדיג אויף איהר יעצט, האָט יעדער אַנדערש ניט געקענט מיינען אז זיא איז דיא גליקליכסטע פרוי אויף דער וועלט.

יא, פיעלע אזעלכע אַקטריסעס און אַקטיאָרען בעגעגענען מיר היינטיגע צייטען אויף דער סצענע פון לעבען; כמעט אויף יעדען טריט און שריט בעגעגענען מיר זיי....

עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען איינלאַדונגען. איין פאַמיליע האָט פערבעטען דיא גאַנצע קאָמפּאַניע צו זיך אויף סאַפּער. אן אנדערע פאַמיליע האָט פארבעטען אויף אַן אַנדערס מאָל. ראָטער האָט אוועקגענומען דיא מוטער אן א זייט און געזאָגט צו איהר:

— מאַמע, מיר מוזען דאָך זיי אויך איינלאַדען צו א וועדינג פּארטהי. איך האָב גאָר געהאַט פערגעסען אן דעם. ווען זאָלען מיר דאס מאַכען?

— געוויס דארפסטו מאַכען א „וועדינג פּארטהי“ און מען וועט מוזען אויך איינלאַדען געסט פון נויארק, און זיי וועלען אַללע קומען.

ער איז געוואָרען אויפגערעגט, אבער ער האָט זיך מיט אָנשטריינגונג באַלד

בערוהיגט. האט צוגערופען בערטהא'ן און געזאגט:

— איך רעד דא מיט דער מאמען וועגען א „וועדינג פארטהי". עס איז מיר נאר ארויס פון זינען. וועז דיינקסטו זא־לען מיר דאס מאכען?

איהר געזיכט האט גענומען שטראה־לען פון פרייד און איהרע וואונדער שעה־נע אויגען האבען אויסגעדרוקט די שמחה וואס האט פלעצליך ארומגענומען איהר הארץ. „ער וויל מאכען א וועדינג פארטהי"! — האט זיא אין הארצען גע־כראכט. ער האט אליין וועגען דעם דער־מאהנט און ער בעראטה זיך מיט איהר וועגען די אררענדזשעמענטס! אלזא איהר טרוים, איהר אידעאל ווערט פערווירקליכט! ווער אין דער וועלט קען זיך יעצט צו איהר גליק פערגלייכען!

זיא האט א כאפ געטהאן זיין האנד און איהר הייס געדרוקט. איהר גליק, איהרע געפיהלען האט זיא איהם איבער־געגעבען אין דיעזען הייסען האנד־דרוק.

ארימע, ארימע בערטהא! יעדער ניעדערגעשלאגענער, יעדער פערביטער־טער מענש, קוים זעהט ער נאר איין ברייבדליכע מינע פון אימיצען, קוים הערט ער איין פריינדליכען ווארט, מיינט ער, אז דיא גאנצע וועלט איז צו איהם פריינדליך, אז אללע פיהלען מיט איהם מיט... זיא איז געווען אזוי פערביטערט, אזוי ניעדערגעשלאגען, אז, הערענדיג יעצט פון איהר מאן, אז ער גייט מאכען א וועדינג פארטהי און איינלאדען געסט, האט זיא געמיינט, אז זיא האט־שוין זיין ליעבע געוואונען, אז איהר אידעאל איז ענדליך געווארען א ווירקליכקייט. זיא איז געווען אזוי בערוישט, בעטויבט פון גליק, אז זיא איז געשטאנען וויא פער־נאפט און האט קיין ווארט ניט געקענט ריידען.

— וואס־זשע זאגסטו בערטהא? — האט ער ווידער איהר געפרעגט.

זיא האט אויף איהם א קוק געטהאן מיט ליעבענדע בליקען און געענטפערט:

— איך דיינק, אז מיר מוזען דאס אררענדזשירען אויף זונטאג. היינט און מארגען וועט מען נאך זיין ביזי מיט דעם אויפפיקסען דיא הויז. צווייטענס, פאהרסטו דאך אוועק. וואס זאגט איהר, שוויעגער? — האט זיא געפרעגט ביי דער אלמנה, וועלכע האט דיא גאנצע צייט פון איהר און פון דעם זוהן איהרע אויגען ניט ארונטערגענומען.

— געוויס איז דיא פאסענדסטע צייט זונטאג — האט מאיר'ס מוטער געענטפערט, און מען דארף זיי טאקע שוין איינלאדען. דיא איבעריגע געסט וועסטו פון נויארק ארויסשיקען אינווי־טיישאנס.

זיי האבען זיך צוריקגעקעהרט צו דער קאמפאני. ראטער האט אלעמען איינגעלאדען אויף דעם קומענדען זונטאג צו דער פארטהי. דער עולם האט מיט א פרייליכען אפלאדיסמענט אויפגענומען דיא איינלאדונג. כמעט אללעמענס בלי־קען זיינען געווען געווענדעט אויף בערטהא'ן, וועלכע איז יעצט געווען פיעל שעהנער וויא געוועהנליך. איהר בעצווי־בערענד־שעהנע געזיכט האט מיט גליק געשטראהלט און פון איהרע פראכטפאלע אויגען האט ליעבע געשפראצט.

— אך, וויא שעהן זיא איז! — האבען מאנכע פון דיא קאמפאני געמור־מעלט אין דער שטיל איינע צו דיא אנ־דערע — זיא וועט זיין דיא קווין פון דעם סיזאן.

— עפעס האט מען גערעדט, אז ער האט ניט אזוי שטארק געוואלט מיט איהר הייראטהען — האט א יונגע ווייבעל בע־מערקט אין דער שטיל — נאר ער האט זיך ניט געקענט העלפען, ווייל זיין פא־טער האט איבערגעלאזען א צוואה, אז אויב ער וועט איהר ניט הייראטהען, בע־קומט ער קיין איין סענט ניט ירושה.

עס האט זיך באלד ענטוויקעלט א שטילער געשפרעך איבער דיזער טהעמא, אבער אללע זיינען ענדליך געקומען צום בעשלוס, אז יעצט מוז דער יונגער־מאן טשיק זיך פיהלען גליקליך מיט זיין אזא סערגעוועהנליך שעהנע פרוי.

האט זיך ראטער ווירקליך אזוי געפיהלט ?

דאס וועלען דיא לעזער שפעטער זעהען.

אויף מארגען איז ראטער געפאהרען קיין נויארק. דיא מוטער האט איהם מיטגעגעבען זעהר פיעל ארדערס צו בעזארגען פאר דער פארטהי. ביים געזעגנען זיך מיט בערטהא'ן, האט ער צו איהר געזאגט אין א קאלטען טאן :

— איך האף, אז איהר וועט זיך דא ניט לאנגוויילען.

וויא מיט מעסער האבען דיזע ווערטער זיינע איהר דארץ געשניטען. זי איז אבער געבליבען שטיל און האט בלויז איף איהם געקוקט מיט טרויעריגע בליקען, וועלכע האבען געקענט ארויסרופען ירחמנות אין דער הארץ פון א גזלן.

בערטהא האט זיך ניט געלאנגווילט. זיא, מיט דער אלטער מיכעם ראטער זיינען כמעט דעם גאנצען טאג געווען ביזי מיט'ן צוגרייטען זיך צו דער פארטהי. זיא האט איהרע געפיהלען פערטויבט אין דער ארבייט. אבענדס זיינען זיי איינגעלאדען געווארען יעדען מאל פון אנדערע שכנים. אין פערלויף פון א פאר טעג האט בערטהא אללעמען אלס איהרע פריינד געקויפט. מילא, פון מענער איז אפגערעדט. דיעזע זיינען ענטציקט געווארע פון איהר שעהנקייט אין דער ערשטער סעקונדע וואס זיי האבען איהר נאר דערזעהען. און זיי זיינען געווען גליקליך, ווען זיא האט אויף זיי א קוק געטהאן מיט איהרע צויבערליכע אויגען. ווען זיא האט צו זיי א ווארט אויסגערעדט. אבער זיא האט אויך געוואונען דיא פריינדשאפט פון אללע פרויען, וואס האבען זיך דארטען געפונען. דיעזע האט בערטהא צוגעצויגען צו זיך מיט איהר אפנהערציגקייט און קלוגען פערשטאנד. דיא שכנים זיינען אללע געווען פון רייכערען קלאס — מאנופעקטשורערס און ביזנעס לייט. עס האט זיך דארטען אויך געפונען א אידישער אקטיאר מיט זיין פאמיליע, וועלכער איז אויך געווען פערמעגליך.

שבת נאכמיטאג איז בערטהא מיט דער שוויגער געפאהרען צום סטיישאן בעגעגענען מאיר'ן. ער האט אין דער פריה געשיקט א טעלעגראמע מיט וועלכער טריין ער וועט קומען. זיי האבען דארט בעגעגענט נאך פרויען, וועלכע האבען ערווארטעט זייערע מאנען פון ניו יארק. ביי בערטהא'ן איז דיא הארץ איינגעפאלען פון ווייטאג, דערזעהענדיג דיעזע פרויען. זי האט זיך פארגעשטעלט וויא דיא טריין וועט קומען, יענע פרויענס מאנען וועלען צולויפען צו זיי, זיך צוקושען און איהר מאן — ער וועט אפשר אויף איהר א קוק טהאן.... זיא איז שוין געווען בערייט צו זאגען דיא שוויגער, אז זיא וויל אהיים פאהרען, אז זיא פיהלט עפעס ניט גוט. באלד א ער האט זיא געביטען איהר בעשלוס. „ער וועט זיין העפליך צו מיר" האט זיא ביי זיך געטראכט — ער וועט דערזעהען פרעמדע מענשען און פאר פרעמדע מענשען איז ער דאך אזוי גוט, אזוי העפליך צו מיר"!..

און עס איז ווירקליך אזוי געווען. ווען דיא טריין האט זיך אפגעשטעלט, איז ראטער שנעל ארויסגעשפרונגען מיט צוויי גרויסע בוקעטען בלומען אין האנד. ער איז צוגעגאנגען צו דיא מוטער, זיך צוקושט מיט איהר און איהר דערלאנגט דיא בלומען, דאן האט ער אויך לייכט אנגערירט מיט זיינע ליפען בערטהא'ס געזיכט אזוי, אז פון ווייטען האט מען געקענט מיינען, אז ער קושט איהר ווירקליך און, געבענדיג איהר דעם בוקעט, האט ער געפרעגט.

— וואס מאכט איהר, וויא האט איהר דא פערבראכט ?

ביי דער מוטער האט דיא הארץ געטאנצט פון שמחה. ער האט בערטהא'ן געקושט, ער האט איהר ליעב. אך, וויא גליקליך זיא האט זיך יעצט געפיהלט !

זיא האט ארומגעהאלזט דעם זוהן און קושענדיג איהם הייס, האט זיא געזאגט :

— מיר האבען זעהר פיין פערבראכט, אבער מיר האבען זעהר שטארק געבענקט נאך דיר, דוא בעדער באי. ניט וואהר, אז מיר האבען געבענקט נאך איהם, בערטהא ? — האט זיא זיך געווענדעט צו דער שנור.

בערטהא איז געשטאנען מיט דעם בוקעט בלומען אין האנד און מיט ארונטערגעלאזענע אויגען. איהר הארץ האט האסטיג געקלאפט און זיא האט שווער געאטהעמט. אה, וויא גליקליך זיא איז געווען אין דער איינער סעקונדע, ווען ער האט צוגעריהרט זיינע ליפען צו איהר געזיכט. אבער ווען זיא האט זייער איינקאלטקייט דערשפירט, האט זיך איהר געדוכט, אז דאס האט א טויטער זיינע ליפען צו איהר געזיכט צוגעליינט... זיא האט זיך יעצט געפיהלט וויא איינער, וועלכער דראפעט זיך שטונדען לאנג אויף א בארג, אום זיין שפיץ צו ערייכען, און ווען ער קומט שוין צו איהם ענדליך צו, ווערט ער פלוצלונג צוריק ארונטערגעשליידערט אין א טיעפען אבגרונד...

דערהערענדיג דער שוויגער'ס פראגע, האט זיא וויא פון א טיעפען חלום ערוואכט. זיא האט געקלעהרט וואס צו ענטפערען. אבער דיא אלטע מיסעס האט ווייטער גערעדט:

— אבער יעצט האסטו שוין אלעס ארראנזשירט, אז דו זאלסט ניט דארפען פאהרען קיין ניו יארק? איך האב זעהר געליטען וואס דו ביזט אוועקגעפאהרען און וויא בערטהא האט געפיהלט, דארף איך דאך דיר ניט זאגען.

בערטהא האט אין הארצען געפיהלט טיעפע דאנקבארקייט צו דער עדעלער פרוי פאר דיעזע רייד איהרע. אבער וויא גליקליך וואלט זיא זיך געפיהלט, ווען ער זאל איהר אליין פרעגען וויא זיא האט געפיהלט דורך דער צייט וואס ער איז דא ניט געווען! זיא וואלט איהם מיט איהר אייגען מויל געזאגט וויא שטארק, וויא שרעקליך זיא האט געבענקט נאך איהם; אז זיא האט גאנצע נעכט ניט געשלאפען און האט נאר געטראכט וועגען איהם; אז זיא האט טייכען טרעהרען פארגאסען. ניין, זיא וואלט איהם אלע איהרע געפיהלען ניט געקענט איבערגעבען... עס זיינען גאר קיין ווערטער ניטא אין קיין שפראך, וואס זאלען ריכטיג קענען שילדערען איהרע געפיהלען... ער האט איהר אבער וועגען דעם קיין ווארט ניט געפרעגט. ער האט געענטפערט דער מוטער:

— איין טאג אין דער וואך וועל איך מוזען זיין אין ניו יארק. מען קען זיך ניט פערלאזען אין גאנצען אויף פרעמדע מענשען, מעגען זיי זיין ווי טריי, וויא איבערגעבען, וויא עהרליך.

דאן האט ער אנגענומעןביידע פרויען אונטער'ן ארם און איז מיט זיי צוגעגאנגען צום אוטאמאביל, זיי געהאלפען אריינזעצען זיך און זיי זיינען אהיים געפאהרען.

וויא אן עלעקטרישער שטראם איז דורכגעלאפען איבער בערטהא'ס קערפער, ווען זיא האט דערפיהלט זיין ארם ארומגענומען ארום איהרען...

אהיים קומענדיג האבען דיא פרויען גענומען מאכען דיא לעצטע פארבערייטונגען צו דער מארגעדיגער פארטי. בערטהא האט אוועקגעלייגט דיא בלומען ביי זיך אין בעד־רום און האט זיי מיט הייסע טרעהרען בעגאסען. דאס זיינען ניט געווען קיין בלומען וואס א געליעבטער ברייגט זיין געליעבטע; ער האט איהר דיעזע בלומען געבראכט אום יוצא צו זיין, ווייל דיא אנדערע מענער, וועלכע זיינען מיט איהם געפאהרען אויף דער זעלבער טריין, האבען אויך פאר זייערע פרויען בלומען געפיהרט. אבער וואס פאר א געוואלדיגער אונטערשיעד עס איז צווישען דיעזע בלומען און זייערע! זיא האט געקוקט אויף דעם בוקעט וויא אן אריכאן קוקט אויף א שעהנע נדבה, וואס ער בעקומט פון א רייכען... אבער זיא האט זיך גלייך גענומען צו דער ארבייט, אום זיך צו פערטויבען, צו פארגעסען...

אבענדס, ביים סאפער, האט ראטער ארויסגענומען פון פאקעט א באקסעל, וועלכע ער האט געעפענט און אוועקגעשטעלט פאר בערטהא'ן, זאגענדיג:

— דאס האב איך פאר אייך געקויפט פאר דיא מארגעדיגע פארטהי.

פון דעם באקסעל האבען ארויסגעבלישצעט טהייערע דיאמאנטען. בערטהא'ס אויגען האבען יעצט געגלאנצט שעהנער וויא דיא טהייערע שטיינער און איהר געזיכט האט געשטראהלט פון גליק.

דיא מוטער האט ארויסגענומען דיא דזשולערי, עס בעטראכט און דערנאך עס אנגעטהאן אויף בערטהא'ן, זאגענדיג אין א ציטערענדען קול:

— זאלסט עס טראגען געזונטערהייד און איהר זאלט זיין גליקליך.

בערטהא האט א ליעבליכען בליק געווארפען אויף איהר מאן, וועלכער איז געזעסען מיט א גלייכגילטיגע מינע, אזוי וויא איינער וועלכער האט אויסגעצאהלט א וועקסעל, א חוב...

— וואס קאסט דאס? — האט איהם דיא מוטער געפרעגט.

— וויפיעל דענקסטו איז דאס ווערטה?

— איך ווייס? איך האב שוין לאנג ניט געקויפט קיין דזשולערי.

— דיא צוויי רינגען קאסטען זיעבען הונדערט דאלאר — האט ער ערקלעהרט — דיא בראש, פינף הונדערט דאלאר און דער ברייסלעט, דריי הונדערט.

— זאלסט עס טראגען געזונטערהייד — האט זיך דיא מוטער ווידער געווענדעט צו בערטהא'ן — זיי געפעלען דיר?

— יא, זיי זיינען זעהר שעהן — האט זיא קורץ געענטפערט.

איהר טאן איז געווען א גלייכגילטיגער. ניט קיין דיעמענטען האבען איהר יעצט געפעהלט צו איהר גליק. דיא מהייערסטע, דיא קאסטבארסטע שטיינער וואלט זיא אוועקגעגעבען פאר איין פרעהליכע מינע פון איהר מאן, פאר איין ליעבליכען ווארט זיינעם.

ער האט בעמערקט איהר גלייכגילטיגקייט צו דיא פרעזענטען און ער האט געזאגט:

— איך האב דאס געדארפט נאך פריהער קויפען, איך בין אבער געווען ביזי.... מארגען צו דער פארטי וועלען אלע געסט זיין בעהאנגען מיט דזשולערי, האב איך דאס געקויפט, אום דו זאלסט זיך ניט האבען געגען זיי וואס צו שעהמען.

ער האט זיך אויפגעהויבען פון טיש און איז ארויסגעגאנגען פון עסס־צימער.

— דו זעהסט, אז ער איז שוין יעצט

פריינדליכער וויא פריהער — האט דיא מוטער מיט געפיהל זיך אפגערופען — נאך עטליכע טעג און ער וועט דיך ליעבען און איהר וועט ביידע זיין גליקליך.

— דאס איז דאך מיין איינציגע האפנונג — האט בערטהא טרויעריג בעמערקט.

זיי זיינען נאך געזעסען א היבשע ווילע. זיי האבען גערעדט וועגען דיא מארגעדיגע פארטי, וואס פאר א קליידער זיי זאלען טראגען. ענדליך האט זיך דיא מוטער אויפגעשטעלט און געזאגט:

— וואו איז ער ערגעץ אוועקגעגאנגען? איך וויל שוין געהן שלאפען, איך בין מיעד.

זיא האט א דריק געטהאן אן עלעקטרישע גלעקעל. א דיענסט איז באלד אריינגעקומען.

— וואו איז מיסטער ראטער? — האט זיא איהר געפרעגט.

— איך ווייס ניט — האט דיא דיענסט געענטפערט.

— זעה צי ער איז ביי זיך אין רום. אויב יא, בעט איהם, ער זאל אהער אריינקימען—האט זיא צו איהר געזאגט.

דיא דיענסט איז ארויסגעגאנגען און איז באלד צוריק אריינגעקומען, זאגענדיג:

— ער איז דארט ניטא.

זיא האט איהר געגעבען א צייכען, אז זיא קען אוועקגעהן און ווען דיא דיענסט האט פערלאזען דיא רום, האט זיא זיך געווענדעט צו בערטהא'ן, וועלכע איז געזעסען פערזונקען אין געדאנקען.

— איך געה זיך לייגען. ער וועט נאך דא אודאי אריינקומען.ווארט אויף איהם...

— איהר קענט זיך געהן, שוויעגער— האט זיא זיך אפגערופען. איך וועל נאך דא זיצען א ווילע און! וועל זיך אויך לייגען שלאפען.

— ווארט דא אויף איהם—האט זיא זיך וויא געבעטען ביי איהר—ער וועט זיכער באלד אריינקומען אהער...

זיא האט איהר געזאגט א גוטע נאכט

ניט דער זעלבער, אז ער איז צו די:זין איז ארויס.

בערטהא האט אויסגעטהאן דיא דזשולרי, אוועקגעלייגט עס מיט א גלייכגילטיגקייט אויף דעם טיש און האט זיך ווידער טיעף פערטראכט, קוקענדיג אויף דיא טהייערע שטיינער.

— עס זיינען ערשט עטליכע טעג פאראיבער זינד דיא חתונה—האט זיא געטראכט—און איך האב שוין אזוי פיעל צרות איבערגעלעבט. וויא פיעל נאך צרות וועל איך מוזען אריבערטראגען ביז איך וועל זיין ליעבע געווינען! וועל איך האבען קרעפטען דיעזע אללע צרות אריבערצוטראגען?

איהרע געדאנקען זיינען פלוצלונג איבערגעריסען געווארען. זיא האט דערהערט ראטער'ס טריט אין דיא האלל. זיא האט אויפגעציטערט. דיא טריט האבען זיך דערנעהנטערט צו דעם דיינינג־רום.

— ער געהט אהער!—האט זיא געזאגט צו זיך זעלבסט, אויפהויבענדיג זיך שנעל פון איהר שטוהל און צוגעהענדיג צו א בעגילדעטען שפיעגעל, וועלכער איז דארט געהאנגען און גענומען פאפראווען דיא האאר. זיא האט זיך באלד צוריק צוועקגעזעצט און גענומען מיט אונגעדולדיגע בליקען קוקען אויף דיא טיהר, וועלכע האט זיך אין דער זעלבער מינוט געעפענט און עס איז אריין ראטער. ער איז געבליעבען שטעהן אויף דיא שוועל, אזוי וויא איינער וואס פערבלאנדזשעט דורך א טעות אין א פרעמדע וואהנונג און, בעמערקענדיג זיין מיסטייק, וויל ער ארויסגעהן.

— וואו איז דיא מאמע? — האט ער איהר געפרעגט.

— זיא האט זיך געפיהלט מיעד, איז זיא געגאנגען שלאפען — האט זיא שטיל געענטפערט, קוקענדיג אויף איהם ליעבליך — זיא האט אייך געשיקט זוכען, וועלענדיג אייך זאגען „גוד־נייט".

— איך האב ניט געוואוסט, אז זיא וויל שוין גיין שלאפען — האט ער זיך ווי פערענטפערט, שטעהענדיג אלץ אויף דער שוועל — בין איך אביסעל ארויסגעגאנגען פאר א וואק. איך בין אויך מיעד — האט ער צוגעגעבען — און וועל אויך גיין שלאפען און איהר דארפט זיך אויך אויסרוהען; מארגען וועט מען אודאי א גאנצע נאכט פערברייגגען.

דיא אלטע מיסעס ראטער איז שוין געלעגען אין בעט. דערהערענדיג דעם זוהן'ס שטיממע, האט זיא זיך אויפגעכאפט, איז צוגעגאנגען אויף דיא שפיץ פינגער צו דער טיהר און איהר געעפענט מיט דער לייכטקייט פון א נאכט־גנב, צוגעלייגט דאס אויער, אום צו כאפען כאטש איין ווארט פון ייער געשפרעך. דערהערענדיג זיינע לעצטע ווערטער, איז ביי איהר דאס געזיכט אויסגעקרומט געווארען פון א ביטערען געפיהל.

זיא האט עטוואס אנדערש ערווארטעט....

— אויב איהר זייט מיעד, וויל איך אייך ניט פערהאלטען — האט בערטהא צו איהם געזאגט — איך האב געוואלט מיט אייך עטוואס ריידען; איך וועל עס אפלייגען אויף מארגען.

ער האט זיך אוועקגעזעצט, זאגענדיג אין א קאלטען טאן:

— עס איז ניט געפעהרליך, איך קען נאך זיצען א ווילע.

ער האט זיך אוועקגעזעצט מיט א מינע גרייט איהר אויסצוהערען.

— איך האב נאך קיין געלעגענהייט ניט געהאט אייך צו דאנקען פאר אייער גוטסקייט צו מיר — האט זיא געזאגט, ארונטערלאזענדיג פערשעהמט דיא אויגען — איהר האט מיר פערשפארט דיא שרעקליכע שאנדע און איך וועל אייך דעם גאנצען לעבען מיינעם דערפאר דאנקבאר זיין. יעצט האב איך צו אייך נאך א ביטע און איך בעט אייך, איהר זאלט מיר דאס ניט ענטזאגען.

— אויב איך וועל נאר קענען — האט ער געזאגט אין א ביזנעס־מעסיגען טאן—אויב עס וועט נאר מעגליך זיין וועל איך זיין העכסט צופריעדען פאר אייך אלעס צו טהאן.

א פראסט האט דורכגענומען איהר גאנצען וועזען פון דיא קאלטקייט, מיט

װעלכע ער האָט גערעדט. אמת, זיא האָט ניט ערוואַרטעט קיין וואַרימקייט פון איהם; אָבער אין זיינע רייד איז ניט געווען זאַגאר דיא געוועהנליכע העפליכקייט, וואָס אן אנשטענדיגער מאַן האָט צו א ליידי, ווען זיא בעט עטוואָס ביי איהם. זיא האָט יעצט דארום בעדויערט פאר וואָס זיא האָט איהם פערהאַלטען, ווארום זיא האָט פערבונדען מיט איהם א געשפּרעך. זיא האָט געזעהען, אז ער איז ניט גערן מיט איהר צו פערברייינגען און זיא האָט דאָך געהאַט ביי זיך בעשלאָסען, זיא זאָל איהם קיינמאָל צו לאַסט ניט פאַלען, ניט בּאַדערען איהם. זיא האָט זיך איינגעשטעלט, זאָגענדיג:

— איך וועל עס אַפּלייגען אויף מאָרגען, עס וועט ניט פערשפּעטיגען. איהר זייט דאָך מיעד. געהט שלאָפען.

— ווען איך וואָלט זיך פיהלען אזוי שטאַרק מיעד, וואָלט איך זיך ניט אוועקגעזעצט, האָט ער געזאָגט אין דעם זעלבען טאָן וואָס פריהער — זאָגט מיר וואָס איהר ווינשט.

זיא האָט זיך צוריק אוועקגעזעצט און געזאָגט:

— איך בעט אייך, אז איהר זאָלט מיר שלעכט ניט בעגרייפען, איהר זאָלט ניט פאַלש אויסטייטשען דעם מאָטיוו פון מיין פערלאַנג. דיא שוועגער ליידעט שרעקליך. זיא רעדט קיין וואָרט ניט, נאָר א... דערקען עס אָן איהרע בליקען. איך הער דאָס פון איהרע זיפצען. זיא איז ניט קיין געזונטע. זיא פאָהרט באַלד אוועק אויף עטליכע וואָכען זיך קורירען, קאָמיר זעהען, אז זיא זאָל אוועק פון דאַנען א גליקליכע...

זיא האָט ווייטער עפּעס געוואָלט רעדען, אָבער טרעהרען האָבען איהר גענומען שטיקען אין האַלז און זיא האָט געמוזט איבּערייסען.

ער האָט אויף איהר א דורכדרינגליכען בליק געוואָרפען, געצויגען מיט דיא פּלייצעס, אזוי וויא ער וואָלט ניט פערשטעהן צו וואָס זיא ציעלט דאָ מיט איה־רע רייד, און געזאָגט:

— איך פערשטעה ניט וואָס איהר מיינט.

זיא האָט געמאַכט א בעוועגונג, אזוי וויא זיא וואָלט זיך שטאַרק אָנשטריינגען, אום צו קענען ווייטער ריידען און האָט פאָרטגעזעצט:

— מיר נאַררען אָפּ דיא גאַנצע וועלט, קאָמיר איהר אויך נאַררען. זאָל זיא מיינען, אז מיר לעבען גליקליך... זיא ליידעט שרעקליך. זיא איז שוין ניט קיין יונג מענש, און דערצו נאָך א קראַנקע. זאָל זיא כאָטש פון אייך... עס הייסט פון אונז קיין שמערצען ניט האָבען.

— אלזאָ, וואָס זשע פערלאַנגט איהר פון מיר?

זיא האָט אויף איהם אויפגעהויבען איהרע בעצויבערנדע אויגען און שטיל געזאָגט:

— איך פערלאַנג פון אייך קיין זאַך ניט. איך וועל געדולדיג וואַרטען אויף דיא גליקליכע צייט, ווען...

זיא האָט ווידער איבערגעהאַקט אין מיטען. טרעהרען האָבען איהר ווידער גענומען שטיקען אין האַלז. זיא האָט זיך אָפּגערוקט א וויילע און ווייטער גענומען ריידען:

— איך פערלאַנג אבּסאָלוט קיין זאַך ניט. אָבער דיא מאַמע אייערע געהט אַרום א פערביטערטע, א ניעדערגעשלאָגענע. ווען זיא איז פון דאַנען יעצט אוועק, האָט זיא מיך דאָ געהייסען וואַרטען אויף אייך. זי איז געוועזען זיכער, אז איהר וועט אריינקומען צו מיר.

— נו, בין איך דאָך געקומען — האָט ער געזאָגט.

— איך דאַנק אייך זעהר — האָט זיא אויף איהם געקוקט מיט דאַנקבּאַרע בּליקען — אָבער איך האָב געזעהען, אז איהר האָט שוין געוואָלט אוועקגעהן, האָב איך געפונען פאַר נויטיג אייך צו בעטען, אז איהר זאָלט נאָך דאָ פערבלייבען. די שוויגער שלאָפט נאָך אודאי ניט. זיא האָט

איך געווים געהערט דאָ אריינגעהן, און ווען זיא וואָלט געהערט איך גלייך ארויסגעהן, וואָלט זיא שרעקליך געליטען. עס איז אויך ניט שעהן פאַר דיא דיענסטען. זי קוקען אַלץ אויף מיר מיט אַזעלכע מאָדנע בליקען, וועלכע שטעכען מיך מיט שפּילקעס. איך בין זיכער, אַז זיי פערשטעהען וואָס צווישען אונז קומט פאָר.

זיא האָט גערעדט מיט'ן גאַנצען הארצען. עס איז געווען קענטיג, אַז יעדעס וואָרט קאָסט איהר אַ שטיק געזונד. ווען דיעזע ווערטער זאָל געווען ריידען אַן אַנדערע, ניט בערטהאַ, וועלכע ער האָט אַזוי גוט געקענט, וואָלט ער זיכער איהר חושד געווען אין קאָקעטסטוואָ; עס וואָלט ביי איהם קיין שום צווייפעל ניט געווען, אַז זיא מיינט דאָ עפּעס אַנדערש... וועגען בערטהאַ'ן האָט ער אָבער אַזוי ניט געקענט דיינקען. עס איז ביי איהם קיין ספק ניט געווען, אַז זיא מיינט דאָ קיין שום טובה ניט פאַר זיך זעלבסט. און איהרע רייד האָבען אַפּעלירט צו זיינע בעסערע געפיהלען, וואָס ער האָט געהאַט אין זיך — צו זיין געוויסען. ער האָט זיך טיעף פערטראַכט און זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט אינערליכע ליידען. אַ ווייַלע זיינען זיי געזעסען שטיל. ענדליך האָט ראָטער זיך אָפּגערופען:

— איך טהו, דאַכט זיך, אַלעס אין דער וועלט, אום דער מאַמען קיין שמערצען ניט צו פערשאַפען. און וואָס אַנבעלאַנגט דיא דיענסטען — וועלל, געגען זיי קען מען זיך קיין מאָל ניט אויסהיטען... זיי ווייסען וואָס אין הויז קומט פאָר, פונקט וויא די בעלי הבתים. זיי זיינען גוטע שפּיאָנען און מען קען זיך פאַר זיי ניט בעהאַלטען.

פלוצלונג האָט זיך ביי איהם דאָס געזיכט אויסגעקרימט און דיא אויגען האָבען גענומען קוקען ווילד. ער האָט זיך איינגעשטעלט און גענומען האַסטיג ארומשפּרייזען איבער'ן צימער. בערטהאַ איז אַ פערציטערטע געוואָרען פון שרעק. ענדליך האָט ער זיך לעבען איהר אָפּגעשטעלט און געזאָגט מיט אַ פערשטיקטען קול:

— איך קען אַנדערש ניט זיין. איך **האַנדעל אַזוי וויא איך פיהל!**

— איך מאַך דאָך איך ניט קיין פּראָזוירפע — האָט זיא אויסגעשטרעקט צו איהם דיא הענד — איך האָב ניט קיין טענות. איך האָב איך בלויז אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דיא מאַמע...

— דיא מאַמע ווייס גאַנץ גוט וויא איך פיהל — האָט ער, ווערענדיג נאָך מעהר אויפגערעגט גערעדט — איך האָב זיך ביי איהר געבעטען, וויא ביי אַ גזלן. איהר ווייסט עס זעהר גוט. עס איז גענוג, עס קאָסט מיר גענוג געזונד צו טראָגען אויף זיך אַ מאַסקע פאַר פרעמדע מענשען... וויפיעל לעבען וועט מיך דיא מאָרגעדיגע קאָמעדיע קאָסטען!... אַ וועדינג פּאַרטי! — האָט ער ביטער זיך צולאַכט — פאַר אייגענע קען איך דיא מאַסקע ניט טראָגען... איך קען ניט!

ער איז מיט האַסטיגע טריט צוגעגאַנגען צו דער טהיר און, זאָגענדיג איהר „גוד נייט", האָט ער פערלאָזען דאָס צימער און איז אריין צו זיך אין דיא רומס, פערמאַכענדיג האַסטיג דיא טהיר אויף דעם שלאָס.

בערטהאַ האָט אויסגעבראָכען אין אַ ביטערען געוויין. זיא האָט ניט געוויינט ווייל ער האָט איהר אַזוי טיעף בעליידיגט, נאָר ווייל ער, איהר מאַן, וועלכען זיא ליעבט אַזוי הייס, פאַר וועלכען זיא איז בערייט איהר לעבען צו אָפּפערען, ליידעט אַזוי שטאַרק, ווייל ער בעגרייפט נאָך ניט, וויא גליקליך ער קען זיין, ווען ער זאָל איהר ליעבען.

אַ היבשע ווײַלע האָט זיא ניט אויפגעהערט צו קלאָגען. ענדליך האָט זיא זיך בערוהיגט. זיא האָט פלוצלונג געהערט אַ שטימע רופט צו איהר:

— ער וועט דיך ליעבען, ער וועט בעגרייפען, אַז נאָר מיט דיר קען ער זיין גליקליך!

דיא שטימע איז געקומען פון בערטהאַ'ס אייגענע הארץ...

אין דער זעלבער צייט האָט אויך ביטער געקלאָגט דיא אלמנה, מיסעס ראָטער. זיא איז דיא גאַנצע צייט וואָס מאַיר איז געווען ביי בערטהאַ'ן אין דיינינג רום געשטאַנען ביי דער עטוואָס געעפענטער טהיר פון איהר בעדרום און מיט

אלע איהרע קרעפטען האט זיא זיך אנגעשטרענגט כאטש איין ווארט צו הערען פון זייער געשפרעך. לײדער איז איהר מיה געוועזען אומזיסט. איהר רום איז געוועזען צו ווייט און זיא האט גאר ניט געקענט הערען. זיא האט בלויז געהערט א פאאר אונפערשטענדליכע ווערטער, ווען ער האט זיך צושריען אויף דעם פערשטיקטען קול און דיא הארץ איז ביי איהר איינגעפאלען פון שרעק. זיא האט געוואלט אייף גיך עפעס כאפען אויף זיך און אריינגעהן צו זיי, אום אויסצומיידען א סקאנדאל, דען עס האט זיך איהר געדיכט, אז זיי קריגען זיך דארט. אבער א האט דאס שוין ניט אוספייעט צו טהאן. באלד האט זיא געזעהן מאיר'ן ארויסגעהן פון דארט, און זיא איז שנעל אפגעשפרונגען פון דער טיהר, אום ער זאל איהר דורך דער שפארע ניט בעמערקען. ווען זיא האט געהערט וויא ער פערשליסט דיא טהיר הינטער זיך, האט זיא געוואלט אריינגעהן צו בערטהא'ן, איהר פרעגען וואס עס איז צווישען זיי פארגעקומען. אבער זיא האט זיך בעדענקט, אז עס איז גלייכער, אז זיא זאל יעצט אהין ניט אריינגעהן. זיא האט שוין פערשטאנען, אז קיין פרעהליכע סצענע האט זיך צווישען זיי געוויס ניט אפגעשפיעלט און זיא האט זיך ביטער פארנאנדערגעוויינט.

בערטהא איז צוגעגאנגען צום אפענעם פענסטער. דיא נאכט איז געוועזען א וואונדער־שעהנע. דער בלויער, לויטערער הימעל איז געוועזען בעזעצט מיט מיליאנען, מיליאנען שטערען און צווישען זיי האט שטאלץ וויא א קעניגין, דיא לבנה ארומשפאציערט, ווארפענדיג זילבערנע סנאפעס שטראהלען אויף דער ערד. א קיהל, ערפרישענדעס ווינטעל האט געבלאזען פון דעם פעלד וועלכער איז אין גאנצען געוועזען מיט זילבער בעגאסען פון דיא ווערענדעס פון דיא ארומיגע הייזער האבען זיך פרעהליכע, הילכענדע שטימען געהערט. דאס ווינטעל האט געלאשצעט, געגלעט בערטהא'ס צופלאמטע באקען. זיא האט מיט פולע אטהעמס דיעזע מחיה'דיגע לופט געשעפט, אזוי וויא זיא וואלט וועלען א ברענענדען דורשט לעשען... דיא פרעהליכע, הילכענדע שטימען האבען גענומען רייצען איהרע נערוועז. זיא האט מיט דיא הענד איהרע אויערן פערשטאפט, כדי ניט צו הערען. זיא איז געווארען נערוועז. עס האט זיך איהר געדוכט, אז דאס לאכען אפ פון איהר דיא פרויען, וואס אמוזירען זיך יעצט פרעהליך מיט זייערע מענער, וועלכע זיינען ארויסגעקומען צו זיי פערבריינגען דעם זונטאגדיגען טאג; זיי רייצען זיך דאס מיט איהר, האט זיך איהר געדאכט.

זיא האט איהרע בליקען צום אויסגעשטערנטען הימעל אויפגעהויבען. זיא דערמאנט זיך, ווען זיא איז א קינד געוועזען, האט זיא זיך מיט איהרע חבר'טעס א שטערן פון הימעל אויסגעקליבען — דעם שעהנסטען, דעם בלישצעדיגסטען שטערן האט זיא זיך אויסגעקליבען. אך, וויא גליקליך זיא איז דאן געוועזען! זיא האט פאר איהר שטערן אין הימעל איהר יונג הערצעלע אויסגעגאסען. זיא האט ביי איהם געבעטען, ער זאל איהר העלפען דיא לעססאנס מאכען, אז דיא לעהרער פון גים-אזיע זאלען איהר ליעב האבען און נאך זאכען האט זיא ביי איהר שטערן געבעטען. זיא ווערט אלץ מעהר [illegible] פון דער פערגאנגענהייט, פון יענער גליקליכער צייט. און זיא זוכט יעצט דעם זעלבען שטערן — איהר אמאליגען שטערן, וועלכער איז אזוי גוט געוועזען צו איהר; וועלכער האט איהר געהאלפען דיא לעססאנס מאכען; וועלכער האט געמאכט אז דיא לעהרער זאלען איהר ליעב האבען. זיא וויל ביי איהם יעצט ווידער עפעס בעטען.... אנדערע בקשות האט זיא יעצט צו איהם.. איהרע בליקען בלאנדזשען ארום צווישען דיא מיליאנען, מיליאנען בלישצענדע פייערלעך. ענדליך לאזען זיי זיך מיעדע אראפ אויף דער ערד און — — — —

בערטהא איז א פערציטערטע פון פענסטער אפגעשפרונגען. פון אונטען, פון דער ווערענדע, האבען א בלישץ גע־

מהאן א פאאר ברענענדע אויגען און צוויי שורות מילך־ווייסע צייהן. דאס איז דזשארדזש, דער ניגער, געזעסען און צו איהר ארויפגעקוקט. זיא האט זיך גע־טרייסעלט אזוי וויא אין א פ בער און די דארץ האט ביי איהר האסטיג געקלאפט. עס האט זיך איהר געדוכט. אז ער האט איהרע געדאנקען געלעזען און דיא הארץ האט איהר גענומען שטארק קלעמען.

זיא איז שנעל ארויף צו זיך אין רום און אין עטליכע מינוטען ארום, איז זיא שוין געלעגען אין בעט, זיא איז געווען זעהר נערוועז. דעם שווארצענס גע־שטאלט האט יעצט ניט אפגעטראטען פון איהרע אויגען. ער האט געוויס געהערט איהר געשפרעך מיט מאיר'ן קומט איהר ארויף אויפ'ן געדאנק, און זיא ווערט נאך נערוועזער. זיא פערשליסט פעסט איהרע אויגען און שטרייגט זיך אן צו טראכטען וועגען עטוואס אנדערש, אבער דעם שווארצען'ס געשטאלט טרעט אלץ ניט אפ פון איהר. אך, וויא זיינע אויגען האבען געבלישצעט! — זעהט זיא יעצט פאר זיך דעם ניגער'ס בליקען — מיט פייער האבען זיי געשפריצט. און זיינע ווייסע, געזונטע צייהן..

זיא גראבט איין איהר געזיכט אין דיא קישענס, אויף וועלכע זיא ליעגט, דיינקענדיג, פיעלייכט וועט זיא יעצט פערטרייבען פון זיך דיעזעס בילד, אבער עס שטעהט וויעדער פאר איהרע אויגען... זיא דערמאנט זיך יעצט, אז ער פער־פאלגט איהר אימער מיט דיעזע אויגען זיינע. אבער ביז יעצט האט זיא אין זיי דיעזען גלאנץ, דיעזען פלאם ניט געזעהן. ער האט איהר געשיינט צו זיין זעהר א כימפאטישער. ער איז זעהר א קלוגער, און געטריי איז ער וויא א הונד. ער קוקט קיין מאל ניט אויף איהר מיט אזעלכע פרעכע בליקען, וויא דיא צוויי דיענסט־מיידלעך. פארקעהרט, ער קוקט אויף איהר מיט דעם העכסטען רעספעקט און געטריישאפט. זיא איז זיכער, אז ווען זי זאל איהם הייסען שפרינגען אין פייער אריין, וואלט ער דאס פאר איהר געטהאן. זיא איז געווען זעהר צופריעדען, וואס זיא האט כאטש איין געטרייען פרעמדען מענשען אין הויז. אבער זיינע יעצטיגע בליקען האבען אויף איהר א שרעק ארויפ־געיאגט; אזוי וויא צוויי פיילען האבען זיי אין איהר הארצען געטראפען. הויפט־זעכליך האט איהר געשראקען דער גע־דאנק, אז ער האט זיך איינגעהארכט אין איהר געשפרעך מיט מאיר'ן.

דיא ווייסע מעלאנכאלישע ליכט, וועלכע האט זיך פון דרויסען אריינגע־ריסען אין דעם פינסטערען צימער און בעגאסען דיא וואנד אנקעגען איהר בעט, האט נאך מעהר איהרע נערוועז געררייצט. איינקוקענדיג זיך אין דער ווייסער ליכ־טיגקייט, איז באלד דיא שווארצע גע־שטאלט ארויסגעשוואומען פאר איהרע אויגען. עפעס א געהיימניספאלע שרעק האט איהר גאנצען וועזען דורכגענומען. זיא איז געלעגען שטיל, מורא האבענדיג הויך צו אטהעמען.

דיא פרעהליכע, הילכענדע שטימען דרויסען האבען זיך שוין מעהר ניט גע־הערט. אלעס ארום איז געווען שטום־שטיל. דיא נאכט האט דעם גאנצען קא־כעדיגען לעבען פערשלונגען. בערטהא האט דאס קלאפען פון איהר אייגענע הארץ געהערט. א פאאר שטונדען איז זיא אזוי געלעגען, געפלאגט פון שרעק־ליכע יסורים און אנגסט. ערשט פארטאג איז זיא אן אויסגעמאטערטע אנשלאפען געווארען.

פינפטער קאפיטעל.

בערטהא'ן האט אויפגעוועקט א לייכטער קלאפען אין טהיר. זיא האט זיך געוואונדערט ווער דאס קען זיין, אבער זיא האט גלייך געענטפערט:

—קאם אין!

דיא טהיר האט זיך געעפענט און עס איז אריין דיא אלטע מיסעס ראטער. זיא איז צוגעגאנגען צום בעט און געזאגט:

— ענטשולדיג מיר וואס איך האב דיך אויפגעוועקט. עס איז שוין שפעט. איך האב געזעהן, אז דו שלאפסט נאך, האב איך איבערגעקלעהרט.

בערטהא האט דערפיהלט שטארקע קאפ שמערצען. דיא איינדריקע פון לעצ־

מען אבענד זיינען ארויסגעשוואומען פאר איהרע אויגען. זיא האט ארומגענומען מיט איהרע הענד דעם קאפ און געזאגט:

— דער קאפ טהוט מיר זעהר וועה. וויא שפעט איז שוין?

— עס איז שוין באלד צוועלף אוהר — האט דיא אלמנה געענטפערט — הויב זיך אויף. וועסט ארויסגעהן אביסעל אויף דער לופט, וועלען דיא שמערצען סטאפען.

בערטהא האט זיך גענומען אנטהאן.

— איז מאיר נעכטען אריינגעקומען צו דיר? — האט זיא געפרעגט ביי בערטהא'ן, וועלענדיג אויסגעפינען וואס עס איז צווישען זיי נעכטען פארגעקומען.

— יעס — האט זיא געענטפערט — ער איז אריינגעקומען באלד וויא איהר זייט ארויסגעגאנגען.

— ער האט לאנג מיט דיר פערבראכט? — האבען ביי איהר דיא אויגען גענומען בלישצען מיט נייגיעריגקייט.

אויף בערטהא'ס געזיכט זיינען פלוצלונג רויטע פלעקען ארויסגעטראטען. זי האט זיך אויף א סעקונדע פערטראכט וואס זיא זאל איהר אויף דיעזע פראגע ענטפערען. ענדליך האט זיא זיך אפגערופען:

— מיר האבען פערבראכט א היבשע צייט.

דיא אלמנה האט ארויסגענומען פון טאש דיא באקסעל מיט דזשולערי, וואס דער זוהן האט געסטערן געבראכט, זאגענדיג:

— דו האסט דאס געלאזען ליגען אויפ'ן טיש. מען האט דאך דאס געקענט צוגנב'ענען.

— איך האב גאר פארגעסען אן דעם! — האט זיך בערטהא ענטשולדיגט.

— דער ניגער האט דאס מיר היינט דערלאנגט — האט דיא אלטע מיסעס ראטער איהר ערקלעהרט — ער האט מיר געזאגט, אז ער האט געזעהן דאס אין דיינינג־רום איז ליכטיג און עס איז דארטען קיינער ניטא, איז ער אריינגעגאנגען אויסלעשען דיא גאז. האט ער דאס געפונען אויפ'ן טיש און ער האט דאס ביי זיך בעהאלטען.

בערטהא האט א לייכטען ציטער געטהאן, דערהערענדיג דערמאנען דעם שווארצען הויז־קיפער איהרען. זיא האט יעצט וויעדער דערזעהען פאר זיך זיינע נעכטיגע בליקען....

— האסט דאס געדארפט געבען מאיר'ן — האט דיא שוויגער ווייטער גערעדט — ער זאל דאס בעהאלטען ביי זיך אין סייף. דער שווארצער איז אפילו אן עהרליכער יונג, גאלד מעג מען איהם געטרויען. ער האט דאך דאס אבער ניט געקענט בעמערקען, ווען ער וואלט ניט אריינגעגאנגען אויסלעשען דיא גאז.

— איך בין נעכטען געוועזען זעהר מיעד — האט זיך בערטהא וויעדער ענטשולדיגט — און האב גאר פארגעסען אן דעם.

ווען בערטהא איז מיט דער שוויגער געזעסען ביים ברעקפעסט, איז מאיר אריינגעקומען. ער איז געוועזען אין א גוטען הומאר. ער האט געבעטען דיא פרוי, זיא זאל שנעל פערטיג ווערען מיט'ן עסען, ווייל ער וויל, זיא זאל מיט איהם מיטפאהרען צום סטיישאן בעגעגענען זיינעם א פריינד מיט דער פרוי, וועמען ער האט איינגעלאדען צו זער פארטהי. ער האט גערעדט צו איהר ליעבליך און אין בערטהא'ן האט דיא הארץ געטאנצט פון שמחה, וועלכע זיא האט אויסגעדריקט מיט איהרע דאנקבארע בליקען אויף איהם.

איין פריינדליכער ווארט זיינער, איין ליעבליכער בליק האט איהר געמאכט זיך פיהלען אלס דיא גליקליכסטע פערזאן אויף דער וועלט....

דיא מוטער איז געוועזען ניט וויניגער גליקליך פון איהר. זיא האט זיך געווענדעט צום זוהן:

— האסט א סך געסט איינגעלאדען?

— נאר בלויז דיא צוויי — האט ער געענטפערט — דיא איבעריגע האבען שוין געהאט ענגיידזשמענטס אויף היינט

פון פריהער און זיי האָבען בעדויערט וואָס זיי קענען ניט קומען.

— און ווער דארף יעצט קומען ?

— דוא קענסט זיי ניט, מאַמע — האָט ער איהר ערקלעהרט — דאָס איז אַ יונג פּאָר פאָלק, אַדלער איז זייער נאָמען. ער איז מיט מיר צוזאמען אין סיטי־קאָללעדזש געגאַנגען. זיי וואָהנען יעצט אין פילאַדעלפיא. זיי זיינען געקומען צו־גאָסט אין נויארק, האָב איך זיי איינגעלאַדען און זיי וועלען מיט אונז דאָ פערברייננגען א צוויי וואָכען.

— זעהר גוט ! — האָט דיא מוטער א צופריעדענע כמעט אויסגעשריען — איהר וועט זיך דאָ פיין אמוזירען ווען איך וועל אוועקפאָהרען.

— דיא שוויגער וועט מיט אונז אויך מיטפאָהרען צום סטיישאָן — האָט בערטהא געזאָגט, אויפהויבענדיג זיך פון טיש.

—ווילסט מיטפאָהרען, מאַמע ?—

האָט ראָטער געפרעגט ביי דער מוטער אין א טאָן, אזוי וויא עס וואָלט איהם ניט אויסמאַבען, אז זיא זאָל ניט מיטפאָהרען.

די מוטער האָט זעהר גוט פערשטאַנען דיעזען טאָן. אָבער ניט נור האָט זיא זיך ניט בעליידיגט, פערקעהרט, זיא איז געוועזען העכסט צופריעדען, וואָס ער וויל ניט שטאַרק, אז זיא זאָל זיי בעגלייטען. „ער וויל מיט בערטהאַ׳ן אליין פאָהרען“ — האָט זיא ביי זיך געטראַכט און זיא האָט זיך אָפּגערופען :

— איך האָב קיין צייט ניט. איך בין ביזי. איך מוז זיין אין קיך און זעהען, אז מען זאָל אַללעם צוגרייטען.

מאיר איז צוגעגאַנגען צו דעם פענסטער און ארויסגעשריען :

— דזשאָרדזש !

— יעס סער ! — האָט זיך פון דרויסען באַלד אָפּגערופען דער ניגער מיט זיין דיקער באַסאָוער שטימע.

— גרייט צו דעם אויטאָמאָביל ! — האָט ער איהם געגעבען א בעפעהל.

— יעס סער !—האָט זיך ווידער אָפּגערופען דיא זעלבע שטימע.

— בעמיהט זיך, שוויגער, ארויפצושיקען צו מיר די דיענסט—האָט בערטהא זיך געווענדעט צו דער אלמנה געהענדיג צו דער טיהר — איך וויל, זיא זאָל מיר העלפען ביים אָנטהאָן זיך.

דאַן האָט זיא זיך געווענדעט צום מאַן, קוקענדיג אויף איהם מיט ליעבליכע בליקען :

וויפיעל צייט האָבען מיר נאָך ?

ער האָט ארויסגענומען דעם זייגער און זעהענדיג וויא שפּעט עס איז, האָט ער געענטפערט :

— עס איז נאָך פאראַן גענוג צייט, איבער אַ שטונדע. א מאַן קאָן זיך דורך דער צייט צעהן מאָל אָנטהאָן — האָט ער זיך געוויצעלט אויף דעם חשבון פון דעם פרויען געשלעכט — פאר פרויען איז דאָס אָבער ניט פיעל.

ער האָט געקוקט אויף דיא מוטער. בערטהאַ׳ס נעכטיגער אַפּעלירען צו איהם, ער זאָל דער מוטער קיין עגמת נפש ניט פערשאַפען, האָט אויף איהם אַ שטאַרקען, אַ טיעפען איינדרוק געמאַכט. און צוליעב איהר איז ער דאָס געווען אזוי פריילין יעצט, אָבוואָהל טיעף אין זיין נשמה איז ניט געווען אזוי יום־טוב׳דיג... אַ שווערער וואָלקען האָט איהם דאָרטען געפּרעסט, אַ שרעקליכער אומעט איז דאָרטען געווען אויסגעשפּרייט.

דיא מוטער איז יעצט געווען אויף דעם זיבעטען הימעל. זיא האָט געקוקט מיט אויגען, פולל מיט ליעבע און נחת דאָס אויף דעם זוהן, דאָס אויף בערטהאַ׳ן, וועלכע האָט ליעבליך געשמייכעלט פון דעם מאַן׳ס וויץ וועגען דיא פרויען. דאָס איז געווען דער ערשטער פריילוכער וואָרט וואָס בערטהא האָט פון ראָטער׳ן געהערט, זינד דעם מאָמענט, ווען עס איז פערעפענטליכט געוואָרען דעם פערשטאָרבענעם בענדזשעמין׳ס צוואה. אָך, וויא גליקליך זיא איז יעצט געווען. זיא האָט געפיהלט וויא צו פאַלען צו זיינע פיס און איהם דאַנקען, דאַנקען פאר דעם גליס וואָס ער האָט איהר יעצט פערשאַפט. אין דערזעלבער סעקונדע האָט זיא זיך דערמאָנט אָן זייער נעכטיגען געשפּרעך און זיא איז נאָך מעהר בעטריבט געוואָרען

פון זיין פלעצליכע אונערוואַרטעטע פרייליכקייט און פריינדליכען בענעהמען זיך געגען איהר. ווער האָט זיך יעצט צו איהר גליק געקענט פערגלייכען! איהר כרוים ווערט א ווירקליכקייט — האָט זיך איהר אין דיעזען מאָמענט געדוכט.

— די דיענסט איז יעצט זעהר ביזי — האָט די אַלטע מיסעס ראָטער געזאָגט צו דער שנור — אַללע זיינען זיי פערנומען. איך וועל מיט דיר מיטגיין און וועל דיר העלפען.

בערטהא האָט איהר געבעטען, אז זיא זאָל זיך ניט מטריח זיין, אז זיא וועט זיך שוין אליין אן עצה געבען, אָבער זיא איז ניט אָפּגעשטאַנען פון איהר און זיי זיינען ארויף צו איהר אין דיא צימערען.

ווען זיי זיינען געוועזען ארויסגעגאַנגען, האָט ראָטער טיעף אָפּגעאָטהעמט, נערוועז א מאַך געטהאָן מיט דער האַנד און געזאָגט, קריצענדיג מיט דיא צייהן פון כעס:

— ווידער א ראָללע אָפּגעשפּיעלט! וויפיעל ראָללען וועל איך נאָך דארפען שפּיעלען?

ער האָט אן אויפגערעגטער גענומען ארומשפּאַנען איבער'ן צימער, מורמלענדיג עפּעס צו זיך אַליין. עס האָט ניט לאַנג גענומען און בערטהא איז ארייננעקומען, ערקלעהרענדיג איהם, אז זיא איז גרייט צו פאָהרען.

ראָטער איז פלוצלונג, וויא דורך א כשוף, ווידער געוואָרען פרייליך. ער האָט איהר העפליך אָנגענומען לייכט פאַר דיא האַנד און איז מיט איהר ארויס אויפ'ן גאַס, וואו עס האָט שוין אויף זיי געווארט דער ניגער מיט'ן אויטאָמאָביל.

דערזעהענדיג דעם שווארצען, האָט בערטהא א לייכטען ציטער געטהאָן. א געפיהל פון שרעק האָט איהר עפּעס דורכגענומען. זיינע נעכטיגע בליקען האָט זיא יעצט פאַר זיך ווידער געזעהען. זיא האָט זיך עפּעס געשעהמט אויף איהם יעצט צוקוקען... ס'האָט זיך איהר געדוכט, אז ער שפּיעזט איהר דורך מיט זיינע פייערדיגע אויגען. אַך, וויא זיא וואָלט וועלען, ער זאָל מיט זיי יעצט ניט פאָהרען!

ראָטער האָט איהר געהאָלפען ארייננשטייגען אין אויטאָמאָביל, דאן האָט ער זיך אוועקגעזעצט לעבען איהר און געהייסען דעם ניגער ער זאָל פאָהרען.

פון דער קיך האָט זיא דיא אלמנה בעגלייט מיט גליקליכע בליקען, זייענדיג ביי זיך זיכער, אז איהר זוהן ענדערט זיך אין בעצוג צו זיין יונגע פרוי.

בערטהא, פיהלענדיג לעבען זיך איהר געליעבטען מאַן, האָט גלייך פערגעסען אן דעם ניגער. דער פריהערדיגער שרעקונגס-געפיהל איז פערשוואונדען. זי האָט יעצט וועגען קיין זאַך ניט געדיינקט, נור וועגען איהם. א היבשע ווילע זיינען זיי געזעסען שטום, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט איינער צום אַנדערען. זיא האָט אַללע ווילע א קוק געטהאָן אויף איהם מיט איהרע רייצענדע בליקען, אזוי וויא זיא וואָלט וועלען דערמיט איהם בעוועגען צום ריידען. ער האָט אָבער דיעזע בליקען איהרע ניט בעמערקט. ער איז געזעסען פערטראכט און געקוקט ערגעץ ווייט, ווייט.

פלוצלונג האָבען זיך איהרע בליקען בעגעגענט מיט דעם ניגער'ס, וועלכער האָט גראד געהאט אומגעקעהרט זיין קאָפּ. זיא איז ווידער נערוועז געוואָרען. זיא האָט לייגגער דיא שטילקייט ניט געקענט אריבערטראָגען און זיא האָט זיך ענדליך אָפּגערופען:

— וואָס איז דעם מיסטער אדלער'ס בעשעפטיגונג?

ראָטער האָט געמאכט א בעוועגונג, אזוי וויא ער וואָלט געוועזען אונצופריעדען וואָס זיא האָט איהם אָפּגעריסען פון זיינע געדאַנקען און ער האָט קורץ געענטפערט:

— ער איז א גרויסער ריעל עסטייטניק.

— ער איז שוין לאנג פערהייראטעט?

— האט זיא ווייטער געפרעגט, ניט מחמת די פראגע האט איהר זעהר פעראינטערעסירט, נור ניט וועלענדיג אפלאזען דעם געשפרעך.

— עטליכע מאנאטען — האט ער ווידער קורץ געענטפערט.

— ווארום האסטו איהם ניט איינגעלאדען צו דער חתונה?

— איך האב איהם יעם איינגעלאדען, אבער די פרוי האט ניט געפיהלט גוט, האט ער ניט געקענט קומען. ער האט געשיקט א גראטולאציאנס טעלעגראמע.

— וואס פאר א סארט מענש איז די פרוי? — האט זיא ווייטער געפרעגט.

— איך האב איהר בלויז עטליכע מאל געזעהען אלס מעדכען — האט ער געזאגט, ווערענדיג עטוואס אונרוהיג — זיא איז א בעריהמטע שעהנהייט און אן עדלע נאטור. זיא איז די איינציגע טאכטער פון א זעהר רייכען ביזנעס־מאן פון פילאדעלפיא. זיא איז אן אמעריקאנער געבארענע. האט גענאסען א פיינע ערציהונג. אך, וויא גליקליך זיי לעבען, וויא ליעב זיי האבען זיך! — האט ער מיט א פערשטיקטען זיפץ געענדיגט, קוקענדיג אויף איהר מיט א בליק, אין וועלכען עס האט זיך אפגעשפיעגעלט א שארפער פארוואורף.

זיא האט דיעזען בליק גוט פערשטאנען. איהר געזיכט איז בעגאסען געווארען מיט א פלאמענדער רויטקייט און איהר ברוסט האט זיך האסטיג גענומען בעוועגען. זיא האט געוואלט עפעס זאגען, אבער זיא האט דיא ווערטער. וועלכע זיינען שוין געלעגען ביי איהר אויפ'ן צונג, פערשטיקט און האט בלויז שווער אפגעזיפצט.

ראטער האט אין דיעזען זיפץ פערשטאנען וואס זיא האט איהם געוואלט זאגען און ער האט זיך אפגערופען, אזוי וויא ער וואלט איהר וועלען ענטפערען:

— אן אינטערעסאנטער ראמאן האט זיך ביי זיי אפגעשפיעלט. צוויי יאהר האט דיעזער ראמאן אנגעהאלטען, ער, מיין פריינד, האט זיך שוין געוואלט מיט א רעוואלווער דאס לעבען נעהמען. זי האט געהאט צופיעל אמאטארען ארום זיך. אך, וואס ער האט אויסגעליטען ביז ער האט איהר ענדליך בעקומען!

— אבער ענדליך האט דיא ליעבע געזיעגט! — האט זיא אין א פרייליכען טאן כמעט וויא אויסגעשריען, צוטולענדיג זיך צו איהם — יא, אמת'ע ליעבע מוז אימטער זיעגען. דיא ליידען וואס מען שטעהט דערביי אויס זיינען א קלייניגקייט, א גאר ניט אין פערגלייך מיט דעם גרויסען גליק וואס מען האט נאך דעם זיעג. יא, אמת'ע, ריינע ליעבע מוז זיעגען.

— אט זיינען מיר ביים סטיישאן!

— האט ער געזאגט, אנווייזענדיג אויף דער סטאציאנס־געביידע.

ער האט דיעזע ווערטער געזאגט אין א טאן, אזוי וויא זיא וואלט איהם דאס געווען געפרעגט, וואו דער סטיישאן איז.

בערטהא האט דערפיהלט א שמערצליכען שטאך טיעף אין הארצען. איהר געזיכט האט נאך מעהר גענומען פלאמען מיט אן אוננאטירליכער רויטקייט. דער אויטאמאביל האט זיך אפגעשטעלט. דער ניגער איז שנעל אראפגעשפרונגען פון זיין געזעס, איז צוגעלאפען און געעפענט דיא טיהרלאך און געהאלפען זיי ארויסשטייגען. ווען ער האט, פערטייגענדיג זיך עלעגאנטיש, צערטליך אנגענומען בערטהא'ן פאר דיא האנד, האט זיא געפיהלט וויא אן עלעקטרישער דראט וואלט זיך צו איהר צוגעריהרט... זיא האט שנעל אוועקגענומען איהר האנד און איז צוגעלאפען צו ראטטער'ן, וועלכער איז שוין געווען אפגעגאנגען א פאר טריט. אזוי וויא פון א פייער איז זיא אנטלאפען פון דעם שווארצען, וועלכער האט איהר נאכגעקוקט מיט אויגען, אין וועלכע עס האט זיך אפגעשפיעגעלט א ים מיט מיטליד.

* * *

דער ניגער האט זיך גוט איינגעטראכט אין זייער געשפרעך און ער האט פערשטאנען וואס ראטער איז אויסען נע־

גען מיט זיין ערצעהלונג. ווייא דיא לעזער געדיינקען, האט דער קלוגער ניגער נאך אין דעם ערשטען טאג וואס דאס יונגע פאר פאלק איז אנגעקומען, פערשטאנען, „אי דא איז עפעס ניט גלאט“ — וויא ער האט דאס אויסגעדריקט פאר די דיענסטמיידלעך, וועלכע האבען שפעטער איינגעשטימט מיט זיין מיינונג. און טאקע פון דער ערשטער מינוט אן וואס ער האט בערטהא׳ן דערזעהען, האט ער זיך אנגעהויבען צו אינטערעסירען מיט איהר. א טיעפען מיטלייד האט ער צו איהר געפיהלט. זיינע קלוגע, פערנינפטיגע אויגען האבען אין איהר רייצענדע שעהנקייט אויך בעמערקט א טיעף־ליידענדען פערזאן.

דיא געשיכטע פון איהר הייראטה איז איהם ניט פרעמד געווען. ער האט נאך ביי דיא ראטערס געדיענט, ווען דער אלטער בענדזשאמין האט געלעבט. בערטהא׳ן האט ער פון ווייטענס געקענט, אבער פריהער האט ער איהר ווייניג אויפמערקזאמקייט געשאנקען. דער אלטער ראטער איז צו איהם אימער גוט געווען און ער איז איהם דערפאר געווען זעהר געטריי און איהם אויף דעם העכסטען אויך רעספעקטירט, וועהרענד דער זוהן איז צו איהם אימער שטריינג געווען, פלעגט איהם גראב בעהאנדלען, אזוי וויא דיא מיינסטע אמעריקאנער בעהאנדלען דיא שווארצע. בענדזשאמינ׳ס אנדיינקען איז ביים געטרייען דיענער געווען הייליג. ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז זיין פערשטארבענעם באס וואונש איז געווען, אז זיין זוהן זאל הייראטהען מיט בערטהא׳ן, האט ער צו איהר דיא ווארימסטע, סימפאטהישסטע געפיהלען געהאט, און דיעזע געפיהלען זיינען נאך הייסער געווארען, ווען ער האט זיך איבערצייגט, אז זיא איז ניט גליקליך אין איהר הייראטה, אז דער יונגער ראטער ליעבט איהר ניט. אך, וויא גליקליך וואלט ער געווען, ווען בערטהא זאל וויסען וואס פאר א אמתין, אויפריכטיגען, איבערגעבענעם פריינד זיא האט

אין איהם! א העלפט פון זיין לעבען וואלט ער אוועקגעגעבען, אז זיא זאל דאס וויסען. ער איז איבערהויפט געווען א מענש מיט א דימענטענע הארץ. פאר א ליידענדען וואלט ער אין פייער און וואסער געגאנגען. זיין ערציהונג איז געווען מעהר א אידישע וויא א קריסטליכע. זיינע עלטערן האבען געוואהנט אין פילאדעלפיא אין דעם אידישען קווארטאל. דיא אידישע שפראך האט ער געקענט. ווען ער איז נאך געווען א קליינער אינגעל, ער האט גערעדט אזוי גוט וויא א געבארענער איד. ווען ניט זיין שווארצער אויסזעהען, איז שווער געווען צו דערקענען אויב דאס רעדט ניט קיין איד. צו צוועלף יאהר איז ער א יתום געווארען. זיין מוטער איז געשטארבען. דער פאטער איז אוועק ערגעץ אין דער סאוטה און זינד דאן האט ער פון איהם מעהר ניט געהערט. אויף דעם אינגעל האבען די אידישע שכנים רחמנות געהאט און זיי האבען איהם געהאלטען ביי זיך. געוואהנט האט ער ביי א מלמד, א גאליציאנער לאנדס-מאן. דיעזער מלמד האט

זאגאר איהם געלערנט דאווגען. עד האט געזאגט עברי ניט שלעכט. ער האט גענומען פעדלען מיט פייפערס און דערפון האט ער זיך ערנעהרט. ער איז אימער געווען א גוטער אין דער נאטור און דערפאר האבען איהם אלע גינציג געהאט. אין טשוירטש איז ער קיינמאל ניט געגאנגען. אם מייסטען האט ער נאך פערקעהרט צווישען אידען, וועלכע האבען זיך צו איהם איבעראל פריינדליך בענומען צוליעב זיין ארענטליכקייט און גוטען כאראקטער. ווען ער איז געקומען קיין נויארק, האט ער דורך אן אדוועריטייזמענט בעקומען א דזשאב אין ראטער׳ס פעקטארי אלס עלעווייטער באי. און ווען דער אלטער ראטער האט זיך גענומען אין א הויזקיפער פאר זיין קאטעדזש, וואס ער האט אויסגעבויט אין ראקאווי, האט ער דזשארדזשען פאר דיזען אמט גענומען. דער פריהערדיגער דזשעניטאר איז געווען אן איירישער. דער

פערשטארבענער איז איהם ניט געווען צופריעדען, ווייל ער איז געווען אן אנטיסעמיט און א גרויסער שכור. ווען בענדזשאמין איז געשטארבען, האט דער ניגער געדיינקט צו פערלאזען דעם דזשאב. דען ער האט דעם יונגען ראטער'ן פיינד געהאט צוליעב זיין גראבען בעהאנדלען איהם. ער איז פון דער נאטור ניט געווען וויא דיא מייסטע פון זיין ראסע, אראפגעפאלען ביי זיך איז ער קיין מאל ניט, פערקעהרט, ער איז אימער געווען שטאלץ ביי זיך און האט פיינט געהאט זיך צו ערנידערען פאר אימיצען. ער האט וועגען דעם געהאט א געשפרעך מיט דער אלמנה, אבער זיא, וויסענדיג אז ער איז א געטרייער מענש און, הויפטזעכליך זעהר אן עהרליכער, האט זיא איהם געבעטען, ער זאל פערבלייבען און איהם, אהן דעם זוהן'ס וויסען, געהעכערט דיא ווידזשעס אויף דריי דאלאר א מאנאט.

ער איז פון דער נאטור אויך געווען א ציכטיגער. ער פלעגט זיך אימער האלטען ריין און זונטאג פלעגט ער זיך אויספוצען ווי א פראנט. זינד בערטהא איז געקומען האט ער גאר אויפגעלעבט. עפעס א נייער אינטערעס איז אריינגעטראטען אין זיין לעבען. ווען ער פלעגט איהר נאר דערזעהען, האט ער זיינע בליקען פון איהר ניט געקענט ארונטערנעהמען. ער פלעגט זיך אבער אויסהיטען, כדי זיא זאל ניט בעמערקען, אז ער קוקט אויף איהר אזוי שטארק און זיא זאל איהם ניט חושד זיין אין עטוואס אונאנשטענדיגעס.... אויסער דיא אלמנה איז ער געווען דער איינציגער אין הויז, וואס האט בעגריפען איהרע ליידען, וואס האט מיטגעפיהלט מיט איהר לאגע. אך, וויא שרעקליך ער האט געליטען, זעהענדיג איהר ביינקען, איהרע ליידען אין דיא פאר טעג וואס ראטער איז געווען אוועקגעפאהרען קיין ניויארק! און ניט ווייניגער האט ער געליטען יעצט, צוהערענדיג זיך צו זייער געשפרעך. זיין הארץ האט אין איהם יעצט אזוי געבלוטעט! און א טיעפער האס האט יעצט ארומגענומען זיין גאנצען וועזען צו ראטער'ן דערפאר וואס ער בעגייט זיך אזוי גראב, אזוי ברוטאליש געגען דער רייצענדער, וואונדערשעהנער בערטהא'ן, פאר וועלכע ער וואלט צו יעדער מינוט זיין בלוט אוועקגעגעבען, זיין לעבען געאפפערט. ער האט, נאכדעם וויא בערטהא איז פון איהם אנטלאפען, ביוז א מאך געטהאן מיט דער האנד און ארויסגעברומט, ווארפענדיג אויף ראטער'ן א פערעכטליכען בליק:

— אונמענש, טייפעל וואס דוא ביזט! וויא קומט צו דיר אזא מלאך? דוא ביזט איהר א קריינק ווערטה!

דאן איז זיין בליק געפאלען אויף בערטהא'ן. דער געפיהל פון האס איז פלוצלונג פערשוואונדען אין א אנדער געפיהל — א געפיהל פון טיעפען מיטלייד האט זיין גאנצען וועזען ארומגענומען.

— זיא אנטלויפט פון מיר — האט ער טרויעריג גערעדט צו זיך אין דער שטיל — זיא שרעקט זיך עפעס פאר מיר. איך בעמערק וויא מיינע בליקען מאכען איהר נערוועז. נעכטען ביי־נאכט, ווען זיא האט מיך דערזעהען, איז זיא אפגעשפרונגען, אזוי וויא זיא וואלט פאר זיך א גזלן דערזעהען. אבער ווען זיא וואלט וויסען, וואס פאר א פריינד זיא האט אין מיר!

ער האט אויסגעווישט א טרעהר פון זיינע אויגען און ווייטער גערעדט, אזוי וויא ער וואלט דאס געהאט א געשפרעך מיט איהר פערזענליך.

— מיט דער צייט וועסטו שוין אויסגעפינען וואס פאר א פריינד איך בין דיר. דאן וועסטו זיך מעהר ניט שרעקען פאר מיר, וועסט מעהר ניט אנטלויפען. איך וועל שטיין אויף דער וואך און דיך אפהיטען, אז עס זאל דיר קיין בייזעס ניט געשעהען.

ער האט אויפגעהויבען אין דער הויך זיינע גרויסע, קלוגע אויגען, אזוי וויא ער וואלט וועלען נעהמען דעם הימעל אלס עדות, אז ער וועט זיין פערשפרעכען הייליג אויספיהרען....

ראָטער האָט ארויסגענומען דעם זייגער און געזעהן וויא שפּעט עס איז.

— נאָך צעהן מינוטען האבען מיר צו וואַרטען — האָט ער געזאָגט, צוגעהענדיג צום סטיישאָן — קומט אריין אין ווייטינג־רום.

— נאָך וואס אין ווייטינג־רום? — האט בערטהא געזאָגט — לאָמיר בעסער ארויסגעהן אויפ'ן סטיישאן.

— אָלל־רייט — איז ער ניט געווען דאגעגען — מיר קענען געהן אויפ'ן סטיישאָן.

געהענדיג האט ער אויף איהר א לאנגען בליק געוואָרפען. דיא אוננאטירליכע רויטקייט, וואס זיין ערצעהלונג וועגען דיא אדלערס ראָמאַן האט אין איהר ארויסגערופען, איז פון איהר געזיכט פערשוואונדען. זיא האט יעצט געהאט איהר נאטירליכע, שעהנע פארב. זיא איז יעצט געווען, וויא אימער, נעט געקליידעט, אבער דיעזע קליידער האבען צו איהר רייצענדען אויסזעהן צוגעגעבען א בעזאָנדערען מין חן און גראַציע.

— איך וועל זיך פאר עלעקס'ן און זיין פרוי ניט האבען וואס צו שעהמען מיט איהר — האט ראָטער געטראכט ביי זיך אין הארצען. — זיא איז פיעל, פיעל שעהנער וויא זיין פרוי.

אבער ער האט באלד א נערוועזען טרייסעל געטהאן מיט'ן קאָפּ און האט פערבסען דיא ליפּען פאר כעס, ווארום ער האט געוואָגט דיעזען געדאנק אויף זיין מוח ארויפצוברייגען...

— אידיאָט! — האט ער זיך אליין געזידעלט אין הארצען — פערד, עזעל וואס איך בין!

און אום צו פערגעסען אָן דעם פריהערדיגען געדאנק, האט ער זיך מיט א געפיהל פון פעראכטונג אביסעל אפּגערוקט פון איהר און גענומען זיך אנשטריינגען צו טראכטען וועגען עפּעס אנדערש.

— איך בין אזוי צופריעדען וואס דיא אדלערס וועלען מיט אונז פערברייגען עטליכע טעג! — האט בערטהא זיך אפּגערופען.

ער איז געווען פערטראכט און האט קיין וואָרט ניט גערעדט.

— וועלכע רומס זאָל מען פאר זיי צוגרייטען? — האט בערטהא זיך געווענדעט צו ראָטער'ן.

— עס איז פאַראַן גענוג רומס! — האט ער זיך אפּגערופען ניט אין א העפליכען טאָן, זייענדיג נאָך אויפגערעגט פון דעם פריהערדיגען געדאנק — אונטען אדער אויבען, וויא זיי וועט געפעלען.

בערטהא האט געזעהן, אז ער איז אויפגערעגט, איז זיא שטיל געבליעבען. פּלוצלונג האט אַן אומעטיגער, טרויעריגער געדאנק גענומען פרעסען איהר מוח, איהר הארץ.

— זיי וועלען זעהן, אז ער האט מיך פיינד — האט זיא ביי זיך געטראכט — זיי וועלען דאס גלייך דערקענען.

דיא הארץ האט איהר אזוי שטארק געקלעמט, אז זיא האט זיך מיט אלע קרעפטען איינגעהאלטען, אום ניט אויסצוברעכען אין א געוויין.

געהענדיג אזוי פערטראכט, האט זיא זיך אויפ'ן וועג אנגעשטויסען אָן דיא שטיינערנע טרעפּ וואס האבען ארויפגעפיהרט צום סטיישאן און זיא האט דערפיהלט א שרעקליכען שמערץ אין פוס. זיא האט א געשריי געטהאָן פון יסורים.

— איהר האט זיך א שטארקען קלאפּ געטהאָן? — האט ראָטער איהר געפרעגט אין א טאָן פון מיטלייד.

— יא! — האט זיא ארויסגעזיפצט, פערבייסענדיג מיט דיא ליפּען.

ער האט איהר צארט ארומגענומען, ארויפגעפיהרט אויפ'ן סטיישאן און אַוועקגעזעצט אויף א באַנק, זאָגענדיג:

— איך האָף אז איהר האט זיך גאר ניט געטהאָן, עס וועט אייך באלד בעסער ווערען.

זיינע פריינדליכע ווערטער האבען מיט אמאָל פערטריעבען איהרע שמער־

צען און זיא האט אויף איהם געקוקט מיט דאנקבארע בליקען.

— ווען מיר וועלען אהיים קומען, וועל איך שיקען נאך א דאקטאר, ער זאל אינטערזוכען דעם פיס — האט ער ווייטער גערעדט — אזא קלאפ קען זיך שפעטער אמאל אפרופען.

— עס איז ניט נויטיג — האט זיא געזאגט — איך פיהל שוין ניט קיינע שמערצען.

— איך האב זיך אזוי גישראקען — דאט יאמער געזאגט — עס זיינען פאראן מענשען, וועלכע ביי דיא מינדעסטע אונאנגענעהמליכקייט שרייען זיי, אזוי וויא זיי וואלטען דערביי דיא שרעקליכסטע שמערצען געהאט. זיי זיינען ניט שולדיג. דאס זיינען נערוועזע מענשען.

זיא האט דיעזע ווערטער בעטראכט פאר א בעליידיגונג פאר זיך. זיא האט זיך אפגערופען אין א פיעל בעדייטענדערען טאן:

— איך בעלאנג ניט צו יענעם סארט מענשען. איך קען אריבערטראגען דיא שרעקליכסטע יסורים און דערביי קיין קרעכץ זאגאר ניט טהאן. נאר דא...

— אט קומט אן דיא טריין — האט ער איהר איבערגעהאקט און מיטען דיא רייד.

דיא טריין האט זיך אפגעשטעלט און פון וואגאן זיינען ארויס דיא ערווארטעטע געסט. ראטער איז צוגעשפרונגען צו דער יונגער מיסעס אדלער און איהר געהאלפען ארונטערגעהן. דאן האט ער איהר צוגעפיהרט צו בערטהא'ן, וועלכע איז זיי אנטקעגען געגאנגען און פארגעשטעלט ביידע פרויען איינע פאר דיא אנדערע. דאן האט ער צוגעפיהרט זיין פריינד און איהם פארגעשטעלט פאר זיין פרוי. דער גאסט איז געבליבען שטעהן אן ענטציקטער. ער האט זיינע אויגען ניט געקענט ארונטערנעהמען פון בערטהא'ס רייצענדע געזיכט. זיין פרוי האט דאס בעמערקט און זיא האט זיך גלייך אפגערופען:

— דוא דארפסט דאך בעזארגען דיא באגאזש, טהייערער!

ער איז געשטאנען וויא א צוגעשמידעטער צו זיין ארט, ניט ארונטערנעהמענדיג אלץ זיינע אויגען פון בערטהא'ן. אבער ער האט זיך בעגעגנט מיט זיין פרוי'ס בליקען און ער איז אוועקגעלאפען בעזארגען דיא באגאזש.

— מיר האבען ניט אויספייעט אלעם מיטצונעהמען — האט זיא זיך געווענדעט צו דיא ראטערס — מארגען דארפען אנקומען נאך צוויי טראנקס מיט אן עקספרעס קאמפאניע.

זיא איז געווען א הויכע, שעהנע, שטארקגעבויטע פרויענצימער. איהר בליק איז געווען א שטאלצער און דאס זעלבע איז אויך געווען דער מאן פון איהר רייזען און איהרע בענעהמונגען. זיא איז זעהר עהנליך געווען אין אויסזעהן צו דער יונגער אלמנה, מיסעס אייזען, אין וועלכער ראטער איז געווען אזוי היים פערליעבט. איהר מאן איז אויך געווען זעהר א שעהנער און א לעבעדיגער. ער איז געווען א דיקלעכער פון מיטעלען וואוקס. רייזענדיג, האט ער ניט אויפגעהערט צו „קנאקען" מיט וויצען. אין דער נאטור איז ער געווען א גוטהערציגער. זיינע פריינדע און בעקאנטע פלעגען אימער זאגען וועגען איהם, אז אין דיעזער הינזיכט גראט ער אריין אין זיין מוטער, וועלכע האט געהאט א שם אלס א גרויסע טשארטי לוידי.

ראטער האט גערעדט מיט זיין פריינד'ס פרוי, איהר אויסגעפרעגט וואו זיי האבען פערבראכט אין ניו יארק און אויסגעדריקט זיין הענסטע צופריעדענהייט וואס זיי זיינען געקומען דא פערברינגען.

ווען אדלער איז צוגעקומען, האבען זיי זיך געלאזען געהן צום אויטאמאביל און זיי זיינען אוועקגעפאהרען.

דיא אלטע מיסעס ראטער האט פריינדליך בעגריסט דיא געסט און זיי אריינגעפיהרט אין דיא רומס, וועלכע זיא האט פאר זיי געהאט שוין צוגעגרייט.

דערנאָך האט זיא זיי פעבעטען צום דינער.

בערטהא האט זיך געפיהלט גליקליך מיט דיא געסט. ראָטער איז געווען צו איהר זעהר פריינדליך. ביים עסען האט ער איהר בעדיענט מיט דער גרעסטער העפליכקייט, געבעטען איהר זיא זאָל עסען — א זאַך, וואס עס האט ביז יעצט קיינמאָל ניט פאַסירט. זיא האט געוואוסט, אז דאס טהוט ער, ווייל עס זיינען יעצט פרעמדע מענשען, אבער זיא האט זיך געסטאַרעט ווגען דעם ניט צו דיינקען. זיא האט בלויז געזעהן איין זאַך — ער איז צו איהר ליעבליך, און מעהר האט זיא ניט געדאַרפט. איין פיינדלכער וואָרט זיינער, איין ליעבליכער בליק האט איהר דעם העכסטען גליק פערשאַפט, אויף דעם זיעבעטען הימעל אַרויפגעבראַכט.

דיא מוטער האט אויך גוט בעמערקט דיעזע פריינדליכקייט וואס איהר זוהן צייגט אַרויס צו זיין פרוי, און זיא איז אויך געווען גליקליך. עס האבען דאס אויך בעמערקט דיא געסט, אבער ביי זיי איז דאס געווען א גאנץ רליכע זאַך.

נאָכ'ן עסען האט זיך אדלער גערווענדעט צו זיין פרוי, זאָגענדיג איהר, אז זיא זאָל זיך אביסעל צולעהנען, ווייל מען וועט געווים א גאנצע נאַכט אויף זיין.

— און וואס וועסטו טהאָן? — האט זיא איהם געפרעגט.

— איך וועל מיט מאיר'ן נעהמען א וואָק — האט ער איהר ערקלערט — איך האב איהם שוין אזוי לאַנג ניט געזעהן. איך וועל זיך אביסעל מיט איהם דורכריידען.

— און דוא לעהן זיך אויך צו — האט ראָטער זיך געווענדעט צו בערטהא'ן — מיר וועלען זיכער א גאנצע נאַכט היינט פערברייננגען.

— איך מוז צוהעלפען דער שוויגער אלעס צוגרייטען — האט בערטהא זיך אפגערופען — איך האב קיין צייט ניט.

— און איך וועל אויך צוהעלפען — האט מיסעס אדלער געזאָגט — ווער קען דאס ביימאָג שלאָפען? דאָ איז דאָך ניט פילאַדעלפיא — דיא פערשלאָפענע שטאָדט — האט זיא צוגעגעבען מיט א שמייכעל — איהר קענט געהן פאר א וואָק און מיר וועלען שפעטער ארויסקומען צו אייך, געהט נאר ניט אוועק ווייט.

דאן האט זיא זיך געווענדעט צו בערטהא'ן, זאָגענדיג:

— שפעטער וועלען מיר צו זיי ארויסגעהן, יא. זאָלען זיי זיך יעצט געהן. מען דאַרף זיי דאָ ניט. זיי וועלען אונז נאָך שטערען — האט זיא געשמייכעלט.

ראָטער האט אנגענומען זיין יוגענד פריינד אונטערן ארם און איז מיט איהם ארויסגעגאַנגען און דיא פרויען האבען אויך פערלאָזען דעם דייניניג־רום און זיינען אריין אין קיך, וואו דיא דיענסטען, אונטער דער אויפזיכט פון דער אלטער מיסעס ראָטער האבען געארבייט פלייסיג ביים צוגרייטען צו דער פארטי.

— וויא געפעלט דיר עפּעס דער פערהייראַטער לעבען? — האט אדלער געפרעגט ביי זיין פריינד, ווען זיי האבען זיך געפונען אויפ'ן פעלד.

— פיין! — האט ראָטער קורץ געענטפערט.

אדלער, וועלכער האט געקענט ראָטער'ן בעסער וויא זיך זעלבסט, האט דערקענט אין דעם טאָן, אין וועלכען זיין פריינד האט דיעזען איינעם וואָרט ארויסגערעדט, אז עס איז עפּעס ניט אזוי פיין... ער האט געוואוסט, אז ער האט געקעמפפט נעגען דעם פאָטער'ס צוואה, אז ער זאָל הייראַטען מיט בערטהא'ן. ער האט אויך געוואוסט פון ראָטער'ס בעציהונגען מיט דער יונגער רייכער אלמנה אייזען. ער האט איהם באַגעגענט פאר דער חתונה, האט ער זיך פאר איהם בעקלאָגט, אז ער ליידעט שרעקליך. אבער פון זיין בענעהמען זיך צו דער פרוי, האט אדלער געדיינקט, אז ער איז צופריעדען, אז ער האט זיך ענדליך אונטערגעוואָרפען דעם שיקזאל. און וואָרום זאָל ער ניט זיין צופריעדען — האט ער ביי זיך געטראַכט

— אזא בעריהמטע שעהנדייט און דיא עדעלקייט און דיא גוטסקייט ליגט דאָך ביי איהר אויסגעגאָסען אויפ'ן געזיכט. פערגלייכענדיג איהר צו מיסעס אייזען איז ראָך אַן אונטערשיעד וויא פון טאָג צו נאַכט. און אַז ראַטער איז ניט אויסען געוועזען דער רייכער אלמנה'ס פארמעגען — אין דעם האָט ער ניט געצווייפעלט. ער איז אַלזאָ געוועזען זיכער, אַז זיין פריינד ליעבט זיין יונגע פרוי און ער איז גליקליך. הערענדיג אָבער יעצט דעם קורצען ענטפער, איז ער ניט ווייניג ערשטוינט געוואָרען. ער האָט דארום ביי זיך בעשלאָסען, עטוואָס מעהר וועגען דעם אויסצוגעפינען, און ער האָט איהם ווייטער געפרעגט:

— וויא פערברייננגסטו עפעס דיא צייט? האָסט עפעס קאָמפּאַניע?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט אין ניו יאָרק — האָט ראַטער איהם ערקלעהרט — אַז אויף דעם אנדערען טאָג נאָך דער חתונה, זיינען מיר גלייך אַהער געפאָהרען און איך בין אַ טאָג שפּעטער געפאָהרען קיין ניו יאָרק. איך בין היינט דאָ פּונקט אַזאַ גאַסט וויא דו.

— אַזוי פערברייננגסטו דיינע האָניג מאָנאַטען? — האָט אַדלער מיט אַ בעדייטענדען שמייכעל ווייטער געפרעגט ראַטער'ן — מען לאָזט איבער אַ שעהנע פרוי און מען פאָהרט אַוועק קיין ניו־יאָרק...

— ביזנעס, ברודער! —האָט ראַטער געענטפערט, סטאַרענדיג זיך צו שמייכלען — איך האָב געדאַרפט נויטיג זיין אין ניו יאָרק.

אַדלער'ן איז אַלץ מעהר קלאָהר געוואָרען, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות, ווען ער האָט געדיינקט, אַז זיין פריינד איז צופריעדען פון דעם שידוך. פאַר זיינע אויגען האָט ער יעצט געזעהן דיא רייצענדע, דיא וואונדערשעהנע בערטהאַ, וועלכע האָט איהם וויא בעצויבערט פון דעם ערשטען בליק וואָס ער האָט אויף איהר געוואָרפען. ווען ער וואָלט איהר געקענט איידער ער האָט זיך בעקענט מיט זיין יעצטיגע פרוי, וואָלט ער זיך גלייך איינגעליעבט אין איהר, און ער וואָלט געוועזען גליקליך, ווען זיא וואָלט איהם ניט געווען פערשטויסען. און זיין פריינד איז גאָר ניט צופריעדען!

ער האָט בעשלאָסען ווייטער אָנצוגעהן מיט זיין אויספאָרשונג און ער האָט איהם געפרעגט:

— אָבער יעצט וועסטו דאָך שוין אין ערגעץ ניט פאָהרען? יעצט וועסטו דאָך שוין געניסען פון דיינע האָניג־מאָנאַטען?

— יעצט וועל איך נעהמען מיין וואַקיישאַן — האָט ראַטער איהם געענטפערט — עס וועט מיר אויסקומען איין מאָל אין וואָך פּיעלייכט צו זיין אין ניו יאָרק.

ראַטער איז ניט געוועזען שטאַרק צופריעדען מיט דעם וואָס זיין פריינד נעהמט איהם דאָ אויף אַ מין קרייץ־פערהער, וואָס ער וויל דוקא אויסגעפינען, צי ער ליעבט זיין פרוי, צי ער פיהלט זיך גליקליך, צי פאַרקעהרט. ער האָט איהם דארום געענטפערט אין אַזאַ טאָן, אין וועלכען ער האָט איהם געוואָלט געבען אַנצודערענעס, אַז ער זאָל איבערבייטען דיא טהעמאַ פון געשפּרעך. אָבוואָהל ער איז געוועזען פון אימער זיין בעסטער, זיין אינטימסטער פריינד, דאָך האָט ער איהם דיעזע געהיימניס זיינע ניט געוואָלט ענטדעקען. ער האָט דערצו געהאַט פערשיעדענע אורזאַכען. דיא הויפּט אורזאַכע איז געוועזען, דאָס ער האָט ניט געוואָלט, אַז זיין פריינד זאָל מיט איהם מיטלייד האָבען, זאָל איהם בעדויערען... ער האָט יעצט חרטה געהאַט, וואָרום ער האָט איהם אויף זיינע פראַגען אָפּגע'פּטור'ט מיט קאַלטע, קורצע אַנטוואָרטען. ער האָט געוואָלט, ער זאָל דיינקען, אַז ער איז דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט, און זיין גאַנצער בענעהמען זיך צו דער פרוי איז דאָך געוועזען מיט דער כונה, אום אַדלער און זיין פרוי זאָלען אַזוי מיינען. האָט ער זיך אָבער פערלאָרען מיט זיינע אַנטוואָרטען. ער האָט יעצט דארום געוואָלט צוריק פערבאַפּען און ער האָט זיך אָפּגערופען מיט אַ געמאַכטען שמייכעל:

— דו, ברודער, האָסט שוין דיינע האָניג מאָנאַטען פערגעסען און איך וועל זיי ערשט אַנהויבען צו געניסען.

ער האָט דיעזע ווערטער ארויסגערעדט אין אזא טאָן, אז עס איז לייכט געווען צו זעהן, אז אין הארצען דיינקט ער ניט אזוי. דער פריינד האָט דארום צו איהם געזאָגט:

— ביי מיר איז נאָך יעצט דיא האָניג מאָנאטען, און זיי וועלען זיך קיין מאָל ניט ענדיגען, דעם גאנצען לעבען אונזערען וועלען זיי אָנהאלטען.

ראטער'ן האָבען דיעזע רייד וויא מיט שפּיעזען געשטאָכען. דאָס איז ניט געווען דערפאר, ווייל ער האָט זיין פריינד ניט פערגונען זיין גליקליכען פאמיליען־לעבען, ניין; ער האָט אין דער מינוט א טראכט געטהאָן וועגען זיין לאגע און א טיעפער טרויער האָט ארומגענומען זיין גאנצען וועזען.

אדלער האָט בעמערקט זיין פריינד'ס פלעצליכע ענדערונג און ער האָט איבערגעביטען דעם געשפּרעך אויף אן אנדער טהעמא.

אין דער זעלבער צייט איז בערטהא געזעסען מיט איהר נייער פריינדין, מיסעס אדלער, ביי זיך אין צימער און האָבען זיך פריינדליך אונטערהאלטען. בערטהא האָט איהר געציינט דיא דזשועלערי, וואָס ראטער האָט איהר געבראכט. זיא האָט דאָס איהר אומישנע געציינט, אום זיא זאָל זעהן, וויא ליעב דער מאָן האָט איהר... זיא האָט נאָך אלץ מורא געהאט, אז זיי זאָלען חלילה ניט בעמערקען קיין זאַך וועגען איהר ווירקליכען פאמיליען־לעבען. זיא האָט זיך אלץ געכמארעט איהר צו איבערצייגען, וויא „גליקליך" זיא איז.

דער גאסט האָט איהר אויך איבערגעגעבען וועגען איהר פאמיליען־לעבען, וועלכער איז אין דער ווירקליכקייט געווען איינער פון דיא גליקליכסטע, דען איהר מאָן איז געווען איינפאך משוגע אוים ליעבע צו איהר. קיין זאַך אין דער וועלט איז פאר איהם ניט צו טהייער געווען, אום דאָס פאר איהר צו שאפען. בערטהא האָט איהר פריינדשאפט גלייך געוואונען און זיא האָט פאר איהר יעצט גערעדט מיט יענער אָפענהערציגקייט אינ־טימקייט, מיט וועלכע מען רעדט מ ט אן אלטען, אמת'ן פריינד. זיא האָט איהר דערצעהלט וועגען איהר ראָמאן, וועגען איהר יעצטיגען לעבען — וויא גליקליך זי איז.

בערטהא האָט זיך צוגעהערט מיט א שפּאנענדער אויפמערקזאמקייט. איהר געזיכט האָט אויסגעדריקט א מינע, אזוי ווי דיעזע ערצעהלונג וואָלט איהר דעם העכסטען פערגעניגען פערשאפט, ווערענד אין דער ווירקליכקייט איז איהר הארץ מיט בלוט פערגאסען געוואָרען, און פונקט וויא ראטער איז זיא ניט געווען דזשעלאוס אויף איהר פריינדין'ס גליק; זיא האָט זיך יעצט ערא:נערט אין איהר אונגליק און עס האָט איהר זעהר פיעל געזונד געקאָסט, אום זיך צו בעהערשען, אום ניט ארויסצוציינען איהר פארביטערטע הארץ.

און וואס מעהר מיסעס אדלער האָט דערצעהלט וועגען איהר גליקליכען לעבען, אלץ מעהר פערטרויערט איז בערטהא געוואָרען — אין הארצען.

ענדליך האָט זיא געפיהלט, אז זיא וועט דיעזע ראָלע איהרע לענגער ניט קענען שפּיעלען; ווען זיא זאָל לענגער זיך צוהערען, וועט זיא מוזען אויסברעכען אין א געוויין. זיא האָט זיך דארום אָפּגערופען:

— לאָמיר ארויסגעהן צו זיי; מיר האָבען דאָך פערשפּראָכען צו זיי צו קומען.

— איך האָב גאָר געהאט פארגעסען

— האָט דיא גאסט געזאָגט, אויפהויבענדיג זיך פון שטוהל.

זיי זיינען ארויסגעגאנגען און אָנגעיאָגט דיא מענער.

דער גאסט איז אנקעגען געלאָפען זיין פרוי מיט אויסגעשפּרייטע הענד, אָבער א קוק טהוענדיג אויף בערטהא'ן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און זיך געווענדעט צו איהר, זאָגענדיג:

— איך רעד דא מיט מר. ראָטער'ן, אז איהר זאָלט ארויסקומען אויף עטליכע וואָכען צו אונז קיין אטלאנטיק סיטי, וואו מיר וועלען פארברייננען דיעזען וואַקיישאָן.

— מאָכע א גוטער פּלאן! — האָט

זיך מיסעס אדלער אפגערופען — איהר ועט מיט אונז גלייך מיטפאהרען.

בערטהא האט זיך געפונען אין א בערלעגענהייט, ניט וויסענדיג וואס צו ענטפערען. ראטער האט דאס בעמערקט און ער האט איהר פון דיעזע פערלעגענהייט ארויסגענומען, זאגענדיג:

— מיר וועלען נאך וועגען דעם רייד־דען, עליקס.

דיא קאמפאניע האט זיך אוועקגעלאזט איבער'ן פעלד. אדלער איז געגאנגען מיט בערטהא'ן און ראטער מיט זיין פריינד'ס פרוי.

— איך האב זיך פערליעבט אין אייער פרוי — האט מיסעס אדלער געזאגט צו ראטער'ן — זיא איז אזא ליעבענס־ווירדיגע און פערנינפטיגע פרוי. מיר דוכט זיך, אז איך וועל בענקען נאך איהר, ווען איך וועל פון דאנען אוועקפאהרען. איך האב איהר אזוי ליעב, אזוי וויא מיר וואלטען שוין יעהרען בעפריינדעט פון יאהרען לאנג.

ער האט זיך פערניינט פאר איהר און געדאנקט פאר דיא קאמפלימענטען וואס זיא האט געמאכט זיין פרוי.

א'ן עהנליכער געשפרעך איז אויך פארגעקומען צווישען בערטהא'ן און אדלער'ן:

— איך בין אזוי דאנקבאר מיין מאן, וואס ער האט אייך איינגעלאדען צו אונז — האט זיא געזאגט מיט אפענהערציגקייט — איך האב זיך שוין פערליעבט אין אייער פרוי. זיא איז אזא ערעלע און קלוגע פרוי.

— עס פרעהט מיך זעהר צו הערען פון אייך, אז איהר האט אזא גוטע מיינונג וועגען מיין פרוי — האט ער געזאגט, פערניינענדיג זיך מעשה קאוואליער — אבער עס וואלט מיך נאך מעהר געפרעהט, ווען איהר זאלט וועגען מיר אויך האבען א גוטע מיינונג.

בערטהא האט פערשעהמט ארונטערגעלאזען דיא אויגען.

— אויב איהר האט נאך ניט וועגען מיר קיין גוטע מיינונג, האפ איך, אז איהר וועט זיא מיט דער צייט האבען — האט ער נאך א קורצע ווײלע פון שטילשווייגען געזאגט.

— ווער זאגט אייך דען אז איך האב וועגען אייך ניט קיין גוטע מיינונג? — האט זיא געזאגט, קוקענדיג אויף איהם מיט א שמייכעל.

— איך דאנק אייך זעהר — האט ער איהר ווארים געדריקט דיא האנד און זיך ווידער פערניינט.

— וואס קומט דארטען צווישען אייך אזעלכעס פאר! — האט מיסעס אדלער אויסגעשריען מיט א שמייכעל — עפעס האלסטו, עליקס, אין איין פערניינען זיך. מיסעס ראטער איהר צובאלעוועט מיר דארטען מיין מאן!

— ווארום פרעג איך דיך ניט וואס דוא טהוסט דארט? — האט דער מאן צו איהר אויסגעשריען — האסט א קאוואליער, שוויג זשע און מיש זיך ניט אין קיין פרעמדע ביזנעס.

— דאס געהט ניט ביי דיר, ברודער'ל!

— האט זיא ווייטער גערעדט, צוגעהענדיג צום מאן — דוא ווייסט דאך, אז איך בין דזשעלאס.

דאן האט זיא זיך געווענדעט צו ראטער'ן, זאגענדיג:

— נעהמט זיך אייער פרוי און איך וועל זיך נעהמען מיין אלטען.

אלע האבען זיך הערצליך פארנאנדערגעלאכט.

— אט אזוי איז זיא, מאיר! — האט דער גאסט זיך געווענדעט צו זיין פריינד — טאמער זעהט זיא מיך נאר א ווארט אויסרײדען מיט א שעהנערע פרויענצימער פון איהר, ווערט זיא באלד דזשעלאס. איך האב שטענדיג פון איהר צרות. איך האף, אז דוא ווייסט ניט פון אזעלכע צרות...

— ער בלאפט, גלויבט איהם ניט — האט זיך מיסעס אדלער אפגערופען, צושלאגענדיג זיך דיררביי — איך בין דזשעלאס, זאגסטו? ווארט, וועסט זיך באלד איבערצייגען.

זיא האט גענומען אונטער'ן ארם ראטער'ן און איז מיט איהם אוועקגעגאנגען, זאגענדיג:

— אט געה איך אוועק מיט מיין קאַ־

מאליער און איך לאז דיך דא איבער מיט זיין „סוויט־הארט“.

— אט אזוי האנדעלסטו ווי א מענש!

— האט דער מאן צו איהר געזאגט, שמייכלענדיג. יעצט האב איך דיך ליעב. זאלסט נאר אימער אזוי האנדלען.

דאן האט ער זיך געווענדעט צו בערטהא'ן, וועלכע איז געווען זעהר אויפגערעגט פון דיעזען שפאס, זאגענדיג:

— אז אייער מאן האט מיר צוגענומען מיין פרוי, בלייבט מיר ניט איבער עפעס אנדערש צו טהאן, וויא צוצונעהמען אייך.

דאס זאגענדיג, האט ער איהר א כאפ געטהאן אונטערן ארם און האט זיך געלאזען מיט איהר לויפען איבערן פעלד אין א'ן אנדער ריכטונג, וואו ראטער מיט זיין פרוי זיינען געגאנגען, אויסשרייענדיג.

— גוד־ביי מאיר! גוד־ביי ביטרים! ענדזשוי יור סעלף!

און וויעדער האט איבערן פרייען פעלד אפגעקלונגען א הילכיגער, פרעהליכער געלעכטער.

בערטהא האט זיך געפיהלט א גליקליכע. זיא האט שוין לאנג אזוי הארציג ניט געלאכט. איהר געזיכט האט געפלאמט, איהרע אויגען האבען געשטראהלט און די הארץ האט אין איהר געטאנצט פון שמחה.

—ער וועט זעהען וויא פרייליך, ווי גליקליך דיא אדלערס לעבען — האט זיא ביי זיך געטראכט — וועט ער אנדערש ווערן, וועט ער אויך וועלען אזוי לעבען; און זיא איז אזוי דאנקבאר געווען דיא געסט! זיא האט זיך צוגעטוליעט צו איהר בעגלייטער, אזוי וויא זיא וואלט דערמיט וועלען אויסדריקען אהר דאנקבארקייט.

און מיסעס אדלערים שפאסען איז געווען א שטיק ערנסטקייט. זיא איז אין דער ווירקליכקייט געווען אייפערזיכטיג, און אבוואהל זיא האט זיך יעצט אנגענומען מיט קוראזש, אום צו ציינען, אז זיא איז דאס ניט, האט אבער דיעזער קוראזש גליך ביי איהר געפלאצט. אין איהרע אויערען האבען געקלונגען איהר מאנ'ס ווערטער, אז בערטהא איז שעהנער וויא זיא. אבוואהל זיא האט געוואוסט, אז ער האט דאס געמיינט אלס שפאס, פון דעסטוועגען איז זיא געווען נערוועז. אזוי איז שוין דיא פרויען נאטור. א פרוי זעהט ניט גערן ווען מען לויבט אין איהר אנוועזענהייט אן אנדער פרוי, בפרט ווען דיעזע לויב געהט אויף שעהנקייט.

אפגעהענדיג עטליכע טריט, האט זי זיך פלוצלונג אפגעשטעלט און אויסגעשריען צו איהר מאן מיט מיסעס ראטער:

— מיסעס ראטער, מיסעס ראטער!

קומט אהער צו אונז אויף א וויילע!

בערטהא האט בעפרייט איהר ארם און האט זיך געלאזען געהן צו איהר מאן; אדלער איז איהר נאכגעגאנגען, מאכענדיג מיט דיא הענד אין דער לופטען, אזוי וויא ער וואלט סטראשען זיין פרוי.

ווען זיי זיינען צוגעקומען, האט זיך מיסעס אדלער אפגערופען צו איהר מאן:

— וואס ביזטו געקומען? ווער האט נאך דיר געשיקט? איך האב דאך דיך ניט גערופען!

זיא האט אנגענומען בערטהא'ן אונטער'ן ארם און האט איהר מיטגעצויגען מיט זיך און ראטער'ן, זאגענדיג צו איהר מאן:

— עקסקיוז מי, מיר האבען וועגען עטוואס צו ריידען.

— קיינע סודות זיינען יעצט נימא!

— האט אדלער זיך אפגערופען, צולויפענדיג צו בערטהא'ן און אנגעהמענדיג איהר פאר'ן ארם — קומט אוועק פון זיי!

— זעה נאר וויא ער לויפט נאך!

— האט דיא פרוי גענומען שטעכען דעם מאן כלומרשט אויף שפאס — מען זאגט איהם, אז מען וויל עפעס ריידען, וואס ער דארף ניט וויסען, און ער לויפט נאך.

— מיר דערצעהל קיין מעשיות ניט, ביטרים — האט אדלער אויך אין שפאס גערעדט — איך ווייס דאך, אז דו האסט ניט געמיינט, אז מיסעס ראטער זאל אהער קומען; האסט גאר מיר געמיינט. מיר קענען זיך דאך...

— טאקע געטראפען! — האט זיא פארריכטען דיא נאז! — א גרויסער חכם! ער איז אימער אזוי קלוג געווען, מיסטער ראטער? — האט זיא זיך געווענדעט צו

איהר בעגלייטער — איהר קענט דאך איהם לענגער וויא איך.

— אָה, יעס! — האָט ראָטער גע־ענטפערט — עלעקס האָט געהאַט א שם אלס א סמארט באַי.

— אָבער איין מאָל האָב איך זיך בענאַרישט! — האָט ער, בייטענדיג דעם טאָן, געזאָגט מיט א רחמנות'דיגע מינע — אָבער נאָך וויא זיך בענאַרישט!

— אמת, עס זיינען דאָ קליגערע פון דיר? — האָט מיסעס אדלער אין א מאָן פון טריאומף געזאָגט — קלוג און דאָך זיך בענארישט.

— דער קליגסטער מענש בעגעהט אמאָל א פעהלער! — האָט ער געזאָגט, וויא ער וואָלט וועלען מיט דיעזען מודה זיין זיך ראַטעווען זיין רעפּוטאַציאָן אלס קלוגער.

— אָבער וויפיעל צאַפּעלט איהר זיך, וויפיעל משוגענע שטיק פּראָוועט איהר, חכמים, איידער עס געלינגט אייך צו בעגעהן דיעזע נאַרישקייט, הא?

דאַן האָט זי זיך געווענדעט צו בער־טהא'ן, פרעגענדיג איהר:

— האָב איך רעכט, מיסעס ראָטער, צי ניט?

אין בערטהא'ן איז דיא בלוט פאַר־גליווערט געוואָרען אין דיא אָדערן און זיא האָט דערפיהלט א שווינדער אין אלע איהרע גליעדער. זיא האָט זיך אָנגע־שטרענגט מיט אלע איהרע קרעפטען, זיך צו האַלטען רוהיג און זיא האָט מיט א געקינסטעלטען שמייכעל געענטפערט קורץ:

— געוויס.

— אָבער דאָס געהט ניט בלויז אויף מענער — האָט ראָטער, וועלכער האָט דיא גאַנצע צייט געשוויגען, זיך אָפּגע־רופען — איך וויים פון פיעלע פרויען, וועגען וועלכע מען קען דאָס זעלבע זאָגען.

— זיינען זיי טאַקע גרויסע אי־דיאָטען — האָט מיסעס אדלער פערטהיי־דיגט איהר געשלעכט — ניט וואָהר, מי־סעס ראָטער? — האָט זיא זיך ווידער געווענדעט צו בערטהא'ן.

בערטהא איז געוועזען זעהר צוטראָגען. דיעזע רייד האָבען איהר שרעקליכע שמערצען פערשאַפט. זיא האָט זיך גע־פיהלט וויא א שווערער פערברעכער בשעת ער שטעהט פאַר דעם ריכטער און ער דאַרף ענטפערען אויף געוויסע פראַ־גען, וואָרום ער האָט דעם פערברעכען בעגאַנגען. זיא האָט זיך בעגעגנט מיט איהר מאַן'ס שטעכיגע בליקען און זיא איז נאָך מעהר צוטומעלט געוואָרען, און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. ענד־ליך האָט זיא זיך אָפּגערופען אין אַן ערנסטען טאָן:

— איך דיינק, אז דיעזע טהעמא איז א צו ערנסטע, אום מען זאָל איהר קענען בעהאַנדלען אויף א שפּאַסיגען ארט. יעדענפאלס איז דאָ ניט דער פּלאַץ צו פערהאַנדלען אזעלכע פראַגען. מיר שפּאַ־ציערען דאָך...

אדלער און זיין פרוי האָבען זיך דורכגעוואָרפען מיט פערוואונדערטע בלי־קען. דיא פריהערדיגע פרעהליכע שטי־מונג האָט זיך פּלוצלונג אומגעוואַנדעלט אין אַן ערנסטע. ראָטער האָט זיך, פּונקט וויא בערטהא, ניט געפיהלט גוט און ער האָט זיך אָפּגערופען:

— האָסט רעכט, בערטהא, אזא טהעמא קען מען מיט שפּאַס ניט בע־שפּרעכען. דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו מרס. אדלער:

— איהר פרויען, דאַרפט טאַקע ניט אזוי שטאָלצירען וואָס מען יאָגט זיך אזוי נאָך אייך. איהר זאָגט דאָך אליין, אז נאַראָנים יאָגען זיך נאָך אייך. א קלוגער וועט אזא נאַרישקייט ניט בעגעהן... אָבער זאָל נאָר דער נאַר פּרובירען אוועק־געהן פון אייך; זאָל ער נאָר פּרובירען זיך יאָגען נאָך אַנדערע, נאָך א שעהנערע, דאַן ווערט איהר דער נאַר... ניט וואָהר, עלעקס? — האָט ער זיך געווענדעט צו זיין פריינד.

— וואָס דאַרפסטו ווייט זוכען?

— האָט אדלער געענטפערט — האָסט דאָך געזעהן וואָס עס איז דאָ ערשט פאַר־געקומען! טאָמער בין איך צעהן טריט אָפּגעגאַנגען מיט א שעהנערע פון איהר, האָט זיא מיך שוין צוריקגערופען...

דיא קאָמפּאַניע האָט ווייטער אויס־געבראַכען אין א פרעהליכען געלעכטער,

וועלכען דער וויעדער־קול האט אונטערגעכאפט און אפגעענטפערט ווייט פון וועלד.

— האסט ביי זיך טשיינזש, בערטהא? — האט ראטער געפרעגט זיין פרוי.

זיא האט איהם אנגעקוקט מיט א ליעבליכען שמייכעל און האט געשוויגען.

דאן האט ער ארויסגענומען פון טאש א קוואדער און, דערלאנגענדיג דאס דעם גאסט, האט ער געזאגט, שמייכלענדיג:

— מיין פרוי האט קיין טשיינזש ניט ביי זיך, וועל איך פאר איהר בעצאהלען דעם קוואדער וואס דיר קומט פאר דיא קאמפלימענטען.

און א נייער געלעכטער האט אויסגעבראכען.

זיי האבען זיך געלאזען געהן אהיים. ראטער האט אויסגעשטרעקט זיין ארם צו בערטהא׳ן, וועלכע האט איהם פיבערהאפט איינגעשלאסען אין איהרען. אך, וויא גליקליך זי האט זיך יעצט געפיהלט! דיא בלוט האט זיך אין איהר צופלאמט. ווען עס וואלטען דא קיין פרעמדע מענשען ניט געווען, וואלט זיא איהם צו דיא פיס געפאלען און געדאנקט פאר זיין פריינדליכקייט צו איהר. ער האט איהר פון דיעזער פערלעגענהייט ארויסגענומען. זיא האט אויף איהם געקוקט מיט אזעלכע ליעבליכע, מיט אזעלכע דאנקבארע בליקען, און ער האט דיעזע בליקען איהרע גוט פערשטאנען.

אדלער מיט דער פרוי זיינען געגאנגען הינטער זיי מיט לאנגזאמע טריט און האבען זיך געהאלטען אין א געוויסער ווייטקייט פון דיא ראטערס.

— האסט בעמערקט פריהער וויא מיסעס ראטער איז געווארען צוטראגען?

— האט מיסעס אדלער שטיל מיט א פערשטיקטען קול זיך געווענדעט צו איהר מאן, ציהענדיג איהם ביים ארבעל פון זיין ראק.

— וואס בעמערקט, ווען בעמערקט?

— האט ער איהר גענומען אויסלאכען, פערשטעהענדיג וואס זיא מיינט — וואס דיר קען אלץ איינפאלען.

און אום איהר ניט צו געבען קיין געלעגענהייט ווייטער צו ריידען וועגען דער זעלבער פראגע, האט ער אויסגעשריען:

— וואס לויפסטו אזוי, מאיר, האסט קיין צייט ניט?

די ראטערס האבען זיך אפגעשטעלט און ווען דיא געסט זיינען צו זיי צוגעקומען, זיינען זיי אלע צוזאמען אהיים געגאנגען.

דיא אלטע מיסעס ראטער איז ניט אפגעטראטען פון בערטהא׳ן דיא גאנצע צייט וואס זיא האט זיך אנגעטהאן צו דער פארטהי. זיא האט אוועקגעשיקט דיא דיענסט, ערקלעהרענדיג איהר, אז זיא וועט איהר ארויסהעלפען. ווען בערטהא איז שוין געווען פערטיג אריינצוגעהן צו דיא געסט, האט איהר דיא שוויגער נאך אמאל און נאך אמאל בעטראכט, פאפראוועט אויף איהר קלייד דאס מינדעסטע פעלבעלע, וואס זיא האט בעמערקט, ארומגעקוקט איהר פון אלע זייטען, אזוי וויא זיא וואלט יעצט דארפען געפעלען ווערען א חתן און דאן האט זיא א לאנגען, הייסען קוש אפגעפרעסט אויף איהר שעהנעם, שטאלצען שטערן, טראכטענדיג ביי זיך אין הארצען:

— אז מאיר וועט איהר יעצט דערזעהן, וועט ער זיך גלייך איינליעבען אין איהר. וואו האט ער זיינע אויגען? ער דארף דאך קושען דאס ארט וואו זיא שטעהט! וויא א פרינצעסין זעהט זיא דאך אויס! וואו האט ער זיינע אויגען?

דיא גאנצע נאכבארשאפט איז איינגעלאדען געווארען צו דער פארטהי און אללע זיינען געקומען. דיא פרויען זיינען אללע געווען בעהאנגען מיט ברילליאנטען און דימאנטען, וועלכע האבען פערבלישצעט דעם גרויסען זאאל. ווען בערטהא איז אריינגעקומען, האבען אלעמענס אויגען זיך צו איהר געווענדעט. מיט ענטציקונג האט מען געקוקט אויף איהר. א ים פון שעהנהייט, רייץ און גראציע האט זיא מיט איהר אריינקומען אריינגעבראכט. ראטער איז ניט געווען ווייניגער ענטציקט פון דיא איבעריגע געסט. ער איז גלייך צוגעגאנגען צו איהר, אנגענומען איהר פאר דיא האנד און געגאנגען מיט

איהר פון גאסט צו גאסט, פארשטעלענדיג איהר. אין דער צייט זיינען דיא אדלערס אריינגעקומען. דאן האט ראטער אוועקגעזעצט בערטהא'ן און האט גענומען פארשטעלען זיינע טריינר.

דער עולם האט זעהר פרייליך פערבראכט. בערטהא איז געזעסען לעבען ראטער'ן, וועלכער האט געשיינט צו פיהלען זיך זעהר צופריעדען. ער איז געווען גוט אויפגעלייגט און האט פיעל געשפאסט.

נאך'ן סאפער האט דער עולם גענומען פאדערען, אז אימיצער פון דיא געסט זאל עפעס פארטראגען אדער זינגען. עס האבען זיך גלייך געפונען אמאטארען, וועלכע האבען געלייסטעט דאס בעסטע וואס זיי האבען געקענט. דאן האט דער עולם גענומען פאדערען, אז דיא יונגע פאר פאלק זאלען אויך עטוואס לייסטען. ראטער האט זיך ענטשולדיגט, אז ער קען ניט זינגען, ניט דעקלאמירען. אבער דיא געסט האבען דיעזען תירוץ ניט געוואלט אננעהמען.

— דו שפיעלסט דאך פיעדעל—האט צו איהם אדלער געזאגט — טא לאמיר עפעס הערען.

— שפיעל טאקע עטוואס, מאיר! האט זיך דיא מוטער ביי איהם געבעטען.

— אז איך האב גאר דיא פידעל ניט מיטגענומען—האט ער זיך ווייטער געפרואווט ארויסדרייען.

— איך האב א פידעל האט זיך דער אידישער אקטיאר, וועלכער האט זיך אויך געפונען צווישען דיא געסט, אפגערופען—אט ברייננג איך זיא גלייך אריין.

דאס זאגענדיג איז ער שנעל ארויס און אין עטליכע מינוטען ארום האט ער געבראכט א פיעדעל מיט נאטען. דער עולם האט גענומען אפלאדירען און ראטער, פערנייגענדיג זיך דעפליך, האט גענומען אנסטראיען דעם אינסטרומענט. ווען ער איז פערטיג געווארען, האט ער גענומען זוכען צווישען דיא נאטען וואס ער זאל שפיעלען. ער האט אויסגעקליבען שאפען'ס אנאקטור און האט אנגעפאנגען שפיעלען. ער האט געשפיעלט מיט געפיהל, מיט הארץ. אין זאל איז געווען שטיל. עס האבען זיך בלויז געהערט דיא בענקענדע, טרויעריגע טענער, וועלכע ער האט געצערטעלט אויף דיא סטרונעס.

בערטהא איז געזעסען בעוועגלאז און האט איהרע אויגען פון ראטער'ן ניט ארונטערגענומען. א שטורעם פון געפיהלען האט יעצט אין איהר הארץ געבושעוועט. זיא האט זיך דערמאנט וויא ער האט געשפיעלט מיט דריי יאהר צוריק, ווען זיא איז דאס ערשטע מאל איינגעלאדען געווארען צו דעם אלטען ראטער אין הויז,—זיא האט איהם דאן אנגעהויבען צו ליעבען. און פאר איהרע אויגען שטעהען יעצט וויא לעבעדיגע בילדער אללעס, וואס זיא האט ביז יעצט איבערגעלעבט. פאר איהרע אויגען שטעהט יעצט ניט דער זעלבער ראטער — איהר מאן—זיא זעהט יעצט פאר זיך א'ן אנדערן מענשען, וועלכער איז גאר ניט ענליך צו איהר מאן... און זיא וואלט וועלען, אז ער זאל אימער בלייבען דער מענש, וועלכען זיא זעהט יעצט. אה, דאן וואלט זיא געווען גליקליך; ער וואלט איהר דאן געליעבט. און זיא דריקט אוים איהרע געפיהלען מיט איהרע וואונדער שעהנע אויגען, וועלכע זיא האלט דיא גאנצע צייט געריכטעט אויף איהם. ראטער האט איהרע בליקען עטליכע מאל בעמערקט און ער האט זיך געסטארעט ניט צו קוקען מעהר אין דער ריכטונג.

ווען ער האט געענדיגט, האט זיך אויפגעהויבען א שטורם פון אפלאדיסמענטען. מען האט גענומען פאדערען, ער זאל נאך עפעס שפיעלען. ער האט אנפאנגס ניט געוואלט, אבער ער האט ענדליך געמוזט צוליעב טהאן דיא געסט. אויך בערטהא האט איהם געבעטען מיט א ציטערענדע שטימע:

— שפיעל נאך עפעס, מאיר! דו האסט דיא נאקטורן געשפיעלט וויא א קינסטלער—האט זיא איהם געמאכט א קאמפלימענט.

און ער האט נאך א זאך געשפיעלט.

דער עולם האט איהם וויעדער ווארים אפפלאדירט, ווען ער האט געענדיגט, אבער אם ווארימסטענס האט איהם

אפלאדירט בערטהא. אך, וואס פאר א הימלישען פערגניגען ער האט א חר פערשאפט מיט זיין שפיעלען!

יעצט איז געקומען דיא רייהע צו איהר. דיא געסט האבען זיך דערוואוסט פון דער אלטער מיסעס ראטער, וועלכע איז יעצט געווען אויף דעם זיבעטען הימעל, אז בערטהא איז א גוטע זינגערין, און זיי האבען גענומען פאדערען, אז זיא זאל עטוואס זינגען.

זיא האט זיך ניט געלאזען לאנג בעטען. זיא איז יעצט געווען אזוי גליקליך, אז דיא הארץ האט אין איהר געזונגען. אזוי וויא עס איז קיין פיאנא ניט געווען, האט זיא געבעטען ראטער'ן, ער זאל איהר בעגלייטען אויף דיא פידעל א געוויסע ליעד, וועלכע ער האט געקענט שפיעלען אויף אויסווענינ.

זיא האט געזונגען מיט אמת'ן געפיהל. דיא שטימע האט פראכטפאל געקלונגען. דאס, וואס איהר נשמה האט יעצט געפיהלט, האט זיא אין דיא טענער פון דעם ליעד אויסגעגאסען. זיא האט מיט איהר זינגען אלעמען בעצויבערט. ראטער, וועלכער איז פון דער נאטור געווען מוזיקאליש, האט זיך בעגייסטערט פון איהר זינגען און ער האט גענומען זיך „דערווארימען" אין שפיעלען... זיא האט דאס געפיהלט, געהערט וויא ער איז מיטגעריסען געווארען מיט דער מוזיק, און זי האט נאך מיט מעהר געפיהל, מיט מעהר הארץ געציטערט, געטשעטשעט דיא טענער.

א דייטשעס ליעבעס־ליעד האט זיא געזונגען. א מעדכען גיעסט אויס איהר צערוויטאגטע הארץ, איהר בענקעניש נאך איהר הארצענס־געליעבטען, וועלכער איז ערגעץ אוועק ווייט, ווייט. זיא בעט זיך ביי איהם, ער זאל קומען צו איהר, אז ניט, וועט זיא אויסגעהן פון בענקשאפט. און דאס ליעד האט דאך איהרע לידען, איהר ביינקשאפט אויסגעדריקט. און ראטער, וועלכער איז אויך געווען פערליעבט ניט אין זיין פרוי, מיט וועלכע ער איז געצוואונגען געווען צו הייראטהען, נור אין דער יונגער אלמנה אייזען, האט אויך זיינע ליעבעס־שמערצען, זיינע לידען אויף דיא סטרונעס פון דער פידעל אויסגעגאסען.

ווען זיי האבען געענדיגט שפיעלען, האט אויסגעבראכען אזא בעגייסטערטער, שטורמישער אפלאוז, אז עס האט גענומען היבשע עטליכע מינוטען ביז עס איז שטיל געווארען.

דאן האבען אלע אין איין קול גענומען פאדערען, אז זיא זאל נאך עטוואס זינגען. זיא האט זיך דאס מאל אויך ניט געלאזען בעטען. אבער יעצט האט זיא שוין אליין געזונגען, אהן בעגלייטונג, ווייל ראטער האט דיא זאך ניט געקענט שפיעלען אהן נאטען. און ווידער האט זי אלעמען בעצויבערט מיט איהר זיסע שטימע, מיט דיא צערטליכע געפיהלען און שעהנקייט וואס זיא האט דורך דיא טענער ארויסגעבראכט. זיא האט יעצט אויך געזונגען א ליעבע־ליעד, אבער אין דער רוסישער שפראך. און אבוואהל זעהר ווייניגע פון דיא געסט האבען פערשטאנען דיא ווערטער, זיינען זיי אבער אלע געזעסען געשפאנט פון דער פראכטפאלער מעלאדיע און פון דעם זינגען.

ווען זיא האט געענדיגט, האט ווידער אויסגעבראכען א דונערנדער אפלאוז. דיא געסט האבען איהר ארומגערינגעלט און איהר ווארעם געדריקט דיא האנד. ראטער האט איהר אויך געדריקט דיא האנד און געדאנקט. בערטהא איז יעצט געווען דיא גליקליכסטע פרוי אויף דער וועלט.

איינער פון דיא איינגעלאדענע האט געמאכט א פארשלאג, אז מען זאל אויף דעם נעקסטען זונטאג ארראנזשירען א קאנצערט און דיא איננאהמע זאל געהן אויף דעם האספיטאל וואו ער איז איינער פון דיא דירעקטארען. אלע האבען דעם פארשלאג אונטערשטיצט מיט בראווא פאטשעריי. בערטהא און ראטער האבען פערשפראכען זיך צו בעטהייליגען אין דיעזער אונטערנעהמונג. דאס זעלבע האט אויך פערשפראכען דער אידישער אקטיאר, וועלכער האט זיך אויך געפונען צווישען דיא געסט. און גלייך האט מען

ערוועהלט קאמיטעס. בערטהא האט זיך פרייוויליג אנגענומען צו העלפען פערקויפען טיקעטס, דאס הייסט, ארומצופאהרען אין דיא ארומיגע געגענדען, וואו עס פערברייגגען זייער וואקיישאן פערמעגליכע אידישע איינוואהנער פון ניו־יארק. דעם מוזיקאלישען פראגראם האט מיין גענצליך איבערגעגעבען צו בערטהא'ן און ראטער'ן. דיעזע האבען אבער באלד אויפ'ן שטעל צוגענומען צו זיך מיסעס אדלער, וועלכע איז געוועזן א גוטע פיאניסטין, און עס איז בעשלאסען געווארען ארונטערצוברייגגען פאר דיעזען צוועק פאר איהר א ספעציעלע פיאנא פון ניו יארק. ווען עס איז געקומען דיא פראגע, וואו דער קאנצערט זאל שטאטפינדען, האבען זיך געפונען א סך בעלנים. עס איז געווארען א „רייס" צווישען זיי. ענדליך איז געמאכט געווארען א פארשלאג, אז מען זאל מאכען אן אוקשען. דער וואס וועט צאהלען דעם העכסטען פרייז, ביי יענעם וועט זיין דער קאנצערט. דער פארשלאג איז איינשטימיג אנגענומען געווארען. עס האבען גענומען פליהען הונדערטער און ענדליך האט ראטער אלעמען איבערגעשטיגען — פינף הונדערט דאלאר האט ער פאר דיעזען כבוד בעצאהלט.

דיא געסט האבען עטוואס געטרונקען. דאן האט זיך ראטער אפגערופען:

— איך וועל ארייגרופען מיין דזשארדזש'ען, וועט ער אייך אביסעל אמוזירען.

ער האט איהם ניט געדארפט לאנג רופען, דען ער, צוזאמען מיט דיא דיענסטען, זיינען געשטאנען אין האלל און זיך צוגעהערט צו דער מוזיק.

דער שווארצער האט זיך אוועקגעשטעלט אין מיטען צימער און דרייסט נעפרעגט, וואס מען פערלאנגט ער זאל זינגען. ער איז יעצט געוועזן פרעהליך, וויא אימער, און דאס וואס ער האט יעצט געוואלט אמוזירען דעם עולם איז ניט געוועזן דערפאר, ווייל דער באס זיינער האט עס איהם געהייסען, נור ער האט זיך געוואלט בעווייזען פאר דיא פערזאמעלטע, אז ער איז אויך ניט אבי וועך.

— טאנץ א „קייק וואק"! — האבען אייניגע צוגערופען אין ענגליש.

— איך בין טאקע א שווארצער — האט ער געזאגט מיט א מין שטאלץ — אבער איך קען ניט גוט טאנצען קיין „קייק וואק". איך וועל אייך עפעס זינגען אין אידיש.

— אלל רייט, אלל רייט! — האבען אלע געפאטשט מיט דיא הענד.

אויסער דיא פאמיליע ראטער און דיין אדלערס האט קיינער פון דיא געסט ניט געוואוסט, אז דער שווארצער קען אידיש ריידען און דאס איז ביי זיי געוועזן א גרויסע נייעס.

ער האט געזונגען צוויי אידישע פאפולערע ליעדער. זיין שטימע איז געוועזן נים קיין שלעכטע און ער האט געזונגען מיט געשמאק. עס איז אבסאלוט אונמעגליך געוועזן צו דערקענען, אז דאס זינגט ניט קיין איד, ווען מען האט זיך ניט איינגעקוקט אין זיין געזיכט. בשעת'ן זינגען, האט ער יעדע ווייל געווארפען בליקען אויף בערטהא'ן, אזוי וויא ער וואלט דאס מיט זיין זינגען געוואלט ביי איהר אויסנעהמען, איהר געפעלען...

דיא געסט האבען איהם שטארק אפלאדירט און האבען זיך גאר ניט געקענט אפוואונדערען פון דיעזע זעלטענהייט. דער שווארצער איז געוועזן שטאלץ ביי זיך, ווען מען האט איהם געבעטען, אז ער זאל נאך עטוואס זינגען. זיין גאנצען רעפערטואר, אלע ליעדער, וואס ער האט געקענט, האט ער געמוזט זינגען.

ווען ער איז פערטיג געווארען מיט'ן לעצטען ליעד, האבען דיא געסט איהם געגעבען ווער א קוואדער, ווער א האלבען דאלאר און זאגאר א דאלאר. ער האט צוגענומען, בעדאנקט און דערנאך האט ער זיך אוועקגעשטעלט און געבעטען, אז מען זאל איהם ערלויבען צו זאגען א פאר ווערטער. אלע האבען אויף איהם געענדר מען קוקען מיט נייגיעריגקייט. און ווען ראטער האט איהם דיא פערלאנגטע ערלויבנים געגעבען, האט ער געזאגט, מערנייגענדיג זיך עלעגאנטיש:

— לידיעס און דזשענטעלמען! איך דאנק אייך זעהר פאר דעם געלד וואס איהר ווילט מיר בעצאהלען. איך האב ניט געדיינקט אייך צו אמוזירען אום איהר זאלט מיר בעצאהלען. ווען איהר

וואלט מיר געגעבען דאס געלד ביים אוועקגעהן, אלס א „טיפ“. ווען איך וואלט אייך דערלאנגט דיא העטס, וואלט איך עס צוגענומען מיט פערגעניגען. אבער דא בין איך געווען בלויז א קאנצערטיסט, פונקט וויא דיא איבעריגע און עס קומט מיר דערפאר קיין געלד ניט. איך וועל דאס געלד אוועקגעגעבען אויף דעם האספיטאל, פאר וועלכען איהר געהט מאכען א קאנצערט, וויא איך האב פריהער געהערט, און אויב איהר וועט וועלען, וועל איך ביי יענעם קאנצערט אויך מיטווירקען.

א דונערענדער בראווא האט אפגעהילכט אין צימער. אלע האבען זיך מיט ערשטוינונג אנגעקוקט און געשריען פון אלע זייטען:

— גוד באי, דזשארדזש! בראווא!

ער האט איבערגעצעהלט דיא געלד און דאן ווידער געזאגט:

— עס פעהלט א קוואדער צו ניין דאלאר, וועל איך צולייגען דעם קוואדער און איך וועל מאכען גלייכע ניין דאלאר.

דאס זאגענדיג האט ער ארויסגענומען פון טאש א קוואדער און אוועקגעגעבען דיא געלד צו ראטער'ן.

— האלד אן! — האט איינער פון דיא געסט, וועלכער האט געהאט א שם פאר א ספארט, אויסגעשריען אין ענגליש — איך וויל האבען דיעזען קוואדער און איך וועל פאר איהם געבען א דאלאר.

— פאוואלי! — האט זיך אפגערופען דער דירעקטאר פון דעם האספיטאל — אויב אזוי גיב איך פאר איהם צוויי דאלאר.

און עס איז ווידער ענטשטאנען אן אוקשען און דערהעכסטער „ביעדער“ איז דיעס מאל ווידער געווען ראטער.

ווען דער אוקשאן האט זיך געענדיגט, האבען פיעלע דעם שווארצען געדריקט דיא הענד. עס איז ביי קיינעם קיין צווייפעל ניט געווען, אז דיעזע האנדלונג זיינע איז ניט געווען קיין ספארט־זאך, נור זיא איז ארויסגערופען געווארען פון זיין טיעפען הארצען און זיי האבען מקנא געווען ראטער'ן דערמיט וואס ער האט אזא זעלטענעם מענשען אלס דיענער. ראטער האט זיך געפיהלט זעהר שטאלץ מיט דעם און ער האט אויך איהם געדריקט דיא האנד, קלאפענדיג מיט דער אנדער האנד פריינדליך אין פלייצע און זאגענדיג.

— יו אר ע נייס באי, דזשארדזש.

דער שווארצער האט פערשעהמט ארונטערגעלאזען דיא אויגען.

בערטהא איז געווען זעהר פרייליך און זיא האט געפיהלט א מין דאנקבארקייט צום שווארצען און אין הארצען האט זיא זיך געמאכט פארווירפע ווארים זיא האט זיך פאר איהם אזוי געשראקען יענע נאכט, ווארום זיא האט געדענקט וועגען איהם שלעכטעס. זיא איז געווען איהם דאנקבאר יעצט דערפאר, ווייל ראטער איז געווען אזוי גוט אויפגעלעגט און ער איז צו איהר אזוי פריינדליך געווען. זיא האט זיך דערמאנט וויא ראטער איז ניט געווען צופריעדען, ווען זיי האבען גערעדט וועגען מאכען א פארטהי; ער האט דאס געטהאן געצוואונגענערהייד, מעהר דיא מוטער צוליעב און צום סוף איז ער גאר אזוי צופריעדען און אמוזירט זיך מעהר וויא אללע פון דיא געסט. זיא דערמאנט זיך וויא ניעדערגעשלאגען ער איז געווען אויף דיא חתונה; זיא פיהלט נאך אויף זיך זיינע שטעכיגע בליקען, וועלכע ער האט אויף איהר דאן געווארפען — גיפטיגע שפיזען זיינען דאס געווען. און אויך היינט, ווען מען האט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, איז ער געווען פערביטערט אין הארצען, אבער וואהל אויף זיין געזיכט האט ער געהאט א פרייליכע, א צופריעדענע מינע. זיא האט אבער גוט געפיהלט וואס ביי איהם אין הארצען האט זיך אפגעשפיעלט; זיא איז געווען דיא איינציגע וואס האט געזעהען, אז דיעזע צופריעדענהייט און פרייליכקייט זיינע איז א געמאכטע. אבער יעצט איז ער אין דער ווירקליכקייט פרייליך און זיא האט דיעזען אבענד אלס איהר הא[כ]צייט בעטראכט און דערפון האט זיך גענומען איהר דאנקבארקייט

צום שווארצען, וועלכער האט מיט זיין זינגען אלעמען אזוי שטארק אמוזירט און איבערהויפט איהר געליעבטען....

זיא האט זיך ניט געקענט בעהערשען אום ניט אויסצודריקען איהר דאנקבארקייט און זיא האט געזאגט צום שווארצען :

— איך האב גאר ניט געוואוסט, אז דוא ביזט אזא גוטער ארטיסט. דוא זינגסט גאנץ שעהן.

ער האט אויף א סעקונדע אויפגעהויבען אויף איהר זיינע גרויסע אויגען, אין וועלכע עס האט יעצט געבלישצעט א העלער פייער און האט זיי גלייך פערשעהמט צו דער ערד ארונטערגעלאזט. ווען דער קאליער פון זיין הויט וואלט ניט געווען קיין שווארצע, וואלט מען געזעהען וויא זיינע באקען האבען יעצט געפלאמט וויא גליהענדע קוילען.

— איך מיין, אז מיר מעגען זיך געגען דזשארדזשען בעהאלטען — האט זיך מיט א שמייכעל דער אקטיאר אפגערופען — דזשארדזש וועט זיין דיא הויפט „אטטרעקשאן" אויף דעם קאנצערט. איך מיין אייך, מיסעס און מיסטער ראטער און מיך אליין אויך.

— אללע דירעקטארען פון האספיטאל און נאך פיעלע געסט וועל איך מיטברינגען — האט דער דירעקטאר געזאגט, זייענדיג זעהר צופריעדען וואס זיין האספיטאל וועט מאכען אביסעל געלד — אי וועט דאס זיין א קאנצערט.

צום שלום האט דער עולם גענומען פאדערען, אז דזשארדזש זאל נאך עפעס זינגען.

— איהר האט שוין אללעס געהערט ! — האט ער ערקלעהרט — וואס איך קען האב איך אייך געזונגען, מעהר קען איך ניט.

— זינג „דאס טלית'ל !" „דאס טלית'ל !" — האבען זיך געהערט פיעלע שטימען מיט אמאל.

און ער האט נאך אמאל געזונגען דיעזעם ליעד, נאך מיט מעהר געפיהל ווי פריהער און זיין שווארצע געזיכט האט געשטראהלט מיט שטאלץ און מיט אינערליכען גליק.

ראטער האט זיך געפיהלט אזוי צופריעדען, אז ער האט א כאפ געטהאן דיא פיעדעל און פון געהער גענומען איהם בעגלייטען.

און בערטהא'ן האט דיא הארץ גענומען טאנצען פון גליק. זינד זיא קען איהם האט זיא איהם נאך אין אזא גרטען הומאר, אזא פרייליכען ניט געזעהען. אך, וויא גליקליך זיא איז יעצט געווען ! זיא האט שוין איהר ציעל ערריכט, האט זיך איהר געדאכט און מיט יעדער סעקונדע איז איהר גליק אלס געוואקסען און געוואקסען. זיא האט איהרע געפיהלען ניט געקענט בעהערשען און זיא האט זיי אויסגעדריקט דערמיט, וואס זיא האט אויך גענומען מיטזינגען. דאן האט דער אקטיאר, וועלכער האט זיך פריהער, ווען מען האט איהם געבעטען, אז ער זאל עפעס פארטראגען, ערקלעהרט, אז דיא שטימע איז ביי איהם ניט אין ארדנונג, וויא עס טהוען געוועהנליך די מעהרסטע פראפעסיאנעלע ארטיסטען אין עהנליכע פעללע, אויך גענומען מיטזינגען און ביים לעצטען פערז, האבען כמעט אלע געסט מיטגעזונגען דיא מעלאדיע.

עס איז שוין געווען גרויסער טאג ווען דער עולם איז זיך פערנאנדערגעגאנגען, זייענדיג העכסט צופריעדען פון דעם פרייליכען אבענד וואס זיי האבען פערבראכט. דער שווארצער דאט בעקומען אזא גרויסע סוממע אלס טיפס, דאס ער האט זיך אויף קיין פערטעל פון דעם קיינמאל ניט געקענט ריכטען.

דיא אדלערס האבען געזאגט „גוד נייט" און זיינען אויך אריין אין זייער רום. באלד האט זיך די מוטער אויך מיט זיי געזעגענט, ערקלעהרענדיג, אז זיא פיהלט זיך זעהר מיעד און איז אוועק שלאפען. זיא איז געווען זעהר גליקליך וואס אי דער זוהן, אי בערטהא האבען זיך געפיהלט אזוי צופריעדען און עס איז ביי איהר קיין שום צווייפעל שוין ניט

געווען, אז אלעס וועט זיך ענדיגען לויט איהר וואונש.

ביי בערטהא'ן האט דיא הארץ גענומען שטארק זיך צאפּלען, ווען זיא איז מיט ראטער'ן געבליעבען אליין. דיא פארבען אין איהר געזיכט האבען זיך געהאלטען אין איין בייטען. דאס זיינען איהרע באקען געווען בעגאסען מיט א פלאמענדע רויטקייט, דאס זיינען זיי געווארען טוידט-בלייך און דיא ליפּען האבען ביי איהר שטארק געציטערט. זיא האט זיך געשראקען פאר עטוואס און זיא האט דיעזע שרעק געוואלט פערטרייבען פון זיך. דיא גליקליכע מאמענטען, וועלכע זיא האט נארוואס איבערגעלעבט, זיינען פערשוואונדען, אזוי וויא זיי וואלטען קיינמאל ניט געווען און עס איז איהר בלויז איבערגעבליבען דיא שרעק, וועלכע האט אלץ שטארקער געמאכט צאפּלען איהר הארץ און איהר גאנצער קערפּער האט גענומען ציטערען, פונקט וויא א רויז בעפאר אן אנקומענדען שטורם...

זיא איז געשטאנען אין דיעזער פּאזע היבשע מינוטען, מורא האבענדיג אויפצוהייבען אויף איהם דיא אויגען, זיא זאל קיין פריינדליכע בליקען ניט זעהן — פריינדליכע האט זיא ניט ערווארטעט צו בעגעגנען, אזוי שטארק איז איהר פחד געווען...

— ווארום געהט איהר ניט שלאפען?

—האט ראטער צו איהר געזאגט אין א קאלטען טאן—איהר זייט דאך אויך מיעד.

זיא האט דיא ווייטערע ווערטער מעהר ניט געהערט. א פראסט האט דורכגענומען איהר גאנצען וועזען. זיא האט געפיהלט וויא דיא בלוט ווערט איהר פערגליווערט אין דיא אדערען. אין דיא אויערען האט איהר גענומען קלינגען וויא מיט טויזענד גלעקער, אין דיא אויגען איז איהר פינסטער געווארען. בלויז פייערדיגע פונקען האט זיא געזעהן פאר זיך ארומפליהען. מיט וואקלענדע טריט האט זיא זיך, וויא א שיכור'ע, געלאזען געהן צו דער טיהר, זאגענדיג איהם, א „גוטע נאכט״.

אריינקומענדיג צו זיך אין רום, האט זיא זיך אין דיא קליידער ארויפגעווארפען אויף'ן בעט, איינגעגראבען דעם קאפּ אין קישען און אויסגעבראכען אין א ביטערען יאמער און שלוכצען.

אין דער זעלבער צייט האט אויך ביטער געקלאגט דיא אלמנה, ראטער'ס מוטער, וועלכע האט נאך ניט געשלאפען און געקוקט דורך דער עטוואס-געעפענטער טיהר פון איהר צימער, פונקט וויא אין דער ערשטער נאכט וואס זיי זיינען אהער געקומען, אום צו זעהן, צי זיי וועלען צוזאמען ארויסגעהן.

—וועט דאס אפשר זיין פאר איהר א גוטער לעסאן?—האט ראטער צו זיך געזאגט, ווען בערטהא איז ארויס, קריצענדיג דערביי מיט דיא צייהן—און אויב דער לעססאן וועט ניט ווירקען, וועל איך איהר געבען נאך און נאך לעססאנס.

זעקסטער קאפּיטעל.

אויף מארגען איז דיא אלמנה אוועקגעפאהרען אין דיא האט ספּרינגס. ביים געזעגענען זיך מיט דעם זוהן, האט זיא צו איהם געזאגט מיט טרעהרען אין דיא אויגען:

— איך האב דיר זעהר פיעל צו זאגען, מיין קינד, נאר מיין הארץ איז מיר אזוי צובראכען, מיינע שמערצען זיינען אזוי גרויס, אז איך קען יעצט קיין סך ניט רעדען. איך וויל דיר בלויז זאגען איין זאך: צוטרעט ניט מיט דיינע אייגענע פיס דיין גליק, דען דו וועסט דאס מיט דער צייט בעדויערען. געדיינק, מאיר, דו וועסט דאס בעדייערען! דו ביזט קליינער פון מיר, ביזט א געלערנטער מענש און איך בין א פּראסטע, איינפאכע פרוי. אבער דעם לעבען פערשטעה איך בעסער פון דיר. פערניכטע ניט דיין גליק, דען דו וועסט זיך שפּעטער פיהלען אונגליקליך.

זיא האט איהם היים געקושט, וועהרענד פון איהרע אויגען האט געפלאסען א שטראם זודיגע טרעהרען און האט ווייטער גערעדט:

— קינד מיינס, דו ווייסט דאך, אז דו ביזט מיין גאנצער פערמעגען אויף דער וועלט, אויסער דיר האב איך קיינעם

ניט, און מיין גאנצער וואונש איז, אז דו זאלסט זיין גליקליך, און דוא קענסט עס יעצט זיין, ווען דו זאלסט נאר וועלען. בערטהא איז א מלאך, ניט קיין מענש. האסט געזעהן נעכטען אויף דיא פארטהי, וויא זיא האט אלעמען בעצויבערט מיט איהר שעהנקייט, מיט איהרע רייד, מיט איהר זינגען. זיא האט דיך אזוי ליעב און דו?....

זיא האט מעהר ניט געקענט ריידען. זיא איז איבערוועלטיגט געווארען פון א נייעם שטראם טרעהרען, וועלכער האט איהר גענומען שטיקען אין האלז.

— בין איך דען צו איהר ניט העפליך? — האט ראטער געזאגט, זייענדיג גערירהרט פון דער מוטער'ס לײדען—איך סטארע דאך זיך איהר אלע פערגניגענס צו פערשאפען. דיא פארטהי האב איך דאך צוליעב איהר געמאכט! איך בין גוט צו איהר.

— יא, דו ביזט העפליך, ביזט גוט צו איהר!—האט דיא מוטער געזאגט, אפזיפצענדיג זיך שווער —דאס איז אמת, אבער ליעב האסטו איהר ניט. איך ווייס אלעס מיין קינד. און איך זאג דיר נאך אמאל, אז דו וועסט שפעטער חרטה האבען פאר דיין יעצטיגע האנדלונג; וועסט עס בעדויערען, וועסט וועלען צוריקכאפען און עס וועט שוין לײדער זיין צו שפעט. מיט א מענשלירע הארץ טאר מען זיך ניט שפיעלען. מיין קינד... דו ווייסט עס פיעלייכט נאך בעסער פון מיר.

ראטער האט דיא מוטער צערטליך ארומגענומען, איהר געקושט, זאגענדיג:

— נו, זארג זיך ניט מאמע, עס וועט אללעס זיין אלל רייט. זאלסט דארט זיין רוהיג, וועגען קיין זאך ניט איבערקלעהרען און זעה, אז דו זאלסט צוריקקומען א געזונטע.

דיעזע ווערטער האבען איהר בערוהיגט.

ווען זיא האט זיך געזעגנט מיט בערטהא'ן האט זיא איהר געזאגט: איך האב איהם אויסגע'מוסר'ט און ער האט מיר פערשפראכען צו זיין א גוד באי.

אלזא זארג זיך ניט און עס וועט אלעס גוט זיין. דו ווייסט דאך פון דעם ווערטעל: „מיט געדולד רייסט מען רויזען". איך בעט דיך, אז דו זאלסט מיר אללע טאג שרייבען א בריעף. זאלסט מיר אלעס אויסשרייבען, אללעס, דו הערסט. שרייב אין אידיש, ווײל איך ניט דארפען אנקומען צו קיינעם, מען זאל מיר עס דארפען לעזען. וועגען אלעם וואס עס וועט דא פארקומען, זאלסט מיר שרייבען.

בערטהא, ביי וועמען דיא הארץ איז יעצט געווען אזוי פערביטערט אי פון דיא נעכטיגע פאסירונג, אי פון דעם וואס איהר איינציגע פריינדין, איהר שוויגער, וועלכע בעגרייפט איהר אזוי גוט, וועלכע פיהלט מיט מיט איהרע לײדען, פאהרט אוועק, איז געשטאנען וויא א הילפלאזעס קינד. זיא האט גענומען בעטראכטען וויא עלענד זיא וועט זיך דא פיהלען. מילא יעצט זיינען נאך דיא אדלערס דא. אבער וואס וועט זיין ווען זיי וועלען אוועקפאהרען. און אז ראטער וועט צו איהר אזוי שנעל אנדערש ניט ווערען—אין דעם איז זיא זיכער געווען. זיא האט דאס צו שטארק געפיהלט... א שוידער האט אויפגעטרייסעלט אללע איהרע גליע־ער. זיא האט געפיהלט וויא צו פאלען צו דער פרוי'ס פיס און בעטען איהר, אז זיא זאל איהר ניט פערלאזען.

— דיא אלטע מיסעס ראטער האט גוט פערשטאנען וועגען וואס בערטהא איז אזוי פערטראכט און זיא האט איהר גענומען טרייסטען, זאגענדיג:

— דארפסט יאר ניט יארגען, בערטהא לעבען, וועסט זעהן, אז אלעס וועט זיך גליקליך אויסלאזען. האסט געזעהן ווי גליקליך, וויא צופריעדען, וויא פריילידה מאיר איז געסטערן אבענד געווען? איך האב איהם שוין אין אזא גוטען מוטה לאנג, לאנג ניט געזעהן. איך האב אויף איהם געקוקט און מיין הארץ האט אין מיר געטאנצט פון שמחה. וועסט זעהן, בערטהא־לעבען, אז עס וועט אלעס זיין אלל רייט, איהר וועט לעבען גליקליך און איך וועל נאך פון אייך גרוים נחת האבען.

בײ דיא לעצטע װערטער האט זיא זיך פארנאנדער געװײנט.

— ער איז געװען פרײלעך, לוסטיג — האט בערטהא זיך אויך ביטער צוכליפעט — װיא לאנג דיא געסט זײנען געװען, און װען זײ זײנען אװעק און מיר זײנען אלײן געבליעבען...

זיא האט ניט געקענט ענדיגען און האט אויסגעבראכען אין א הארצרײסענדען שלוכצען.

— װײן ניט, מײן קינד! — האט דיא שװיגער איהר געקושט, צוטוליענדיג איהר צו זיך — ער װעט שױן יעצט בעסער זײן צו דיר. ער האט דאס מיר פערשפראכען. װעסט זעהן, אז נאך אין דעם ערשטען בריעף, װאס איך װעל ערהאלטען פון דיר, װעסטו מיר מיטטהײלען, אז דו ביזט גליקליך. דו קענסט נאך ניט מאיר'ן. ער איז א דימענט, נור ער איז נאך א קינד, עס פעהלט איהם דער ריכטיגער פערשטאנד.

דיא צערטליכע, ליעבליכע, אויפריכטיגע רײד פון דער גוטהערציגער שװיגער האבען בערטהא'ן בערוהיגט. זיא האט שױן בעדױערט אין הארצען, װארום זיא האט איהר שמערצען פערשאפט. זיא האט באלד געמאכט א פרײליכע מינע און געזאגט:

— מײן אײנציגע טרײסט איז דאך דאס. איך בין זיכער, אז ער װעט אנדערש װערען. און יעצט װעל איך אײך בעטען, שװיעגער — האט זיא זיך ליעבליך צוגעטוליעט צו איהר — אז איהר זאלט דארטען קײן זאך ניט איבערקלעהרען, נור איהר זאלט זעהן איהר זאלט צוריקקומען געזונד און פריש. איך װעל אײך אללע טאג שרײבען און איך קען זיך גאר קײן גרעסערען פערגניגען ניט פארשטעלען, װיא דיעזער, װען איך װעל צו אײך שרײבען א בריעף.

װען דיא אלמנה איז שױן געזעסען אין װאגאן, האט זיא דורך'ן פענסטער מיט א שמײכעל געזאגט צו אדלער'ן:

— מיסטער אדלער, װאטשט אײער װײבעל. זעהט, אז זיא זאל מיר ניט קאליע מאכען מײן זוהן.

— זאגט איהר בעסער אן אײער זוהן — האט מיסעס אדלער געזאגט אויך מיט א שמײכעל — אז ער זאל װאטשען זײן װײבעל, אז זיא זאל מיר ניט קאליע מאכען מײן מאן. װעגען מיר קענט איהר זײן גאנץ רוהיג.

אלע האבען אויסגעבראכען אין א פרעהליכען געלעכטער.

צוריקגעהענדיג פון סטײשאן, האבען זײ בעגעגענט בעקאנטע. דיא מענער האבען פארגעשלאגען, אז מען זאל שפיעלען א פינאקעל. ראמער און אדלער האבען אויך געװאלט שפיעלען און זײ זײנען אלע אריין צו אײנעם, װעלכער האט דיא קאמפאניע צו זיך אײנגעלאדען. מיסעס אדלער האט אויך געװאלט מיטשפיעלען, נאר אזױ װיא בערטהא האט די „גײם" ניט געקענט, האט זיא איהר פארגעשלאגען, אז זײ זאלען ארױסגעהן שפאצירען און זײ זײנען ארױס, פערשפרעכענדיג באלד צוריק צו קומען.

— זעהר א שעהנער געגענד דא!

— האט מיסעס אדלער געזאגט, ארומקוקענדיג זיך פון אלע זײטען — איהר זײט דא דאס ערשטע מאל?

— נײן, דאס דריטע מאל בין איך שױן דא! — האט בערטהא געענטפערט — פאר א יאהרען און פאר צװײ יאהרען האב איך דא פערבראכט מײן װאקײשאן.

— איך האט אזױ געװאלט אײך קענען! — האט דיא פילאדעלפיער רײכע טאכטער װײטער געזאגט — מײן מאן האט מיר אזױ פיעל דערצעהלט װעגען אײך.

— װעגען מיר? — האט בערטהא אויף איהר געקוקט עטװאס ערשטױנט.

— חלילה ניט קײן שלעכטעס — האט מיסעס אדלער שנעל פערכאפט — ער האט אײך זעהר געליובט.

בערטהא האט פארשעהמט ארונטערגעלאזט דיא אױגען.

— איהר װעט מיר ענטשולדיגען פאר מײן דרײסטקײט — האט דיא גאסט װײטער גערעדט — אזױ בין איך שױן. אז איך האב אימיצען ליעב, בין איך פאר איהם זעהר אפענהערציג, און איך האב אײך ליעב. עס דוכט זיך מיר,

אַז מיר זיינען שוין בעפריינדעט פון פיעל יאָהרען.

— עס פרעהט מיך זעהר אייך פאַר אַ פריינדין צו האָבען — האָט בערטהאַ אַ גליקליכע געזאָגט — איך האָב זיך זעהר געפרעהט, ווען איך האָב געהערט, אַז איהר מיט אייער מאַן וועלען זיין אינזערע געסט. איך האָב אייך גלייך ליעב בעקומען, ווען איך האָב אייך נאָר דערזעהן — האָט זיא איהר אָפּגעגעבען אַ קאָמפּלימענט.

— אַז אייער שווינער וועט צוריק קומען, וועט איהר מוזען צו אונז קומען אויף בעזוך — האָט מיסעס אַדלער געזאָגט.

— מיר וועלען מיט פערגעניגען אָננעהמען אייער איינלאַדונג — האָט בערטהאַ געענטפערט.

— וויא לאַנג זייט איהר אין דיעזען לאַנד? — האָט דיא גאַסט געפרעגט, וועלענדיג אויסגעפינען עטוואָס מעהר וועגען בערטהאַ׳ס פערגאַנגענהייט, וועלכע האָט איהר זעהר אינטערעסירט נאָך איידער זיא האָט זיך מיט איהר בעקענט.

— שוין איבער זיעבען יאָהר — האָט זיא געענטפערט.

— איהר האָט עלטערען?

— ניין — האָט זיא מיט אַ זיפץ געענטפערט — איך האָב קיין מאָל ניט געהאַט דאָס גליק, דעם פערגעניגען צו קענען מיינע עלטערען. מיין מוטער איז געשטאָרבען באַלד וויא איך בין אויף דער וועלט געקומען. און מיין פאָטער האָב איך אויך ניט געקענט. ער איז אוועק ערגעץ און מען האָט פון איהם ביז דעם היינטיגען טאָג ניט געהערט. איך האָב זיך ערצויגען ביי מיינעם אָנקעל, מיט וועלכען איך בין אַהער געקומען. דיעזער אָנקעל איז צו מיר זעהר גוט געוועזען. מיין טאַטע און מיין מאַמע איז ער געוועזען.

מיסעס אַדלער האָט איהר מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט אויסגעהערט און ווייטער געפרעגט:

— זייט איהר אַ פערוואַנדטע צום פערשטאָרבענעם בענדזשאַמין ראָמער?

— ניין. מיר זיינען לאַנדסלייט, דאָס הייסט, איך האָב איהם פריהער ניט געקענט. ווען ער האָט פערלאָזען אונזער שטאָדט, בין איך נאָך אויף דער וועלט ניט געוועזען. אָבער מיין אָנקעל האָט איהם זעהר גוט געקענט. און ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון מיין אָנקעל, ווען ער האָט איהם צום ערשטען מאָל בעגעגענט, אַז איך בין דאָ (מיין מוטער האָט ער גוט געקענט), האָט ער מיר צוגענומען צו זיך אין אָפּיס אַלס זיין פּריוואַט־סעקרעטערין.

— און דאָן האָט זיך אייער מאַן אין אייך איינגעליעבט — האָט דיא גאַסט מיט אַ קלוגען שמייכעל צו איהר געזאָגט.

בערטהאַ האָט דערפיהלט אַ שמערצליכען שטאָך אין הארצען און דאָס געזיכט האָט ביי איהר גענומען נערוועז צוקען. זיא האָט זיך שנעל בעהערשט און מיט אַ געמאַכטען שמייכעל געענטפערט:

— דאָס איז ניט געוועזען אַזוי שנעל.

— איך מיין ניט אויף דער ערשטער מינוט, איך מיין דערמיט צו זאָגען, אַז איידער איהר זייט אָנגעקומען צו ראָטער׳ן, האָט אייער מאַן אייך ניט געקענט.

— ניין.

— און ווען האָט ער זיך אין אייך פערליעבט? — איז מיסעס אַדלער ווייטער נייגיעריג געווען צו וויסען דיא געשיכטע פון זייער ראָמאַן.

פרויען, ווען זיי זיינען ניט פערנומען מיט זייערע אייגענע ראָמאַנען, האָבען זיי ליעב צו ריידען כאָטש וועגען פרעמדע ליעבעס. איבערהויפּט איז דיעזע טהעמא אימער אינטערעסאַנט פאַר יונגע פרויען.

— וואָס מאַכט דאָס אייך צו דיינקען, אַז ער האָט זיך אין מיר פערליעבט, פיעלייכט איז גאָר געווען פאַרקעהרט? — האָט בערטהאַ מיט דעם זעלבען געצוואונגענעם שמייכעל וואָס פריהער געזאָגט — פיעלייכט האָב איך זיך גאָר אין איהם פריהער איינגעליעבט?

— דאָס איז מיר גאָר אויפ׳ן זינען ניט אַרויפגעקומען — האָט דיא גאַסט מיט אַ ביטערען שמייכעל געזאָגט — און איך וועל אייך זאָגען וואָרום: איך בין

געוועזן זיבער, אז ער האט זיך אין איך פריהער איינגעליעבט. אם מייסטען ליעבען זיך דיא מענער איין אין דיא פרויען פריהער. אין מיר האט זיך אויך עליקס איינגעליעבט — האט זיא מיט א קאקעטישען שמייכעל צוגעגעבען.

זיא האט אין דער אמת'ן געוואוסט, אז בערטהא האט זיך אין ראמער'ן איינגעליעבט; זיא האט געוואוסט דיא געשיכטע מיט דער צואה, וואס דער פערשמארבענער מאנופעקטשורער האט איבערגעלאזט; און זינט זיא איז מיט זיי צוזאמען, האט זיא ניט איינמאל בעמערקט, אז ראמער איז זאגאר יעצט נאך ניט פערליעבט אין זיין פרוי. אם בעסמען האט זיא דאס ארויסגעזעהן, ווען זיי האבען דאס ערשטע מאל צוזאמען שפאצירט אויף דעם פעלד. זיא האט שוין וועגען דעם זאגאר געהאט א געשפרעך מיט איהר מאן. זיא האט זיך אבער געמאכט, אזוי וויא זיא וואלט פון קיין זאך ניט וויסען, וועלענדיג ביי איהר דערגעהן דעם ריכטיגען אמת.

— און זיא האט ווייטער געפרעגט.

— הייסט עס, אז איהר האט זיך אין איהם איינגעליעבט פריהער און דערנאך האט ער זיך אין אייך פערליעבט?

און וואס האט זיא געזאלט ענטפערן אויף דער פראגע? — זיא דיא אונגליקליכע, אונגעליעבטע פרוי?... זיא האט ארונטערגעלאזען דיא אויגען און געשוויעגען.

— איהר שעהמט זיך אזוי וויא א יונגע מיידעלע — האט מיסעס אדלער ווייטער געערדט קאקעטיש — איהר דארפט זיך ניט שעהמען. ליעב האבען א מאן איז קיין שאנדע און קיין פערברעכען איז עס אודאי ניט. אויב עס איז דא אויף דער וועלט א זאך, מיט וועלכע איך סימפאטהיזיר אם שטארקסטען, איז דאס מיט דער ליעבע פון א פרוי צו איהר מאן — איך ליעב אליין מיין עליקס'ען מיט דעם גאנצען הארצען, מיט מיין גאנצער נשמה.

בערטהא האט זיך אנגעשטריינגט מיט אלע כחות צו זיין רוהיג, אבוואהל דיא הארץ האט איהר יעצט שטארק געקלעמט, הערענדיג וויא איהר פריינדין איז גליקליך אין איהר ליעבע. דאס איז ניט געוועזן אוים אייפערזוכטס געפיהלען, ניין, זיא האט אבער יעצט נאך שטארקער וויא אימער איהר אונגליק געפיהלט, און זיא האט שמייכלענדיג געזאגט:

— איך שעהם זיך ניט מיט מיין ליעבע, איך בין גליקליך מיט איהר.

— אט דאס איז גוט! — האט דיא גאסט אויסגעשריען פרעהליך — יעצט האב איך אייך נאך מעהר ליעב.

א ווייל'ע זיינען זיי געגאנגען שטיל. ענדליך האט זיך מיסעס אדלער אפגערופען:

— איהר ווייסט וואס איך וועל פארשלאגען? לאמיר זיך זאגען דוא. עפעס שטערט עס אין אמת'ע פריינדשאפט, ווען מען איהרצט זיך. מען פיהלט זיך עפעס געקרעמפעוועט. עס פעהלט עפעס... איבריגענס, עליקס און מר. ראמער זיינען דאך אויך צווישען זיך אויף „דוא“. געהט עס?

— איך בין מיט אייך פאלשטענדיג איינפערשטאנען אין דעם — האט בערטהא געזאגט, זייענדיג זעהר צופריעדען, וואס זיא האט איבערגעביטען דיא טהעמא פון דעם פריהערדיגען געשפרעך, וועלכעס האט איהר אזוי פיעל אינערליכע שמערצען פערשאפט.

— אז דוא ביזט איינפערשטאנען — מא פאר וואס זאגסטו „איך בין מיט א י י ך איינפערשטאנען — האט זיא בערטהא'ן אנגעקוקט מיט א שמייכעל.

בערטהא האט אויף דער פראגע געענטפערט מיט א שמייכעל.

— וויא אלט ביזטו, בערטהא? — האט מיסעס אדלער איהר געפרעגט.

מיט פינף מאנאטען צוריק בין איך צוואנציג יאהר געווארען—האט בערטהא געענטפערט.

— צוואנציג יאהר? — האט זיא זיך געוואונדערט—אמת, דו זעהסט ניט אויס עלטער, אבער עפעס זעהט זיך אמאל אין דיין בליק א פון טרויער, וועלכער

פאסט זיך גאר ניט פאר א פרוי, וועלכע איז ערשט א פאר טעג נאך דער חתונה, —און נאך מעהר פאר א פרוי אין דיינע יאהרען.

בערטהא האט געשוויעגען, וועהרענד איהר בעגלייטערין האט ווייטער גערעדט.

— איך פיהל, אז דו ליידעסט עפּעס, דיין הארץ איז אפט בעשווערט. איך וואלט אזוי וועלען וויסען וואס דיר בעאונרוהיגט! פיליכט וואלט איך דיר געקענט מיט עטוואס העלפען.

בערטהא'ס הארץ איז געוועזען פולל מיט אונמענשליכע יסורים, אבער זיא האט זיי פאר איהר נייע פריינדין ניט געקענט אויסדערצעהלען; פאר קיינעם אין דער וועלט האט זיא דאס ניט געקענט ענטדעקען. פערקעהרט, זיא האט אויף קיין איין סקונדע ניט געטארט זיך פערגעסען און געמוזט שפּיעלען דיא ראללע פון א גליקליכע און דיא זעלבע ראללע האט זיא אויך יעצט געשפּיעלט, זאגענדיג:

— עס דוכט זיך דיר בלויז. איך האב קיין אורזאכע ניט צו זיין פערטרויערט. איך פיהל זיך בלויז מיעד דיא לעצטע טעג, דאס אלעס; און פאר דיין גוט הארץ דאנק איך דיר זעהר.

— אויב אזוי, בין איך זעהר צופריעדען—האט מיסעס אדלער געזאגט מיט פריינדליכקייט אין איהר שטיממע — אבער איך וויל דיר איין זאך זאגען: געדיינק, אז דו האסט אין מיר א'ן אמת'ע פריינדין. איך האב א סך פריינדינס, אבער דיך האב איך אם בעסטען ליעב און איך וויל דיר קיינמאל, קיינמאל ניט זעהן א פערטרויערטע. א פרייליכע, א גליקליכע זאלסטו שטענדיג זיין, דו הערסט?

בערטהא איז געוועזען זעהר גערירט פון דיעזע אמת'ע, אויפריכטיגע פריינדשאפט און זיא האט אין הארצען געדאנקט גאט, וואס ער האט איהר דיעזע גוטע פריינדין צוגעשיקט. יעצט, מעהר וויא אללע מאל, האט זיא זיך אין אזא פריינדין גענויטיגט—יעצט ווען איהר בעסטע פריינדין, איהר שוועגער, איז אוועקגעפאהרען. וואס וואלט זיא געטהאן ווען זיא וואלט דא געבליעבען אליין— אליין מיט איהר מאן, וועלכער האט איהר פיינד, וועלכער האסט איהר?...

— איך וואלט אזוי געוואלט, איהר זאלט דא פערבלייבען מיט אונז לייגגער!

— האט בערטהא געזאגט—ביז דיא שוויגער וועט צוריקקומען.

— ניין, מיר מוזען דיא נעקסטע וואך אהיים פאהרען—האט מיסעס אדלער געזאגט—איבעריגענס ווילען מיר אייך ניט שטערען אין אייערע האניג־מאנאטען— האט זיא צוגעגעבען מיט א בעדייטענדען שמייכעל.

זיי האבען זיך צוריקגעקעהרט צו זייערע מענער, וועלכע האבען געשמאק געשפּיעלט דיא „גיים".

— מיסעס ראטער!—האט אדלער אויסגעשריען מיט א שמייכעל צו בערטהא'ן — אייער מאן האט שוין פערשפּיעלט א הובשע פאר דאלאר. עס געהט איהם ניט. זעצט איהר זיך אוועק לעבען איהם, אפשר וועט איהר איהם ברייננגען גליק.

— עס געהט איהם ניט אין קארטען! — האט איינער פון דיא שפּיעלער בעמערקט—דערפאר האט ער גליק אין ליעבע.

דיא גאנצע קאמפּאניע האט דיעם רעדנער אפּלאדירט. בערטהא האט געשמייכעלט.

אך, וויפיעל יסורים האט איהר דיעזער שמייכעל געקאסט!

זיי האבען באלד אויפגעהערט שפּיעלען און זיינען אוועק אהייב.

— איהר קענט אונז גראטולירען!— האט מיסעס אדלער א פרייליכע אויסגעשריען אויף'ן וועג—מיר זאגען זיך שוין „דוא".

— דאס איז גוט! — האט איזהר מאן אויסגעדריקט זיין צופריעדענהייט— יעצט זייט איהר אמת'ע פריינדינען.

— עס איז געוועזען לעבעריך—האט זיא ווייטער גערעדט—איהר זאלט זיך דוצען און מיר זאלען זיך איהרצען, האב איך געמאכט דעם פארשלאג, אז מיר זאלען זיך אויך דוצען און בערטהא האט כיין פארשלאג אונטערשטיצט.

ראטער איז געוועזען אין הארצען גלייכ־

גילטיג צו דיזע נייעם און ביז א געוויסען גראד האט איהם זאגאר פערדראסען, וואס בערטהא, וועלכע ער האט אזוי שטארק פיינד, האט זיך אין אזא קורצע צייט שוין געקויפט אזא פריינדין. ער האט ניט געוואלט, אז מען זאל איהר ליעבען, אז פרעמדע מענשען זאלען האבען וועגען איהר א גוטע מיינונג....

— וויא געפעלען זיי דיר, מאיר?— האט אדלער איהם געפרעגט, א קלאפּ טהאנדיג איהר אין פּלייצע.

— ווייבער! — האט ער מיט א האלבען שמייכעל געענטפערט.

אדלער איז געווען העכסט צופריערען פון דיזער פריינדשאפט צווישען זיין פרוי און בערטהא'ן.

* * *

— איך וויים שוין אללעם! איך וויים שוין אללעם! — האט מיסעס אדלער געזאגט צו איהר מאן, ווען זיי האבען זיך געפונען ביי זיך אין רום.

— וואס ווייסטו?—האט ער איהר אנגעקוקט, ניט פערשטעהענדיג וואס זיא מיינט.

— וועגען זיי, וועגען בערטהא'ן מיט ראטער'ן, וועגען זייער ליעבע.

— וואס ווייסטו און וועמען אינטערעסירט דען דאס צו וויסען -- האט ער געמאכט צו קליין געלד איהר איבערראשענדע נייעם.

— דיך וועט עס אינטערעסירען, ווען דו וועסט הערען — האט זיא צומוליענדיג זיך קאקעטיש צו איהם, געזאגט — איך האב אלעס אויסגעפונען.

— נו, לאמיך שוין הערען — האט ער געזאגט, זייענדיג שוין ווירקליך פערינטערעסירט אין זיין פרוי'ס ענטדעקונג.

— דו האסט מיר אזוי פיעל דערצעהלט וועגען דיין פריינד, מיסטער ראטער, אז איך האב זיך אין געראנקען געהאט פארגעשטעלט, אז ער איז א גוטער מענש, אז זיין פרוי וועט ביי איהם זיין גליקליך, צום סוף האב איך אויסגעפונען, אז דו האסט געהאט א טעות. דו קענסט ניט דיין יוגענד פריינד.

— דאס איז אלעס וואס דו האסט אויסגעפונען? — האט דער מאן איהר געפרעגט אין א טאן פון שפאס.

— דאס איז ניט גענוג פאר דיר?

— האט זיא איהם אנגעקוקט ערשטוינט.

— ווען עס וואלט געווען אמת, וואלט עס ווירקליך געווען פאר מיר אן איבערראשונג. עס איז אבער ניט וואהר. מאיר איז א דימענטענער יונג, דו קענסט איהם ניט.

— איך וויים ניט וויא ער איז צו פרעמדע, אבער צו זיין פרוי איז ער ניט וויא א מאן דארף זיין צו א פרוי, וועלכע ער האט ליעב.

— דו קריכסט אויף דיא גלייכע ווענט, טהייערע — האט אדלער גע־מוסר'ט זיין פרוי — דו רעדסט וועגען זאכען, וועגען וועלכע דו האסט קיין בעגריף ניט.

— נעווער מיינד, איך האב שוין גאר א בעגריף — האט זיא געזאגט אין אן ערנסטען טאן — איך האב פריהער געהאט מיט איהר אן ערנסטען געשפרעך און איך וויים שוין אלעס.

— נו, לאמיך שוין הערען וואס דו ווייסט — האט ער געזאגט, ווערענדיג אויך ערנסט.

ער האט ראטער'ן ווירקליך ליעב געהאט. זיין בעסטער פריינד איז ער געווען און ער האט ניט געוואלט הערען עטוואס שלעכטעס וועגען איהם; ער האט ניט געוואלט ענטוישט ווערען אין זיין פריינד. א חוץ דעם האט איהם עפּעס יעצט גענומען בעהערשען א מאדנער געפיהל — א געפיהל, וועלכער איז איהם ביז יעצט גענצליך פרעמד געווען און ער האט זיך אנגעשטרענגט דיזען געפיהל צו פערטרייבען פון זיך.

— ראטער איז ניט פערליעבט אין זיין פרוי! — האט זיא איינגערוימט דעם מאן אין אויער איהר ענטדעקונג, ארומקוקענדיג זיך, צו אימיצער הערט זיך ניט צו און ווערענדיג נאך ערנסטער.

— האט זיא דיר דאס אליין געזאגט? — האט ער האלב דערשראקען געפרעגט זיין פרוי.

— זיא האט מיר דאס ניט געזאגט, אבער פון איהרע רייד האב איך דאס

ארויסגענומען. איין זאך האָט זיא מיר יא געזאָגט און דאָס איז, אז ער האָט זיך ניט איינגעליעבט אין איהר, נאָר זיא האָט זיך פערליעבט אין איהם.

— נו, וואָס בעווייזט דאָס? גאָר ניט מיט גאָר ניט. דו מיינסט, אז אלע מענער זיינען אזוי נאריש וויא איך? — האָט ער מיט א שמייכעל געזאָגט — ניט אלע פערליעבען זיך אין דער פרוי פריהער. וויא באלד ער האָט מיט איהר געהייראַט, ליעבט ער איהר. דו קענסט ניט ראָטער'ן.

— און וואָס איז עפּעס מיט זיין פאָטער'ס צואה.

— וואָס מיר צואה? ווען ער וואָלט איהר ניט ליעב געהאַט, וואָלטען טויזענד צוואות גאָר ניט געקענט העלפען.

— אזוי האָב איך אויך געדיינקט, אָבער יעצט זעה איך אויך גאנץ אנדערש. האָסטו בעמערקט, וויא זיא ווערט נערוועז, וויא איהר געזיכט צוקט, ווען זיא רעדט מיט איהם? ווי א שקלאַוו שטעהט פאר זיין העררן, אזוי שטעהט זיא פאר איהם. א פרוי, וועלכע איז געליעבט פון דעם מאַן, ציטערט ניט אזוי ווען דער מאַן רעדט צו איהר.

— מערקווירדיג וויא דו זעהסט דאָס אלץ — האָט ער געזאָגט, פערטראַכטענדיג זיך עטוואָס — דוכט זיך איך האָב זיי אויך געזעהן ריידענדיג צווישען זיך און האָב דאָס גאָר ניט בעמערקט.

— ווען דו וואָלסט געקוקט מיט מיינע אויגען, וואָלסטו דאָס אויך בעמערקט — האָט זיא געזאָגט — זיא האָט איהם זעהר ליעב, זיא שטאַרבט פאר זיין בליק און ער שטעכט איהר מיט זיינע בליקען, יא, ער שטעכט איהר, ער האָט איהר פיינט.

אדלער האָט זיך אזוי שנעל ניט געוואָלט אונטערגעבען אונטער זיין פרוי'ס ענטדעקונג, אָבוואָהל ער האָט שוין אין הארצען גענומען צוגעבען, אז אָהן א גרונד זיינען איהרע בעהויפּטונגען געווים ניט. ער האָט אויך עפּעס בעמערקט, אָבער ער האָט קיין גרויס געוויכט דערויף ניט געלייגט. יעצט אָבער, ווען זיין פרוי האָט דאָס אויך בעמערקט, נאָך מעהר, ווען זיא האָט מיט בערטהא'ן אזא אינטימען געשפּרעך געהאַט, איז שוין איהם אלעס קלאָהר געוואָרען, אז זיין פריינד האָט זיך ניט געוואָלט ענטזאָגען פון זיין פאָטער'ס גרויסע ירושה און דערפאַר האָט ער געהייראַטה מיט דער געוועזענער פּריוואַט סעקרעטערין. און אין זיין הארצען איז ענטשטאַנען א שטאַרקער געפיהל פון מיטלייד — ניט צו זיין פריינד, נור צו בערטהא'ן, וועלכע ער האָט ליעב געקראָגען פון דער ערשטער מינוט וואָס ער האָט איהר דערזעהן. און דיעזער מיטלייד איז נאָך שטאַרקער געוואָרען ווען זיין פרוי האָט פאָרטגעזעצט:

— זיא שטאַרעט זיך נעבעך צו צייגען, אז זיא איז גליקליך, וועהרענד אין דער ווירקליכקייט איז זיא זעהר, זעהר אונגליקליך. ווען דו וועסט יעצט קוקען אויף איהר מיט אנדערע אויגען, ווען דו וועסט בעאָבאַכטען זייערע פערהעלטניסע צווישען זיך, וועסטו גאנץ אנדערש זעהען, וועסט צוגעבען, אז איך האָב רעכט. און איך האָב אזוי פיעל מיטלייד מיט איהר! — האָט זיא צוגעגעבען מיט אן אמת'ען געפיהל פון רחמנות — זיא האָט מיר געבעטען, אז מיר זאָלען דאָ פערבלייבען לענגער, ביז דיא שוויגער וועט צוריקקומען. זיא מוז זיך דאָ נעבעך פיהלען זעהר עלענד.

פרויען האָבען ליעב מיטצופיהלען מיט אן אונגליקליכען אין ליעבע, בפרט ווען דיעזער אונגליקליכער איז פון זייער געשלעכט. ביי מאַנכע איז דיעזער געפיהל א קינסטליכער. דאָס רוב פרויען אָבער האָבען רחמנות מיט ליידענדע פון ליעבע, הויפּטזעכליך ווען דיעזע ליידענדע איז א פרוי. דאָ האָבען זיי א געלעגענהייט אויסצוגיסען זייערע ביטערע הערצער אויף דעם מענער געשלעכט, אויף זייער טיראַניי, אויף זייערע גזלן'ישע הערצער . . .

ווען מיסעס אדלער וואָלט אָבער געוואוסט וואָס אין איהר מאַן'ס הארצען קומט פאָר, וואָלט זיא זיכער דאָס ניט גערעדט . . . זיין מיטלייד צו בערטהא'ן איז יעצט געווען אזוי שטאַרק און

דער פערדרוס צו זיין פריינד אזוי גרויס, דאס ער האט ביי זיך בעשלאסען צו האבען א געשפרעך מיט איהר וועגען דעם און דאן אויך צו ריידען מיט ראטער'ן.

— עס קען ניט זיין! — האט ער נאך אלץ ניט געוואלט גלויבען זיין פרוי'ס בעהויפטונגען — האסטו בעמערקט וויא גליקליך ער האט זיך געפיהלט נעכטען אבענד, וויא העפליך, ווי צערטליך ער האט זיך בענומען צו איהר, וויא ער האט איהר געבעטען, אז זיא זאל זינגען, און ווען זיא האט צום צווייטען מאל געזונגען, האט ער געכאפט דיא פידעל און איהר בעגלייט מיט אזא בעגייסטערונג. ער איז אימער העפליך צו איהר. אז מען האט א פרוי ניט ליעב, קען מען אזוי צו איהר ניט זיין. מאיר איז ניט פון דיא יעניגע מענשען, וועלכע קענען טראגען אויף זיך א מאסקע, איך קען איהם צו גוט, אז איך זאל אויף איהם גלויבען אזא זאך. דאס קען ניט זיין.

— דו וועסט שוין אויסגעפינען שפעטער, עלעקס — האט זיא זיך געהאלטען ביי דאס איהריגע — מען קען אמאל אין אן אייגענע פרוי, מיט וועלכע מען לעבט אפ יאהרען לאנג, א טעות האבען, בפרט אין א פריינד. האסטו מיר אליין ניט דערצעהלט, אז ער איז פערליעבט אין א יונגע רייכע אלמנה מיסעס...

— מיסעס אייזען! — האט דער מאן איהר דערמאנט — דאס איז אמת. מען האט וועגען דעם שטארק גערעדט. איך האב מיט איהם פערזענליך וועגען דעם ניט גערעדט. אבער דו זעהסט דאך, אז ער האט פארט געהייראט מיט בערטהא'ן, ניט מיט יענער. ווען ער וואלט נאך געליעבט מיסעס אייזען, וואלט ער מיט בערטהא'ן ניט געהייראט. טויזענד צואות וואלטען איהם דערצו ניט געקענט בעוועגען.

— פערשטעה איך מיאקע ניט דיעזע געהיימניס! — האט מיסעס אדלער נאך א ווילע נאכדענקען געזאגט — און א געהיימניס איז דאס א גרויסע, זעהר א גרויסע און איך וועל איהר מוזען דערגעהן, אוים ליעבע צו דער אונגליקליכער בערטהא וועל איך דאס מוזען דערגעהן.

— קאך זיך נאר ניט אזוי, טהייערע! האט אדלער מיט א שמייכעל בעמערקט זיין פרוי — ווער ניט קיין דעטעקטיוו. איך בין זיכער, אז אלע דיינע בעהויפטונגען האבען קיין שום גרונד ניט און איך בעט דיך, אז דו זאלסט זיך אויפהערען דערמיט צו אינטערעסירען. מיר זיינען אהער געקומען זיך דא צו אמוזירען, אבער היט זיך צו מישען אין פרעמדע אנגעלעגענהייטען.

— איך מוז דערגעהן דיעזע געהיימניס! — האט זיא געזאגט — איך האלט עס פאר מיין הייליגע פפליכט.

זייער געשפרעך איז איבערגעריסען געווארען פון א קלאפען אין טהיר.

— קאם אין! — האבען ביידע מיט אמאל אויסגערופען.

ראטער איז אריינגעקומען און האט זיי געבעטען, זיי זאלען געהן עפעס עסען און דערנאך — האט ער זיי דערהערט — וועלען זיי אלע נעהמען א לאנגען שפאציער צו א פארם, וואו עס וואהנט זייערער א פריינד.

— מיר וועלען האבען א גוד טיים!

— האט ער זיי פערזיכערט — דארטען איז דא א פיאנא, וועט איהר קענען זיך צוגרייטען צו דעם קומענדען קאנצערט — האט ער זיך געווענדעט צו זיין פריינד'ס פרוי.

זיצענדיג ביים טיש האט אדלער זיינע אויגען ניט ארונטערגענומען פון ראטער'ן און בערטהא'ן, וועלכע האט געשיינט צו זיין אין א גוטען הומאר און האט זיך לעבעדיג אונטערהאלטען מיט זיין פרוי. זינט דעם פריהערדיגען געשפרעך מיט זיין פרוי, איז איהם עפעס א פלעצליכע ענדערונג פארגעקומען און אונבעוואוסטע געפיהלען האבען זיך וויא א שווערע, געדיכטע כמארע בעצויגען איבער זיין הארצען. ער האט שטודירט זייערע געזיכטער, אזוי וויא ער וואלט זיך וועלען איבערצייגען, אויב זיין פרוי'ס בעהויפטונג האט ווירקליך עפעס א ממשות. ער האט אבער גאר ניט גע־

קענט אויסגעפינען. און ער האָט בעשלאָסען, אַז אויפ'ן שפּאַציער, וועט ער ראַטער'ן אוועקנעהמען אַן אַ זייט און וועט מיט איהם האָבען אַן אָפענעם געשפּרעך — ער מוז אַלעם, אַלעם וויסען... ערשט דאַן וועט ער זיך בערוהיגען. ער איז געווען זעהר אונגעדולדיג און ער האָט געצעהלט דיא סעקונדען, ווען זיי וועלען שוין זיין דרויסען.

געהענדיג אויפ'ן פעלד, האָט אַדלער זיך געווענדעט צו דיא לײדיעס:

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען, איך דאַרף עטוואָס ריידען מיט מיין פריינד. מיר וועלען געהן פאָראויס און איהר פאָלגט אונז נאָך.

— וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ וועג? — האָט כלומרשט פּראָטעסטירט זיין פרוי, ווערענד אין האַרצען איז זיא געווען זעהר צופריעדען וואָס איהר מאַן געהט האָבען אַ געשפּרעך מיט ראָטער'ן. דען זיא האָט געוואוסט וועגען וואָס זיי וועלען ריידען — איך האָב פיינט, אַז מען האָט סעקרעטען.

— קיינע סעקרעטען, טהייערע — האָט אַדלער בערוהיגט זיין פרוי, דיינקענדיג, אַז זיא איז איהם ווירקליך חושד, אַז ער געהט ריידען וועגען עטוואָס אַזעלכעס, וואָס זיא דאַרף דערפון ניט וויסען; — מיר דאַרפען ריידען וועגען ביזנעס — אַ געגענשטאַנד, וועלכער קען אייך ניט אינטערעסירען. עס וועט ניט לאַנג נעהמען און מיר וועלען צוריק זיין מיט אייך.

— אַז מען דאַרף אייך ניט האָבען! — האָט זיא מיט אַ כלומרשטע איראָניע געזאָגט — ניט וואָהר אַז מען דאַרף זיי ניט? — האָט זיא מיט אַ שמייכעל זיך געווענדעט צו בערטהאַ'ן — איהר קענט זיך ריידען וועגען ביזנעס וויא לאַנג איהר ווילט און מיר וועלען זיך ריידען וועגען אונזערע ביזנעס.

דאָס זאָגענדיג האָט זיא איהר פריינדין אָנגענומען אונטער'ן אָרם און איז מיט איהר אוועק אָן אַ זייט איינראַמענדיג איהר עפּעס אין אויער, פון וואָסביידע האָבען זיך צולאַכט אויפ'ן קול.

א ווײלע זיינען ביידע פריינד געגאַנגען שטום, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט. אַדלער איז געווען זעהר נערוועז און ער האָט ניט געוואוסט פון וואָס ער זאָל פריהער אָנפאַנגען. ראָטער, זעהענדיג זיין פריינד'ס שטימונג, האָט ער זיך געוואונדערט וועגען וואָס ער וויל מיט איהם ריידען. ער האָט איהם געוואָלט פרעגען, אָבער ער האָט געוואַרט, אַז ער זאָל אַליין אָנפאַנגען. ענדליך האָט אַדלער זיך אָפּגערופען:

— זאָג מיר, מאַיר, האַלסטו מיך נאָך פאַר דיין אַלטען גוטען פריינד?

זיין שטימע האָט געקלונגען נערוועז און זיין געזיכט איז געווען בלייך. ראָטער האָט איהם אָנגעקוקט אַ פערוואונדערטער, ניט פערשטעהענדיג דיעזע מאָדנע פראַגע זיינע און ער האָט געזאָגט:

— וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ פראַגע, עלעקס?

— ווערסט שוין שפּעטער געוואָהר ווערען. דערווייל ענטפער מיר אויף דעם וואָס איך פרעג דיר — האָט אַדלער געזאָגט אין דעם זעלבען טאָן וואָס פריהער.

— דו ביזט משוגע געוואָרען און דאָס'ס אַלל — האָט ראָטער מיט אַ שמייכעל געזאָגט — געוויס בעטראַכט איך דיך, אַז דו זאָלסט זיין אָפענהערציג פאַר דיין בעסטען פריינד טאַקע.

— גוט — האָט דער גאַסט געזאָגט — און איך וויל טאַקע, אַז דו זאָלסט עס וויסען, אַז איך בין נאָך פאַר דיר דער אַלטער, אַלטער עלעקס און איך בעט דיך, אַז דו זאָלסט זיין אָפענהערציג פרא מיר.

ראָטער האָט שוין פערשטאַנען וועגען וואָס זיין פריינד וויל דאָ מיט איהם ריידען. ער האָט זיך גענומען פיהלען זעהר ניט בעקוועם. ער האָט געוואָרפען בליקען צו דיא פרויען, וועלכע [illegible]ען געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט ביי אַ צוואַנציג טריט אָפּגערוקט פון זיי און האָבען געשיינט צו זיין פעראינטערעסירט אין אַ געשפּרעך, אַזוי וויא ער וואָלט וועלען צו זיי צוגעהן, אום אויסצומיידען דיעזען געשפּרעך מיט זיין פריינד.

אַדלער האָט דאָס בעמערקט און ער

האַט געזאָגט צו איהם מיט אַ שמייכעל:

— דו זוכסט דיין ווייבעל? האָב ניט קיין מורא, זיא וועט ניט אנטלויפען פון דיר.

— עס פּאַסט ניט, אַז מיר זאָלען זיי לאָזען אליין געהן — האָט ראַטער געזאָגט — זיי קענען ווירקליך דיינקען ווער ווייסט וועגען וואָס מיר ריידען דאַ. דו ווייסט דאָך, פרויען זיינען נייגיע־ריג. עס איז ניט מעשה דזשענטעלמאַן.

— נעווער מיינד, לאָז דאָס איבער צו מיר — האָט אדלער איהם בערוהיגט — מיר וועלען באַלד צוגעהן צו זיי.

— לאָמיך שוין הערען וועגען וואָס דו ווילסט מיט מיר ריידען — איז ראַ־טער שוין געוואָרען אונגעדולדיג.

— אַלזאָ, איך בעט דיך יאָך אַמאָל, אַז דו זאָלסט מיט מיר זיין אָפּענהערציג — האָט אדלער אָנגעהויבען צו ריידען אין אַן ערנסטען טאָן, אַזוי אָפּענהערציג וויא דו ביזט עס אימער געוועזען און וויא איך בין עס פאַר דיר.

— האָב איך דען דאָס אויפגעהערט צו זיין? איך פערשטעה דיך היינט ניט!

— אַלזאָ גוט. טאָ ענטפער מיר אויף דיא איינע פראַגע: וויא פיהלסטו זיך בעסער — יעצט, ווען דו ביזט פער־הייראַט, צי ביזטו געוועזען צופריעדענער אַלס סינגעלמאַן;

דיא פראַגע איז ביי איהם אַרויסגע־קומען עטוואָס אונגעלומפּערט. אויף זיינע ליפּען זיינען גאַנץ אַנדערע ווערטער גע־לעגען. ער האָט איהם געוואָלט פרעגען גאַנץ איינפאַך: ביזטו צופריעדען ברודער מיט דיין ווייבעל? אָבער ער האָט עפּעס דעם מוטה ניט געהאַט צו אַזאַ דרייסט־קייט און ער האָט איבערגעדרעהט דיא ווערטער. יעדענפאַלס האָט איהם ראַטער גוט פערשטאַנען. ער האָט אויף איהם אַ דורכדרינגליכען בליק געוואָרפען און גע־זאָגט:

— איך בעדויער ניט וואָרום איך האָב געהייראַט. איך פיהל זיך זעהר גוט. אָבער זאָג מיר וואָס מיינסטו מיט דער פראַגע? — האָט ער איהם נאָך אַ ווײַלע שטיל שוויינען געפרעגט.

אַדלער האָט אין דעם טאָן פון זיין פריינד'ס ריידען דערקענט, אַז ער רעדט אַנדערש וויא ער פיהלט אין דער ווירק־ליכקייט און ער איז געוואָרען נאָך מעהר נערוועז וויא פריהער. אַלזאָ, האָט זיין פרוי'ס בעהויפּטונג יאַ אַ גרונד — האָט ער ביי זיך געטראַכט — ראַטער פיהלט זיך אונגליקליך אין זיין הייראַט. און ער האָט געוואָרפען אַ לאַנגען פאַרשענדען בליק אויף זיין פריינד, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען פון זיין געזיכט אַרויסלעזען דאָס, וואָס ער האָט פערבאָרגען פון איהם. און עס האָט איהם געשיינט, אַז ער זעהט יעצט פאַר זיך נאָר אַן אַנדער מענ־שען — עס איז ניט דער זעלבער מאיר ראַטער, זיין פריינד, וועלכען ער האָט, דאַכט זיך, אַזוי גוט געקענט אַזאַ לאַנגע צייט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף איהם ענטפערען אויף דער פראַגע און ער האָט געזאָגט:

— וואָס איך מיין, פרעגסטו? איך מיין פּליין: איך וויל וויסען צי דו פיהלסט זיך גליקליך אין דער הייראַטה, — האָט ער שוין יעצט דרייסט גערעדט — עפּעס שיינט מיר, אַז דו ביזט ניט אַזוי צופריע־דען און דאָס ערגערט מיך זעהר. איך האָב ערוואַרטעט דיך צו געפינען אַ העכסט גליקליכען.

ראַטער'ן זיינען זיין פריינד'ס רייד פאַרגעקומען זעהר פערדעכטיג. „דוכט זיך איך האָב קיינעם קיין געלעגענהייט ניט געגעבען צו וויסען וואָס ביי מיר אין האַר־צען קומט פאָר" — האָט ער ביי זיך גע־טראַכט — „טאָ וויא קומט עס וואָס ער זאָל מיר שטעלען אַזאַ פראַגע?" און אַ געדאַנק איז איהם דורכגעלאָפען דורך'ן מח, אַז דאָס האָט אודאי דיא מוטער גע־רעדט מיט איהם און איהם געבעטען, אַז ער זאָל זיך אַריינמישען און מאַכען אַ מין שלום צווישען איהם און בערטהא'ן. און פיליכט האָט טאַקע זיא, בערטהא אליין, זיך איהר האַרץ פאַר איהם אויסגערעדט?

— איז איהם אַ צווייטער געדאַנק געקומען אויפ'ן זינען. און אויב ניט פאַר איהם, האָט זיא געהאַט אַ געשפּרעך מיט זיין פרוי און יענע האָט דאָס איהם יעצט אונ־טערגעשיקט. און ער האָט בעשלאָסען אַז

ער מוז דאָס דערגעהן אַזן טאַקע דאָ אויפ'ן שטעל. און ער האָט אַ זאָג געטהאָן:

— הער מיך אויס, עלעקס! דו מוזט מיר זאָגען, וואָס עס מאַכט דיך צום דיינקען, אַז איך בין ניט גליקליך אין מיין הייראַטה. דו מוזט פאַר מיר זיין אָפּענהערציג און דו מוזט עס מיר זאָגען. האָט דיר אימיצער דערצעהלט וועגען דעם? איך מוז דאָס וויסען!

ביי אַדלער'ן איז שוין יעצט מעהר קיין שום צווייפעל ניט געווען, אַז זיין פריינד איז אונגליקליך. ער וואָט דאָס דייטליך געזעהען אין זיין אויפגערעגטע, נערוועזע האַלטונג, און דיא האַרץ האָט איהם שטאַרק פאַרקלעמט אויף זיין פריינד וועלכען ער האָט אימער אַזוי הייס געליעבט. „אַלזאָ עס איז דאָ ווירקליך דאָ עפּעס אַ געהיימניס" — האָט ער אין האַרצען צוגעגעבען אַז זיין פרוי האָט רעכט — און ער האָט בעשלאָסען, אַז ער מוז דיזע געהיימניס גלייך דערגעהן; ער מוז דאָס דערגיין, פיליייכט וועט ער קענען דערמיט ראַטעווען זיין פריינד. ער האָט זיך טיעף פערטראַכט און האָט געשוויגען. פּלוצלונג איז זיין בליק געפאַלען אויף בערטהאַ'ן און זיין פרוי, וועלכע האָבען זיי שוין געווען דעריאָגט, נור זיינען געגאַנגען אָפּגערוקט פון זיי אויף אַ געוויסע שטרעקע. אָך, וויא שעהן זיא איז יעצט געווען! אין איהר געזעלשאַפט האָט זיך זיין פרוי'ס שעהנהייט אין גאַנצען פערלאָרען. און ניט בלויז האָט ער יעצט איהר רייצענדע שעהנהייט בעוואונדערט; ער האָט יעצט איהר מעלאָדיש קלינגענדע שטימע געהערט, איהרע בעצויבערנדע אויגען אויף זיך געפיהלט — דיא אויגען, וועלכע האָבען געמאַכט ציטערען זיין האַרץ, ווען ער האָט איהר צום ערשטען מאָל דערזעהען אויפ'ן סטיישאַן. וואו זיא מיט ראַטער'ן האָבען זיי ערוואַרט.

די, געדאַנקען האָבען זיך איהם גענומען מישען, פּלאָנטערען אין קאָפּ, וועהרענד דיא האַרץ האָט אין איהם געקלאַפּט וויא מיט האַמערס. ער האָט שנעל אָפּגעווענדעט זיינע אויגען פון יענער ריכטונג און האָט זיך אַנגעשטריינגט צו דיינקען וועגען עטוואָס אַנדערש. ער האָט ווידער זיך פערטראַכט. עגען אַ מיטעל, וויא אַזוי צו דערגעהן וועגען דיזע געהיימניס, וועלכע האָט אַרומגערינגעלט זיין פריינד'ס הייראַטה.

— וואָרום ענטפערסט דו מיר ניט אויף מיין פראַגע? — האָט ראַטער'ס שטימע איהם אויפגעוועקט פון זיין טראַכטען — וועגען וואָס האָסטו זיך דאָס אַזוי פערטראַכט?

— איך האָב זיך פערטראַכט וועגען אַ גאַנץ אַנדער זאַך, וועלכע איז מיר פּלוצלונג געקומען אויפ'ן געדאַנקען — האָט אַדלער געענטפערט.

— און וואָרום ענטפערסטו מיר ניט אויף דיא פראַגע וואָס איך האָב דיר געפרעגט? — האָט ראַטער נאָך אַמאָל געשטעלט איהם דיא פריהערדיגע פראַגע.

— וואָס? — האָט ער פאַרגעסען, וואָס ראַטער האָט איהם געפרעגט.

— וואָס מאַכט דיך צו דיינקען, אַז איך בין ניט גליקליך אין מיין הייראַט? — האָט ער ווידערהאָלט דיא פריהערדיגע ווערטער — האָט דיר דאָס אימיצער דערצעהלט?

ראַטער האָט געקוקט זיין פריינד גלייך אין דיא אויגען, אַזוי וויא ער וואָלט וועלען דערקענען צי ער וועט איהם זאָגען דעם ריינעם אמת.

— איך זאָג ניט אויף זיכער, אַז דו ביזט אונגליקליך — האָט אַדלער געענטפערט — איך דיינק בלויז אַזוי. און וואָס עס מאַכט מיך אַזוי צום דיינקען? דערויף קען איך דיר דייטליך ניט ענטפערען. אָבער דער פאַקט איז, אַז איך דיינק אַזוי. ווען דו וואָלסט זיך ווירקליך פיהלען גליקליך, וואָלט איך דאָך ניט געהאַט קיין אורזאַכע אַנדערש צו דיינקען... עפּעס קומען מיר פאַר דיא פערהעלטניסע צווישען דיר און דיין פרוי זעהר מאָדנע. איך האָב דאָך אויך ניט לאַנג געהייראַט און וועגען מיר קענסטו דאָס ניט זאָגען. איך בין גליקליך און דאָס קענען, דאַכט זיך, אַלע גלייך זעהן. דו פרעגסט, ווער עס האָט מיר דאָס דערצעהלט? אַ מאָדנע פראַגע! ווער האָט מיר געזאָלט דערצעהלען? איך האָב דען קיין אויגען ניט, וואָס?

— דו האָסט טאַקע אויגען, אָבער איך וואָלט דיך ראַטהען, אַז דו זאָלסט

זיי טשיינזשען אויף אַן אַנדער פּאַר — האָט ער זיך געוויצעלט — אַז ניט פּאַס דיר צו אַ פּאַר ברילען, דען דו זעהסט זאַכען פּונקט פאַרקעהרט, ברודער. ניט אַלע מענשען זיינען גלייך — האָט ער נאָך אַ קורצע פּויזע פאָרטגעזעצט — מאַנכע צייגען אַרויס זייערע געפיהלען אָפען, אַנדער׳ע טהוען דאָס פאַרבאָרגענערהייט. דו פלעגסט דאָך אימער פון דער הויט אַרויסשפּרינגען, ווען ־ פלעגסט מיט אַ מיידעל אַ וואָרט אַרויסריידען.

ער האָט איהם פריינדליך אַ קלאַפּ געטהאָן איבער׳ן פּלייצע און ווייטער געזאָגט מיט אַ שמייכעל:

— איך האָב זיך ניט ליעב צו ליעבען ווען אַלע זעהען; איך ליעב זיך ווען קיינער זעהט ניט — יעצט פאַרשטעהסטו שוין, אַז דו זעהסט אַלעס קאַפּויער, מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ? אמנ, איך האָב נאָך קיין עקספּיריענס ניט אין פערהייראַטען לעבען. אָבער אַזאַ וּוברהרמאַן וויא דו, קען איך צו יעדער צייט נאָך געבען לעססאָנס וועגען דעם "סאָבדזשעק"...

.דיעזער לעצטער אַרגומענט האָט ביי אַדלער׳ן אַביסעל אָפּגעשוואַכט זיין מיינונג, אַז זיין פריינד איז ניט צופריעדען מיט דער הייראַט און ער איז געווען העכסט צופריעדען. דען אין האַרצען האָט ער זיך געוואונשען, אַז עס זאָל ווירקליך אַזוי זיין. ערשטענס, האָט ער אמת געוואָלט אַז זיין פריינד זאָל זיך פיהלען גליקליך. ע־שטענס, איז ער עפּעס דיא לעצטע עטליכע יאָטונדען געווען בעהערשט פון אַזעלכע געפיהלען, וועלכע זיינען איהם ביז איצט גענצליך פרעמד געווען — געפיהלען, וועלכע האָבען אי..ם זעהר בעאונרוהיגט... און יעצט, הערענדיג דיעזע אונערוואַרטעטע ערקלעהרונג פון זיין פריינד, האָט ער זיך גענומען פיהלען עטוואָס פרייער. ־ האָט אין אַ פרעהליכען טאָן געזאָגט:

— דו דאַרפסט ווירקליך זיין גליקליך, מאַיר. דו האָסט אָהן צווייפעל דיא שעהנסטע פרוי, וועלכע איך האָב ווען עס איז בעגעגענט און איך בין זיכער, אַז איהר כאַראַקטער, איהר תאריך איז פּונקט אַזוי שעהן וויא איהר געזיכט.

ראַטער׳ן האָבען דיעזע לויבענס־ווערטער וועגען בערטהאַ׳ן גאַנץ ווייניג אינטערעסירט. ער האָט זיך געסטאַרעט צו ריידען וועגען אַנדערע זאַכען, אום אויסצומיידען אַ ווייטערען געשפּרעך וועגען דער פריהערדיגער טהעמאַ. ענדליך האָט ער ויך אָפּגערופען:

— לאָמיר צוגעהן צו דיא ליידיעס. עס פּאַסט ניט, אַז מיר זאָלען זיי לענגער לאָזען אַליין. זיי וועלען דאָך דאָרט איבערקלעה־ען וועגען דיא געוואַלדיגע סודות וואָס מיר האַלטען פאַרבאָרגען פון זיי. לאָמיר צוגיהן, עלעקס!!

— ער מוז ־יך הפּנים ניט שטאַרק ליעב האָבען! — האָט ראַטער מיט אַ שמייכעל געזאָגט צו מיסעס אַדלער, אָנצייגענדיג אויף א־הר מאַן — איך האָב זיך ביי איהם דיא גאַנצע צייט געבעטען, ער ז־ל צוגעהן צו אייך, האָט ער ניט געוואָלט. ער פיהל־ זיך בעקוועמע־, האָט ער געזאָגט, ווען ־ר איז פון אייך פון דער ווייטען.

— צו ער האָט מיך ליעב, צו ניט דאָס ווייס איך ניט — האָט זיא געענטפערט אויך מיט אַ שמייכעל — פאַר מיר איז גענוג, אַז איך האָב איהם ליעב. אָבער אַז ער פיהלט זיך בעסער ווען ער איז ניט מיט מיר — דאָס, זעהט איהר, גלויב איך ניט, ־י ע־ האָט דאָס געזאָגט.

זיא האָט זי־ געווענדעט צום מאַן און, ק־קענדיג אוי־ איהם מיט אויגען פול מיט ליעבע, האָט זיא איהם געפרעגט:

— איז דאָס אמת, עלעקס?

— נאַטירליך איז עס ניט אמת! — האָט ער ליעבליך געזאָגט — עס האָט זיך איהם פערגלוסט צו מאַכען ד־ך אַביסעל בייז. מילא, ער איז דאָך אַ חתן, וועל איך איהם דאָס מאָל פערצייהען.

זיי האָבען פריי־יך פערבראַכט דעם וועג ביז זיי זיינען אָנגעקומען אויף דיא פאַרם. מיסעס אַדלער האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער פּיאַנאָ. זיא האָט אויסגעצייכענט געשפּיעלט. בערטהאַ איז הינגעריסען געוואָרען פון דער מיוזיק און איז ניט אָפּגעטראָטען פון דער פּיאַנאָ דיא גאַנצע צייט וואָס זיא האָט געשפּיעלט, ווערענד דיא מענער האָבען

פערבראכט מיט דיא בעלי הבתים. זיא האט געשפיעלט עטליכע זאכען, מיט וועלכע זיא האט בעשלאסען אויפצוטרע־טען צום קאנצערט. ווען זיא האט געענ־דיגט, האט בערטהא אויסגעשטרעקט צו איהר דיא האנד, זאגענדיג:

— ביטרים, יעצט האב איך דיך נאך פיעל ליעבער בעקומען. דוא שפיעלסט דאך זעהר גוט. איך דיינק, אז יעדער מוזיקאלישער מענש מוז זיין איי־דעל, גוטהערציג. מוזיק ערדעלט אויס דיא געפיהלען ביי מענשען, וועלכע פערשטע־הען, פיהלען דיעזע שעהנע קונסט. קיין אנדער קונסט ווירקט ניט אזוי ערהאבען אויף דיא מענשליכע נאטור, וויא מוזיק.

— און איך האב דיך אויך ליעב בע־קומען הויפטזעכליך ווען איך האב דיך געסטערן געהערט זינגען — האט מי־סעס אדלער איהר אפגעצאהלט מיט א קאמפלימענט.

דיא מענער, הערענדיג, אז דיא גאסט האט אויפגעהערט שפיעלען, זיינען זיי צוריק אריין אין דעם צימער, וואו דיא פיאנא האט זיך געפונען.

— מעגען מיר זיך צוהערען צו איי־ער געשפרעך? — האט אדלער גע־פרעגט.

— מיט פערגניגען! — האט זיך זיין פרוי אפגערופען. מיר האבען ניט קיינע סודות, אזוי וויא איהר, מענער — האט זיא איראניש געשמייכעלט — מיר ריידען וועגען מיוזיק. בערטהא זאגט, אז יעדער מוזיקאלישער מענש איז עדעל און גוטהערציג.

— דאס מיינט מען דיך, ברודער־קע! — האט ער ראטער'ן א קלאפ גע־טהאן איבער'ן פלייצע. דוא ביזט דאך מיזיקאליש. מיר פלעגען איהם אין קאל־לעדזש רופען פאגאניני — האט ער זיך געווענדעט צו דיא ליידיעס.

— און וואס איז דער מעהר מיט דיר? — האט ראטער געזאגט — דוא האלסט דאך זיך אויך פאר א מוזיקער. דיך פלעגט מען דאך רופען וואגנער, צו־ליעב דיינע ווילדע אנשויאונגען איבער מוזיק.

— איך בין א געפעהרליכער מוזי־קער! — האט אדלער זיך צולאכט — אט וועל איך אייך באלד צייגען מיין טא־לאנט.

ער האט זיך אוועקגעזעצט ביי דער פיאנא און שנעל אויסגעשפיעלט „יענקי דודעל". ווען ער האט געענדיגט האט ער געמאכט א וואזשנע מינע ווי פון א גרוי־סען קאנצערטיסט און אין אן ערנסטען טאן געפרעגט:

— איהר האט געהערט?

— סטאפ, משוגענער! — האט די פרוי שטיפעריש איהם א לייכטען קלאפ געטהאן אין שולטער, וועהרענד ראטער, בערטהא און דיא איבעריגע פון דיא הויז־לייט, וועלכע זיינען געווען אריינגעקומען האבען זיך צולאכט אויף'ן קול. שפיעל מאקע עפעס, עלעקס! — האט זיא איהם גענומען בעטען — צייג, אז דוא ביזט מוזיקאליש, וועט דיך בערטהא ליעב האבען. זיא האט מיר נאר וואס געזאגט, אז זיא האט מיך פיעל ליעבער געקראגען, זינד זיא האט מיך געהערט שפיעלען. שפיעל עטוואס ערנסטעס.

דיא לעצטע ווערטער האבען איהם פלוצלונג אין אן אנדער שטימונג אריינ־געבראכט. דיא הארץ האט אין איהם גע־נומען האסטיג קלאפען און ער האט גע־פיהלט אזוי וויא א'ן עלעקטרישער שטראם וואלט דורך זיין גאנצען קערפער דורכגעלאפען. ער האט אין הארצען שטארק פעראיבעל געהאט אויף זיין פרוי ווארום זיא האט דאס געזאגט.

— שפיעל עפעס, עלעקס! — האט זיך דיא פרוי ווייטער ביי איהם געבעב־טען, צוטוליענדיג זיך צו איהם און גלע־טענדיג זיין געזיכט — איך בעט דיך. אלע האבען שוין געצייגט זייערע מוזיקא־לישע טאלאנטען און דוא נאך ניט. טהו דאס פאר בערטהא'ן. זיא וויל דיך זעהר הערען שפיעלען.

אדלער איז נאך מעהר נערוועז גע־ווארען. ער האט זיך בעגעגענט מיט

בערטהא'ס בליקען, וועלכע האָבען זיך וויא געבעטען ביי איהם, ער זאָל שפּיע־לען און עס האָט איהם שטאַרק פערדראָ־סען אויף זיין פרוי, פאַר וואָס זיא האָט זיך עפּעס צוגעטשעפּעט יעצט צו איהם. ווען זיא וואָלט וויסען וואָס עס קומט יעצט פאָר ביי איהם אין הארצען, וואָלט זיא צו איהם אַזוי ניט צוגעשטאַנען, האָט ער זיך געטראַכט.

— נו, הער׳ר פאָן וואַגנער! ווערען זיא מאָלס שפּיעלען? — האָט ראָמער געגומען שפּאַסען — אַט אַזוי זיינען זיי שוין, דיא זשעניען. מען דאַרף זיי פריהער לאַנג בעטען.

אַדלער איז איבערגעלאָפען מיט דיא פינגער איבער דיא קלאַווישען און האָט גענומען שפּיעלען. בעטהאָווען'ס אַ קאָמ־פּאָזיציע האָט ער געשפּיעלט. ער האָט זעהר גוט בעהערשט דעם אינסטרומענט און דיא טענער פון דיעזען געטליכען קינסטלער האָבען זיך צוגאָסען איבער דעם צימּמער. זיין שפּיעלען איז געווען פול מיט וואַרימקייט, מיט נשמה, מיט הארץ. דיא פּע־זאַמעלטע זיינען געווען וויא בעצויבערט פון דיא וואונדער־שעה־נע מוזיק. דיעזע שטימונג האָט דעם שפּיעלער צוגעגעבען נאָך מעהר חשק און ער האָט געשפּיעלט נאָך מיט מעהר בעגייסטערונג, מיט מעהר ברען. בערטהא האָט פון איהם דיא גאַנצע צייט איהרע אויגען ניט ארונטערגענומען, און זיין פרוי'ס געזיכט האָט געשטראַהלט מיט גליק און שטאָלץ. ווען ער האָט געענדיגט האָבען אַללע אייניגע מינוטען איהם אַפּלאָדירט און געבעטען, אַז ער זאָל נאָך עפּעס שפּיעלען. ער איז יעצט געווען אויפגעלייגט, דיא פריהערדיגע ערנסטע שטימונג איז פערשוואונדען, און ער האָט געזאָגט:

— איך וועל אייך יעצט שפּיעלען אַן אַנדער מייסטער־ווערק.

עס האָט ווידער אויסגעבראָכען אַ לאַנגער אַפּלאוז.

ער האָט געשפּיעלט רובינשטיין'ס אַ קאָנצערט. אָבער ער האָט איהם ניט געענ־דיגט. ער איז עפּעס פּלוצלונג געוואָרען נערוועז. דיא פינגער האָבען זיך גענומען פּלאָנטערען. עס איז געווען קענטיג, אַז ער האָט שוין מעהר קיין חשק ניט צו שפּיעלען און אַזוי וויא ער וואָלט יעצט געשפּיעלט געצוואונגענערהייד. ער האָט דיא קאָמפּאָזיציע ניט אויסגעשפּיעלט און האָט פערענדיגט מיט דעם וואַלץ פון דער אָפּערעטקע „דיא לוסטיגע אלמנה".

אַלע האָבען איהם אָנגעקוקט ער־שטוינט. ער האָט זיך אויפגעהויבען און זיך ענטשולדיגט, ערקלעהרענדיג, אַז ער געדיינקט ניט דיא זאַך אויף אויסווענ־יג און אַז ער איז גלאַט ניט אויפגעלייגט יעצט צום שפּיעלען.

— איהר האָט פריהער גערעדט וועגען מוזיק — האָט ער זיך געווענדעט צו זיין פרוי און צו בערטהא'ן — זעצט פאָר דעם געשפּרעך. איך וועל ליעבער ריידען איבער מוזיק, איידער צו שפּיעלען.

— איך מאַך אַ פאָרשלאַג — האָט בערטהא זיך אָפּגערופען צו אַדלער'ן — אַז ביים קאָנצערט דיעזען זונטאַג, זאָלט איהר אויך מיטווירקען.

אַלע האָבען דעם פאָרשלאַג אונ־טערשטיצט.

אַלע האָבען דיעזען פאָרשלאַג אונ־טערשטיצט.

— מען וועט אויסקומען אָהן אַזאַ קאַ־ליקע, וויא איך בין — האָט אַדלער ניט געוואָלט צושטימען צו דיעזען פאָרשלאַג.

— אַ קאַליקע? — האָט בערטהא ווייטער גערעדט — איהר שפּיעלט אויסגע־צייכענט, און ווען איהר וואָלט געווען ווייטער שטודירט, וואָלט איהר זיכער גע־ווען אַ גרויסער מוזיקער.

— ווייס איך וואָס! — האָט אַדלער מיט אַ שמייכעל זיך אָפּגערופען — איך בין אַ ריעל עסטייט מאַן און ווען איך וואָלט זיך בעשעפטיגט מיט מיוזיק, וואָלט איך קיין איין ריכטיגען „דיעל" ניט גע־קענט מאַכען.

— דאָס דערמאָנט מיר אָן אַ געשיכטע וועלכע דער בעריהמטער פראַנצויזישער

פילאזאף פון 18טען יאהר־הונדערט, זשאן זשאק רוסא, ברייננט אין איינע פון זיינע ווערק. אין „עמיל“. ער דערצעהלט וועגען א מוזיקאלישען גנב, וועלכער האט זיך בעקלאגט, אז דיא פערפלוכטע מוזיק שטערט איהם אין זיינע ביזנעס. קומט ער אין וואלד אריין אפווארטען סוחרים, וועלכע קעהרען זיך אום פון דיא ירידים אום זיי צו בעראבעווען, איז אזוי שנעל וויא ער דערהערט נאר בייגאכט דעם סאלאוויי זינגען, ווערט ער גליך וויא א פער׳כשוף׳טער און ער קען קיין זאך ניט טהאן. דיא רייכע סוחרים ‚ זהרען פארביי פאר זיינע אויגען און ער שטעהט וויא א ליימענער גולם... איין מאל — דערצעהלט ווייטער יענער גנב — האט ער בעשלאסען מעהר אין וואלד ניט אריין צו קומען. ער האט זיך בעגעגענט מיט א בעקאנטען גנב, האט יענער איהם דערציילט וועגען דיא גוטע ביזנעס וואס ער מאכט יעדען אבענד אין דער אפערא. האט ער בעשלאסען אויך אהין צו געהן. אבער אזוי שנעל וויא דער ארקעסטער האט נאר אנגעהויבען צו שפיעלען, איז ער געבליבען שטעהן וויא א צוגעשמידטער צו זיין ארט און — ער האט ווידער קיין "ביזנעס" ניט געמאכט. אונטערוועגענדיג פון טהעאטער פרעגט איהם זיין חבר, ווי ער האט אויסגעמאכט און ער האט איהם דערביי געצייגט א פאר זייגערס און עטליכע פאקעט טאבאק. וואס ער האט דיעזען אבענד „געמאכט“. דאן האט דער מוזיקאלישער גנב א שפיי געטהאן און געשווארען:

— מעהר געה איך ניט, מעהר קומט מיין פוס ניט אין אזא פלאץ, וואו מען שפיעלט אדער מען זינגט. איך קען נאך מיט דער צייט מיין גאנצע פראפעסיאן פארגעסען...

ווען זיא האט געענדיגט, האבען איהר אלע אפלאדירט.

בערטהא האט זיך מיט א שמייכעל געווענדעט צו אדלער׳ן, זאגענדיג:

— איהר האט אויך מורא, אז איהר זאלט ניט ווערען אויס ריעל־עסטייטניק...

ווידער האבען אלע איהר אפלאדירט.

עס איז שוין געווען גוט שפעט, ווען דיא צוויי פאארלאך זיינען אהיים נעגאנגען. דיא נאכט איז געווען א וואונדערשעהנע. דער הימעל איז געווען א קלארער. דיא לבנה האט אלעס וואס האט זיך געפונען אונטער איהר, בעגאסען מיט איהר זילבער־ווייסען מלאנכאלישען שיין. אלעס ארום האט געדופטעט מיט דעם רייץ וואס א שעהנע דזשון־נאכט האט אין זיך אויף דער פרייער נאטור.

אדלער איז נעגאנגען געארעמט מיט זיין פרוי. זיינע געדאנקען זיינען אבער יעצט געווען פערנומען מיט בערטהא׳ן, וועלכע איז געגאנגען מיט ראטער׳ן עטליכע טריט אפגערוקט פון איהם. ער האט פון צייט צו צייט געווארפען א זייטיגען בליק אויף זיין פרוי און ער האט אין הארצען געטראכט:

— אך, פאר וואס איז זיא ניט אזוי וויא בערטהא?

דאס ערשטע מאל וואס דיעזער געדאנק איז איהם געקומען אויף׳ן זינען, איז ער שטארק אין כעס געווארן אויף זיך זעלבסט ווארום ער טראכט וועגען דעם. אבער, וויא אויף צו להכעיס, וואס מעהר ער האט זיך געסטארעט דיעזען געדאנק צו פערטרייבען פון זיך, אלץ מעהר האט ער וועגען דעם געטראכט און אלץ מעהר אויפגערעגט איז ער געווארען.

ער האט, ניט ווילענדיג, געווארפען פער׳גנב׳עטע בליקען צו בערטהא׳ן, וועלכע איז אויך געווען יעצט טיעף פערטראכט און וועלכע האט יעצט, אין דעם טרוימערישען שיין פון דער לבנה אויסגעזעהען פיעל רייצענדער, פיעל שעהנער, וויא געוועהנליך. ער האט זיינע בליקען ניט געקענט אבררייסען פון איהר, אבער ער האט דאס געטהאן מיט גרויס אנשטרענגונג, און זיך איינגעקוקט אין זיין פרוי, איינרעדענדיג זיך אליין, אז זיא איז שעהנער פון זיין פריינד׳ס פרוי — שעהנער און ליעבליכער. און ווענדענדיג זיך אליין איבערצייגען, אז ער מיינט דאס מיט׳ן גאנצען הארצען, האט ער איהר צוגעטוליעט פעסט צו זיך, אזוי וויא ער וואלט מורא האבען, אז ער זאל איהר ניט פערלירען...

זיין פרוי, וועלכע איז שוין צוגעוועהנט געווארען צו איהר מאן׳ס לאסקעס,

האט דיעזען אויסדרוק פון ליעבע קיין בעזונדערע אויפמערקזאמקייט ניט געשיינקט און איז ווייטער געגאנגען פערטראכט אין איהרע געדאנקען. זיא איז געוועזען נייגיעריג צו וויסען וועגען וואס איהר מאן האט גערעדט מיט ראטער'ן. ווען זיי זיינען פריהער געגאנגען צו דער פארם. אז ער האט מיט איהם גערעדט וועגען זיין הייראטהע' — דאס איז זיא געוועזען זיכער. אבער וואס האט ער איהם דערצעהלט? האט איהר פערדאכט ווירקליך עפעס א ממשות? און זיא האט געגארט זיך צו געפינען מיט איהר מאן אונטער פיער אויגען און זיא זאל שווין הערען וואס זיי האבען גערעדט.

בערטהא איז געוועזען פערזונקען אין א ים פון טרויעריגע מחשבות. ווידער איז א טאג פאראיבער, האט זיא געטראכט. אך וואס זיא האט אין דיעזען טאג איבערגעלעבט! און זיא האט זיך אליין געפרעגט וויפיעל אזעלכע טעג וועט זיא נאך דארפען אריבערטראגען — טעג און שלאפלאזע נעכט?... און צי וועט זיא כח האבען דאס אלעס אריבערצוטראגען? און איהרע בליקען זיינען געפאלען אויף אדלער'ן מיט זיין פרוי, וועלכע זיינען געגאנגען, צוטוליענדיג זיך פעסט איינער צו דעם אנדערען און אין איהר הארצען האט איהר עפעס גענומען אזוי שרעקליך שמערצען! דאס זיינען ניט געוועזען קיין שמערצען פון קנאה, פון אייפערזוכט. זיא איז ניט געוועזען אייפערזיכטיג, וואס אנדערע זיינען גליקליך. פערקעהרט, זיא האט געוואונשען, אז אלע מענשען זאלען לעבען גליקליך און אז צווישען דיעזע גליקליכע זאל זיא זיך אויך געפינען. אבער באלד האט איהר עפעס א ווארימער געפיהל ארומגענומען און איהרע אומעטיגע געדאנקען זיינען, וויא דורך א כשוף, פלוצלונג פערשוואונדען. זיא ליעבט דאך אזוי היים איהר מאן, האט זיא געטראכט, און וויניג גליק פערשפאט דאס איהר?... און דאס וואס ער ליעבט איהר ניט יעצט, איז ניט וויכטיג. ער וועט איהר מיט דער צייט ליעבען, ער מוז איהר ליעבען, ער וועט זיך ענדליך ארומזעהן, אז נור מיט איהר קען ער זיין גליקליך...

עהנליכע געדאנקען האבען אויך יעצט געפרעסט ראטער'ס מוח און הארץ. ווידער איז אוועק א טאג — וואס האט ער מיר געגעבען? האט ער זיך געפרעגט אין הארצען, און עס האט איהם געדוכט, אז דיעזע פראגע שטעלט איהם יעצט דיא גאנצע וועלט, און וויא מיט טויזענד גלאקען האט זיא, דיא פראגע, איהם יעצט געקלונגען אין זיינע אויערען און איהם שיער ניט פערטויבט — וואס האט מיר דער טאג געבראכט און וואס וועט מיר דיזע נאכט בריינגען? וואס וועט מיר דער מארגענדיגער טאג געבען, דער איבערמארגענדיגער און אזוי ווייטער און אזוי ווייטער. וועט זיך דאס קיין מאל גאר ניט ענדיגען?... און זיינע בליקען זיינען געפאלען אויף זיין פריינד מיט זיין פרוי. אך, וויא גליקליך זיי לעבען! וויא ליעב זיי האבען זיך! — האט ער געטראכט. און ער האט זיך דערמאנט אן זיין געליעבטע, דיא יונגע רייכע אלמנה, וועלכע ער ליעבט אזוי היים און וועלכע האט איהם אויך אזוי שטארק געליעבט. ער האט איהר געמוזט פערשטויסען... און דער אלטער האס צו דיא, וועלכע האט איהם פון זיין געליעבטע אפגעריסען, ווערט יעצט נאך פיעל שטארקער. ער ווארפט אויף איהר פון דער זייט א בליק, פול מיט פעראכטונג און גיפט. אך, ווען ער זאל קענען פון איהר אנטלויפען — אנטלויפען וואו דיא אויגען וועלען איהם טראגען. ער האט ניט דעם מוטה צו בעגעהן אזא שריט, ער איז צו שוואך. וואס וועט דיא וועלט זאגען וועגען איהם? און צום אונגליק האבען אלע איהר ליעב. זיא פאנגט אלעמען פון דעם ערשטען בליק. ריידענדיג מיט א מענשען צוויי ווערטער בלויז, מאכט זיא איהם גלייך פאר איהר פריינד. אלע וואלטען דאן מיט איהר מיטלייד געהאט און איהם וואלט מען פאר א אונמענש, פאר א מערדער בעטראכט. אויף איהם האט קיינער קיין מיטלייד ניט. ער דערמאנט זיך וועגען דיא פיינליכע ראלע וואס ער מוז שפיעלען — דיא ראלע פון א גליקליכען מאן, וועהרענד זיין הארץ האט צו איהר, צו זיין פרוי, קיין אנדערע גע־

פיהלען, אויסער טיפען האס און פער־
אכטונג.

אזוי זיינען געגאנגען אלע פיער פער־
זונקען יעדער אין זיינע געדאנקען. א היב־
שע שטרעקע זיינען זיי אפגעגאנגען, ניט
אויסריידענדיג קיין ווארט, אזוי וויא זיי
וואלטען פערשלונגען געווארען פון דער
שטילקייט פון דער נאכט... ענדליך האט
אדלער דער ערשטער איבערגעריסען דיא
שטילקייט, זאגענדיג:

— אך, וואס פאר א וואונדער שעה־
נע נאכט!!

אלע האבען זיך ערוואכט פון זייער
טראכטען און האבען זיך גענומען ארומ־
קוקען, וואו זיי געפינען זיך, ווערהרענד
אדלער האט ווייטער גערעדט:

— עס גלוסט זיך מיר גאר ניט
אהיים צו געהן יעצט. לאמיר זיך אוועק־
זעצען דא אויפ'ן גראז.

— איך בין מיעד און וויל געהן
שלאפען — האט זיין פרוי זיך אפ־
גערופען.

זיא האט זיך אין דער ווירקליכקייט
ניט געפיהלט מיעד, נאר זיא האט גע־
ברענט פון נייגיעריגקייט צו וויסען וואס
איהר מאן האט גערעדט מיט ראטער'ן
און דערפאר האט זיא ניט געוואלט פער־
בלייבען.

— דו פיהלסט זיך געוויס אויך
מיעד — האט ראטער, אנשטרענגענדיג
זיך צו זיין העפליך, געזאגט צו בערטהא'ן.

— ניין — האט זיא געענטפערט
אין א זאנפטע שטימע, וועלכע האט אין
אדלער'ס אויערן אפגעקלונגען וויא א
מעלאדיע פון א הערליכע סימפאניע —
עס איז ווירקליך דא אזוי שעהן און עס
איז א שאד צו געהן יעצט שלאפען.

— ווייסטו וואס, מאיר? — האט
אדלער געזאגט צו ראטער'ן — מיר ווע־
לען אפפיהרען ביטרים'ן און דערנאך ווע־
לען מיר ווייטער שפאציערען.

— איך וויל ניט אליין בלייבען
אין דיא רומס! — האט דיא פרוי אין
א קאפריזנעם טאן האלב אויסגעשריען.

— אליין? — האט דער מאן גע־
זאגט צו איהר אין א גוטמוטהיגען טאן
— דו ביזט ניט אליין אין הויז און מיר
וועלען ווייט ניט געהן, מיר וועלען ארומ־
שפאציערען לעבען הויז. איבריגענס —
האט ער צוגעגעבען מיט א שמייכעל —
וואס האסטו מורא צו האבען? קיינער
וועט אזא מיאוס'ע ווייבעל וויא דו ניט
צו'גנב'ענען. ווען א גנב זאל אריינקומען
און ער וועט דיר אנקוקען, וועט ער
אנטלויפען וואו פעפער וואקסט, פונקט
וויא יענער גנב פון רוסא'ס בוך איז אנט־
לאפען פון מוזיק. סיידען אז דער גנב זאל
קיין אויגען ניט האבען, אבער א בלינ־
דער גנב איז א זעלטענהייט.

ראטער און בערטהא האבען זיך
הערצליך צולאכט פון דיעזען וויץ, ווער־
רענד מיסעס אדלער האט שוין כמעט א
ברוגז'ע געזאגט:

— סטאפ מיט דיינע דזשאוקס,
עלעקס! איך בין מיעד און וויל געהן
שלאפען, דו הערסט?

אדלער האט געוואלט צייגען אז ער
איז ניט קיין „פאנטאפעל" ביי זיין פרוי,
האט ער זיך אזוי שנעל ניט געוואלט
אונטערגעבען און ער האט ווייטער גע־
רעדט:

— און ווער לאזט דיך דען ניט?
אז דוא ווילסט געהן שלאפען, צו וואס
דארפסטו מיך האבען? שלאפען איז דאך
ניט קיין פרינסעס דרעסס מיט ניין הונ־
דערט ניין און נייציג באטטאנס, וועלכע
איך דארף צובאטאנען!

דאס מאל האט מיסעס אדלער אויך
שוין מיטגעלאכט, אבער זיא איז אין דער
זעלבער צייט אויף אן אמת אין כעס גע־
ווארען אויף איהר מאן און געזאגט:

— איך זאג דיר, אז דו זאלסט סטא־
פען מיט דיינע דזשאוקס, עלעקס!

— אז דו ווערסט אין כעס האב איך
דיך ניט ליעב — האט ער שוין אין א
האלב ערנסטען טאן געזאגט—דו ווערסט
דאן נאך מיאוס'ער וויא דו ביזט אין דער
ווירקליכקייט.

און ווענדענדיג זיך צו בערטהא'ן
און ראטער'ן האט ער געזאגט, שפא־
סענדיג:

—אדרבה, זאגט איהר, איז זיא ניט
יעצט מיאוס?

זיי זיינען שוין געווען נאהענט פון

הויז. אדלער האט זיין פרוי א כאפ געטהאן אויף דער האנד, אזוי וויא מען נעהמט א בייבי, זאגענדיג:

— דיא בייבי איז מיעד, וועל איך איהר אריינטראגען און שלאפען לייגען. גוד נייט!

מיסעס אדלער האט זיך געראנגעלט מיט איהם ער זאל איהר ארונטערלאזען, פאטשענדיג מיט איהרע ביידע הענד אין זיינע באקען, אבער ער האט איהר ניט ארונטערגעלאזט, און איז מיט איהר פערשוואונדען אין דעם דונקעל בעלויכטעטעם האלל פון הויז.

ראטער און בערטהא זיינען געבליבען שטעהן אין א פאזע, אזוי וויא זיי וואלטען ניט וויסען וואס זיי האבען יעצט צו טהאן. אין ראטער'ן איז יעצט זיין הארץ צוגאנגען פון דער ליעבעס סצענע, וואס עס האט זיך פאר זיינע אויגען אפגעשפיעלט. „אט אזוי לעבען מענשען גליקליך", האט ער געטראכט, אריינפאלענדיג אין א טיעפען אומעט. אויך בערטהא'ס הארץ איז יעצט געווען זעהר פערטרויערט. זיא האט דערקענט אין ראטער'ן וועגען וואס ער טראכט יעצט. עס האט זיך איהר געדוכט, אז זיא „הערט" זיינע געדאנקען... זיא האט זיך פערקוקט ערגעץ אויף א ווייטען פונקט, ניט וועלענדיג זיך בעגעגענען יעצט מיט זיינע בליקען. אבער זיא האט געפיהלט, אז ער קוקט אויף איהר מיט אויגען, וועלכע האבען איהר, וויא מיט גליהענדע שפיזען, יעשטאכען דעם גאנצען קערפער. העלישע יסורים האט זיא יעצט אריבערגעטראגען. זיא האט זיך געוואונשען, אז ער זאל שוין אוועקגעהן פון איהר. און איהר וואונש איז טאקע גלייך פארווירקליכט געווארען.

— איך פיהל זיך אויך זעהר מיעד!

— האט ראטער זיך אפגערופען אין א שטילע, פערשטיקטע שטימע, אזוי וויא ער וואלט מורא האבען, אז אימיצער זאל איהם ניט דערהערען — איך וועל געהן שלאפען. גוד נייט.

— גוד נייט — האט זיא שטיל ארויסגעזיפצט, קוקענדיג אויף איהם מיט אויגען, אין וועלכע עס האט זיך אפגעשפיעגעלט א ים מיט שמערצען און אונבעשרייבליכע בענקשאפט.

ראטער אבער האט דיעזע בליקען איהרע ניט געזעהן. ער האט זיך שטיל, אויף דיא שפיץ פינגער, וויא א נאכטגנב, אריינגע'גנב'עט אין הויז און איז פערשוואונדען.

בערטהא האט דאן אויפגעהויבען איהרע אויגען צום קלאהרען, אויסגעשטערנדען הימעל, אזוי וויא זיא וואלט דארטען זוכען אימיצען, וועלכער זאל איהרע יעצטיגע געפיהלען בעגרייפען און אפשטעהענדיג אזוי עטליכע מינוטען, האט זיא זיך מיט שטילע, לאנגזאמע טריט געלאזען געהן צו איהר רום, פונקט וויא א פריזאנער ווען ער קעהרט זיך אום צוריק אין סעלל, נאכדעם וויא מען האט איהם געגעבען דיא צעהן מינוט צור אטהעמען אביסעל פרייע לופט.

פון רוף האבען אויף איהר ארונטערגעקוקט א פאר בלישצענדע, פייערדיגע אויגען. דאס זיינען געווען דיא אויגען פון דעם ניגער, וועלכער האט דארטען גענעכטיגט. זיא האט דיעזע אויגען ניט בעמערקט.

זיעבענטער קאפיטעל.

צוויי פערזאן האבען דיעזע נאכט אין דיעזען הויז ניט געקענט איינשלאפען. דאס זיינען געווען בערטהא און דער פילאדעלפיער גאסט. ביי בערטהא'ן איז א שלאפלאזע נאכט שוין קיין נאווינע ניט געווען; א טאג־טעגליכער ביסען איז דאס ביי איהר שוין געווען. איהר הייסע, שטארקע ליעבע צו ראטער'ן האט איהר הארץ בעאונרוהיגט יעדע סעקונדע פון טאג און אויך אוועקגערויבט דעם שלאף פון איהר ביינאכט; הויפטזעכליך איז זי גאנצע נעכט געלעגען פערזונקען אין דיא טרויעריגסטע געדאנקען זינט זיא געפינט זיך אין דיעזען פלאץ...

אדלער איז געלעגען אין א פיבערישען צושטאנד. ער האט זיך געווארפען א נערוועזער אין זיין בעט, וועלענדיג פערטרייבען פון זיך דיא געדאנקען, וועלכע האבען זיך אזוי האסטיג געשטויסען אין זיין מוח און שווער געמאכט זיין

הארץ; און דיעזע געדאנקען האבען אין איהם מאדנע געפיהלען ארויסגערופען — געפיהלען, וועלכע זיינען איהם גאנץ ניי געוועזן, וועלכע ער האט ביז יעצט ניט דורכגעלעבט...

ווען זיין פרוי האט איהם געפרעגט, נאכדעם וויא זיי זיינען אריין צו זיך אין דיא צימערן, וואס ער האט גערעדט מיט ראטער'ן, האט ער איהר דעם אמת ניט איבערגעגעבען. דער אמת איז געוועזן, אז ער האט דערקענט אן ראטער'ס רייד, אז ער איז ניט גליקליך מיט זיין פרוי. אדער האט וועגען דעם מעהר ניט געצווייפעלט. ער האט אין הארצען אויך צוגעגעבען, אז זיין פרוי האט רעכט, אז דא מוז זיין עפעס א געהיימניס. איהר האט ער דאס אבער ניט געוואלט צוגעבען. ווארום ער האט אזוי געהאנדעלט, האט ער בשעת מעשה אליין ניט געוואוסט; ער האט עס געטהאן אונבעוואוסט, געטריבען פון אונדייטליכע געפיהלען. יעצט טראכט ער וועגען דעם און עס איז איהם קלאהר ווארום ער האט אזוי געהאנדעלט. ער האט געפיהלט א שטארקען בעגעהר צו האבען אן אינטימען געשפרעך מיט בערטהא'ן, צו דערגעהן דיא געהיימניס. אבער דאס קען ער דאך ניט מאכען איינס, צוויי, צוגעהן צו איהר און פרעגען איהר וואס צווישען איהר און איהר מאן קומט פאר. מיט ראטער'ן איז עפעס אנדערש. מיט איהם דארף ער קיין צערעמאניעס ניט מאכען; ער איז דאך זיינער אן אלטער גוטער פריינד. און אום צו פארבינדען מיט איהר אזא געשפרעך, דארף ער פריהער פארברייגגען מיט איהר. ער האט געקענט זיין פרוי, אז זיא איז זעהר אן אייפערזיכטיגע. ווען זיא זאל וויסען, אז בערטהא איז ניט גליקליך אין איהר הייראטה, וואלט זיא ניט גערן געזעהן, אז ער זאל זיך מיט איהר אינטערעסירען... דארום האט ער איהר אוטישנע ניט געזאגט דעם אמת וואס ער דיינקט וועגען זיין פריינד'ס פאמיליען-לעבען.

און ער האט געצעהלט דיא סעקונדען, אז עס זאל שוין ווערען טאג, אז ער זאל קענען מיט בערטהא'ן ריידען. איהר בילד איז איהם יעצט פון זיינע אויגען ניט אפגעטראטען. ער האט זיך געסטארעט צו דיינקען וועגען עטוואס אנדערש, אבער בערטהא'ס רייצענדער געשטאלט האט איהם אלץ פערפאלגט, שווער געמאכט זיין הארץ. ער האט זיך איינגעקוקט אין זיין פרוי, וועלכע איז געשלאפען רוהיג לעבען זיין בעט. ער האט זיך איינגעראבען אין איהר מיט זיינע בליקען, וועלענדיג פערטרייבען פון זיך דיא שווערע געדאנקען, אבער עס איז געוועזן אומזיסט. און ניט נור האט ער איהר געשטאלט געזעהן, ער האט אויך יעצט איהר קלינגענדע, זאנפטע מעלאדישע שטימע געהערט. אך, ווי שעהן זיא רעדט! — איז ער אין געדאנקען ענטציקט געווארען פון איהר ריידען. פלוצלונג האט ער אויפגעציטערט. ער האט דערזעהן בערטהא'ס בליקען, וועלכע זיא האט אויף איהם געווארפען, בשעת ער האט געשפיעלט. אך, וואס פאר א בליקען דאס זיינען געוועזן! ער האט נאך אזעלכע בליקען אין זיין לעבען ביי קיין לעבעדיגע פערזאן ניט בעמערקט. א ים מיט ליידען, אנגסט און בענקשאפט האט זיך אין זיי אפגעשפיגעלט.

ער דערמאנט זיך אן א בילד, וואס ער האט געזעהן אמאל אויף א קונסט-אויסשטעלונג. א בילד פון דעם בעריהמטען בעלגישען מאהלער בעקלין. „זיא זוכט", האט דאס בילד געהייסען. וויא לעבעדיג שטעהט יעצט דיעזע קונסטווערק פאר זיינע אויגען. א יונגע פרויענצימער שטעהט ביים ברעג פון שטורמדיגען רוישענדען מעער און קוקט מיט אזעלכע בענקענדע בליקען ווייט, ווייט. איהר הארצענס-געליעבטען האבען דיא ברויזענדע כוואליעס אוועקגעטראגען. זיא הערט מעהר פון איהם ניט. איהר הארץ צוגעהט פון ליעבע, בענקשאפט. איז זיא צום ים געקומען, איהר ביטערע, צו-וויטאגטע הארץ פאר דיא כוואליעס אייסגיסען און בעטען זיי, זיי זאלען איהר געליעבטען אומקעהרען, איהר געליעבטען, אהן וועלכען זיא קען ניט לעבען, אהן וועלכען עס איז איהר אזוי שלעכט, אזוי טרויעריג. און זיא זוכט מיט איהרע בענקענדע בליקען, צו קומט ער ניט אן; דיא

כוואליעס האבען דאך געווים איהר קלאגע אויסגעהערט און איהם געזאגט וויא שרעקליך זיא לײדעט, וויא שטארק זיא בענקט. און זיא קוקט מיט ברייט אויפגעריסענע אויגען אויף דעם אונענדליכען מעער, אבער זיא זעהט איהם ניט, איהר געליעבטען. איהרע אויגען קוקט זיא אוים און זיא זעהט בלויז — וואסער און הימעל.

ער איז אזוי געווען צופריעדען וואס ער האט זיך אריינגעטראכט אין דיעזען בילד! ער האט דערוויל אן בערטהא'ן פארגעסען. און אום ווידער ניט צו דיינקען וועגען איהר, האט ער פון דאס נײ גענומען טראכטען וועגען דעם בילד. אבער ער האט א שרעקליכען ציטער געטהאן. ער האט אין דער פרוי פון יענעם בילד בערטהא'ס געשטאלט געזעהן... יא, פונקט מיט אזעלכע בליקען האט זיא אויף איהם היינט געקוקט, בשעת ער האט געשפיעלט אויף דער פארם. און א קעלט איז אריבער אלע זיינע גליעדער און זיין מוח האט איהם עפעס גענומען אזוי האסטיג קלאפען. ער האט זיך פאר עפעס דערשראקען. ער האט געוואלט אויפוועקען זיין פרוי, דיינקענדיג, פיעלייכט וועט ער זיך דאן, ווען ער וועט מיט איהר ריידען, בעפרייען פון דיעזע פיינליכע געפיהלען. ער האט אבער, נאך א ווײלע נאכדיינקען, בעשלאסען דאס ניט צו טהון. זיא וועט דערקענען אן איהם, אז עפעס איז דא ניט גלאט; זיא וועט איהם נעהמען אויספרעגען. דעם אמת וועט ער דאך איהר ניט קענען זאגען... וועט עס איהר אויפפאלענד זיין און זיא וועט אידם נאך נאכשפירען שפעטער, ווען ער וועט וועלען מיט בערטהא'ן פארברײנגען, כדי צו דערגעהן דיעזע געהיימנים, מיט וועלכע זייער היירא'טה איז ארומגעהילט.

ווען אדלער'ס בליקען האבען זיך בעגעגענט מיט בערטהא'ס בליקען, בשעת זיי זיינען געזעסען ביים ברעקפעסט, האט ער דערפיהלט א שמערצליכען שטאך טיעף אין הארצען. ער האט אין זיי דיא בליקען פון דער פרוי פון בעלקין'ס בילד דערזעהן. ער איז געזעסען דיא גאנצע צייט טיעף פערטראכט און האט ווײניג גערעדען — א זאך וואס איז ניט געווען זיין געוואהנהייט. דען ער איז אימער געווען פול מיט לעבען. דיא פרוי האט איהם געפרעגט וואס עס איז מיט איהם דער מעהר. ער האט געענטפערט, אז ער האט לייכטע קאפ שמערצען, ער האט ביינאכט ניט געקענט שלאפען.

בערטהא האט אויף איהם א פערוואונדערטען בליק געווארפען. זיא איז אלזא ניט געווען דיא איינציגע אין דיעזען הויז וואס זיא האט דיא נאכט ניט געשלאפען, האט זיא געטראכט, און זיא האט געמיינט, אז אויסער איהר שלאפען דא אלע געשמאק. און עס האט איהר גענומען פעראינטערעסירען, וואס אזעלכעס האט געקענט זיין דיא אורזאכע, וועלכע האט ביי דעם פרעהליכען, לוסטיגען, לעבעדיגען יונגען מאן געקענט דעם שלאף אוועקרויבען. אדלער האט דיעזען בליק איהרען באגעגענט און ער איז נאך מעהר אונרוהיג געווארען. עס האט זיך איהם געדאכט, אז זיא לעזט פון זיין געזיכט זיינע געדאנקען... זיא בלויז קען זיי לעזען און ניט זיין פרוי און ניט זיין פריינד... און צוזאמען מיט זיין אונרוהיגקייט איז אין איהם אויך ענטשטאנען א געפיהל פון פערשעהמטקייט. ער האט זיך געסטארעט אויסצומיידען צו בעגעגענען זיך מיט בערטהא'ס בליקען.

בערטהא האט דאס גוט טעמערקט און זיא איז נאך מעהר פעראינטערעסירט געווארען אין דעם גאסט'ס מאדנעם האלטען זיך דיעזען פריה-מארגען. איבערהויפט האט זיא יעצט, נאכדעם וויא זיא האט איהם נעכטען געהערט שפיעלען, געקוקט אויף איהם מיט גאנץ אנדערע אויגען וויא פריהער. פריהער האט זיא איהם בעטראכט אלס אן אמעריקאנער יונגער מאן, אן אינטעליגענטער, אבער פון דעם געוועהנליכען זארט, וועלכע זיינען איהר געווען גוט בעקאנט, און צו וועלכע זיא האט אימער קיין בעזאנדערע סימפאטיע ניט געפיהלט צוליעב זייער ביזנעס-גייסט.

— דיא אידיש-אמעריקאנער יונגע לייט זיינען צו טרוקען, צו פראזאאיש — פלעגט זיא אימער זאגען, ריידענדיג מיט

איהר אָנקעל — זיי אינטערעסירען מיך ניט.

אָבער זינט זיא האָט איהם געהערט שפּיעלען, האָט זיא איהר מיינונג וועגען איהם געביטען. זיא האָט געזעהן, אז ער איז ניט פון דעם געוועהנליכען זאָרט יונגע לייט; אז ער איז ניט בלויז א טרו־קענער, אויסגערעכענטער ביזנעס־מאַן; אז ער האָט א הארץ, א ווארימע הארץ, א נשמה, א פיהלענדע נשמה; אז ער איז א פּאָעט. און אין איהרע אויערן קלינגען יעצט דיא זיסע טענער, וועלכע ער האָט מיט אזוי פיעל געפיהל, מיט אזוי פיעל שעהנקייט ארויסגעבראכט פון דער פּיאַנאָ. און עס ענטשטעהט אין איהר א בע־געהר זיך מיט איהם נעהענטער צו באַ־קענען, צו האָבען מיט איהם א געשפּרעך איבער מוזיק, ליטעראטור. און זיא האָט ראָטער'ן נאָך מעהר ליעב געהאט דער־פאר, וואס ער האָט אזא אינטערעסאנטען פריינד.

מיסעס אדלער האָט זיך בעאונרו־היגט וואָס איהר מאַן פיהלט זיך ניט גוט און זיא האָט איהם גענומען צערטלען, אויספרעגענדיג איהם וואָס עס איז עפּעס פלוצלונג געוואָרען מיט איהם. ער האָט איהר בערוהיגט, אז עס איז א קלייניג־קייט. מאלע מען האָט אמאָל קאָפּ־שמער־צען און איהר פּארזיכערט, אז עס וועט באלד פאַראיבערגעהן. ער וועט נעהמען א שפּאַציער אויף דער פרישער לופט און ער וועט פיהלען גוט.

— זעה נאר וויא גוט זיא איז יעצט צו איהם! — האָט ראָטער האלב ערנסט, האלב שפּאסענד זיך אָפּגערופען — פון וואָס האָט ער דען יעצט דיא קאָפּ־שמער־צען אז ניט צוליעב אייך!

— צוליעב מיר? — האָט זיא איהם אָנגעקוקט א פערוואונדערטע.

— געווים ניט צוליעב מיר אָדער צו־ליעב בערטהא'ן — האָט ער אין דעם זעל־בען טאָן וואָס פריהער ווייטער געזאָגט -- זעהט נאר, וויא זיא מאכט זיך ניט וויסענדיג.

אדלער, דערהערענדיג בערטהא'ס נאמען האָט א שטארקען ציטער געטהאָן און ער האָט אין הארצען שטארק פאר־

איבעל געהאט אויף זיין פריינד, וואָס ער רעדט אזוי און עס האָט זיך איהם גע־דאכט, אז בערטהא איז אויך אונצופריע־דען דערמיט.

בערטהא איז אָבער אונצופריעדען ניט געוועזען. פערקעהרט, זיא איז געווען גליקליך, וואָס ער האָט איהר נאָמען דער־מאָנט.

ראָטער האָט איהר נאָמען דערמאָנט! דאָס פּאַסירט פּיעלייכט דאָס צווייטע אדער דאָס דריטע מאָל זינט זיי זיינען פערהייראט. וועלכע פעדער איז אימ־שטאנדע צו שילדערן דעם גרויסען פער־גניגען וואָס עס האָט איהר פערשאפט, ווען זיא האָט געהערט איהר נאָמען, ארויסגערעדט פון זיינע, ראָטער'ס ליפּען!... אמת, זיא פלעגט שפּעטער נאָכ־טראכטען וועגען דעם און פלעגט קומען צום בעשלוס, אז ער טהוט דאָס אימער געצוואונגענערהייט, פון יוצא וועגען פאר פרעמדע מענשען. אָבער בשעת מעשה האָט דאָס איהר דאָך אונבעשרייבליכען גליק פערשאפט...

— איהר מוזט זיין שיכור, ווען ניט פערריקט! — האָט מיסעס אדלער געזאָגט אין עטוואָס אן ערנסטען טאָן — וואָס הייסט צוליעב מיר האָט ער קאָפּשמערצען.

— וואָס ענטפערסטו איהם, נארע־לע? — האָט איהר דער מאַן בערוהיגט — זעהסטו ניט, אז ער וויל דיך „טיעזען"!

— דו פערענטפער מיך נאָר ניט. גרויסער חכם! — האָט ראָטער צו איהם געזאָגט — איך מיין איהר ניט צו „טיעזען".

און ווענדענדיג זיך צו זיין פריינד'ס פרוי, האָט ער פארטגעזעצט זאָגענדיג:

— מאדאם אדלער, איך בין ניט שיכור, ווייל פון איין גלעזעל קאָניאַק קען מען שיכור ניט ווערען. איך בין אויך ניט פערריקט ווייל... ווייל...

דאָ האָט ער זיך פערהאַקט אויף א ווײלע. ער האָט געלאָזען דיא צונג לויפען און ער האָט שיער ניט ארויסגע־רעדט דיא פאָלגענדע ווערטער, וועלכע זיינען איהם שוין געלעגען אויף דיא לי־פּען: „איך בין ניט פערריקט, ווייל איך בין ניט פערליעבט אין מיין פרוי, אזוי

וויא ער איז אין איך פערליעבט". ער האָט זיך אָבער אין צייט צוריקגעהאלטען און געמאכט א מינע, אזוי וויא ער וואָלט טראכטען וואָס ער האָט צו זאָגען און האָט געענדיגט:

— איך בין ניט פערריקט, ווייל איך זעה זאכען וויא זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט. עלעקס פיהלט ניט גוט צוליעב איך. ער האָט זיך נעכטען ביינאכט דאָס האַרץ געריהרט, אריינטראָגענדיג אייך אויף דיא הענד, וויא א בייבי, אום איך שלאָפען צו לייגען.

— שאראפּ! — האָט זיא מיט א געמאכטע בעליידיגונג אויסגעשריען, ווערענד דיא איבעריגע אנוועזענדע האָבען זיך צולאכט אויפ'ן קול.

נאָך'ן עסען זיינען אלע ארויס אויף שפּאציער. אדלער האָט אָנגענומען זיין פריינד אונטער'ן ארם און איז מיט איהם געגאנגען, איבערלאָזענדיג זיין פרוי מיט בערטהא'ן. ער האָט איהם געהאלטען פעסט, אזוי וויא ער וואָלט עפּעס מורא געהאט זיך אָפּצוּרייסען פון איהם, אום ער זאָל איהם פון עטוואָס געפעהרליכעס בעשיצען...

— איהר האָט שוין ווייטער דאָרט סודות — האָט זיך מיסעס אדלער אָפּגערופען — וואָס איהר געהט בעזונדער און לאָזט אונז איבער? וואָס איז דאָס פאר א בענעהמען זיך?!

— מיר האָבען קיינע סודות — האָט ראָטער אָפּגעענטפערט, אָפּשטעלענדיג זיך מיט זיין פריינד, וועלכער איז ווידער געוואָרען עפּעס צוטראָגען.

דיא פרויען זיינען צו זיי צוגעקומען און זיי האָבען זיך געלאָזען געהן צוזאמען.

— וואָס הערט זיך מיט דיינע קאָפּשמערצען? — האָט מיסעס אדלער געפרעגט איהר מאן, אָננעהמענדיג איהם פאר דיא האנד.

— עס וועט מיר באלד בעסער ווערען, ביטריס! — האָט ער איהר בערוהיגט.

דאן האָט ער זיך געווענדעט צו ראָטער'ן, פרעגענדיג איהם:

— וואו געהען מיר יעצט?

— וואו ווילסטו דען געהען? — האָט ער איהם אָפּגעענטפערט מיט א פראַגע.

— איך וואָלט געמאכט א פאָרשלאג, אז מיר זאָלען זיך דאָ אוועקזעצען אויפ'ן גראָז — האָט אדלער געענטפערט — איך וויל ווארטען ביז דיא קאָפּשמערצען וועלען מיר פאראיבערגעהן.

זיי האָבען זיך אוועקגעזעצט אויף דעם פעלד. אלע זיינען געווען בעאונרוהיגט וואָס אדלער האָט זיך ניט גוט געפיהלט און דיא שטימונג צווישען זיי איז געווען א דריקענדע. א היבשע ווילע זיינען זיי געזעסען שטיל, ניט אויסרעדענדיג קיין וואָרט. ענדליך האָט זיך בערטהא אָפּגערופען צו אדלער'ן:

— פיעלייכט וואָלט איהר געגאנגען צו א דאָקטאָר?

און, ווענדענדיג זיך צום מאן, האָט זיא געפרעגט:

— איז דאָ פאראן א דאָקטאָר?

— עס זיינען דאָ אין דער נאכבאָרשאפט א פּאָאר דאָקטוירים — האָט ראָטער געענטפערט.

— איך דארף קיין דאָקטאָר — האָט אדלער געזאגט — איך פיהל שוין באלד בעסער.

— ווייסט איהר וואָס? — האָט ער צוגעגעבען — נעהמט איהר א שפּאַציער און איך וועל דאָ דערווייל כאַפּען א דרעמעל. ווען איך וועל זיך אביסעל איבערשלאָפען, וועט מיר זיכער בעסער ווערען.

ער האָט ווירקליך געוואָלט שלאָפען. ער האָט דאָך א גאנצע נאכט ניט געשלאָפען און, געפינענדיג זיך יעצט אויף דעם פעלד, האָט איהם דער ריח פון'ם גראָז וויא פארשלעפערט. אָבער דאָס איז ניט געווען דיא איינציגע אורזאכע וואָרום ער האָט געוואָלט, אז זיי זאָלען געהן שפּאצירען. ער האָט געוואָלט יעצט בלייבען אליין — אליין מיט זיינע געדאנקען, וועלכע האָבען זיך אזוי האסטיג געשפּארט אין זיין מוח.

— אָלל רייט! — האָט ראָטער געזאָגט, אויפהויבענדיג זיך — מיר וועלען זיך אביסעל דורכגעהן און דאן וועלען מיר צוריקקומען.

מיסעס אדלער האט ערקלערט, אז זיא וויל ניט געהן. זיא וועט דא בלייבען מיט'ן מאן. ראטער איז געבליבען אין א פערלעגענהייט. ערקלעהרען יעצט אז ער וויל אויך ניט געהן, האט איהם ניט געפאסט און געהן מיט בערטהאן — — —

בערטהא האט פערשטאנען זיינע געדאנקען און זיא האט איהם פון דער פערלעגענהייט ארויסגענומען, זאגענדיג:

— איך האב גאר פארגעסען, אז איך האב עטוואס צו טהאן. איך מוז שרייבען א בריעף צו דער שוועגער און אויך צו מיין אנקעל, פון וועלכען איך האב היינט בעקומען א בריעף.

זיא האט זיך אויפגעהויבען און, ווענדענדיג זיך צום מאן, האט זיא געפרעגט:

— דו וועסט עפעס צושרייבען צו דער מאמען, אדער דו וועסט איהר שרייבען בעזונדער?

— דו שרייב איהר א גרוס פון מיר און איך וועל איהר מארגען אליין שרייבען — האט ער מיט א געמאכטע העפליכקייט איהר געענטפערט.

— אז איך וועל פארטיג ווערען מיט'ן שרייבען, וועל איך צוריק אהערקומען — האט זיא געזאגט — אבער איהר זאלט שוין דאן קיין קאפּשמערצען ניט האבען — האט זיא זיך געווענדעט צו אדלער'ן און האט זיך געלאזען געהן אהיים.

ווען בערטהא איז אוועק איז אדלער נאך מעהר אונרוהיג געווארען. ער האט שוין חרטה געהאט ווארום ער האט זיך אוועקגעזעצט. ווען ער וואלט וויסען, אז עס וועט זיך ענדיגען דערמיט וואס זיא וועט פערלאזען די קאמפּאניע, וואלט ער דאס ניט געטהאן. עס האט איהם שטארק געצויגען איהר יעצט צו זעהען, א טיעפע בענקשאפט נאך איהר האט גענומען נאגען זיין הארץ. ער איז געווען שטארק אין כעס אויף זיך זעלבסט, ווארום ער לאזט זיך בעהערשען פון דיעזע געפיהלען... ער האט זיך אנגעשטרענגט צו פארגעסען אן איהר, פערטראכטענדיג זיך וועגען עטוואס אנדערש, וויא ער פלעגט דאס אפט טהאן דיא לעצטע צוויי טעג, ווען ער פלעגט דיינקען וועגען בערטהא'ן, אבער אזוי וויא אימער איז יעצט זיין אנשטרענגונג געווען אומזיסט; בערטהא'ס געשטאלט איז אויף קיין איין סעקונדע פון זיינע אויגען ניט אפּגעטראטען; און דיא אבוועזענהייט פון זיין פרוי און זיין פריינד איז איהם יעצט זעהר איבערדריסיג געווארען. ער האט געגארט יעצט צו זיין אליין. ענדליך האט ער זיך אפּגערופען:

— וואס זיצט איהר דא? נעהמט א שפּאציער אדער, ווייסטו גאר וואס?

— האט ער זיך געווענדעט צו ראטער'ן

— נעהמט א „ראיד“ אויף דעם אטאמאביל.

דיא פרוי האט אנפאנגס ניט געוואלט אוועקגעהן פון איהם, אבער ענדליך האט זיא זיך געלאזען פון איהם צוריידען און ראטער איז אוועק אהיים הייסען דעם ניגער צוגרייטען דעם אטאמאביל.

— דו וועסט האבען א געלעגענהייט צו ריידען מיט ראטער'ן אונטער פיער אויגען — האט אדלער געזאגט צו זיין פרוי ווען ראטער איז אוועק — וועסט פון זיינע רייד קענען אויסגעפינען עטוואס מעהר וועגען דעם וואס דיך אינטערעסירט אזוי שטארק — וועגען דעם, צי ער איז גליקליך אין זיין הייראט.

ער האט געפיהלט וויא איינער וואס האט א שווערען פערברעכען אויף זיין געוויסען און ער וויל דיעזען פערברעכען פערריכטען. ער איז אבער ניט זיכער, צי עס איז נאך פאראן א מעגליכקייט אויסצובעסערען. ער האט אליין ניט דעם מוטה האס צו אונטערזוכען, שיקט ער אן אנדערען... ער האט זיך אליין יעצט געוואלט איינרײדען, אז ער האט אין גאנצען א טעות אין זיין פריינד. עס איז ניט אמת, ער איז יא גליקליך מיט זיין פרוי, און ווארום זאל ער דען ניט זיין גליקליך? אזא שעהנע, אזא גוטהערציגע, אזא עדעלע, אזא קלוגע, אזא פעהיגע פרוי וויא בערטהא איז שווער צו געפינען. און עס האט זיך איהם געדוכט, אז זיין פרוי וועט אויך דאס זעלבע אויסגעפינען, ווען זיא וועט מיט איהם האבען א געשפּרעך.

דאָס אַלעס האָט ער זיך אַליין איינגערעדט. ער האָט געוואונשען, אַז עס זאָל אַזוי זיין, דיינקענדיג, אַז דערמיט וועט ער פון זיך פערטרייבען דיעזע מאָדנע געפיהלען, וועלכע האָבען איהם אַזוי שטאַרק בעאונרוהיגט, וועלכע האָבען אַזוי פיינליך זיין הארץ, זיין מוח געפּרעסט.

ער האָט אָבער א טעות געהאַט. ווען ער וואָלט אפילו פון זיין פריינד'ס אייגען מויל געהערט, אַז ער איז גליקליך, וואָלט איהם דאָס אויך זעהר ווינציג געהאָלפען צו פערטרייבען פון זיך זיינע געפיהלען — זיינע געפיהלען צו בערטהא'ן זיינען שוין געווען צו שטאַרק...

— אפשר וואָלסטו מיטגעפאָהרען?

— האָט דיא פרוי איהם גענומען בעטען — דו וועסט זיך אַביסעל דורכפאָהרען און וועסט זיך פיהלען בעסער.

— ניין, טהייערע — האָט ער זיך וויא געבעטען ביי איהר — איך וועל דאָ בלייבען. דאַרפסט זיך ניט שרעקען, עס איז מיר גאָר ניט. ווען דו וועסט צוריקקומען וועל איך שוין פיהלען אַלל רייט.

ראַטער האָט זיך באַלד אומגעקעהרט, ערקלעהרענדיג, אַז דער אַטאָמאָביל איז גרייט. מיסעס אַדלער האָט דעם מאַן א הייסען קוש געגעבען און איז אוועק מיט ראַטער'ן.

בערטהא, הערענדיג וויא דער אַטאָמאָביל סאָפּעט, איז זיא פערוואונדערט געוואָרען, טראַכטענדיג, ווער קען דאָס דאָרטען זיין. זיא איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און, זעהענדיג אין איהם זיצען דיא גאַסט און איהר מאַן, האָט זיא זיך דערשראָקען. זיא האָט געמיינט, אַז עס האָט עטוואָס פּאַסירט מיט אַדלער'ן אויפ'ן פעלד, עס איז איהם אודאי ניט גוט געוואָרען — איז איהר דורכגעלאָפען א געדאַנק דורך'ן מוח — און זיי פאָהרען דאָס יעצט נאָך א דאָקטאָר. זיא איז זעהר בעאונרוהיגט געוואָרען. איינקוקענדיג זיך אָבער גוט אין מיסעס אַדלער'ס געזיכט, האָט זיא זיך גלייך בערוהיגט. דען זיא איז געזעסען א פרעהליכע און האָט, שמייכלענדיג, גערעדט עפּעס מיט איהר מאַן.

— אין אַזא הומאָר פאָהרט מען ניט ברייננען א דאָקטאָר צו א חולה — האָט זיא צו זיך אַליין גערעדט.

זיא איז געבליבען שטעהן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטהעם, מורא האָבענדיג, אַז זיי זאָלען איהר האַסטיגען קלאַפּען פון הארצען ניט הערען. — אַפּרוקענדיג זיך פון פענסטער אַזוי, אַז זיי זאָלען איהר ניט קענען בעמערקען און זיא זאָל זיי יא קענען זעהן.

— וואָרזשע פאָהרען זיי? וואו איז אַדלער? האָט זיא זיך ווייטער געפרעגט.

פּלוצלונג האָט זיא בעמערקט דעם ניינער'ס ברענענדע בליקען און זיא איז אויפגעשפּרונגען א פערציטערטע, אַזוי וויא מען וואָלט מיט א רעוואָלווער אונטער איהרע פלייצעס אויסגעשאָסען. אַך, וואָס פאַר א בליקען דאָס זיינען געווען!... עס האָט זיך איהר געדוכט, אַזוי וויא ער וואָלט איהר ספּעציעל געוואוכט און געזאָגט: „זעהסט וואָס דאָ קומט פאָר!"...

דער אַטאָמאָ.. האָט גענומען נאָך שטאַרקער סאָפּען און, אַרויסלאָזענדיג פון זיך א מין בייזען געשריי, איז ער באַלד פערשוואונדען געוואָרען אין דעם וואָלקען שטויב, וואָס ער האָט געלאָזען הינטער זיך.

א היבשע ווייל איז בערטהא געשטאַנען מיט א קלאַפּענדע הארץ און אין איהר מוח האָט געבושעוועט א שטורם פון פערשיעדענע געדאַנקען.

— וואו איז אַדלער? — האָט איהר פון אַלע געדאַנקען אַם מייסטען בעאונרוהיגט דיעזער געדאַנק — וואָס האָט דאָרטען אַזעלכעס פּאַסירט?

און זיא האָט ענדליך בעשלאָסען אַרויסצוגעהן אויפ'ן פעלד, אום זיך אַליין צו איבערצייגען. ווען זיא איז שוין געשטאַנען ביי דער טהיר, האָט זיא זיך אָבער צוריקגעהאַלטען. זיא האָט זיך עפּעס געשראָקען אַהין צו געהן, אַז אַנבעוואוסטע, א געהיימניספאָלע שרעק האָט איהר בעהערשט און זיא האָט געפיהלט וויא א פראָסט וואָלט איהר אריבער איבער אַלע איהרע גליעדער און א קאַלטער שוויים האָט אַרויסגעטראָטען אויף איהר געזיכט.

זיא האָט שווער אָפּגעזיפצט און האָט זיך מיט שוואַכע, מיעדע טריט געלאָזען

געהן צום טיש, וואו עס איז געלעגען דיא פאפיער, אויף וועלכען זיא האט אנגעפאנגען שרייבען דעם בריעף און האט זיך אוועקגעזעצט אויף א שטוהל. דער געדאנק וועגען אדלער'ן האט איהר אבער נאך מעהר גענומען עגבערן אין מוח. אז קיין אונגליק האט מיט איהם ניט פאסירט, אין דעם איז זיא געווען ביי זיך זיכער, זאנסט וואלטען זיי דאך ניט געווען אוועקגעפאהרען. אבער ווארום־זשע איז ער ניט מיטגעפאהרען?

און זיא האט יעצט בעשלאסען ארויסצושיקען איינע פון דיא דיענסטען צו זעהען, אויב ער איז דא אויפ'ן פעלד. פיעלייכט איז ער גאר אליין ערגעץ אוועק? — האט זיא געטראכט. איהר האנד איז שוין געלעגען אויף דעם עלעקטרישען גלעקעל, וועלכעס האט ארונטערגעהאנגען פון דער געז־לאמפ אין דייגינגרום, וועלענדיג אריינרופען א דיענסט, ווען זיא האט פלוצלונג דערהערט א קלאפען אין טהיר.

א שטארק דערשראקענע, מיט א פלאטערענדע הארץ, איז זיא אויפגעשפרונגען פון איהר שטוהל. „ווער קען דאס זיין?" איז א געדאנק דורכגעלאפען דורך איהר מוח. דאס מוז זיין ער, אדלער" — איז א צווייטער געדאנק איהר ארויפגעקומען אויפ'ן זינען.

דאס קלאפען אין טהיר האט זיך וויעדערהאלט.

— קאם אין! — האט זיא אין א ציטטערענדע, דערשראקענע שטימע ארויסגעשטאמעלט, זייענדיג אין כעס אויף זיך זעלבסט, ווארום זיא האט איהם געלאזען ווארטען און ניט גלייך געענטפערט, דען זיא איז יעצט שוין זיכער געווען אז דאס איז ניט קיין אנדערער וויא איהר מאנ'ס פריינד.

דיא טהיר האט זיך געעפענט און עס איז אריין אדלער. ער איז געבליבען שטעהן א ווײלע אזוי וויא ער וואלט ניט וואגען ווייטער צו געהן און האט געזאגט:

— ענטשולדיגט פאר מיין דרייסטקייט. שטער איך אייך פיעלייכט?

— ביטע! האט זיא העפליך איהם איינגעלאדען צו געהן ווייטער — איהר שטערט מיר אין קיין זאך ניט.

דאס זאגענדיג, האט זיא איהם אונטערגערוקט א שטוהל, אויף וועלכע ער האט זיך אוועקגעזעצט, זאגענדיג מיט א שמייכעל:

— מאיר האט גענומען ביטרים'ען אויף א „ראיד" מיט'ן אטאמאביל און מיך האבען זיי איבערגעלאזען. האב איך זיך מישב געווען, אז איך וועל אריינגעהן נאך אייך און מיר וועלען נעהמען א „וואק".

— וואס הערט זיך מיט אייערע קאפשמערצען? — האט זיא איהם געפרעגט.

— איך בין שוין אלל רייט! — האט ער געזאגט — איך פיהל זיך אויסגעצייכענט.

— ווארום זייט איהר ניט מיטגעפאהרען מיט זיי? האט זיא איהם ווייטער געפרעגט.

— ווייל איך האב מיך ניט געפיהלט גוט — האט ער געענטפערט. איהר זייט דאך ניט דזשעלאוס וואס זיי זיינען אליין געפאהרען? האט ער אין א ווײלע ארום צוגעגעבען.

— איך, דזשעלאוס? — האט זיא איהם אנגעקוקט נאאיוו — ניין, איך בין ניט דזשעלאוס, פיעלייכט זייט איהר דזשעלאוס — האט זיא אויך צוגעגעבען מיט א שמייכעל.

— ווען איך וואלט געווען דזשעלאוס, וואלט איך דאך מיטגעפאהרען — האט אדלער געזאגט, קוקענדיג איהר גלייך אין דיא אויגען, וועלענדיג אויסגעפינען וואס פאר אן איינדרוק עס מאכען אויף איהר זיינע רייד.

א ווײלע זיינען זיי געבליבען שטיל. נאכהער האט ער ווייטער געפרעגט:

— זייט איהר פערטיג מיט אייערע בריעף?

— נאך ניט — האט בערטהא געענטפערט — אבער איך האב זיך ניט וואס צו איילען. איך וועל זיי שפעטער ענדיגען. לאמיר געהן.

געפינענדיג זיך אויפ'ן פעלד, איז אדלער וויעדער פערזונקען געווארען אין זיינע פריהערדיגע געדאנקען. ער איז געגאנגען פערטראכט און האט ניט גערעדט

קיין ווארט. געהענדיג פריהער צו בערטהא'ן האט ער געהאט בעשלאסען, ארייצוגעהן מיט איהר אין א געשפרעך, פון וועלכען ער זאל קענען אויסגעפינען דאס, וואס איהם האט אזוי שטארק אינטערעסירט. אבער געפינענדיג זיך יעצט אין איהר אנוועזענהייט, האט ער עפעס דעם מוטה ניט געהאט מיט איהר דיעזען געשפרעך אנצופאנגען. און אין הארצען איז ער זאגאר צופריעדען געווען וואס ער רעדט ניט. דען ער האט זיך זעהר געשראקען פאר דיעזען געשפרעך...

בערטהא'ן איז דיעזער שטילשווייגען פון איהר בעגלייטער עפעס אויפפאלענד געווארען און זיא האט איהם אפגעמאסטען מיט איהרע בליקען און נאכהער געפרעגט:

— וואס זייט איהר עפעס אזוי פערטראכט?

— איך בין ניט פערטראכט — האט ער געפרואווט לייקענען — איך זעה אז איהר שווייגט, שוויינ איך אויך.

דאס הארץ האט אין איהם גענומען האסטיג קלאפען. ער וועט שוין יעצט אלזא מעהר ניט קענען שווייגען, ער וועט מוזען ריידען — אבער וואס זאל ער מיט איהר ריידען? זאל ער איהר דערצעהלען וואס ער פיהלט זינט דיא לעצטע צוויי טעג?... זאל ער איהר דערצעהלען וועגען זיינע געפיהלען, וועגען זיא שלאפלאזע נאכט וואס ער האט פערבראכט?... ניין — האט ער אין הארצען בעשלאסען, נערוועז פערבייסענדיג מיט דיא ליפען. אזוי וויא ער וואלט זיי דערמיט געגעבען א ווארנונג, אז זיי זאלען זיך ניט דערוועגען אויסצוזאגען וואס אין זיין הארצען טהוט זיך... — ניין, זיא טאר דאס ניט וויסען... אבער סתם שווייגען פאסט דאך עפעס ניט — דאט ער וויטער געטראכט, בפרט ווען זיא האט איהם שוין וועגען דעם אויפמערקזאם געמאכט. און ער האט בעשלאסען צו ריידען וועגען זייטיגע זאכען.

—א שאד וואס מען האט ניט מיטגענומען עפעס צום לעזען — האט ער זיך אפגערופען — מיר וואלטען זיך דא אוועקגעזעצט אויפ'ן גראז און געלעזען. איך האב שוין אזוי לאנג אין קיין בוך ניט אריינגעקוקט.

— לאמיר צוריקגעהן און מיר וועלען עפעס אויסקלייבען צום לעזען — האט זיא געזאגט, אפשטעלענדיג זיך — איך האב מיטגענומען מיט זיך א היבש ביסעל ביכער. איך קען אהן לעזען ניט אויסקומען פונקט וויא אהן עסען.

דער ערנסטער טאן, וועלכער האט גע־לונגען אין איהרע רייד, האט איהם ענטציקט. ער האט געפיהלט צו איהר א טיעפען רעספעקט. און ער האט זיך בעטראכט אלס א קליינליכער, וואכעדיגער מענש אין פערגלייך מיט איהר.

— ווייסט איהר וואס? — האט ער געזאגט — לאמיר זיך אוועקזעצען און איהר וועט מיר איבערגעבען עטוואס וועגען דער רוסישער ליטעראטור. מאיר האט מיר ניט איינמאל דערצעהלט, אז איהר זייט פיעל בעלעזען אין דיעזער ליטעראטור און דאס איהר האט אינטערעסאנטע מיינונגען וועגען דיעזען געגענשטאנד.

זיי האבען זיך אוועקגעזעצט. דאן האט זיא איהם געפרעגט מיט א נייגיעריגקייט אין איהרע בליקען:

— ווען האט ער אייך דאס געזאגט?

— מיט א פאאר יאהר צוריק נאך, ווען איהר זייט נאר וואס געווען אנגעקומען אין זיין פאטער'ס אפפיס — האט ער געענטפערט.

ער האט בעמערקט וויא זיא האט פערשטיקט אין זיך א זיפץ, וועלכער האט זיך געוועזן ארויסגעריסען פון איהר ברוסט און וויא זיא איז פלוצלונג געווארען נאך ערנסטער וויא פריהער.

ביידע האבען געשוויגען עטליכע מינוטען. ער האט יא עפעס געוואלט פרעגען, נור ווען ער האט א קוק געטהאן אויף איהר ערנסטע געזיכט, זיינען איהם דיא ווערטער אפגעשטארבען אויף דיא ליפען.

מאיר אינטערעסירט זיך יעצט ניט מיט אזעלכע געגענשטענדע — האט זיא געזאגט מיט א טרויעריגען טאן, אזוי וויא זיא וואלט זיך וועלען פאר אדעלר'ן בעקלאגען אויף איהר מאן — אמאל פלעגען מיר שטונדען לאנג אפזיצען און ניט

ריידעו וועגעו קיין אנדער זאך וויא נאר וועגען ליטעראטור און היינט...

זיא האט ניט געענדיגט און האט א מאך געטהאן פערצווייפעלט מיט'ן האנד.

— וועלל, ער איז פערנומען יעצט מיט ביזנעס — האט אדלער ערנסט גענומען פערטהיידיגען זיין פריינד — ווער האט דאס יעצט צייט צו אזעלכע זאכען. איך וועל אייך זאגען דעם אמת, אז איך בין ניט בעסער פון איהם, און אלע אונזערע פריינד, מיט וועלכע מיר האבען צוזאמען שטודירט זיינען אזוי.

— איך וויים, איך וויים — האט זיא גערעדט אין דעם זעלבען טאן וואס פריהער — אבער וואס פאר א טרייסט איז דאס פאר מיר? איך גלויב, אז מען קען אטענדען צו ביזנעס און עס קען זיך נאך געפינען צייט צו ערפרישען אביסעל דעם גייסט מיט א וויכטיגען בוך.

— איך האב א שעהנע, רייכע לייברערי — האט אדלער וויא פארענטפערט זיך פאר איהר, וועלענדיג אויסנעהמען ביי איהר אין דיא אויגען, אז ער אינטערעסירט זיך יא מיט ליטעראטור.

— א שעהנע לייבראריי — האט זיא איראניש געשמייכעלט — מאיר האט אויך א שעהנע לייבראריי, וועלכע ענטהאלט פיעלע ווערטהפאלע ביכער. אבער ער קוקט אין זיי קיינמאל ניט אריין און — איהר ועט זיך דאך ניט בעליידיגען פון מיין אפענהערציגקייט — איך בין זיכער, אז איהר זעהט זיך אויך זעלטען מיט דיא ביכער פון אייער לייברערי.

— וואס מאכט אייך אזוי צום דיינקען? האט ער איהר געפרעגט, ווערענדיג בעצויבערט פון איהר אפענהערציגקייט.

— האט איהר ניט אליין נאר וואס געזאגט, אז איהר זייט אלע אזוי? — האט בערטהא איהם ליעבליך געקוקט גלייך אין דיא אויגען — יא, אלע זייט איהר אזוי! — האט זיא אין א טרויעריגען טאן ווייטער גערעדט — דיא ביזנעס רויבט פון אייך אוועק אלע אייערע עדעלסטע געפיהלען. איהר האט זעהר גרעסטע פעהיגקייטען צו מוזיק, מר. אדלער. זאגט מיר, וויא אפט שפיעלט איהר? זאגט מיר דעם אמת.

— אז עס איז קיין צייט ניטא, מען איז אימער פערנומען מיט ביזנעס — האט ער פערשעהמט ארונטערגעלאזען די אויגען.

איהרע יעצטיגע רייד האבען אין איהם אויף דאס ניי אויפגעברויזט דיא געפיהלען, וועלכע ער האט זיך אזוי שטארק אנגעשטרענגט צו דערשטיקען אין זיך. ער האט זיך פלוצלונג דערמאנט אן זיין פרוי. זיא האט מיט איהם קיינמאל אזא געשפרעך ניט געהאט. זיא האט איהם קיינמאל קיין פארווירפע ניט געמאכט ווארום ער לעזט ניט, שפיעלט ניט. פערקעהרט, ווען ער פלעגט זיך אמאל כאפען צו דער פיאנא, האט זיא איהם גלייך פון איהר אפגעריסען. דאס זעלבע איז געווען, ווען ער פלעגט עפעס וועלען לעזען. אנפאנגס פלעגט דאס איהם פערדריסען. דען ער האט פאר זיין חתונה זעהר פיעל געלעזען און אויך געשפיעלט. אבער מיט דער צייט האט ער זיך פון דעם אפגעוועהנט. יעצט היט בערטהא אין איהם ווידער ערוועקט זיין אמאליגען חשק צו ליטעראטור און מוזיק און ער האט זיך געפיהלט וויא שולדיג נעגען איהרע גערעכטע פארווירפע און איז זיין הארצען איז ענטשטאנען א פערדרוס אויף זיין פרוי, ווארום זיא האט פון איהם דיעזען פערגעניגען אוועקגערויבט.

יא, בערטהא'ס רייד האבען אויף אדלער'ן א שטארקע ווירקונג געמאכט. אין סאמע הארצען האבען זיי איהם געטראפען. אך, ווען זיין פרוי וואלט געווען אזוי וויא זיא — האט ער ביי זיך געטראכט — ווער וואלט זיך צו זיין גליק געקענט גלייכען.

ביי דיעזען געדאנק האט ער א שטארקען ציטער געטהאן. מערקווירדיג! ער האט אין דיא לעצטע פאר טעג אפט פערגליכען זיין פרוי מיט בערטהא'ן... אבער קיינמאל האט ער אזוי מאדנע ניט געפיהלט, וויא יעצט. ער האט געשפירט וויא א פראסט געהט איהם דורך דורך אלע זיינע גליעדער און מאכט פריהרען דיא בלוט אין זיינע אדערן.

— יא, אַלע זייט איהר אַזוי! — האָט בערטהאַ וויימער געערדט, נאָך מיט מעהר הארץ וויא פריהער — אַבער עס איז געוועזן אַ צייט ווען איהר זייט אַזוי ניט געוועזן. עס איז געוועזן אַ צייט, ווען איהר האָט ליעב געהאַט צו בעשעפטיגען זיך מיט גייסטיגע זאַכען, און איהר האָט דערביי געהאַט גרויס פערגעניגען.

— איהר האָט רעכט, מיסעס ראַטער — האָט אדלער אויך געערדט מיט זיין גאַנצען הארצען — מיר זיינען אַמאָל אַנדערש געוועזן. איך, צום ביישפּיעל, פלעג גאַנצע נעכט זיצען און לעזען און עס איז כמעט ניט געוועזן קיין איין טאָג אין וואָך, אַז איך זאָל ניט שפּיעלען כאָטש אַ האַלבע שטונדע. אַבער יעצט איז מען אימער ביזי און עס איז טאַקע קיין צייט ניטאַ. דאָס זעלבע איז אויך מיט מאַיר'ן און מיט דיא איבעריגע.

— וועגען אייך ווייס איך ניט — האָט זיא געזאָגט אין אַ טאָן, אַזוי וויא זיא וואָלט איהם געגעבען רעכט, דען זיא האָט ניט געוואָלט אַזוי טיעף אריינגעהן אין זיינע פּערזענליכע אַנגעלעגענהייטען — אַבער מאַיר האָט גענוג צייט יעדען טאָג עטוואָס צו לעזען אָדער שפּיעלען. וואָס דאַרפט איהר מעהר. אַט זיינען מיר אַהערגעקומען אויף עטליכע מאָנאַטען. האָט ער כאָטש איין בוך מיטגענומען? און ניט נור די ביכער, אפילו די פידעל ליגט אין דער היים און עס וואַקסט געוויס שוין שימעל אויף איהר.

אין איהרע אויגען האָבען זיך טרעהרען בעוויזען. בעמערקענדיג דאָס, האָט ער זיך אויך שיער ניט צו־וויינט. ער האָט געזוכט ווערטער וואָס איהר צו ענטפערען. אַבער דאַ איז ער בעהערשט געוואָרען פון זיינע געפיהלען און ער האָט געזאָגט:

— עס איז מיר ווירקליך אַ וואונדער אויף מאַיר'ן. מילא איך — איך האָב ניט ווער עס זאָל מיך ערמוטהיגען דערצו. איך...

ער האָט ניט געענדיגט וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען און ער האָט שוין חרטה געהאַט וואָרום ער האָט דיעזע עטליכע ווערטער גאָר אַרויסגערעדט.

— וואָס מיינט איהר דערמיט, אַז איהר האָט ניט ווער עס זאָל אייך ערמוטיגען? — האָט בערטהאַ איהם אַנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— איך מיין מיין ביטרים — האָט ער געשמאָמעלט — זיא וויל בעסער דיא פרייע צייט אויסנוצען אויף אַמיוזמענטס.

זיין געזיכט איז בעצויגען געוואָרען מיט אַ פלאַמענדע רויטקייט. ער האָט ארונטערגעלאָזען דיא אויגען, ניט וועלענדיג זיך יעצט בעגעגענען מיט איהרע בליקען. ער האָט געפיהלט אַ מין ערלייכטערונג אויפ'ן הארצען, נאָכדעם וויא ער האָט דיעזע ווערטער אַרויסגערעדט. עס האָט זיך איהם געדוכט, אַז זיא וועט אין דיעזע עטליכע ווערטער זיינע פערשטעהן עטוואָס מעהרער, וויא זייער געוועהנליכע בעדייטונג... און ער האָט געוואָלט, אַז זיא זאָל דאָס פערשטעהן און איהם עטוואָס ענטפערען אוי.י דעם...

בערטהאַ האָט אָבער אַנדערש זיינע ווערטער ניט אויסגעטייטשט. דען זיא האָט געזאָגט:

— אַמוזירען זיך איז זעהר גוט. איך האָב זיך אויך ליעב צו אַמוזירען. אָבער אויף אַלעס איז פאַראַן אַ צייט. אַמוזירט מען זיך דען ווייניג ביי אַ'ן אינטערעסאַנטען בוך אָדער ביי שעהנע מוזיק?

איהרע רייד האָבען אין איהם אַלץ נייערע געפיהלען אַרויסגערופען. אַז אַלעס וואָס זיא זאָגט איז ריכטיג וויא גאָלד און אַז זיא מיינט דאָס ערנסט, אייפריכטיג — אין דעם האָט ער ניט געצווייפעלט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס איהר יעצט צו ענטפערן, און אַ לייכטער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיין ברוסט.

— איהר בעדויערט מיך, האַ? — האָט בערטהאַ געזאָגט, קוקענדיג אויף איהם מיט אַ'ן איראָנישען שמייכעל — איהר ווערט באַלד זאָגען, אַז איך רייד ווי אַ גרינהאָרן, ניט וואָהר.

— וואָרום בעליידיגט איהר מיך אַזוי? — איז ער אַ'ן אויפגעקאָכטער געוואָרען — וואָרום דיינקט איהר אַזוי ועגען מיר.

— איך מיין אייך חלילה ניט צו בעליידיגען — האט זיא זיך ענטשולדיגט — איך האב געדיינקט, אז מיט אייער זיפץ האט איהר מיר בעדויערט ווארום איך רייד אזוי נאריש. ס'איז מיר ניט איינמאל אויסגעקומען צו האבען עהנליכע געשפּרעכען מיט אמעריקאנער יונגע לייט, וועלכע פלעגען מיר אויסהערען און דאן פלעגען זיי אויך, פונקט וויא איהר, א זיפץ טהאן און מיר בעדויערן, וואס איך בין אונפּראקטיש, רייד וויא א גרינהארן, און אזוי וויא איהר האט אליין געזאגט פריהער, אז איהר זייט אלע אזוי, האב איך דאך געהאט א רעכט וועגען אייך אזוי צו דיינקען.

— איהר פערשטעהט מיך ניט, מיסעס ראטער! — האט ער גערעדט מיט הארץ, בעטאנענדיג דיא ווערטער „מיסעס ראטער", אזוי וויא ער וואלט זיך אליין וועלען דערמאהנען, אז ער רעדט דא צו א פערהייראטהע פרוי... צו ז י י ן פריינד'ס פרוי... — ווען איך האב געזאגט, אז מיר זיינען אלע אזוי, האב איך ניט געמיינט דערמיט צו זאגען, אז מיר זיינען בעסער פון אייך, פערקעהרט, איך גיב צו, אז מיר שטעהען אין דיעזער הינזיכט ניעדעריגער פון אייך, רוסישע אינטעליגענטען, יעדענפאלס איך פיהל דאס און בין דאס אימער בערייט אפען צוצוגעבען. אבער איהר דארפט ניט פערגעסען, אז די אומשטענדען אין וועלכע מיר לעבען, שפּיעלען א וויכטיגע ראלע, אמעריקא איז ניט רוסלאנד...

ער האט וויעדער ניט געזאגט דאס, וואס עס איז איהם געלעגען אויף'ן זינען צו זאגען... ער האט געוואלט יעצט פאר איהר אלע זיינע געפיהלען אויסגיסען. ער האט זיך אבער געראנגעלט מיט זיך זעלבסט, אזוי וויא א געוויסענהאפטער מענש, ווען עס שטעהט איהם פאר א נסיון צו בעגעהען א פערברעכען. ער האט זיך אנגעשטריינגט צו דיינקען וועגען ראטער'ן, זיין פריינד, און דאס האט איהם צוריקגעהאלטען פון אויפצודעקען פאר איהר זיינע געפיהלען... אבער דאס האט זיך איהם איינגעגעבען בלויז אויף א קורצע ווילע. קוים האט ער א קוק געטהאן אויף בערטהא'ן, וועמעס וואונדערשעהנע געזיכט איז יעצט געווען בעצויגען מיט א לייכטע, ראזאווע רויטקייט און וועמעס אויגען האבען געקוקט טרוימעריש, פערביינקט, האט ער גלייך אן ראטער'ן פערגעסען... ער האט וועגען קיין אנדער זאך ניט געקענט דיינקען יעצט וויא נאר וועגען איהר...

— יעס, אמעריקא איז ניט רוסלאנד — האט בערטהא וויעדערהאלט זיינע לעצטע ווערטער — רוסלאנד וואלט געדארפט האבען אמעריקא'ס פרייהייט, אמעריקא'ס פראגרעס אין האנדעל און אינדוסטריע, אבער אמעריקא קען אויך זעהר פיעל ביי רוסלאנד לערנען; אמעריקא פעהלט רוסלאנד'ס ערנסטקייט, רוסלאנד'ס גייסטיגע ערנסטקייט, רוסלאנד'ס אידעאלען — דיא אידעאלען פון דער רוסישער יוגענד.

זיא האט שווער אפגעזיפצט און האט זיך טיעף פערטראכט. אדלער האט זיך איינגעגראבען אין איהר מיט זיינע בליקען, אזוי וויא ער וואלט מיט זיינע אויגען געטרונקען איהר רייצענדע, שטראהלענדע שעהנקייט... ער האט זיך וויעדער דערמאהנט אן דעם בילד פון דעם בעריהמטען בעלגישען מאהלער בעקלין; ער האט וויעדער פאר זיך יענע ביינקענדע פרוי דערזעהן... און אבוואהל ער האט אין הארצען געביינקט נאך איהר זאנפטע, זיסע מעלאדישע שטימע, וועלכע האט אין זיינע אויערען וויא דיא שעהנסטע מוזיקאלישע ווערק אפגעקלונגען, האט ער דאך געוואונשען, אז זיא זאל וואס לייגגער אזוי זיצען אין דיעזער שטילער, פערטראכטער פאזע. ווען זיא וועט אנפאנגען ריידען, וועט ער דאך אויך מוזען עפּעס ריידען, ער וועט דאך ניט קענען זיצען וויא א שטומער, האט ער מורא געהאט, אז ער וועט ענדליך מוזען ארויסריידען דאס, וואס ליעגט ביי איהם טיעף אין דער נשמה.

ביי דיעזען געדאנק האט ער א ציי־

מער געטהאן און האט מיט דערשראָקענע בליקען גענומען זיך אומקוקען אין אלע זייטען. ער האט געוואונשען, אז ראָטער זאָל יעצט אָנקומען. ער האט זיך דערמאהנט אָן א'ן ערצעהלונג וואס ער האט אמאָל געלעזען: א יונגער מאן, וועלכער איז געווען אויסער ארבייט און האט שוין עטליכע טעג געהונגערט, איז אריינגעגאנגען אין א גראָסערי סטאָר כלומרש'ט עפּעס קויפען, דיינקענדיג פיעלייכט וועט ער קענען צו'גנב'ענען א ברייטעל. ער האט געהאט א גוטע געלעגענהייט זיין באַגעהר דורכצופיהרען. דער גראָסערי מאן איז דאן געווען ביזי מיט קאסטימער. ער האט שוין געהאלטען דעם ברויטעל אין האנד, האט עס געקענט בעהאלטען אונטער דעם ראָק, אז קיינער זאָל עס ניט בעמערקען; ער האט אָבער דעם מוטה ניט געהאט. ער איז געשטאנען און געקוקט אויף דעם גראָסערי מאן מיט אזעלכע אויגען, אום יענער זאָל איהם זעהן און פרעגען וואס ער וויל... צו יענעם גנב האט ער זיך יעצט פערגליכען... „אך, ווען ראָטער זאָל יעצט אָנגעקומען!“

— האט ער ביי זיך אין הארצען געטראכט. און דאן איז איהם אויפ'ן זינען ארויפגעקומען ביטרים, זיין פרוי. ער האט גענומען פון זיך אליין חוזק מאכען, ווארום ער האט זיך מיט א מינוט פריהער פערגליכען צו יענעם גנב פון דער ערצעהלונג. איז ער דען הונגעריג?... ליעבט ער דען ניט זיין פרוי? און ער דערמאהנט זיך וויפיעל ער האט געליטען ביז ער האט ענדליך איהר הארץ געוואונען, וויא גליקליך ער איז געווען, ווען זיא האט איהם ענדליך איהר יאָווארט געגעבען... און וויא היים, וויא שטארק זיא ליעבט איהם... און א טייפע חרטה נעהמט ארום זיין הארץ, טרייסעלט אויף זיין נשמה דערפאר וואס ער האט זיך ערלויבט צו דיינקען וועגען א'ן אנדערע, וועגען בערטהא'ן, און ער בעשליסט ביי זיך אין הארצען, צו פאלען צו זיין פרוי'ס פיס און איהר בעטען אום פערצייהונג. זיין פרוי'ס געשטאלט איז איהם יעצט פאר זיינע אויגען געשטאנען.

בײם געדאנק וועגען בערטהא'ן, האבען זיך זיינע אויגען ניט ווילענדיג געווענדעט צו איהר און — דיא געשטאלט פון זיין פרוי איז פלוצלונג וויא דורך א כשוף פערשוואונדען... בערטהא איז נאך אלץ געזעסען פערזונקען אין א ים פון געדאנקען. דיא שטילקייט האט אדלער'ן יעצט זעהר נערוועז געמאכט. ער האט געוואָלט אנפאנגען עטוואס ריידען, אָבער ער האט ניט געוואוסט וואס ער זאָל ריידען. ענדליך האט ער דיא שטילקייט איבערגעריסען, זאגענדיג:

— וועגען וואס האט איהר זיך אזוי פערטראכט?

— עס איז דא גענוג וועגען וואס צו טראכטען, מיין פריינד! — האט בערטהא, זיפצענדיג שווער, געזאגט — א מענש וואס האט ניט וועגען וואס צו טראכטען, איז בעדויערענסווערטה.

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען פאר מיין דרייסטקייט — האט אדלער וויטער גערעדט — זאגט מיר, האט איהר ניט עטוואס קיין זייטיגע זארגען? עפּעס דאכט זיך מיר אָפט, אז איהר ליידעט אין דער שטיל, אז איהר...

ער האט איבערגעהאקט אין מיטען. דיא בלוט איז איהם געקומען אין געזיכט אריין. אין דיא אויערן האט איהם גענומען קלינגען און ער איז געוואָרען שטארק אין כעס ווארום ער האט זיך פערלאָרען און ענדליך ארויסגערעדט דאס, וואס ער האט זיך דיא גאנצע צייט אזוי געהיט ניט צו ריידען.

בערטהא האט אויף איהם א דורכדרינגענדען בליק געוואָרפען און מיט א געמאכטען שמייכעל האט זיא געזאגט:

— זייטיגע זאָרגען? — ניין, מיסטער אדלער — איך לייד ניט און האב ניט קיין זייטיגע זאָרגען. נאטירליך — האט זיא גלייך צוגעגעבען — וועלכער מענש האט דאס ניט קיין זאָרגען?... א בהמה איז פריי פון אזעלכע געפיהלען. אָבער זאגט מיר, איך בעט אייך — האט זיא איהם טיעף אריינגעקוקט אין זייגע אייגען — וואס מאכט אייך, אדער האט

איך געמאכט צום דיינקען, אז איך לייד אין דער שטיל?

זיא האט גערעדט מיט א מערקווירדיגער רוהיגקייט, געלאסענהייט. אבער אין איהר הארצען האט יעצט א שטורם געברושעוועט. וויא א דונער האבען איהר זיינע ווערטער געטראפען. „איך פיהר אלזא מיין ראלע שלעכט דורך!“ — האט זיא זיך זעלבסט געמאכט שארפע פארווירפע — מען דערקענט אין מיין געזיכט וואס עס קומט פאר טיעף אין מיין נשמה און זיא האט מיט אונגעדולד ערווארטעט צו הערען פון אדלער'ן, פון וואנען ער דיינקט, אז זיא לייך אין דער שטיל.

— איך וויים אליין ניט! האט ער ארויסגעשטאמעלט, ארונטערלאזענדיג די אויגען.

— ניין, דאס איז קיין אנטווארט ניט — איז בערטהא מיט דער זעלבער רוהיגקייט און געלאסענהייט וויא פריהער צו איהם צוגעשטאנען — איהר מוזט מיר זאגען דעם אמת, מיסטער אדלער. אייער בעהויפטונג מוז דאך האבען א געוויסען גרונד. דער גרונד קען זיין א פאלשער, אבער דאס איז יעצט ניט דיא פראגע. איהר האט דאך געזאגט, אז עס דאכט זיך אייך אפט, אז איך לייד, האט איהר דאך געווים גרינדע אזוי צו דיינקען.

— מאלע וואס ס'דאכט זיך! — האט אדלער געזאגט אין א נערוועזע שטימע ניט אויפהויבענדיג אלץ דיא אויגען — עס האט זיך מיר געדאכט, און אז איהר זאגט, אז ניט, בין איך העכסט צופריעדען. איך וואלט געפיהלט העכסט אונאנגענעהם, עס וואלט מיר זעהר לייד געטהאן, אז מיין פריינד'ס פרוי זאל זיך ארומטראגען מיט לײדען.

— אלזא, איהר ווילט מיר, זעה איך, ניט זאגען! — האט זיא אין א טאן פון לייכטען פארוואורף, געמישט מיט פערדרוס, געזאגט.

— אז איך האב אייך ניט וואס צו זאגען! — האט ער איהר שוין אנגעקוקט מיט א שמייכעל — גלויבט מיר, אז איך האב אייך ניט וואס צוזאגען. עס האט זיך מיר געדאכט. א מענש קען דאך אמאל א טעות האבען.

זיא האט דייטליך געזעהן, אז ער פערבארגט פון איהר דעם אמת. עס איז שוין יעצט ביי איהר קיין שום צווייפעל ניט געוועז, אז זיא האט זיך אליין פערראטהען; אז מען דערקענט אן איהר, אז זיא ליידעט; אלע האבען דאס דערקענט; אדלער, זיין פרוי, דיא דיענסטען, דיא שכנים, וועלכע זיינען געוועז איינגעלאדען צו דער פארטי — אלע, אלע וויסען וואס וואס עס טהוט זיך טיעף אין איהר נשמה. און ראטער, איהר מאן? — ער זעהט דאך דאס אודאי, און ער וויסט דאך דאס!... און דאס איז דיא אורזאכע ווארום ער האסט איהר נאך אלץ אזוי שטארק... ער ליידעט דערפון, וואס מענשען דיינקען, אז זיא פיהלט זיך אונגליקליך. און דיא הארץ האט איהר גענומען אזוי שמערצליך קלעמען און טרעהרען האבען זיך גענומען שראמען־וויז שפארען אין איהרע אויגען. זיא האט זיך אבער מיט אלע איהרע קרעפטען בעהערשט, פערשטיקט דיא טרעהרען און מיט א ליעבליכען שמייכעל, וועלכען די גענייטעסטע אויג וואלט ניט דערקענט, אז ער איז ניט קיין ערנסטער, נאר א געמאכטער, האט זיא געזאגט:

— יעס, מיין פריינד, עס האט זיך אייך ווירקליך בלויז געדאכט. איך בין די גליקליכסטע פרוי אין דער וועלט. איך האב ניט קיין אורזאכע מיט וואס צו זיין אונצופריעדען. אויב איך בין יא אמאל אונצופריעדען איז דאס דערפאר, וואס ראטער איז אימער ביזי און האט אזוי וויינינג צייט זיך אפצוגעבען מיט גייסטיגע בעשעפטיגונג; דאס אלעס. אבער דיעזע אונצופריעדענהייט וועט, בין איך זיכער קירצליך פערשווינדען; זיא וועט מיר אויפהערען צו באדערען; איך וועל אליין ווערען איינע פון אייער באנטש, וויא איהר האט זיך זעלבסט אויסגעדריקט.

זיא האט דיעזע ראללע דורכגעפיהרט וויא א וואהרע קינסטלערין. ווען אימיצער זאל געוועזן זיך צוהערען צו איהרע יעצטיגע רייד, וואלט ער אויף קיין איין סעקונדע ניט געצווייפעלט, אז דאס רעדט ניט אן אמת גליקליכע פרוי, נור א זעהר, זעהר אונגליקליכע...

אדלער האט אויך אנפאנגס אין הארצען שוין גענומען צוגעבען, אז ער האט געהאט א טעות, דיינקענדיג אז זיא איז ניט גליקליך. אבער עפעס האט איהם שטארק פערדראסען, ווארום עס האט זיך אזוי אויסגעלאזען. ער וואלט וועלען, אז זיא זאל זיין אונגליקליך מיט ראטער'ן... ער האט געזוכט עפעס א מין היתר פאר זיין געוויסען... וואלט זיא געווען א גליקליכע אין איהר הייראטה, וואלט ער דאס מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהן, וואלט ער זיך ניט אזוי פיעל אינטערעסירט מיט איהר, ער וואלט זיך ניט לאזען הינרייסען פון דיא פערשיעדענע געפיהלען, וועלכע האבען איהם אזוי שטארק בעהערשט, האט ער געדיינקט. ער האט איהר אנגעקוקט א פערוואונדערטער, ווערענד בערטהא האט ווייטער גערעדט:

— איהר האט א טעות געהאט, מיסטער אדלער, ווען איהר האט געדיינקט, אז איך לייד, אז איך בין אונצופריעדען. פיעלייכט זייט איהר צו דיעזען בעשלוס געקומען, זעהענדיג, אז איך בין ניט אימער אזוי פרעהליך. ווייסט איהר דאך, אז עס זיינען פאראן מענשען וואס האבען ניט דיא נאטור ארויסצוגעבען דאס, וואס זיי פיהלען אין הארצען. אייער פרוי, צום ביישפיעל, איז אימער לוסטיג, אימער פרעהליך. און איהר דערקענט מען גלייך, אז זיא איז א גליקליכע. איך האב ניט אזא נאטור.

איהרע יעצטיגע רייד האבען איהם נאך מעהר אין פערצווייפלונג געבראכט. ענדליך האט ער בעשלאסען ביי זיך, אז זיא זאגט פארט ניט דעם אמת. עפעס רעדט זיא צו פיעל וועגען איהר גליק האט ער געטראכט און ער איז געפאלען אויף א פלאן, לויט וועלכען ער וועט זיכער דערגעהן דיא ווארהייט. ער האט זיך אפגערופען:

— דאס איז אמת, אז עס זיינען פאראן מענשען, ביי וועלכע מען קען ניט דערקענען פון זייער אויסערליכען אויסזעהן צו זיי זיינען גליקליך אדער אונגליקליך; און עס פערשאפט מיר גרויס פערגעניגען, הערענדיג, אז איהר זייט גליקליך. אבער אין מאיר'ן זעהט מען אויך ניט, אז ער זאל זיין גליקליך.

— וואס, ער האט אייך עפעס געזאגט? — איז זיא אויפגעשפרונגען א בערציטערטע — מאיר האט אייך געזאגט, אז ער איז ניט גליקליך?!

איהרע אויגען האבען אויף איהם געקוקט ווילד, דערשראקען און איהר געזיכט איז געווען טויט בלייך.

אדלער האט שוין יעצט ניט געצווייפעלט, אז איהרע פריהעריגע רייד זיינען געווען סתם ווערטער; עס איז שוין יעצט ביי איהם קיין ספק ניט געווען, אז ס'איז אמת ניט איהרע רייד נאר זיין פריהערדיגע בעהויפטונג, אז די פאאר פאלק איז אן אונגליקליכע, אז ארום זייער הייראטה איז פארוויקעלט עפעס א טיעפע געהיימניס. ער האט אלזא יעצט מיט נאך מעהר דרייסטקייט וויא פריהער געזאגט:

— מאיר האט מיט מיר קיין איין ווארט ניט גערעדט וועגען דעם, אז ער זאל זיין אונצופריעדען מיט עפעס. פארקעהרט, אין א געשפרעך וואס איך האב מיט איהם געהאט פארגעסטערן, האט ער מיר ערקלעהרט, אז ער איז יעצט פריי פון אירגענד וועלכע זארגען. אבער איך קען איהם צו גוט, בעסער וויא איהר קענט איהם, כאטש איהר זייט זיין פרוי, און איך דערקען אן איהם, אז ער ליידעט פון עטוואס, אבער ער שטריינגט זיך אן צו צייגען אימער א צופריעדענעם פנים.

דיא גאנצע צייט וואס אדלער האט גערעדט, האט ער פון בערטהא'ן זיינע אויגען ניט ארונטערגענומען. ער האט געוואלט זעהן וואס פאר אן איינדרוק זיינע רייד רופען ארויס ביי איהר. און ער האט געזעהן דייטליך, אז זיא האט פריהער געלייקענט און ער איז שטארק צופריעדען געווען פון דיעזען פלאן זיינעם.

בערטהא איז נאך בלייכער געווארען. איהר געזיכט האט אויסגעדריקט שרעקליכע אינערליכע שמערצען. זיא האט אויסגעמיעדען זיך צו בעגעגענען מיט זיינע בליקען. זיא האט געפיהלט וויא אונטער איהרע פיס וואלט זיך א

שרעקליכער אָבגרונד געעפֿענט און אַט, אַט ווערט זיא פֿון איהם פֿערשלונגען... זיא האָט עפּעס געוואָלט ריידען. זיא האָט איהם געוואָלט איבערצייגען, אַז ער האָט אַ טעות, אָבער דיא צונג איז איהר אָפּגעשטאָרבען, און איהר מוח האָט אַ העלישער פֿייער געברענט. אַ פֿערדאַכט איז איהר געקומען אויפ'ן זינען, אַז איהר מאַן האָט זיך זיין הארץ אויסגערעדט פֿאַר זיין פֿריינד און אַז ער האָט דאָס יעצט אָרמישנע פֿערבונדען מיט איהר דיעזען געשפּרעך. זיא האָט אַ שרעקליכען ציטער געטהאָן. זיא האָט זיך געפֿיהלט וויא אַ פֿערברעכער בשעת ער שטעהט פֿאַר דעם אויספֿאָרשונגס־ריכטער. זיא האָט געננומען זיך ארומקוקען אין אַלע זייטען, פֿיעלייכט ווערט זיא דערזעהן ראַטער'ן אָדער מיסעס אַדלער. זיא האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט ער איהר ווייטער שטעלען פֿראַגען. זיא האָט אָבער קיינעם ניט געזעהן און זיא איז שרעקליך פֿערצווייפֿעלט געוואָרען. זיא האָט זיך אָבער בעדיינקט, אַז שווייגען איז גאָר קיין פּלאַן ניט. דאָס וועט הייסען, אַז זיא גיט צו, אַז עס איז ווירקליך אַזוי און זיא האָט זיך אָפּגערופֿען מיט אַ געמאַכטען שמייכעל:

— איהר האָט אין מאיר'ן פּונקט דעם זעלבען טעות וואָס איהר האָט געהאַט אין מיר, מיסטער אַדלער — מאיר האָט, דאַנקען גאָט, קיין שום אורזאַכע ניט צו פֿיהלען זיך אונגליקליך. מיר זיינען ביידע גליקליך. מען קען איבערהויפּט קיין מענשען ניט פֿערשטעהן פֿון זיין אויסערליכען אויסזעהן.

זיא האָט זיך אַ ווײַלע פֿערטראַכט. פּלוצלונג האָט זיך אויף איהר געזיכט אַ צופֿריעדענער שמייכעל בעוויזען, אַזוי וויא אַ גליקליכער געדאַנק וואָלט איהר אַרויפֿגעקומען אויפ'ן זינען, און זיא האָט שנעל צוגעגעבען:

— איך וועל אייך זאָגען, אַז מען קען קיין מאָל ניט וויסען וואָס ביי אַ מענשען טהוט זיך טיעף אין הארצען. אַלס ביישפּיעל וועל איך טאַקע אייך אַליין נעהמען. איהר זייט דאָך גליקליך — און איך ווינש עס אייך פֿון טיעפֿען הארצען

— פֿון דעסטוועגען האָט זיך מיר געדוכט, אַז איהר טראָגט אין זיך עפּעס פֿערבאָרגענע ליידען, און דאָס האָט מיר זעהר בעאונרוהיגט, ווען איך האָב וועגען דעם געדיינקט. אָבער איך האָב צו זיך גלייך געזאָגט, אַז עס דוכט זיך מיר בלויז אַזוי, אַז איך האָב געוויס אַ טעות. דעם זעלבען טעות האָט איהר אויך וועגען אונז.

אַדלער'ן האָבען דיעזע ווערטער וויא אַ דונער געטראָפֿען. ער האָט דאָך געוואוסט, אַז זיא האָט קיין טעות ניט...

„אַלזאָ, זיא האָט בעמערקט מיינע ליידען" — האָט ער צו זיך אין הארצען געזאָגט — „און וואָס ענטפֿערט מען איהר?"

ער האָט זיך אָבער באַלד בערוהיגט. עס האָט איהם אייגענטליך שוין ניט געאַרט, וואָס זיא האָט דערקענט אַן איהם וואָס אין זיין הארצען קומט פֿאָר, פֿאַרקעהרט, ער איז געווען זעהר צופֿריעדען פֿון דעם. עס וואָלט איהם אַזוי שווער געווען דאָס צו ענטדעקען... יעצט וועט איהם שוין לייכטער זיין.

ער האָט געפֿיהלט אָנפֿאַנגס אָפּצולייקענען איהר בעהויפּטונג, ערקלעהרען איהר אַז זיא האָט אַ טעות. ער האָט אָבער בעשלאָסען צו שווייגען; זאָל זיא וויסען דעם אמת.

בערטהאַ, זעהענדיג, אַז ער שווייגט, איז זיא געבליבען זיצען שטאַרק בעאונרוהיגט. זיא האָט דאָס געזאָגט ניט אויף אַן ערנסט, וועלענדיג דערמיט אָפּווענדען פֿון איהם זיין פֿערדאַכט וועגען איהר פֿאַמיליען־לעבען און וועלענדיג אויך דאַדורך אויסגעפֿינען, צי איהר מאַן האָט ווירקליך געהאַט מיט איהם אַ געשפּרעך. צום סוף האָט זיא ווירקליך געטראָפֿען. און זיא האָט זיך יעצט דערמאָנט, אַז זי האָט ווירקליך אין זיינע בליקען דיא לעצטע צוויי טעג בעמערקט אויסדריקע פֿון ליידען, טרויער. און באַלד איז אַ נייער געדאַנק איהר געקומען אויפ'ן זינען — אַ געדאַנק, פֿון וועלכען עס איז איהר דורכגעלאָפֿען אַ שוידער איבער אַלע איהרע גליעדער.

זיא האָט געפֿיהלט זיך אויפֿצוהויבען און אוועקצוגעהן אַהיים. זיא האָט

זיך געשראָקען עטוואָס צו ריידען, מורא האָבענדיג, אַז זיא וועט פון איהם הערען עטוואָס אַזעלכעס, וואָס וועט איהר נאָך מעהר בעאונרוהיגען... עס האָט אָבער ניט געפּאַסט אַוועקצוגעהן. זיא האָט אַלזאָ בעשלאָסען צו שווייגען.

היבשע עטליכע מינוטען זיינען זיי אַזוי געזעסען שטום. יעדער פון זיי האָט מורא געהאַט דיא שטילקייט איבערצורייסען. ענדליך האָט אַדלער זיך אָפּגערופען אין אַ טרויעריגען טאָן און מיט אַ נערוועזע ציטערענדע שטימע:

— און יעצט זייט איהר איבערציינגט, אַז איהר האָט אַ טעות געהאַט, אַז איך לייד ווירקליך ניט?

ער האָט דיא ווערטער אַרויסגערעדט אין איין אָטהעם און שנעל אָפּגעהאַקט. עס איז געווען קענטיג, אַז ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער ער האָט די ווערטער, וועלכע זיינען שוין געלעגען ביי איהם אויפ׳ן צונג, דערשטיקט.

— געוויס בין איך איבערציינגט — האָט זיא געזאָגט מיט אַ געמאַכטען שמייכעל אויף איהרע ליפּען, כאָטש אין האַרצען האָט זיא געוואוסט, אַז זיא זאָגט אַ ליגען. דען פון דיעזע לעצטע ווערטער זיינע, פון דעם טאָן, אין וועלכען ער האָט זיי אַרויסגערעדט, האָט זיא שוין אַבסאָלוט ניט געצווייפעלט, אַז ער איז ווירקליך אַ ליידענדער, אַז ער טראָגט פאַרבאָרגענע שמערצען טיעף אין זיין האַרצען — איך האָב דאָך אייך פריהער געזאָגט, דאָס איך בין זיכער, אַז איך האָב אַ טעות געהאַט. מעגליך וואָס עס קען זיך אַמאָל דוכטען. אָט האָט זיך דאָך אויך אייך געדוכט וועגען אונז.

— ניט איהר און ניט איך האָבען אַ טעות געהאַט — האָט אַדלער ווייטער געערעדט, ווערענדיג זעהר ערנסט — לאָמיר ביידע זיין אויפריכטיג! — האָט ער צוגעגעבען.

ער האָט געקוקט אויף איהר מיט אַזעלכע בעטענדע בליקען, פון וועלכע עס איז אַ פראָסט דורכגעגאַנגען איבער אַלע איהרע גליעדער און האָט געמאַכט גליווערען דיא בלוט אין איהרע אָדערן. זיא האָט אַרונטערגעלאָזען דיא אויגען צו דער ערד און געזאָגט:

— וואָס מיינט איהר דערמיט, אַז מיר האָבען ביידע אַ טעות געהאַט? איך פערשטעה אייך ניט, מיסטער אַדלער.

זיא האָט איהם זעהר גוט פערשטאַנען. איהרע יעצטיגע רייד האָבען איהר אַ שטיק געזונד געקאָסט. „אַך, ווען אַמיצער זאָל יעצט אַנקומען!“ — האָט זיא געטראַכט, אָנשטרענגענדיג דיא אויערן צו הערען אויב אימיצער קומט ניט אָן, דען דיא אויגען האָט זיא מורא געהאַט אויפצוהויבען, ניט וועלענדיג זיך טרעפען מיט אַדלער׳ס בליקען. דער יעצטיגער געשפּרעך האָט איהר דיא שרעקליכסטע שמערצען פערשאַפט.

— איך מיין גאַנץ איינפאַך — האָט אַדלער געזאָגט אין אַ זעהר שטילען, פערשטיקטען קול, אַזוי וויא ער וואָלט מורא האָבען, אַז אימיצער זאָל זיינע ווערטער ניט אונטערהערען — ניט איך האָב אַ טעות געהאַט ווען איך האָב געדיינקט, אַז איהר ליידעט, אָבער איהר פערבאָרגט אייערע ליידען און ניט איהר האָט אַ טעות געהאַט, ווען איהר האָט געדענקט, אַז איך בין ניט פריי פון ליידען.

ער האָט טיעף אָפּגעזיפצט און זיך מיט זיינע בליקען איינגעגראָבען אין איהר געזיכט, וועלכע האָט איהם איצט נאָך מעהר בעצויבערט וויא ביז יעצט. ער האָט זיך געפיהלט עטוואָס לייכטער אויפ׳ן האַרצען, אַזוי וויא ער וואָלט פון דאָרטען אַ שווערע, דריקענדע משא אַרונטערגענומען...

בערטהאַ האָט געמאַכט אַ בעוועגונג, אַזוי וויא זיא וואָלט זיך אָנשטרענגען מיט קרעפטען צו אַ קאַמפּף און זיא האָט מיט אַ מין שטאָלץ אין איהר טאָן געזאָגט:

— וואָס אַנבעלאַנגט מיר, האָט איהר זיכער אַן אירטהום, מיסטער אַדלער. וואָס אייך אַנבעטריפט, קען, זיין, אַז איך האָב געטראָפען, אָבער איך האָף — האָט זיא באַלד מיט אַ געפיהל פון פריינדליכקייט צוגעגעבען — אַז אייערע ליידען זיינען אַזעלכע, וועגען וועלכע עס איז ניט כדאי דיא האַרץ זיך אָפּצוּעסען.

— לאָמיר זיין אויפריכטיג, מיסעס ראָטער — האָט אדלער זיך ביי איהר געבעטען — אויב איהר ווילט מיר ניט צוגעבען, בעט איך אייך, אז איהר זאָלט מיר כאָטש אויסהערען, אַבוואָהל אין הארצען ווייסט איהר גאַנץ גוט, אז איך האָב קיין טעות ניט. אלזאָ גוט. הערט־זשע מיך אויס.

ער האָט ווידער שווער אָפּגעאָטהעמט און פאָרטגעזעצט:

— איך בין זעהר, זעהר אַן אונגליקליכער. זינט איך האָב...

ער האָט פּלוצלונג אָפּגעהאַקט אין מיטען. פון ווייטען האָט זיך דערהערט זיין פרוי'ס פרייליכער געלעכטער.

זיי האָבען ביידע זיך אומגעקוקט אין דער ריכטונג, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט דיא שטימע. מיסעס אדלער איז שנעל געלאָפען, מאַכענדיג מיט דיא הענד אין דער לופטען, שרייענדיג:

— אזוי גאָר! איך האָב אייך געקעטשט! ווארט איך וועל אייך באלד צייגען!

זיא האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיט אלע איהרע כוחות געשריען:

מיסטער ראָטער! מיסטער ראָטער!

דער יונגער מאַנופעקטשורער האָט זיך בעוויזען פון אונטער דעם הויז און האָט גענומען לויפען צו איהר. זיא האָט איהם אַנגענומען פאַר דיא האַנד און זיך ווייטער געלאָזען לויפען צום פּלאַטץ, וואו בערטהא מיט אדלער'ן זיינען געזעסען. צוקומענדיג נאָהענט, האָט מיסעס אדלער מיט א געמאַכטען כעס געזאָגט:

— איהר זעהט? נאַט, שעפּט נחת פון אייער ווייבעל! זיא וויל מיר גאָר מיין מאַן אַפּריידען!

אדלער, וועלכער האָט זיך מיט אלע זיינע כוחות אַנגעשטריינגט צו האַלטען זיך פרייליך, האָט מיט א שמייכעל זיך אָפּגערופען:

— דו מעגסט א'ן אנדערער טאָר ניט?

— מעגסט זיין גאַנץ רוהיג, ביטרים —האָט בערטהא צוגעגעבען — איך וועל ביי דיר דיין מאַן ניט צו נעהמען.

זיא האָט דערמיט ניט געמיינט אזוי פיעל אדלער'ס פרוי, וויא טאַקע אדלער'ן זעלבסט, און זיא איז געוועזען זעהר צופריעדען, זעהענדיג וויא ער הערט זיך אויפמערקזאם צו, וויא ער שלינגט יעדעס וואָרט איהרס.

אויך בערטהא האָט זיך געסטאַרעט צו האַלטען זיך רוהיג, אַללע איהרע קרעפטען האָט זיא אַנגעשטריינגט. דען אין הארצען האָט יעצט ביי איהר א ווילדער שטורם געבושעוועט — א פּלעצליכער שטורם, וועלכען זיא האָט גאָר ניט ערוואַרטעט און וועלכער האָט יעצט איהר נשמה אויפגעטרייסעלט.

— אייער מאַמע האָט אייך אָבער פאַר'ן אוועקפאָהרען געוואָרענט, אז איהר זאָלט זיין פאָרזיכטיג—האָט מיסעס אדלער זיך געווענדעט צו ראָטער'ן, צולאַכענדיג זיך ווידער אויף'ן קול—זיא האָט אייך געוואָרענט, אז מען וועט ביי אייך אייער ווייבעל צונעהמען...

— ביטרים, דו פערליערסט דיין קאָמפּאָס־פּאָזיציאָן! — האָט איהר דער מאַן בעמערקט אין שפּאַס! — דו ביזט דאָך גאָר געקומען צולויפען גאָר מיט א טענה, אז מיסעס ראָטער האָט כיך צוגענומען פון דיר.

— פאַר דעם האָב איך קיין מורא ניט! — האָט זיא געזאָגט, צוגעהענדיג צו בערטהא'ן—זיא האָט דיך טאַקע אין זינען, זיא האָט א בעסערען מאַן וויא די ביזט! ניט אמת, אז דו האָסט איהם ניט אין זינען? — האָט זיא זיך געווענדעט צו איהר פריינדין.

בערטהא האָט איהר אַנגעקוקט מיט א שמייכעל און האָט געשוויגען. אדלער איז צוגעגאַנגען צו ראָטער'ן און געזאָגט מיט שפּאַס:

— דו האָסט געהאַט א „גוד טיים“ מיט מיין ווייבעל, האָב איך זיך אין די־נוקם געווען...“ דו ביזט דאָך ניט אין כעס אויף מיר מאיר, אמת?

— ניין—האָט ער קורץ געענטפערט.

— און וואָס הערט זיך עפּעס מיט דיינע קאָפּ־שמערצען, עלעקס? — האָט

מיסעם אדלער געפרעגט דעם מאן אין א שפאסיגען טאן.

— איך בין שוין אלל רייט! — האט ער אפגענטפערט, שמייכלענדיג.

— געווים! — האט זיא געזאגט אין א טאן פון איראניע—אז מען פערברייננגט מיט א שעהנע ווייבעל, האט מען קיין קאפשמערצען ניט.

— ביטרים, יו אר אלל רייט!—האט אדלער אויסגעשריען א פרייליכער, קלאפענדיג איהר לייכט איבער'ן פלייצע— יו אר אלל רייט! דו פערשטעהסט א'ן עסק. אזוי וויא דו ביזט נאר אוועקגעגאנגען פון מיר, האבען דיא שמערצען גלייך געסטאפט.

דו מיינסט, זיי האבען געסטאפט ווען בערטהא איז אהער געקומען צו דיר, ניט ווען איך בין אוועק — האט זיא אין דעם זעלבען איראנישען טאן וואס פריהער געזאגט.

— זאל זיין אזוי, ביטרים! — האט ער זיך צולאכט אויף'ן קול, קוקענדיג אויף בערטהא'ן, וועלכע איז יעצט געשטאנען לעבען איהר מאן און מיט איהם עמוואס נערעדט.

זיי האבען נאך א ווילע פערבראכט אויף'ן פעלד און זיי זיינען אהיים געגאנגען.

זיבענטער קאפיטעל.

אין אדלער'ס הארץ האט זיך יעצט א שרעקליכער קאמפף אפגעשפיעלט. דאס איז געווען א קאמפף צווישען דעם מוח און דעם הארץ, צווישען זיין געוויסען און זיינע געפיהלען. זיין מוח האט איהם קלאהר פארגעשטעלט דיא גאנצע סיטואציאן, דיא רעזולטאטען וואס וועלען ארויסקומען אויב ער וועט פאלגען זיין הארץ. זיין געוויסען האט צו איהם געשריען מיט טויזענד קולות: „עלעקס, בערעכען גוט וואס דו געהסט טהאן! דיין פריינד, דיין בעסטער פריינד, האט דיך איינגעלאדען צו זיך אלס גאסט און דו געהסט איהם זיין לעבען רואינירען! דו האסט א געטרייע פרוי, וועלכע דו האסט ביז יעצט אזוי הייס געליעבט און וועלכע ליעבט דיך אזוי שטארק, געהסטו איהר רואינירען! בעדענק זיך וואס דו געהסט טהאן!" און ער האט זיך צוגעהערט צו דיעזע שטימען און עס האט זיך איהם געדוכט, אז זיי האבען בעזיעגט זיינע געפיהלען, זיין הארץ. אבער קוים האט ער זי דערמאנט אן בערטהא'ן, איז ער גלייך טויב געווארען צו דיעזע שטימען און ער האט מעהר ניט געהערט וויא דאס קול פון זיין הארצען, פון זיינע געפיהלען... און דערמאנט האט ער זיך אן בערטהא'ן זעהר אפט... זיא איז גאר פון זיינע געדאנקען ניט אפגעטראטען.

אין דיא מאמענטען, ווען עס האט זיך איהם געדוכט, אז דער געוויסען האט איהם בעזיעגט, פלעגט ער זיך פונאנדערוויינען וויא א קליין קינד. ער פלעגט דאן בעשליסען אלעס צו דערצעהלען פאר זיין פרוי און בעטען ביי איהר אום פערצייהונג. ער פלעגט דאן אויך בעשליסען גלייך אוועקצופאהרען פון דאנען, צו זאגען אן אויסרייד, אז ער פיהלט ניט גוט. אבער וויא נאר ער האט דיעזע בעשליסע זיינע געוואלט דורכפיהרען, איז ער געבליבען אפהענדיג. ער איז גלייך בעהערשט געווארען פון זיינע געפיהלען צו בערטהא'ן...

א שרעקליכער קאמפף איז דאס געווען. ער האט קיין איין רוהיגע מינוט ניט געהאט, ניט בייטאג, ניט ביינאכט. ער האט זיך געסטארעט אויסצומיידען בערטהא'ס געזעלשאפט, דיינקענדיג, אז ער וועט זיך דאן פיהלען רוהיגער. אבער דאס האט איהם גאר ניט געהאלפען. פארקעהרט, ער האט זיך נאך ערגער געפיהלט. עס האט איהם געצויגען צו איהר וויא מיט צוואנגען. ער האט געקעמפפט מיט זיך, ניט געוואלט אונטערגעבען זיך זיינע געפיהלען. ער פלעגט אין אזא מאמענט נעהמען דיא פרוי און מיט איהר ארויסגעהן שפאצירען, דיינקענדיג, אז דאס וועט איהם בערוהיגען; אבער אויך דיעזער מיטעל האט ניט געהאלפען. זיין פרוי'ס אנוועזענהייט האט איהם נאך מעהר אויפגערעגט. ער האט זיך אבער מיט אלע כוחות געסטארעט צו זיין צו

איהר ליעבליך, העפליך, וויא אימער, און דאָס האָט איהם ניט ווייניג געזונד געקאָסט.

ער פלעגט אָפט אויף שטונדען לאַנג פערפאַלען ווערען פון הויז. ער פלעגט אוועקגעהן ווייט אויפ'ן פעלד, זיך אוועקלייגען אויפ'ן גראָז און דאָרט זיין הארץ אויסוויינען.

אויף דיא פראַגע, וואו ער איז געווען, פלעגט ער יעדעס מאָל אַן אַנדער אַנטוואָרט געבען. זיין אויפפיהרונג האָט ארויסגערופען פערוואונדערונג ביי זיין פרוי און ביי ראַטער'ן. דיא איינציגע, וועלכע האָט פערשטאַנען וואָס מיט איהם קומט דאָ פאָר, איז געווען בערטהא.

נאָך זיין געשפרעך מיט איהר אויפ'ן פעלד, האָט אויך עפּעס אַן אונרוהיגעס געפיהל גענומען בעשווערען איהר הארץ. און וועהרענד ביי אדלער'ן איז דיא אונרוהיגקייט געווען אַ בעוואוסטע, איז זיא ביי בערטהא'ן געווען ניט קיין דייטליכע. זיא איז געווען אונרוהיג, האָט זיך פאָר עטוואָס געשראָקען. פאָר וואָס אָבער זיא האָט מורא — דאָס דוקא זיא אליין קלאָר ניט געוואוסט. און וואָס מעהר זיא האָט בעמערקט, אַז אדלער איז אונרוהיג, צוטראָגען, אַלץ שטארקער איז איהר פורכט, איהר שרעק געוואָרען.

אַז ער איז אין איהר פערליעבט — וועגען דעם האָט זיא ניט אָנגעהויבען אפילו צו דיינקען. נאָר אַז ער איז ניט אין גאַנצען גליקליך, דאָס האָט זיא פערשטאַנען. איבעריגענס, ער האָט דאָך דאָס איהר כמעט אליין אָפען ערקלעהרט. אין וואָס־זשע בעשטעהט אַלזאָ זיין אונגליק? ער איז רייך, יונג, שעהן, בעגאַבט מיט גוטע פעהיגקייטען, האָט אַ שעהנע, יונגע, בעגאַבטע רייכע פרוי—וואָס־זשע פעהלט איהם צו פיהלען זיך פאָלשטענדיג גליקליך? און זיא האָט שטונדען לאַנג איהר מוח געבראָכען אויסצוגעפינען אַן אַנטוואָרט אויף דיעזע פראַגע, פערגעסענדיג דערווייל אין איהרע אייגענע צרות. אָבער זיא האָט קיין אַנטוואָרט ניט געקענט געפינען.

ענדליך איז זיא געקומען צום בעשלוס, אַז דאָס האָט ער איהר אומישנע געזאָגט, כדי זיא זאָל פאָר איהם אויך איהר הארץ אויסדערציעהלען. ער האָט געמוזט דערקענען אַן איהר, אַז זיא ליידעט. ער האָט דאָך דאָס טאַקע געזאָגט. און זיא איז זעהר צופריעדען געווען, וואָס זיא האָט איהם געזאָגט, אַז זיא איז דיא גליקליכסטע פרוי אויף דער וועלט. ער וועט איהר מעהר ניט באַדערען מיט קיין פראַגען. און זיא האָט אויף זיך גענומען פון איצט אָן בעסער צו שפּיעלען איהר ראָלע, וויא ביז יעצט.

ביים עסען אָדער געהענדיג שפּאַציערען איז זיא געווען פרעהליך און האָט זיך נאָר געהאַלטען ביי איהר מאַן. אָבער זעהענדיג, אַז אדלער איז אימער צוטראָגען, בעמערקענדיג זיינע טרויעריגע בליקען, ווען ער פלעגט אויף איהר קוקען, האָט זיא אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן, אַז ער האָט איהר קיין ליגען ניט געזאָגט; אַז ער טראָגט זיך ווירקליך ארום מיט פערבאָרגענע ליידען.

און אַ נייגיעריגקייט האָט איהר ארומגענומען אויסצוגעפינען וואָס פאָר אַ ליידען דאָס זיינען. אָבער ריידען מיט איהם דירעקט, האָט זיא ניט געוואָלט. וואָלט איהר מאַן צו איהר אַנדערש געווען, וואָלט זיא מיט איהם וועגען דעם גערעדט, איהם איבערצוגעבען אדלער'ס געשפרעך מיט איהר און ער וואָלט איהר פיעלייכט געזאָגט פון וואָס ער ליידעט. ער מוז דאָך געוויס וויסען — איז זיא געווען זיכער ביי זיך — ער איז דאָך זיין בעסטער פריינד.

בערטהא'ס נייגיעריגקייט האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. זיא האָט זיך אין קורצען דערוואוסט וואָס עס מאַכט אדלער'ן זיך צו פיהלען אַזוי אונגליקליך, און דערוואוסט האָט זיא עס זיך טאַקע פון זיין אייגענעם מויל.

דאָס איז געווען אַם זונטאָג, דער טאָג וואָס עס האָט געדאַרפט שטאַטפינדען דער קאָנצערט צו גונסטען פון האָספּיטאַל. דיא קאָנצערטיסטען: בערטהא, ראַטער, מיסעס און מיסטער אדלער האָבען געמאַכט רעפּעטיציע. ראַטער אויף דיא פידעל און דיא איבעריגע אויף דער פּיאַנאָ. אדלער האָט זיך אָנפאַנגס ענט־

זאגט אנטהייל צו נעהמען, ערקלעהרענדיג, אז ער האט שוין לאנג ניט געשפיעלט, אז ער פיהלט זיך ניט גוט און ער האט מורא, אז ער וועט זיכער דורכפאלען. עס האט ניט גע'פועל'ט דאס בעטען פון זיין פרוי, פון ראטער'ן. אבער ווען בערטהא האט איהם געביטען, אז ער זאל זיך אויך בעטהייליגען אין דעם קאנצערט, האט ער ענדליך איינגעווילינגט אויף דעם תנאי, אז זיי זאלען ביידע שפיעלען א קווארטעט אויף פיער הענד.

זיין פרוי האט דאס אין הארצען שטארק פערדראסען, אבער זיא האט זיך אנגעשטרענגט צו האלטען זיך גלייכגילטיג. בערטהא האט איינגעווילינגט אויף דער בעדינגונג. דאן האט מיסעס אדלער געפאדערט, אז זיא זאל שפיעלען א דועט צוזאמען מיט ראטער'ן. און אום צו מאכען דעם מאן איפערזיכטיג, האט זיא פארגעשלאגען, אז זיי זאלען געהן צו ראטער'ס בעקאנטע אויף דער פארם, וואו זיי זיינען מיט א פאאר טעג צוריק געווען און זיי זאלען דארטען איינשטודירען דיא זאך וואס זיי האבען בעשלאסען צו שפיעלען.

זיא האט דערמיט אדלער'ן איפערזיכטיג ניט געמאכט. פערקעהרט, ער איז געוועזן העכסט צופריעדען וואס זיי געהען אוועק און ער וועט האבען א געלעגענהייט צו בלייבען אליין מיט בערטהא'ן... ער האט אויף דיעזע געלעגענהייט אויסגעקוקט. דען ער האט בעשלאסען איהר ענדליך צו ערקלערען וואס עס טהוט זיך ביי איהם אויף דער נשמה. זעהר פיעל געזונד האט עס איהם געקאסט ביז ער איז צו דיעזען בעשלוס געקומען. ער האט גאנצע טעג און נעכט וועגען קיין אנדער זאך ניט געקלעהרט. ער האט ענדליך געפיהלט, אז ער מוז פאר איהר זיין גאנצע הארץ אויסדערצעהלען; ער קען לענגער זיין ליעבע צו איהר ניט פערבארגען. זיא מוז עס וויסען און זאל דאן זיין וואס עס וויל. ער איז דארום געוועזן זעהר צופריעדען וואס ער בלייבט יעצט מיט בערטהא'ן אליין אין הויז.

בערטהא, אבוואהל זיא האט קיין שום פערדאכט ניט געהאט אויף איהר מאן, אז ער איז איהר אונטריי, האט עס איהר אבער אין הארצען פערדראסען, ווארום מיסעס אדלער נעהמט איהם אוועק פון איהר געזעלשאפט. ערשטענס, האט זי זיך געפיהלט גליקליך ווען זיא האט זיך בלויז געפונען מיט איהם צוזאמען; ווען זיא האט כאטש געקענט אויף איהם בלויז קוקען; צווייטענס, האט זיא ביי זיך געפיהלט, אז ווען ראטער וואלט ניט געהאט קיין אנדער פרויענצימער, מיט וועלכער ער קען פערבריינגען, וואלט ער מיט איהר פערבראכט. און איהר הארצען האט זיך דארום אנגעצונדען אן איפערזוכטס־געפיהל. זיא האט בעמערקט, ווענדענדיג זיך צו ראטער'ן:

— מיר דארפען דאך אויך איינשפיעלען אונזער זאך.

זיא האט אויף איהם געקוקט מיט אזעלכע בעטענדע בליקען, אין וועלכע ער האט געלעזען, אז זיא איז ניט בלויז אויסען, אז זיי זאלען מאכען רעפעטיציע, נאר אז ער זאל ניט אוועקגעהן. דאס האט איהם ביז געמאכט און ער האט געענטפערט, סטארענדיג זיך אבער צו זיין העפליך:

— איך קען גוט מיין פארט. האב ניט קיין מורא, מיר וועלען ניט דורכפאלען.

בערטהא זעהענדיג, אז איהר מאן וויל אליין אוועקגעהן, איז זיא נאך מעהר איפערזיכטיג געווארען און עס האט שוין איהר פערדראסען ווארום זי האט געבעטען אדלער'ן, ער זאל אנטהייל נעהמען אין דעם קאנצערט. ראטער וואלט דאן ניט אוועקגעגאנגען.

זיא איז קיין זאך ניט אויסען געוועזן, ווען זיא האט אדלער'ן געבעטען, אז ער זאל אויך מיטווירקען אין דעם קאנצערט. איהר איז זיין שפיעלען זעהר געפעהלען געוועזן, ווען ער האט געשפיעלט אויף דער פארם; זיא האט געזעהן, אז ער האט א'ן אמת מוזיקאלישען טאלאנט און אזוי וויא מען האט איהר בעאויפטראגט צוזאמענצושטעלען דיא מוזיקאלישע אבטהיילונג פון קאנצערט, האט זיא געוואלט דעם פראגראם מאכען וואס רייכער און

דאס איז געווען דיא איינציגע אורזאכע וואָרום זיא האט איהם איינגעלאָדען. וואָלט זיא געוואוסט, אז עס וועט זיך אזוי אויסלאָזען, וואָלט זיא דאס ניט געטהאָן. וועד שמועסט נאָך, ווען זיא וואָלט ווי־סען, וואס עס וועט דאָ פאָרקומען, ווען זיא וועט בלייבען אליין מיט אדלער'ן!...

זיא איז געווען זעהר נערוועז, ווען ראָמער מיט מיטעם אדלער זיינען אוועק און ווען דיא לעצטע האט מיט א'ן אי־ראָנישען שמייכעל געזאָגט:

— ענדזשאָי יורסעלף!

— דהי סיים טו יו! — האט אדלער אָפּגעענטפערט אויך מיט א שמייכעל, ווען דיא טיהר האט זיך שוין געהאט צוגע־מאכט.

אויך אדלער איז געוואָרען זעהר צו־טראָגען, ווען ער האט זיך געפונען אליין מיט בערטהא'ן. אין זיין מוח איז א שטורם ענטשטאנען און זיין הארץ האט אין איהם געקלאפט, וויא ביי א גזלן. א היבשע ווייל איז ער געשטאנען, ניט ווי־סענדיג וואס ער זאל דאָ טהאָן.

בערטהא האט בעמערקט זיין צו־טראָגענהייט און א געהיימע שרעק האט איהר גאנצען וועזען דורכגענומען. זיא האט געוואָלט פערלאָזען דאס צימער, אָבער זיא האט דערצו דעם מוטה ניט געהאט. ענדליך האט זיא איבערגעריסען דיא שטילקייט, זאָגענדיג:

— איך זעה, אז איהר זייט עפּעס צומראָגען. עס מוז אייך פערדריסען וואס ביטרים איז אוועק און האט אייך איבער־געלאָזען. שעהמט זיך ניט — האט זיא מיט א שמייכעל צוגעגעבען—זאָגט דעם אמת.

— איהר ווילט, אז איך זאל אייך זאָגען דעם אמת? — האט אדלער גע־רעדט מיט א ציטערענדע שטימע, איינ־גראָבענדיג זיך מיט זיינע בליקען, וועלכע האָבען יעצט געשפּריצט מיט פייער, אין איהרע.

דיעזע בליקען זיינע האָבען נאָך א גרעסערע שרעק אויף איהר ארויפגעיאָגט. זיא האט געקוקט צו דער טיהר, אזוי וויא זיא וואָלט זוכען א וועג צו אנטלוי־פען פון דעם געפאהר, וועלכער דראָהט

איהר יעצט און זיא האט געענטפערט:

— איהר ווייסט דאָך. איהר דאַרפט מיך, דאכט זיך, שוין קענען, אז איך האב ליעב נאָר דעם אמת.

— טא הערט־זשע, — האט אדלער מיט זיין גאנצען הארצען געזאָגט — ניט נאָר פערדריסט מיך ניט וואס זיא איז אוועקגעגאנגען, נאָר איך בין זעהר, זעהר צופריעדען.

און וויעדער האט זיא זיך מיט זיינע פייערדיגע בליקען בעגעגנט און זיא האט אין גאנצען אויפגעטרייסעלט פון שרעק. זיא האט זיך אָבער אנגעשטרענגט זיך צו בעהערשען און האט געזאָגט מיט א גע־מאכטען שמייכעל:

— איהר וועט דאס דערצעהלען אייער באָבען, ניט מיר. זיא האט אייך אָפּגע־טהאָן אויף טירקיש, און עס פערדריסט אייך זעהר גוט.

— וואס, מיך פערדריסט? — איז ער אויפגעשפּרונגען אין אויפגעקאכטער — איהר גלויבט מיר ניט? איך בין גליקליך, וואס זי איז יעצט אוועק — האט ער גע־רעדט מיט זיין גאנצען הארצען, און אין זיין שטימע האָבען זיך געהערט פער־שטיקטע טרעהרען — איך בין גליקליך, וואס איך האב א געלעגענהייט צו זיין מיט אייך...

בערטהא האט דערפיהלט א שמערצ־ליכען שטאָך אין הארצען און אן אייז־קאלטער שוידער איז אריבער איבער אלע איהרע גליעדער. עס איז איהר מיט אמאל אלעס קלאָר געוואָרען. זיא האט זיך מיט אלע איהרע כחות אנגעשטרענגט צו האל־טען זיך רוהיג, אזוי וויא זיא וואָלט קיין זאך ניט פערשטאנען און האט געזאָגט, איבערהאקענדיג איהם אין מיטען דיא רייד:

— און מיך פערדריסט יא פאר וואס מאיר איז אוועקגעגאנגען. עס פערדריסט מיך זעהר.

א שווערער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון אדלער'ס ברוסט, וועהרענד בער־טהא האט ווייטער גערעדט מיט א מין נאאיווע, קינדערשע בעגייסטערונג.

— ווייסט איהר וואס! מיר וועלען זיי מאכען א סורפּריז: מיר וועלען זיך

געהמען צום שפּיעלען און מיר וועלען זיך שנעל אפּפּערטיגען. דאן וועלען מיר ארי־בערגעהן אויף דער פארם און מיר וועלען זיי איבערראשען — איך וועל מאכען א סורפּרייז מאיר'ן און איהר אייער ביטרים. אי וועט דאס זיין אן איבערראשונג! — האט בערטהא מיט א קינסטלעריש גע־מאכטע פרעהליכקייט געפּאטשט מיט דיא הענד.

— איך וועל ניט געהן — האט אדלער אין א פערטרויערטען טאן געזאגט, — איך בין יעצט ניט אויפגעלעגט צו פּאן.

— לאָמיר פריהער שפּיעלען—האט בערטהא שנעל גערעדט, אנשטריינגענדיג זיך אלץ צו פערבאָרגען איהר אויפרעגונג — דאן וועלען מיר שוין זעהן. איהר וועט דאך מיר ניט לאָזען אליין געהן, און געהן מוז איך. איך מוז זיי מאכען א סורפּרייז.

זיא האט זיך אוועקגעזעצט ביי דער פיאנא און גענומען זיך צוגרייטען צום שפּיעלען.

— איך האב אויסגעשריעבען נאָטען פון ניו יאָרק און איך האב זיי נעכטען ערהאלטען — האט אדלער געזאָגט — איך האב עטליכע שעהנע זאכען, וועלכע איך האב אמאָל ניט שלעכט געשפּיעלט. אָט ברייננ איך זיי גלייך אריין.

ער איז אריין צו זיך אין צימער. אין האָל האט ער בעגעגענט דעם ניגער, וועלכער האט דאָרט געטהאָן עפּעס אן ארבייט. דער שווארצער האט איהם אפּגע־מאָסטען מיט בייזע בליקען, אָבער אדלער איז געווען אזוי צוטראָגען, דאס ער האט דיעזע בליקען ניט בעמערקט.

ווען בערטהא איז געבליעבען אליין, האט זיא פערצווייפעלט פערבראָכען דיא הענד און מיט פערשטיקטע טרעהרען ארויסגעשטאמעלט:

— גאָטעניו, ראטעווע מיך פון דיעזען אונגליק!

אדלער איז באלד צוריק אריינגעקו־מען, ברייננענדיג מיט זיך א פּאק מיט נאָטען. ער האט אויסגעקליעבען א געווי־סע קאָמפּאָזיציע, עס פערנאנדערגעעפענט אויף דער פיאנא און, אוועקזעצענדיג זיך האט ער געזאָגט:

— דאס איז פאר פיאנא און געזאַנג. דאס איז מענדעלסאָהן'ס „ליעדער אָהנע ווארטען". האט איהר דאס אמאָל געזונגען?

— געזונגען האב איך עס ניט — האָט בערטהא געזאָגט — אָבער איך האָב עס ניט איינמאָל געהערט, זייענדיג נאָך אין רוסלאנד.

ער האט א לויף געטהאָן מיט דיא פינגער איבער דיא קלאווישען און זיין געזיכט האט מיט אמאָל אנגענומען אן ערנסטען אויסזעהן.

— איך וועל עס פריהער אליין שפּיעלען — האט ער געזאָגט — דאן וועט איהר מיטזינגען.

ער האט זיך איינגעגראָבען אין דיא נאָטען מיט זיינע ברייט־אָפּענע אויגען, וועלכע האבען יעצט געגליהט מיט א מאָדנעם פייער און באלד האבען זיך דער־הערט א ים מיט צויבערליכע, וואונדער־שעהנע טענער. בערטהא איז געשטאנען וויא א צוגעשמידעטע צו איהר אָרט און האט זיך איינגעקוקט אין אדלער'ן, וועמעס געזיכט האט זיך יעצט אין גאנצען געענדערט. גאָר אן אנדער מענשען האָט זיא יעצט פאר זיך געזעהן. עס איז ניט געווען דער זעלבער רייכער, לוסטיגער יונגערמאנטשיק; פאר איהר איז געזעסען א קינסטלער, א ווירטואָז, וועלכער האט זיין ארטיסטישע נשמה אויסגעגאָסען אין דיא הערליכע מוזיקאלישע קאָמפּאָזיציע. קוקענדיג יעצט אויף אדלער'ן איז שווער געווען צו גלויבען, אַז דיעזער יונגער מאָן איז פעהיג זיך צו בעשעפטיגען מיט ביז־נעס, מיט טרוקענע חשבונות. און וואס ווייטער איז ער אלץ מעהר בעגייסטערט געוואָרען און בערטהא איז אלץ מעהר בעצויבערט געוואָרען — ניט פון דער מו־זיק, דען, וויא זיא האָט אליין ערקלערט, האט זיא דיא זאַך שוין ניט איינמאָל געהערט; זיא איז בעגייסטערט געוואָרען פון זיין שפּיעלען.

ווען ער האט גענדיגט, האט זיא

איהם היים געדריקט דיא האנד, זאגענדיג:

— גרויסארטיג, מיסטער אדלער, פארטרעפליך. איהר האט געשפיעלט וויא א וואהרער קינסטלער! איהר וועט מאכען א „היט" היינט אבענד.

אך, וויא גליקליך ער האט זיך געפיהלט פון דיעזען קאמפלימענט! ער האט ניט ארויסגעלאזען איהר האנד פון זיינע און געזאגט:

— מיט אייך צוזאמען וועל איך עס נאך בעסער שפיעלען.

זיא האט בעפרייט איהר האנד און מיט א גלייכגילטיגע מינע, אזוי וויא זיא וואלט וויניג אויפמערקזאמקייט געשיינקט צו זיינע ווערטער, האט זיא גענומען א טאן און געזאגט:

— שפיעלט און איך וועל מיטזינגען. איך האב דאך קיין צייט ניט. איך וויל דאך געהן צו זיי אויפ'ן פארם.

— איהר וועט ניט געהן — האט אדלער געזאגט מיט א שמייכעל.

ער האט ווידער גענומען שפיעלען דיא זעלבע זאך. אזוי וויא בערטהא האט עס צום ערשטען מאל געזונגען, איז עס ניט אזוי גלאט געגאנגען. זיא האט זיך עטליכע מאל אפגעשטעלט אין מיטען. אויך איז איהר שטימע יעצט ניט געווען קלאהר. עס האט זיך אין איהר געהערט א נערוועזער ציטערן. אבער נאכדעם וויא זיי האבען דיא זאך עטליכע מאל איבערגע'חזר'ט, האט זיא עס ענדליך איינשטודירט. אדלער האט זיך ארויסגעצייגט ניט נאר א גוטער פיאנא שפיעלער, נאר אז ער האט אויך פידאגאגישע פעהיגקייטען. און בערטהא האט זיך ניט געקענט איינהאלטען אום איהם ניט צו זאגען איהר מיינונג וועגען דיעזע מעלה זיינע.

— איהר זייט אויך א גוטער לעהרער — האט זיא געזאגט, ווען זיי האבען געענדיגט שפיעלען.

ווען זיא וואלט געוואוסט, וויא איהרע ווערטער צוגליהען נאך שטארקער זיין צופלאמטע נשמה; ווען זיא וואלט געוואוסט וואס אין א פאר מינוטען ארום וועט דא פארקומען, וואלט זיא דאס ניט געזאגט... זיא איז אבער אזוי היגנעריסען געווארען פון זיין שפיעלען, זיא איז געוועזן אזוי בעגייסטערט, אז זיא האט איהר פריהערדיגע שרעק גענצליך פערגעסען.

אדלער האט זיך העפליך פערנייגט אויף איהר קאמפלימענט און געזאגט:

— ניט אימער קומט דער קרעדיט דעם לעהרער. זעהר אפט האט גאר דער לעהרער צו פערדאנקען דעם שילער. אין דיעזען פאל האב איך אייך צו פערדאנקען.

בערטהא האט פערשעהמט ארונטערגעלאזען דיא אויגען, וועהרענד ער האט ווייטער גערעדט:

— איך מאך אייך דא קיינע קאמפלימענטען. איך זאג בלויז דיא ריינע וואהרהייט. איך האב נאך קיינמאל ניט געשפיעלט מיט אזא חשק, מיט אזא בעגייסטערונג, וויא יעצט. און לאמיר אייך זאגען: זינט איך האב אייך דערקענט און מיט אייך עטליכע ווערטער בלויז גערעדט, בין איך עפעס גאר אן אנדער מענש געווארען. עס איז אין מיר אן איבערקעהרעניש פארגעקומען. איך דערקען זיך אליין ניט. עס ציהט מיר עפעס צום שפיעלען, צום לעזען — צו עטוואס גייסטיגעס, וועהרענד ביז יעצט בין איך געווען גאנץ גלייכגילטיג צו דעם.

בערטהא איז נאך אלץ געזעסען מיט אראפגעלאזענע אויגען און איהר ברוסט האט זיך שטארק געהויבען און ארונטערגעלאזען. אין דיעזער פערשעהמטער פאזע האט זיא נאך פיעל שעהנער אויסגעזעהן. אדלער איז געווען צופריעדען וואס זיא שווייגט, אבוואהל איהר ריידען האט איהם אזוי פיעל פערגניגען פערשאפט. איהר מעלאדיש־זאנפטע שטימע האט איהם אימער וויא שעהנע מוזיק געקלונגען. ער האט יעצט געוואלט ריידען — זיין נשמה האט ער געוואלט פאר איהר יעצט אויסדערצעהלען.

אויף בערטהא'ן האבען זיינע יעצטיגע רייד א געוואלדיגען איינדרוק געמאכט. זיא האט ניט געצווייפעלט, אז ער

רעדט דאס פון טיפען הארצען, אז דאס זיינען ניט קיין פוסטע קאמפלימענטען, און דאס דאס איז איהר שמערצליכע גע־פיהלען ארויסגערופען. ווארום האט זיא דאס ניט פון איהר מאן — האט זיא גע־טראכט. אך, ווען ער זאל צו איהר אזוי רײדען! וויא גליקליך וואלט זיא דאן גע־ווען!

און זיא דערמאנט זיך, אז מיט דריי יאהר צוריק, ווען זיא איז צום ערשטען מאל געקומען אין דעם פערשטארבענעם קלאוקמאנופעקטשורערס הויז, האט ראַ־מער זיך אויך בעגייסטערט פון איהר. און שפעטער, ווען זיי זיינען נאהענטער בע־קאנט געווארען, האט ער אויך צו איהר עהנליכע ווערטער גערעדט. און יענע רייד זיינען אויך געווען ערנסטע, פונקט וויא אדלער'ס געזעלשאפט איז איהר יעצט ארום איהר הארץ און זיא פיהלט, וויא טרעהרען נעהמען איהר שטיקען אין האלז. אדלער'ס געזעלשאפט איהר איהר יעצט איבערדריסיג געווען. זיא האט יעצט גע־וואלט זיין אליין און זיך גוט אויסוויינען, וויא זיא פלעגט דאס יעדען טאג טאהן. טרעהרען זיינען יעצט תאר איהר געווען וויא מארפיום פאר געוויסע חולאים, וועל־כע פיהלען אן ערלייכטערונג אין זייערע שמערצען, נאכדעם וויא מען שפריצט זיי אריין דיזע מעדיצין. ווען זיא פלעגט זיך גוט אויסוויינען, פלעגט זיא זיך פיה־לען עטוואס לייכטער.

זיא האט זיך בעהערשט מיט אלע כחות צו האלטען זיך רוהיג, און געזאגט מיט א מינע, אזוי וויא זיא וואלט זיך גאר ניט געווען איינגעהארכט אין זיינע פריי־העדיגע רייד:

— איהר ווערט אזוי גוט זיין מיר אקאמפאניערען נאך איין זאך און מיר זיי־נען פערטיג.

זיא האט אויסגעקליבען דיא נאטען און זיי אוועקגעלייגט פאר איהם.

— וואס איילט איהר זיך אזוי? — האט אדלער וויא זיך געבעטען ביי איהר —מיר האבען דאך נאך גענוג צייט.

— איך זאג דאך אייך, אז איך וויל, מיר זאלען געהן אוי־ דער פארם.

זיא איז יעצט געווארען נאך מעהר נערוועז. זיא האט זיך פארגעשטעלט וויא איהר מאן אמוזירט זיך דארט מיט ביט־ריס'ען, און א שטארקער געפ־דל פון איי־פערזוכט האט גענומען עסען איהר הארץ, פליקען איהר נשמה. זיא האט געפיהלט שוין אויפצוגעבען דאס שפיעלען און אוועקצולויפען אויף דער פארם. זיא האט זיי דארט שוין ניט געוואלט מאכען קיין סורפריז, נאר איינפאך מיט איהר אנוועזענהייט שטערען זיי אין זייער אמוזירען זיך...

— איך וועל ניט געהן—האט אדלער געזאגט—און איהר ווערט אויך ניט געהן.

ער האט זיך אויפגעשטעלט און, צו־טרעטענדיג צו איהר נאהענט, האט ער, פערלייגענדיג דיא הענד, ביי איהר זיך געבעטען:

— בלייבט דא, איך בעט אייך! ער־שטענס איז ניט שעהן אהין צו געהן, צווייטענס...

ער האט אפגעהאקט אין מיטען און געקוקט אויף איהר מיט אזעלכע בעטענדע בליקען, אזוי וויא אן אפפער וואס בעט זיך ביי זיין מערדער, אז ער זאל אויף איהם רחמנות האבען און איהם שיינקען זיין לעבען...

בערטהא איז צוריקגעשפרונגען פאר דיזע בליקען און האט געזאגט מיט א פעסטקייט אין איהר שטיממע:

איך צווינג אייך ניט, אז איהר זאלט מיטגעהן. אבער איך וועל געהן; איך געה שוין. מיר וועלען שפעטער, ווען מיר וועלען צוריקקומען, איבערשפיעלען די צוויי זאכען.

— איהר ווערט ניט געהן—האטא אד־לער זיך ווייטער ביי איהר געבעטען, אנ־כאפענדיג איהר פאר דיא האנד—לאמיר שפיעלען, איך בעט אייך!

זיא האט לייכט אפגעשטויסען פון זיך זיין האנד און געזאגט:

— וואס איז דער מעהר מיט אייך, מיסטער אדלער! וואס מאכט איהר זיך עפעס אזוי קינדיש?

זיא האט אפגעקעהרט דעם קאפ צום פענסטער, אום ער זאל ניט זעהען איהר צוטומעלטקייט און אויפרעגונג.

— איך מאך זיך קינדיש? — האט

אדלער מיט א וויינענדיגען קול ארויסגעשטאמעלט—ניין, איהר האט א טעות, בערטהא, איהר פערשטעהט מיך ניט אדער איהר ווילט מיך ניט פערשטעהן.

בערטהא האט א שטארקען ציטער געטאהן, הערענדיג וויא ער רופט איהר ביי איהר נאמען.

אדלער האט ווייטער גערעדט:

— איך בעט אייך, הערט מיך אויס, וואס איך וויל אייך זאגען. איך קען שוין לייגנער ניט... איך...

ער האט וויעדער ניט געקענט ענדיגען זיינע רייד און האט איבערגעהאקט אין מיטען. ער האט געמאכט א טריט נעהענטער צו איהר, אויסגעשטרעקט צו איהר דיא הענד און האט אויסגעבראכען אין א הארציגען געוויין:

—וואס איז דער מעהר מיט אייך?

—האט זיא איהם געפרעגט, ווערענדיג בלייך וויא קאלך.

— איך בין זעהר אונגליקליך! — האט אדלער געכליפעט—אה, ווען איהר זאלט וויסען וואס אין מיין הארצען קומט פאר זינט דיא לעצטע פאר טעג, זינט איך בין דא!

ער איז פלוצלונג רוהיג געווארען. זיין געזיכט האט גענומען פלאמען און די אויגען האבען געברענט מיט ליידענשאפט. ער האט געמאכט א בעוועגונג אזוי וויא איינער, וועלכער איז געבונדען אין פענטעם און, נאך פיעל אנשטריינגונג רייסט ער זיך ענדליך ארויס פון זיי, ער בעפרייט זיך... און ער האט געזאגט מיט א שארפען קול:

— בערטהא, איך האב אייך ליעב!

ער האט ווילד א כאפ געטאהן איהר האנד און איהר גענומען בערעקען מיט הייסע ליידענשאפטליכע קושען.

בערטהא האט איהם האסטיג אפגעשטויסען פון זיך און איז געפאלען קרעפטענלאז אויף א שטוהל.

פלוצלונג האט זיך דערהערט א קלאפ אין טהיר. ביידע זיינען אויפגעשפרונגען פערציטערטע. בערטהא האט זיך אנגעשטריינגט צו בערוהיגען זיך, און האט געענטפערט:

— קאם אין.

אין צימער איז אריין דער שווארצער הויזקיפער. ער איז געבליבען שטעהן אויף דער שוועל מיט א נאאיווער מינע און, פערנייגענדיג זיך העפליך, האט ער זיך געווענדעט צו בערטהא'ן, זאגענדיג:

— איך האב צו דער מאדאם א ביטע.

— וואס איז? — האט זיא איהם געפרעגט מיט א נערוועזער שטימע.

זיין פלעצליכער אריינקומען האט ארויפגעיאגט אויף איהר א נייע שרעק. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס עס איז איהר אויסגעקומען צו איהם צו ריידען. זינט יענע נאכט, ווען זיא האט זיינע פייערדיגע, בלישצענדע אויגען דערזעהן, האט זיא זיך פאר איהם עפעס געשראקען, א אינסטינקטיווער פחד איז דאס געווען. א געדאנק איז איהר דורכגעלאפען דורך'ן מוח, אז דער ניגער איז דיא גאנצע צייט געשטאנען הינטער דער טהיר און האט זיך איינגעהארכט אין זייער געשפרעך. און פיעלייכט האט ער גאר אויך אריינגעקוקט דורך דעם לאך פון שליסעל און ער האט געזעהן וויא אדלער האט איהר געקושט — איז א צווייטער געדאנק איהר געקומען אויפ'ן זינען. און באלד האט א דריטער געדאנק א בלישץ געטהאן אין איהר מוח: הלואי זאל דאס זיין אמת. ער וועט קענען זיין איהר עדות, אז זיא איז אונשולדיג... און זיא האט געפיהלט א טיעפע דאנקבארקייט צו דעם שווארצען. ווען זי וואלט זיך ניט שעהמען, וואלט זיא יעצט צוגעלאפען צו איהם און איהם היים געדריקט זיין האנד, איהם געדאנקט דערפאר וואס ער איז יעצט אריינגעקומען. און די שרעק, וועלכע ער האט מיט זיין אריינקומען אויף איהר ארויפגעיאגט, איז פערשווארנדען.

— דיא רזשענטעלמען האבען לעצטע וואך פון מיר פערלאנגט — האט דער שווארצער געזאגט מיט אן אונדרייסטען טאן, פערנייגענדיג זיך — אז איך זאל היינט ביים קאנצערט עפעס זינגען. וויל איך אייך בעטען, אז איהר זאלט מיר בע־

גליטען אויף דער פיאנא. עס זינגט זיך עפּעס בעסער מיט בעגלייטונג.

— אַלל רייט! — האָט בערטהא מיט א שמייכעל געענטפער׳ט — איך וועל אייך בעגלייטען. וואָס ווילט איהר דען זינגען?

— איך וועל זינגען „דאָס טלית׳ל“ און „ישראליק קום אהיים“. איך קען די סאָנגס זעהר גוט. דיא דזשענטעלמען האָבען דאָך געוואָלט, אז איך זאָל זינגען אידישע סאָנגס.

— איך קען דאָך זיי אָבער ניט — האָט בערטהא געזאָגט.

דזשאַרדזש האָט ארויסגענומען פון בוזים־טאַש נאָטען און, דערלאַנגענדיג עס איהר, האָט ער געזאָגט:

— דאָס זיינען דיא נאָטען. איך האָב געבעטען דעם אידישען עקטאָר, אונזער שכן, ער זאָל דאָס מיר בעזאָרגען. איך קען ניט קיין נאָטען און איך דאַרף זיי ניט.

בערטהא האָט געעפענט דיא נאָטען, זיך אוועקגעזעצט ביי דער פיאנא און גענומען שפּיעלען.

אדלער האָט א בייזען קוק געטהאָן אויף דעם שווארצען, וועלכער האָט איהם דורכגעשפּיעזט מיט זיינע גרויסע רויטליכע אויגען.

ווען בערטהא האָט געענדיגט, דאָט זיא געזאָגט, ווענדענדיג זיך צום הויזקיפּער:

— איך וועל עס נאָך אמאָל איבערשפּיעלען און איהר וועט מיטזינגען.

דער שווארצער האָט צו צוויי מאָל איבערגעזונגעןביידע ליעדער. בערטהא האָט זיך זעהר אמוזירט דערביי, און ווען ער האָט געענדיגט, האָט זיא איהם געמאַכט א קאָמפּלימענט און געזאָגט, אז ער וועט אויפ׳ן קאָנצערט מאַכען דעם גרעסטען „היט“.

זיא איז דערמיט גאָר ניט אויסען געוועזן. זיא האָט עס געמיינט ערנסט. א ניגער זאָל אזוי געשמאַקפאָל זינגען א אידישע ליעד — דאָס איז דאָך א קוריאָזיטעט, א זעלטענהייט. אָבער אדלער האָט זיך געפונען שטאַרק בעליידיגט. דיא זעלבע ווערטער האָט זיא דאָך פריהער צו איהם אויך געזאָגט, ווען ער האָט געשפּיעלט מענדעלסאָן׳ס „ליעדער אָהנע ווערטען“. ער איז איבערהויפּט געוועזן שטאַרק אין כעס וואָס דער שווארצער איז יעצט אריינגעקומען. דיא גאַנצע צייט וואָס ער האָט געזונגען האָט אין איהם דיא בלוט געקאָכט. ער האָט געפיהלט וויא איהם אָנצוכאַפּען פאר׳ן קאָפּ און איהם ארויסוואַרפען פון צימער. ער האָט זיך אָבער בעהערשט. און הערענדיג, וויא זיא מאַכט איהם, דעם שווארצען, דעם זעלבען קאָמפּלימענט וואָס זיא האָט איהם געמאַכט, האָט ער זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטען און האָט זיך אָפּגערופען איראָניש:

— דאָס „טלית׳ל“ וועט אלזאָ מאַכען א גרעסערען „היט“ וויא מענדעלסאָן׳ס א קאָמפּאזיציע.

בערטהא האָט א לייכטען ציטער געטהאָן, דערהערענדיג אדלער׳ס שטימע. זי האָט אויף א ווייל‏ע געוועזן פארגעסען גאָר, אז ער געפינט זיך אין צימער, און יעצט האָט דיא פריהערדיגע סצענע פאַר איהרע אויגען ווידער אויפגעלעבט; זיינע פריהערדיגע רייד האָבען אין איהרע אויערן געקלונגען. זיא האָט זיך בעהערשט און מיט א געמאַכטען שמייכעל האָט זיא געזאָגט, אומקעהרענדיג זיך אויף דעם פּיאַנאָ־טאַבורעט מיט׳ן געזיכט צו איהם:

— געוויס וועט ער מאַכען א „היט“. אויסער וואָס ער זינגט דיעזע פּאָפּולערע ליעדער געשמאַק, האָט מען דאָך דערביי אויך אין זינען, אז דאָס זינגט ניט קיין איד. איבעריגענס — האָט זיא צוגעגעבען — וועלען זיך דאָך אויפ׳ן קאָנצערט געפינען אזעלכע, וועלכע וועלען מעהר הנאה האָבען פון דיזע ליעדלעך איידער פון קלאַסישע מוזיק.

אך, וויפיעל געזונד עס האָבען איהר דיעזע ווערטער געקאָסט! ווערהענד א שוידער האָט דורכגענומען איהר גאַנצען וועזען, האָט זיא זיך געמוזט בעהערשען צו האַלטען זיך רוהיג, צו שמייכלען, צו ריידען צו אדלער׳ן, — צו וועלכען זיא האָט יעצט אזאַ טיעפען האַס געפיהלט! יא, זיא האָט איהם יעצט געהאַסט פאַר

זיין פרעכהייט. וויא האָט ער געוואגט צו איהר אזוי צו ריידען!

זיא האָט זיך שוין לענגער ניט געקענט בעהערשען. טרעהרען האָבען איהר גענומען ווערגען אין האלז. זיא האָט געפיהלט, אז ווען זיא זאָל נאָך דאָ פערבלייבען עטליכע סעקונדען, וועט זיא אויסברעכען אין א געוויין. אדלער'ס אנוועזענהייט האָט אין איהר יעצט ארויסגערופען א פחד און אן עקעל צוזאמען. זיא האָט זיך האסטיג אויפגעשטעלט און שנעל ארויסגעשטאמעלט:

— ענטשולדיגט מיר, איך מוז אריינגעהן אין קיך זעהן וואָס דאָרטען טהוט זיך.

זי האָט שנעל פערלאָזען דאָס צימער.

און ווידער האָט אדלער א בייזען בליק געוואָרפען אויף דעם ניגער, וועלכער איז געשטאנען מיט א שטאָלצער מינע אויף זיין שווארצער גלאנציגער געזיכט און האָט אויף איהם געקוקט מיט ארויסרופענדע, שארפע בליקען, אזוי וויא ער וואָלט איהם זאָגען: היט זיך, ברודערקע! איך וואטש דיך, איך זעה אלעס. מיין ניט, אז עס וועט זיך דיר איינגעבען דיין פלאן. דו וועסט זיך האָבען מיט מיר צו רעכענען!

אדלער האָט זיך פאר דיעזע בליקע שטארק דערשראָקען און ער האט גענומען א נערוועזער מיט שנעלע טריט ארומשפאנען איבער'ן צימער.

דער ניגער האָט צוגענומען זיינע נאָטען, זיי אריינגעלייגט אין פאקעט. נאכהער האָט ער זיך געווענדעט אין א העפליכען טאָן צו אדלער'ן:

— ענטשולדיגט מיר, סער! דיא דיענסטען זיינן זעהר ביזי. האָבען זיי מיך געבעטען, איך זאָל אויפראמען דיא הויז. איך וויל אלזא צוקלייבען דיא רום.

אדלער האָט אויף איהם ווידער געוואָרפען א בליק, פולל מיט פעראכטונג און איז אַרויס פון צימער.

ווען דער ניגער איז געבליעבען אליין אין רום, האָט ער זיך צולאכט, ארויסווייזענדיג צוויי שורות גרויסע, ווייסע ציהן און, מאכענדיג מיט דיא האנד אין דער ליגמען, אזוי וויא ער וואָלט איהם בטראַ־שען, האָט ער געזאָגט אין אידיש:

— און א מכה ווילסטו ניט? אויב דו דיינקסט, אז עס וועט דיר געלינגען צו פעראונגליקען דיזע עדלע, צארטע נשמה, האָסטו א גרויסען טעות. וויא לאנג איך וועל לעבען, וועסטו דאָס ניט אויספיהרען.

* * *

בערטהא איז אריין אויף א ווײלע אין קיך, ארויסגעגעבען אָרדערס און איז באלד אריין צו זיך אין צימער. דאָ האָט זיא ארונטערגעזונקען אויף א שטוהל און האָט אויסגעבראָכען אין א פערשטיקטען יאָמערליכען געוויין. דיא טרעהרען האָבען איהר עטוואס לייכטער געמאכט אויף'ן הארצען, אזוי וויא זיי וואָלטען א שווערע דריקענדע מאססע פון דארטען ארונטערגעשווינקט. יעצט האָט זיא גענומען נאָכדיינקען וועגען דעם, וואָס עס האָט מיט איהר פריהער פאסירט. דער ערשטער געדאנק איז געוועזן, אז זיא זאָל דאָס גלייך דערצעהלען ראָטער'ען. אלס איהר הייליגע פפליכט האָט זיא דאָס בעטראכט. זיא דארף פאר איהם, איהר מאן, קיינע געהיימניסע ניט האָבען. און א גליקליכער געפיהל האָט איהר בעהערשט. ער וועט זעהן, וויא געטריי זיא איז איהם, וויא אָפענהערציג זיא איז צו איהם.

אָבער דיעזער גליקליכער געפיהל איז פערשוואונדען אזוי שנעל וויא ער איז געקומען. און אן אנדער געדאנק, א טרויעריגער, א פינסטערער, האָט גענומען עגבערען איהר מוח, איהר הארץ: עס איז זעהר מעגליך, אז ראָטער האָט דאָס איהם טאקע אומישנע אונטערגעשיקט — האָט זיא געטראכט— אדלער וואָלט זיך אזא פרעכהייט ניט ערלויבט געגען איהר. ניט אנדערש, נאָר דאָס איז געוועזן אן אָפגעמאכטע זאך צווישען זיי ביידען.

און איהר אויפגעפלאמטע פאנטאזיע האָט ווייטער גענומען ארבייטען. דאָס וואָס איהר מאן איז אוועק מיט ביטרים'ען אויף דער פארם, איז אויך געוועזן בלויז אן אָנשטעל. זיא ביטרים, — איז אלזא אויך צוזאמען מיט זיי אין א פערשווערונג געגען איהר. און אויף דעם ניגער'ס אריינ־

קומען איז געווען אן אפגעמאכטע זאך. ראטער זוכט פאלשע בעווייזע געגען איהר, — בעווייזע אין אונטרייהייט צו איהם, אום ער זאל קענען קריגען פון איהר א געזעצליכע שיידונג. אט, וועט ער באלד אנגעבען אויף איהר אין קאורט. ער האט דאס טאקע צוליעב דיעזען צוועק זיי איינגעלאדען אהער.

זיא איז וויא א געררייצטער טיגער אויפגעשפרונגען פון שטוהל און גענומען ארומלויפען איבער'ן צימער, רייסענדיג זיך ווילד דיא האר פון קאפ.

אין דער זעלבער צייט איז אדלער וויא א ווילדער ארומגעגאנגען ארויף און אראפ איבער זיין צימער און געטראכט וועגען דעם וואס עס איז פריהער צווישען איהם און בערטהא'ן פארגעקומען. ער איז געווען צופריעדען וואס ער האט איהר ענדליך ארויסגעזאגט וואס עס דריקט אזוי שטארק זיין נשמה; זיא ווייסט יעצט, אז ער האט איהר ליעב.... עס האט איהם אבער פערדראסען פאר וואס ער האט פון איהר קיין אנטווארט ניט בעקומען. דער ניגער איז גראד אריינגעקומען. זאנסט וואלט זיא איהם געווים עטוואס געזאגט, איז ער געווען זיכער. דא דערמאנט ער זיך וויא זיא האט איהם האסטיג אפגעשטויסען פון זיך, ווען ער האט גענומען קושען איהר האנד.. אבער ער איז זיכער ביי זיך, אז ווען דער שווארצער וואלט ניט געווען אריינגעקומען, וואלט ער איהר אללעס ארויסגעזאגט — אללעס וואס ער האט דיא לעצטע פאר טעג דא איבערגעלעבט; זיין גאנצע הארץ וואלט ער פאר איהר אויפגעדעקט און זיא וואלט צו איהם אזוי שטרייננג ניט געווען; זיא וואלט מיט איהם מיטלייד געהאט, זיא וואלט איהם פערשטאנען.... און ער האט בעשלאסען, נאך היינט מיט איהר צו האבען א געשפרעך. זיא מוז אללעס, אלעס וויסען.

פלוצלונג האט ער זיך אפגעשטעלט און איז געווארן זעהר פערטרויערט. מארגען דארף ער שוין אפפאהרען — האט ער געטראכט און א פראסט איז דורכגעלאפען איבער אללע זיינע גליעדער — וויא וועט ער קענען לעבען, ניט זייענדיג לעבען בערטהא'ן? ער וועט דאך פון ביינקשאפט קיין איין רוהיגע מינוט ניט האבען. און זיין פרוי? ער האסט איהר ניט, אבער ער האט צו איהר קיין שום געפיהלען ניט מעהר. זיין הארץ בעלאנגט צו בערטהא'ן — זיין הארץ, זיין נשמה, זיין גאנצער וועזען.

און ער נעהמט זיך פארשטעלען וויא זיין פרוי וועט איהם נעהמען אויספרעגען ווארום ער איז אזוי אומעטיג (אנדערש וועט ער דאך געווים ניט זיין...) און וואס וועט ער ענטפערען? ער וועט דאך איהר מוזען זאגען מיט דער צייט דעם אמת. און ער טראכט וועגען דעם סקאנדאל וואס עס וועט זיך דאן אויפהויבען. אבער דאס מוז דאך געשעהען — קומט ער צום בעשלוס — אנדערש קען דאס ניט זיין. עס וועט זיך קאכען א צייט און דערנאך וועט עס פערגעסען ווערען. דאס זיינען זאכען וואס פאסירען אפט אין לעבען.

זיין געוויסען האט איהם ניט געפלאגט. מיט זיין פרוי האט ער קיין קינדער ניט. ראטער לעבט ניט גליקליך מיט בערטהא'ן, ער האט איהר ניט ליעב — אין דעם איז ער שוין געווען זיכער — טא וואס פאר א פארברעכען בעגעהט ער דא? ראטער וועט איהם נאך זיין גאנצען לעבען דאנקבאר זיין וואס ער האט איהם בעפרייט פון דער פרוי, מיט וועלכע זיין פאטער האט איהם מיט געוואלט פערבונדען. עס בלייבט איהם אלזא בלויז איבער צו געווינען איהר הארץ און דאס — איז ער געווען זיכער ביי זיך — וועט איהם געלינגען. זיא וועט זיך איבערצייגען וויא הייס, וויא שטארק ער ליעבט איהר; זיא וועט ענדליך איינזעהען, אז אויף ראטער'ן האט זיא קיינע האפנונגען ניט מעהר; וועט זיא איינוויליגען אויף א שיידונג און דאן וועט זיא איהם איהר הארץ שיינקען.

ביי דיעזען געדאנק האט זיין געזיכט גענומען שטראהלען פון גליק און אין זיינע אויגען האט זיך א ליידענשאפט־

ליבער פייער׳ל אנגעצונדען. עס האט זיך איהם געדוכט, אז ער און בערטהא זיינען שוין בעפרייט — ער פון זיין פרוי און זי פון ראטער׳ן — זיי האבען זיךביידע איביגע ליעבע געשווארען און צו זייער גליק איז גאר אויף דער וועלט קיין גליי־כען ניטא.

פלוצלונג האט דיא הארטע ווירק־ליכקייט ווידער אויף איהם אן אומעט ארויפגעיאגט. ער האט זיך ווידער דער־מאנט, אז מארגען דארף ער אפפאהרען פון דאנען. ער קען אפילו דא פערבליי־בען לענגער. ראטער האט איהם אליין גע־בעטען, אז ער זאל נאך ניט פאהרען, אבער ער וויל אליין שוין פאהרען. וואלט דיא פרוי מיט איהם דא ניט געווען, וואלט ער מיט פערגעניגען געבליבען. און ער בעשליסט אין א פאאר טעג ארום אליין צוריק אהער צו קומען און פערבלייבען דא א צייט. ער וועט היינט נאך ריידען מיט בערטהא׳ן און איהר זאגען, אז ער וועט צוריקקומען.

ראטער מיט ביטריס׳ען זיינען צוריק־געקומען פון דער פארם און מען האט זיך געזעצט עסען דינער. בערטהא איז דיא גאנצע צייט געזעסען פערזונקען אין גע־דאנקען און האט קיין ווארט ניט גערעדט. אדלער איז אויך געווען אין א דריקענדע שטימונג און ער האט ווייניג גערעדט. ביטריס איז געווען, וויא אימער, פרעהליך. אבער ער האט איהר יעדעס מאל וואס זיא האט זיך געווענדעט צו איהם גע־ענטפערט:

— דאנ׳ט באדער מי, פליעז!

— בערטהא! — האט זיא זיך ענד־ליך געווענדעט צו איהר פריינדין מיט א כלומרשט פון פערדרוס — דו האסט מיי־מיין מאן קאליע געמאכט. עפעס איז ער גאר ניט דער זעלבער מענש. עפעס איז ער שטענדיג א פערזויערטער, א פער־דאגה׳טער. ער איז דאס פריהער קיינמאל ניט געווען.

אויף בערטהא׳ס געזיכט האט זיך א האלב טרויעריגער שמייכעל בעוויזען און זיא האט געענטפערט:

— זיי רוהיג, ביטריס, איך האב דיר דיין מאן ניט קאליע געמאכט, און דאס וואס דו זאגסט, אז ער איז פריהער קיינ־מאל אזוי ניט געווען, צייגט עס בלויז, אז די האסט איהם גוט ניט געקענט, אז דו קענסט איהם נאך יעצט אויך ניט...

דיא לעצטע ווערטער האט זיא שטארק בעטאנט. אבער ניט ביטריס און ניט ראטער האבען פערשטאנען וואס זיא מיינט דערמיט. דער איינציגער וואס האט זיא פערשטאנען איז געווען אדלער. דאס האט איהם בערטהא א שטאך געטהאן, האט ער ביי זיך געטראכט. ער איז גע־ווארען אויפגערעגט און ער האט זיך אפגערופען צו זיין פרוי:

— וואס האסטו טענות צו פרעמדע? אויב איך בין ניט דער זעלבער מענש, ביזטו אין דעם שולדיג און ניט קיין אנ־דערער. בערטהא איז גערעכט דערמיט וואס זי זאגט, אז דו קענסט איהם ניט...

— איך קען דיך נאך צו גוט, עלעקס!

— האט דיא פרוי איהם געגעבען א לייכ־מען פאטש איבער׳ן פנים — עס איז שוין גענוג צייט, אז איך זאל דיך קענען.

— עס הויבט זיך ניט אן — האט בערטהא ווידער זיך אפגערופען — דוא קענכט איהם ניט, ביטריס! הער וואס איך זאג דיר!

— דו מאכסט מיר ווירקליך שוין נייגיעריג, בערטהא! — האט מיסעס אדלער געזאגט — מסתמא ווייסטו דאך פון איהם אזעלכע זאכען וואס איך וויים זיי ניט. אדרבא, לאמיך הערען.

ביי אדלער׳ן האט דיא הארץ געגר־מען שטארק קלאפען. בערטהא האט גע־רעדט זעהר ערנסט. ער האט אויך איהרע שטעכיגע בליקען אויף איהם בעמערקט, און ער האט געציטערט, אז זיא זאל ווירק־ליך ניט דערצעהלען וואס צווישען זיי איז פארגעקומען. ער איז געווארען זעהר צוטראגען.

ראטער, וועלבער האט דיא גאנצע צייט געשוויגען, האט געקוקט אויף זיין פריינד מיט פערוואנדערטע בליקען. עפעס איז איהם זיין האלטונג פארגעקומען פערדעכטיג. „וואדום איז ער עפעס אזוי צוטראגען?" האט ער זיך אליין געפרעגט. און אויך בערטהא איז צו־טראגען. עפעס האט דא געמוזט פארקו־

מען. ניט אנדערש אז אדלער מוז זיין אייפערזיכטיג אויף זיין פרוי, ווארום זיא איז אליין אוועק מיט איהם אויף דער פארם, האט ער געדיינקט, און בערטהא׳ן פערדריסט ווידער ווארום ער האט איהר ניט מיטגענומען. און ער האט זיך אפגערופען:

— איך וועל אייך זאגען דעם סוד, מיסעס אדלער, אייער אלטער איז דזשעלאוס ווארום מיר זיינען אוועק אויף דער פארם און מיר האבען איהם דא געלאזען. איך קען איהם זעהר גוט. ער איז געפעהרליך אייפערזיכטיג. דאס איז אלעס.

— ווארום בין איך ניט אייפערזיכטיג אויף איהם? — האט דיא פרוי מיט א שמייכעל געזאגט.

און ווענדענדיג זיך צום מאן מיט א ליעבליכען שמייכעל, האט זיא איהם געפרעגט:

— ביזט טאקע אייפערזיכטיג, עלעקס? איך האב דאך דיך דא געלאזען מיט א שעהנע־ער פון מיר. נו, זיי א גוד באי—האט זי איהם א קוש געגעבען. מארגען וועלען מיר אהיים פאהרען און מיר וועלען שוין זיין צוזאמען.

— דאס ערשטע מאל הער איך, אז א פרוי זאגט דעם אמת! — האט אדלער געזאגט מיט א׳ן אנגעשטריינגטען געלעכטער—דאס ערשטע מאל הער איך, אז א פרוי זאל צוגעבען, אז עס איז דא א שעהנערע פון איהר.

ער איז געווען גליקליך וואס ער קען אינדירעקט מאכען בערטהאן א קאמפלימענט.

בערטהא איז געזעסען מיט ארונטערגעלאזענע אויגען און אויף איהר געזיכט זיינען צוויי פלאמענדע רויטע פלעקען ארויסגעטראטען. אין איהר הארצען האט יעצט א שטורם געבושעוועט און זי האט בעשלאסען נאך היינט צו דערצעהלען דעם מאן אלעס וואס אדלער האט איהר היינט געזאגט. טאמער האט ער אדלער׳ן ווירקליך אונטערגעשיקט אום צו קריעגען געגען איהר בעווייזע אין אונטרייהייט—איז אודאי וויכטיג, אז זיא זאל דאס זאגען... און א שוידער האט איהר דורכגענומען ביי דעם געדאנק. וואלט כאטש דיא שוויגערדא געווען—האט זיא וויטער געטראכט—וואלט זיא דאס איהר דערצעהלט און זיא וואלט שוין מיט ראטער׳ן וועגען דעם גערעדט. זיא וועט איהר וועגען דעם באלד שרייבען, האט זיא בעשלאסען. באלד האט זיא זיך אבער בעדיינקט, אז זיא קען דאס ניט טהאן, זיא דארף דאס ניט טהאן. יענע איז דארט אויף קוראציע, צו פארבראווען זיך אין געזונד, און ווען זיא וועט אזא ב־יעף בעקומען, וועט זיא נשווים גלייך אהיים קומען, און דאס וועט נאך מעהר אויפרייצען ראטער׳ען און ער וועט זיין צו איהר נאך ערגער וויא ביז יעצט. ניין, זיא וועט איהר ניט שרייבען. זיא וועט מיט איהם ריידען.

— דו ווייסט גאנץ גוט, עלעקס — האט מיסעס אדלער געזאגט — אז איך בין ניט פון דיא פרויען. האב איך דיר ניט געזאגט דעם ערשטען טאג וואס מיר זיינען אהער געקומען, אז בערטהא איז א בעריהמטע שעהנהייט? איך ווייס אבער — האט זיא קאקעטיש צוגעגעבען, צוטוליענדיג זיך צום מאן — אז דו וואלסט מיך ניט פערביטען אויף דיא שעהנסטע פרוי אין דער וועלט, כאטש איך בין ניט קיין שעהנע...

— אזוי? האט ער געזאגט אין אן ערנסטען טאן — און איך ווייס דאס ניט. דו ביזט אזוי זיכער אין דעם? און איך...

דער געשפרעך איז איבערגעהאקט געווארען. עס זיינען אריינגעקומען עטליכע שכנים און מען האט גענומען ריידען וועגען דעם קאנצערט. אז עס וועט זיין אן אונגעהייערער ערפאלג, וועגען דעם איז קיין שום צווייפעל ניט געווען. מאסען טיקעטס זיינען פערקויפט געווארען און עס האט זיך איבעראל געהערט, אז מען קלייבט זיך צו קומען צום קאנצערט. דיא פראגע איז יעצט אלזא געווען: וואו וועט מען אזא גרויסען עולם אהין טהאן?

ראטער האט געמאכט א פארשלאג, אז מען זאל דרויסען אויפשטעלען פון ברעטער א מין ביהנע און מען זאל אויך מאכען לאנגע בענק, אזוי אז עס זאל זיין גענוג פלאץ פאר אלעמען. דער פלאן איז אלעמען געפעלען. ראטער האט גלייך געשיקט רופען דיא איבעריגע מיטגליעדער

פון דער ארריינדזשמענטס קאמיטע און, נאך א קורצע בעראטהונג, האבען אלע דיעזען פארשלאג אונטערשטיצט און ראטער האט גלייך געגעבען א בעפעהל דעם ניגער, ער זאל זיך נעהמען צו דער ארבייט.

— דזשארדזש וועט אליין ניט אויספייען אלעם צו מאכען — האט אדלער בעמערקט — מען דארף איהם צוהעלפען.

דאס זאגענדיג, האט ער ארונטערגעווארפען פון זיך דעם ראק, פערקאשערט דיא ארבעל און איז ארויס צום ניגער איהם העלפען אין דער ארבייט. ער איז געווען זעהר צופריעדען וואס ער האט א געלעגענהייט יעצט צו זיין בעזונדער פון זיין פרוי. זיא וואלט זיכער געווען צוגעשטאנען צו איהם מיט כל־אגען, אויף וועלכע ער וואלט איהר יעצט, אויף דיעזען פלאץ ניט געוואלט ענטפערן.

בערטהא האט זיך געפונען אין א זעהר אויפגערעגטען צושטאנד. אדלער'ס רייד ביים מיטאג האבען איהר נאך מעהר אויפגערעגט. קיינער האט זיי ניט פערשטאנען, אבער זיא האט זייער בעדייטונג גוט בעגריפען. קיין געלעגענהייט צו ריידען מיט ראטער'ן האט זיא ניט געהאט. ער איז געווען ביזי אין דער קאמיטע. זי האט זיך געפיהלט אזוי שלעכט, אז זיא האט געדיינקט צו זאגען ראטער'ן, אז זיא וועט ניט קענען אנטהייל נעהמען אין דעם קאנצערט.

— וויא אזוי זינגט מען, אז דיא הארץ איז מיר אזוי פערביטערט — האט זיא צו זיך אליין געזאגט.

און דער געדאנק, אז זיא וועט דארפען אויפטרעטען צוזאמען מיט אדלער'ן — דאס האט איהר איינפאך ווילד געמאכט.

דער ניגער האט ארויסגעוויזען א מין טייפעלשע שנעלקייט ביי דער ארבייט. אין א שטונדע צייט האט ער געהאט צוזאמענגעבראכט גענוג געהילץ. וואו ער האט נאר געקענט דערקאזשען ערגעץ א ברעטעל האט ער עס געבראכט. דיא ארבייט האט געברענט אונטער זיינע הענד. אמת, אדלער האט איהם צוגעהאלפען, אבער אהן דיעזער הילף וואלט ער זיך אויך ספראוועט. דער ניגער האט פערשטאנען דיא כונה פון אדלער'ס מיטהעלפען: „ער וויל זיך דאך בעוויזען פאר בערטהא'ן" — האט ער געזאגט צו זיך זעלבסט — „אז ער איז ניט קיין שלים־מזל'ניק. אבער ווען דו וואלסט וויסען וואס פאר א סוף דו וועסט היינט דא ארייגכאפען, וואלסטו זיך ניט אזוי געפארעט".

פארנאכט איז אלעם געווען פערטיג. ווען עס איז געקומען צום אריבערטראגען דיא פיאנא, האט דער ניגער זיך געווענדעט צו דיא געסט נאך הילף. ראטער האט זיך זעהר דערפרעהט, זעהענדיג ווי אלעם איז פיין איינגעריכטעט. ער האט דעם שווארצען דערלאנגט א צוויי־דאלאר בילל, מאכענדיג איהם דערביי קאמפלימענטען דערפאר וואס ער האט זיך אזוי שנעל און אזוי גוט געספראוועט מיט דער ארבייט.

אבער וויא ערשטוינט איז ער געווארען, ווען דער ניגער האט איהם געזאגט:

— איך דאנק אייך זעהר, אבער דיא געלד וועל איך ניט צונעהמען. איך פיהל זיך גליקליך, אז איך האב אויך געקענט עטוואס טהאן פאר דיעזען נאבעלען צוועק. איהר קענט דיא צוויי דאלאר אוועקגעבען פאר דעם האספיטאל.

אלע אנוועזענדע האבען איהם אפלאדירט. ראטער איז געווען שטאלץ דערמיט און ער האט זיך אפגערופען צו איהם:

— דו ביזט אלל רייט, דזשארדזש. איך וועל דיר דערפאר געבען א רייז 5 דאלאר א מאנאט אויף דיינע וויידזשעס.

דער ניגער האט זיך טיעף פערנייגט און איהם געדאנקט.

עס איז שוין געווען דונקעל. דיא קאמיטע, וועלכע האט זיך אונטערגענומען צו דיענען אלס אשערס און אין אנדערע עמטער, איז שוין געווען אויפ'ן פלאץ. ראטער האט זיך געוואונדערט ווארום מען זעהט עפעס ניט בערטהא'ן. זיא האט דאך שוין אודאי געדארפט זיין גרייט. אלס ווירטהין פון הויז, דארף זיא דאך דיא געסט אויפנעהמען. ער איז אל־

זאָ געוואָרען אונרוהיג. ער איז אריין אין קיטשען, דיינקענדיג, פיעלייכט איז זיא דאָרט, אבער ער האט איהר דאָרטען ניט געפונען. דאַן איז ער אריין אין דיינינגרום. אָבער זיא איז דאָרט אויך ניט געווען. ער האָט שוין געוואָלט צוריקגעהן אין קיטשען און הייסען אַ דיענסט, זיא זאָל איהר רופען. ער האָט זיך אָבער צוריקגעהאַלטען. „וואָס פאַר אַ פּנים וועט דאָס האָבען פאַר דיא דיענסטען", האָט ער זיך געטראַכט. ער איז געווען זיכער, אַז זיא מוז זיין ביי זיך אין צימער און ער איז געבליבען שטעהן אין אַ פערלעגענהייט. אריינגעהן אהין האָט ער ניט געוואָלט. און דאָ ווערט שפּעט. ער האָט געזעהן דורך'ן פענסטער וויא עס קומען אָן געסט. ער איז נאָך ניט אָנגעטהאָן. ער איז אַלזאָ אריין צו איהר אין רום.

בערטהאַ איז אויפגעשפּרונגען, ווען זיא האָט איהם דערזעהן. דיא האַרץ האָט אין איהר גענומען קלאַפּען, אַזוי וויא ביי אַ שקלאַף, ווען ער דערזעהט פּלוצלונג זיין האַרר... דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט איבערגעטראָטען דיא שוועל פון איהר צימער. זיא האָט איהם אָנגעקוקט מיט בליקען, וועלכע האָבען אויסגעדריקט שרעק און ערשטוינונג צוזאַמען.

— עס איז דאָך שוין שפּעט — האָט ער שטיל ארויסגערעדט — עס קומען שוין אָן געסט. מען דאַרף דאָך זיי אויפנעהמען.

זיא האָט איהם געוואָלט דערצעהלען דיא אורזאַכע ווארום זיא איז נאָך ניט אָנגעטהאָן און ערקלעהרען, אַז זיא וועט ניט קענען אנטהייל נעהמען אין קאָנצערט, אָבער דיא ווערטער זיינען איהר אָפּגעשטאָרבען אויף דיא ציטערענדע ליפּען. ער — ביי איהר אין רום? — דאָס האָט איהר פערטויבט. ראָטער האָט געדענקט, אַז זיא איז דאָס אין כעס וואָרום ער איז אוועק מיט ביטרים'ען אויף דער פאַרם; אַז זיא איז אייפערזיכטיג. און אַזוי וויא ער האָט זיך געפיהלט אונשולדיג אין דעם, האָט עס איהם פערדראָסען ווארום זיא זאָל דערפון לײדען. און אַז זי לײדעט האָט ער לייכט דערקענט אָן איהר אייסזעהן און אָן איהרע אויגען, וועלכע זיינען געווען פייכט פון טרעהרען.

ניט בעקומענדיג פון איהר קיין אנטוואָרט, איז ער אַ פערציטערטער געוואָרען. ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט זיא זיך ניט וועלען צייגען פאַר דיא געסט, אפשר וויל זיא זיך יעצט מיט איהם אָפּרעכענען... און דיא האַרץ איז אין איהם איינגעפאַלען ביי דיעזען געדאַנק. „אַזאַ שאַנדע! אַזאַ סקאַנדאַל!" האָט ער ביי זיך געטראַכט — „איך וועל זיך דאָך בעגראָבען אַ לעבעדיגער!" און ער האָט שוין חרטה געהאַט פאַר וואָס ער האָט זיך אַזוי געריסען, אַז דער היינטיגער קאָנצערט זאָל דוקא ביי איהם שטאַטפינדען. וואָלט ער געווען ערגעץ אַנדערש, וואָלט ער זיך ביי איהר ניט געדאַרפט יעצט בעטען, אַז זיא זאָל אַנטהייל נעהמען. אָבער יעצט...

— עס ווערט דאָך אַלץ שפּעטער.

— האָט ער ווידער אַ זאָג געטהאָן אין זעהר אַ העפליכען טאָן, אַזוי וויא ער וואָלט זיך בעטען ביי איהר, אַז זיא זאָל זיך שוין אַנטהאָן.

— איך האָב זיך נאָך'ן דינער צוגעלעהנט און בין פערשלאָפען — האָט זיא געזאָגט אַ ליגען — אין אַ פערטעלשטונדע ארום בין איך אָנגעטהאָן.

דיא פּאָאַר ווערטער, וועלכע ער האָט צו איהר גערעדט מיט אַזאַ העפליכקייט, האָבען איהר געמאַכט אָן אַלעס פערגעסען. זיא האָט פאַר זיך יעצט געזעהן איהר געליעבטען מאַן, וועלכער האָט איהר דיא גרויסע עהרע פערשאַפט און איז צו איהר אריינגעקומען און וועלכער בעט זיך ביי איהר עטוואָס — ווער קען זיך יעצט צו איהר גלייכען. און ווען ער זאָל יעצט איהר הייסען געהן אין פייער אריין, וואָלט זי דען ניט געגאַנגען?...

און ראָטער? ער איז איהר אויך דאַנקבאַר געווען דערפאַר וואָס זיא וועט איהם קיין שאַנדע ניט פערשאַפען. און ער האָט געפונען פאַר נויטיג נאָך עטוואָס צו זאָגען:

— זאָל איך פיליייכט אריינשיקען די דיענסט, זיא זאָל צוהעלפען?

ער האט זיך אויסגעהיט ניט צו ריידען יעצט צו א ׳ פער „איהר", וועהרענד צו רוצען איהר האט ער קיין מוטה ניט געהאט.

— עס איז ניט נויטיג, — האט בערטהא געזאגט — איך קען זיך אליין אנטהאן.

ער האט אנגעצונדען דיא גאז און איז ארויס. אין האלל האט ער זיך בעגעגנט מיט דעם ניגער, ביי וועמען דיא אויגען האבען געבלישצעט מיט א מין פרייד. ראטער האט זיך וויא פערשעהמט פאר דעם שווארצען, דערפאר וואס ער האט איהם געזעהען ארויסגעהן פון בערטהא'ס צימער. דער ניגער האט דאס גוט בעמערקט און האט געזאגט, אזוי וויא ער וואלט זיך וועלען פערענטפערען, אז ער האט איהם ניט נאכשפיאנירט:

— מיסטער און מיסעס אדלער האבען מיר געשיקט אייך זוכען. דיא געסט פרעגען זיך אויף אייך. איך וויל אייך אויך זאגען, אז איך האב גענומען דיא לאמפען פון אויטאמאביל, אום צו בעלייכטען דיא סצענע.

— אלל־רייט, ביזט א גוד באי, דזשארדזש — האט ראטער איהם פריינדליך געקלאפט איבערן פלייצע, — געה זאג זיי אז איך טהו זיך אן. איך וועל באלד זיין אונטען.

ער איז אריין צו זיך אין רום און זיך גענומען שנעל אנטהאן. פלוצלונג האט ער זיך אפגעשטעלט און האט א מאך געטהאן מיט דער האנד, אזוי וויא ער וואלט זיך אן עטוואס וויכטיגעס געוועזען פארגעסען. ער איז צוגעלאפען צו דער סייף, איהר אויפגעשלאסען, ארויסגענומען פון דארט א קליינעם פעקעלע און איז דערמיט צוגעלאפען צו בערטהא'ס צימער און אנגעקלאפט אין טהיר.

— ווער איז דארט? — האט זיך געהערט בערטהא'ס קול פון אינוועניג.

— איך, מאיר, — האט ראטער געענטפערט.

און ניט ווארטענדיג אויף קיין אנטווארט איז ער אריין אין רום. ער איז געבליבען שטעהן ז. פערשעהמטער, וויא א תדר־אינגעל, ביי דער שועל. בערטהא איז געוועזען האלב אויסגעטהאן. איהר מארמאר־ווייסער, פראכטפאל אויסגעשניצטער ענטבלעזטער קערפער האט איהם זיינע אויגען פערבלענדעט. בערטהא האט זיך אויך פערשעהמט. זיא האט ניך א כאפ געטהאן עפעס א קליידעל וואס איז איהר געקומען אונטער'ן האנד און דערמיט פארשטעלט איהר בוזים ביז'ן האלז. איהר געזיכט איז געוועזען בעגאסען מיט א פלאמענדע רויטקייט, וועלכע האט איהר אין דיעזער פאזע נאך מעהר חן און רייץ צוגעגעבען.

ראטער'ן האט פארדראסען ווארום ער איז יעצט אריינגעקומען. „זיא קען נאך מיינען" — איז איהם דורכגעלאפען א געדאנק — „אז איך בין אומישנע אריינגעקומען יעצט, ווייל איך האב געוואוסט אז איך וועל איהר טרעפען אין אזא פאזע"— אבער דאך האבען זיינע אויגען איהם געצויגען צו דיא ענטבלעקטע ערטער פון איהר וואונדער־שעהנעם קערפער. דיא געדאנקען האבען זיך איהם גענומען מישען אין קאפ.

— איך האב פארגעסען — האט ער ארויסגעשטאמעלט א צוטומעלטער — איך האב געבראכט דיא דזשועלערי.

ער איז צוגעגאנגען צום טיש און האט אוועקגעלייגט דאס פעקעלע, זאגענדיג די ווערטער:

— עס איז שפעט, מען האט מיך שוין געשיקט זוכען.

בערטהא איז געשטאנען עטוואס אויסגעדרעהט און זיינע אויגען זיינען געפאלען אויף איהרע נאקעטע שולטערען. ער איז געבליבען שטעהן וויא א צוגעשמידעטער צו זיין ארט. ער האט געזוכט אין געדאנקען עפעס אן אויסרייד אום דא לייגער צו פערבלייבען, אבער ער האט גאר ניט געפונען. ער איז דארום מיט לאנגזאמע טריט צוגעגאנגען צו דער טהיר, ניט ארונטערנעהמענדיג זיינע בליקען פון בערטהא'ן.

בערטהא האט געזעהען זיין צוטראגענהייט און זיא האט גוט פערשטאנען דיא אורזאכע דערפון. א צופריעדענער

שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף איהר רויטע, פלאמענדע געזיכט און אין איהרע אויגען האט א פרייליכער פייעריל געגנר־מען בלישצען. ווען ער איז שוין געווען צוגעגאנגען צו דער טהיר, האט זיא שטיל ארויסגערעדט, מעהר פאר זיך זעלבסט:

— איך וועל דארפען מען זאל מיר צור באטענען דיא דרעס.

ראטער האט געגעבען א שפרונג צור־ריק און געזאגט:

— איך וועל דאס טהאן. דיא דיענסטען זיינען דאך יעצט זעהר ביזי מיט'ן ציגרייטען מכבד צו זיין דיא געסט.

זיא האט אויף איהם א קוק געטהאן מיט בליקען, אין וועלכע עס האט זיך אפגעשפיגעלט א ים מיט ליעבע און דאנקבארקייט.

אך, וויא גליקליך זיא האט זיך יעצט געפיהלט! וויא א בעצויבערטע איז זיא געשטאנען און געקוקט אויף ראטער'ן, ביי וועמען דיא באקען האבען אויך געפלאמט און וועלכער האט שטארק געציטערט און איז געווען זעהר אונגעדולדיג.

בערטהא האט ארויפגעצויגען אויף זיך דיא דרעס און, ניט ריידענדיג קיין ווארט, איז זיא צוגעגאנגען צו ראטער'ן ער זאל איהר צובאטענען. ווען זיא האט דערפיהלט אויף זיך זיינע ציטערענדע פינגער און זיין הייסען אטהעם, איז זיא אויפגעשפרונגען, אזוי וויא אן עלעקטרישער דראט וואלט איהר געווען בעריהרט. זיא האט געפיהלט אויף איהרע ענטבלעזטע שולטערען זיינע פייערדיגע בליקען...

ווען ער איז פארטיג געווארען מיט דער ארבייט, האט ער מיט א גוטמוטהיגען שמייכעל בעמערקט:

— איך האב איבערגעצעהלט דיא באטאנס. 58 שטיק! עס נעהמט צייט ביז מען ווערט מיט זיי פערטיג.

— מען טראגט היינט דרעסעס מיט פיער הונדערט באטאנס — האט בערטהא בעמערקט.

און עס האט איהר יעצט פארדראסען פאר וואס זיא האט ניט אזא דרעס... ווען ער איז פארטיג געווארען מיט זיין ארבייט, האט איהר גאנג געטהאן ווארום ער איז אזוי שנעל פערטיג געווארען...

אויף ראטער'ן, אז פארדראסען ווארום זיא טראגט ניט קיין דרעס מיט פיער הונדערט באטאנס...

— איך געה זיך אויך אנטהאן, — האט ראטער געזאגט און איז ארויס פון צימער. ער האט זיך יעצט ווידער בעגעגנט מיט דעם נעגער, וועלכער האט איהם געזאגט, אז מען האט איהם וויעדער געשיקט פרעגען, ווארום דער באס קומט ניט ארויס.

— איך קום שוין ארויס — האט ראטער אונגעדולדיג געזאגט — איך געה זיך אנטהאן.

קיינער האט דעם שווארצען ניט געשיקט צו ראטער'ן. ער איז דיא גאנצע צייט וואס ראטער איז געווען ביי בערטהא'ן געשטאנען אין האלל, הינטער די טהיר פון בערטהא'ס רום און האט זיך איינגעהארכט אין זייער געשפרעך.

ווען ראטער איז געווען ביי זיך אין רום איז ער פלוצלונג שטארק אין כעס געווארען אויף זיך זעלבסט.

— עזעל! פערד! אידיאט! — האט ער זיך אליין געזידעלט — וואס האסטו געטהאן?

ער האט גענומען ארומגעהן א'ן אויפגערעגטער, מיט שנעלע טריט אי־בער'ן צימער, ריידענדיג ווייטער צו זיך אליין:

— וואס האט זיך מיט מיר עפעס געטהאן? וואו האב איך מיין קאפ געהאט? וואס דיינקט זיא זיך יעצט?

ער וויל זיך ערא‍ינערען ווי אזוי דאס האט פאסירט, אז ער איז פלוצלונג געווארען אזוי פריינדליך צו בערטהא'ן. ער דערמאנט זיך, אז דאס איז געווען דערפאר, ווייל ווען ער איז אריינגעקומען צו איהר אין צימער, האט ער איהר געטראפען א פערווײנטע און ער האט געמיינט, אז זיא מאכט זיך א רוגז און וועט ניט וועלען אנטהייל נעהמען אין דעם קאנצערט. דעריבער איז ער געצוואונגען געווען איהר ארויסצוצייגען פריינדליכקייט. ער וואלט דאך דיא שאנדע ניט געקענט אריבערטראגען.

פלוצלונג שטעלט ער זיך מיט אויסגעטארמשעטע, אויפגעריסענע אויגען,

אזוי וויא ער וואלט זיך אין עטוואס איינקוקען. ווי פאר זיינע אויגען האט ער יעצט בערטהא'ס האלב נאקעטען קערפער רערזעהן און א מין ציטערענדע וואריםקייט איז דורכגעגאנגען אלע זיינע גליעדער. ער איז אבער באלד וויעדער געווארען אויפגערעגט און זיך אויף דאס ניי גענומען זידלען, ארומלויפענדיג וויא א וואהנזיניגער איבער'ן צימער:

— עזעל! פערד! אידיאט!...

ער האט זיך וויעדער אפגעשטעלט און אנגעשטריינגט זיינע אויערן, אזוי וויא ער וואלט זיך צו עטוואס צוגעהארכט.

און ער האט ווירקליך געהערט א שטימע — דיא שטימע פון זיין געוויסען. זיא האט איהם געזאגט:

— וויא קען מען זיך אזוי גרויזאם שפיעלען מיט מענשליכע געפיהלען, מיט א מענשליכע הארץ, נשמה... בערטהא איז אן אויפריכטיגע און אן עהרליכע און זיא האט דיינע יעצטיגע רייד, דיין יעצטיגען בענעהמען זיך געגען איהר בעטראכט אלס אויפריכטיגע און עהרליכע, פונקט וויא זיא האט בעטראכט דיין פריהעריגע ברוטאלע, טיראנישע בעהאנדלונג אלס א רעזולטאט פון דיין ניט ליעבען איהר... ווארום האסטו איהר אזוי גרויזאם בעטראגען?...

ראטער'ס געזיכט האט זיך קראמפהאפט אויסגעקרימט, אזוי וויא א גיפטיגער שלאנג וואלט איהם אין סאמע הארצען געביסען... דאן האט ער בייז א מאך געטהאן מיט ביידע הענד אין דער לופטען, אזוי ווי ער וואלט זיך רייצען מיט יעמאנדען, אזוי וויא ער וואלט דא אימיצען אויף להכעיס אנגעטהאן און האט געזאגט מיט א מין ביטערנים אין זיין שטימע און פערקריצענדיג מיט דיא ציין:

— דאס איז נאך גאר ניט. זיא וועט בעקומען מעהר אזעלכע לעססאנס. איך וועל איהר שוין ווייזען!!...

בערטהא האט זיך יעצט געפיהלט אלס דיא גליקליכסטע פרוי אונטער דעם הימעל. אה, וויא גוט, וויא פריינדליך ראטער, איהר געליעבטער, איז געווען צו איהר! דיא הארץ האט איהר ארומגעטאנצט פון פרייד. זיא האט יעצט געפיהלט וויא ארויסצולויפען דרויסען צו דיא געסט און אויסצושרייען:

— מענשען, איך בין די גליקליכסטע פרוי אויף דער וועלט!

יא, איהר יעצטיגער גליק האט קיין גרענעץ ניט געהאט. דיא גאנצע וועלט איז יעצט געווען איהרע... זיא האט גענומען זיך אויסענדיגען איהר טואלעטע. ווען עס איז געקומען צו דער דזשועלערי, האט זיא זיך אוועקגעזעצט לעבען שפיעגעל און זארגפעלטיג עס אנגעטהאן. יעדעס שטיקעל האט זיא פריהער גוט בעטראכט, צודריקענדיג עס צום הארצען. דאס האט זיא ניט געטהאן דערפאר, וואס זיא האט אזוי שטארק ליעב ציערונג. ניין, דיא דזשועלערי איז איהר בעזאנדערס ליעב און טהייער געווען דערפאר, ווייל דאס האט איהר ראטער, איהר געליעבטער, געבראכט מיט זיינע אייגענע הענד. דערביי דערמאהנט זיא זיך ווי זיין פנים האט געשטראהלט, ווען ער האט איהר דאס פעקעלע אריינגעבראכט, וויא ער איז נאכהער געבליעבען שטעהן ביי דער טהיר, אזוי ..יא עס וואלט איהם א שאד געווען ארויסצוגעהן. און זיא נעהמט זיך אריינטראכטען, וואס איז דאס מיט איהם פלוצלונג געווארען? דא דערמאהנט זיא זיך מיט וואס פאר א בליקען ער האט געקוקט אויף איהר האלב נאקעטען קערפער און זיא לאזט ארונטער פערשעהמט דיא אויגען. און עפעס אן אונבעוואוסטער געפיהל נעהמט איהר פייניגען, עסען דיא הארץ. זיא וואלט ניט וועלען, אז דאס זאל זיין דיא אורזאכע פון זיין פלעצליכע גוטסקייט צו איהר. זיין ליעבע וויל זיא אזוי אז אנדער וועג געווינען... און עס פערדריסט איהר שטארק ווארום יר האט איהר געטראפען אין אזא פאזע.

ענדליך בערוהיגט זיא זיך. זיא דערמאהנט זיך, אז ער איז געווען גוט און הע..יך צו איהר, ווען ער איז דאס ערשטע מאל אריינגעקומען און דיעזער פיינליכער געפיהל פערשווינדעט גענצליך — זיא איז וויעדער פאלקאם גליקליך.

ווען זיא איז ענדליך פערטיג געווא־

רען מיט דער טואלעטע, האט זיא גענומען עטליכע שטילע טענער, וועלענדיג אויספראבירען איהר שטימע, און איז ארויס דרויסען.

ראטער איז שוין דארט געווען. דערזעהענדיג בערטהא'ן, איז ער צוגעלאפען צו איהר און מיט א געמאכטע העפליכקייט, וועלכע בערטהא האט בעטראכט אלס אן אויפריכטיגע, נאטירליכע, האט ער איהר צוגעפיהרט צו די מענשען, מיט וועלכע ער האט פריהער גערעדט און איהר פאר זיי פארגעשטעלט. דיעזע לייטע זיינען געווען דיא איבעריגע דירעקטארען און א פאר דאקטוירים פון דעם האספיטאל. דערזעהענדיג מיסעס אדלער, האט זיך בערטהא ענטשולדיגט פאר דעם מאן און דיא געסט און איז צו איהר צוגעגאנגען.

— עפעס שיינסטו מיר היינט אזוי, בערטהא! — האט איהר פריינדין געמאכט איהר קאמפלימענטען — דו האסט קיין מאל אזוי גוט ניט אויסגעזעהן וויא היינט.

— ווירקליך? — האט בערטהא האלב פערשעהמט געזאגט, וועהרענד אין הארצען האט איהר שטארק הנאה געטהאן דערפון — עס מוז זיך דיר אזוי דוכטען אדער דו מאכסט מיר גלאט א קאמפלימענט.

— איך מיין עס זעהר ערנסט! — האט מיסעס אדלער געזאגט.

דא האט זיא דערזעהן דעם מאן, וועלכער האט זיך יעפעס געפארעט ביים סטיידזש. זיא האט איהם גערופען אויפ'ן קול, מאכענדיג צו איהם מיט דער האנד, ער זאל צוקומען:

— עלעקס, עלעקס!

בערטהא האט א שטארקען ציטער געטהאן, דערהערענדיג דיעזען נאמען. איהר פריינדין האט דאס ניט בעמערקט, ווייל זיא האט געקוקט צום מאן, וועלכער איז מיט איין שפרונג שוין געשטאנען לעבען איהר. זיא האט צו איהם געזאגט:

— זאג דו, עלעקס, זעהט בערטהא היינט ניט אויס פיעל שעהנער וויא אימער? איך האב דאס איהר געזאגט, זאגט זיא, אז עס דוכט זיך מיר, אז איך מאך איהר קאמפלימענטען.

אדלער האט זיך איינגעגראבען מיט זיינע בליקען אין בערטהא'ס שטראהלענדע געזיכט, וועלכע איז יעצט בעצויגען געווען מיט א גליהענדער רויטקייט און ער האט געזאגט:

— איך וואלט דיר גערן געזאגט מיין מיינונג, אבער איך וועל בעסער ניט זאגען.

— ווארום ווילסטו ניט זאגען? — האט איהם דיא פרוי אנגעקוקט ערשטוינט.

— ווייל... ווייל... — האט ער גענומען שטאמלען — ווייל מיסעס ראטער ליגט זעהר ווייניג געוויכט אויף מיינע רייד.

ער האט דיעזע ווערטער אויסגערעדט מיט זיין גאנצען הארצען. אין זיינע אויגען האט זיך פלוצלונג א טיעפער אומעט בעוויזען. בערטהא'ן האבען זיינע רייד געשטאכען וויא מיט געגליהטע שפיעזען. מיסעס אדלער, הערענדיג פון מאן דיעזע ערקלעהרונג, איז נאך מעהר ערשטוינט געווארען. וואלט ער ניט גערעדט אזוי ערנסט, וואלט זיא געדיינקט, אז ער מאכט דאס שפאס. אבער זעהענדיג דיעזע ערנסטקייט זיינע, האט זיא אויסגעגלאצט אויף איהם א פאאר אויגען און האט געזאגט:

— איך פערשטעה ניט וואס דוא מיינסט, עלעקס. מאכסטו שפאס?

— קיין שפאס, ביטרים — האט דער מאן געענטפערט מיט דער זעלבער ערנסטקייט וויא פריהער און נאך מיט מעהר ביטערניס אין זיין שטימע — דאס איז דער ריינער אמת.

— מעגסט איהם גלויבען, ביטרים — האט זיך בערטהא אפגערופען מיט א געמאכטען שמייכעל אויף איהרע ליפען — ער זאגט דעם אמת; איך האלט ניט פון דיין מאן'ס רייד; איך הער זיך אפט זאגאר ניט צו צו דעם, וואס ער רעדט.

אדלער האט אויף זיך געפיהלט בערטהא'ס שטעכיגע בליקען. וויא גיפטיגע פיילען האבען זיי איהם געשטאכען.

— עפּעס לעבט איהר דיא לעצטע פּאָאר טעג ניט בשלום — האָט מיסעס אדלער מיט א נאאיוועז שמייכעל געזאָגט, ווענדענדיג זיך דאָס צו בערטהא'ן, דאָס צו איהר מאַן — עפּעס האָט איהר מיר סודות צווישען זיך.

— אז מיר האָבען סודות, טאָרען מיר ניט? — האָט אדלער בעמערקט מיט א שטאַרקע נערוועזקייט אין זיין טאָן, אזוי וויא ער וואָלט זיך וועלען רייצען מיט איהר.

— ענטשולדיגט מיר! — האָט בערטהא געזאָגט — עס זיינען אַנגעקומען געסט און איך דאַרף צוגעהן צו זיי.

— וואַרט, איך געה מיט דיר — האָט מיסעס אדלער געזאָגט, וואַרפענדיג א בייזען, שטעכיגען בליק אויף איהר מאַן.

ביידע פרויען זיינען אַוועק. אדלער איז געבליבען שטעהן זעהר א פערביטערטער. ראַטער, זעהענדיג, וויא זיין פריינד שטעהט עפּעס איינער אליין, האָט ער איהם צוגערופען צו זיך און געזאָגט, אז מען וועט שוין באַלד דאַרפען אַנפאַנגען דעם קאָנצערט.

— איך בעט דיך, בערטהא — האָט מיסעס אדלער געזאָגט, ווען זיי זיינען געווען אָפּגעגאַנגען עטליכע טריט — זאָג מיר, וואָס קומט אַזעלכעס פאַר צווישען אייך? איהר האָט זיך פיעלייכט איבערגערעדט, צי וואָס? עפּעס איז עלעקס די לעצטע פּאָאר טעג אזוי נערוועז, אזוי צו טראַגען, אז איך בין זעהר אונרוהיג.

בערטהא האָט א זייטיגען בליק געוואַרפען אויף איהר פריינדין און זיא האָט דערביי דערפיהלט א טיעפען שטאָך אין האַרצען. זיא האָט זיך פאַרגעשטעלט וואָס איהר ערוואַרטעט אין דער צוקונפט און זיא האָט געפיהלט צו איהר א מיטלייד. זיא האָט געקלערט וואָס זיא זאָל איהר דאָ ענטפערן אויף איהר פראַגע. זאָגען איהר דעם אמת? ניין, דאָס טאָר זיא ניט טהאָן אויף קיינעם פאַל. זיא וואָלט גלייך געמאַכט א סקאַנדאַל; זיא וואָלט פיעלייכט איהר חושד געווען, אז זיא האָט איהר דעם מאַן אַפּגערעדט. זיא האָט אַלזאָ בעשלאָסען זיך אַרויסצודרייהען מיט א ליגען און האָט געזאָגט:

— האָסטו דען ניט געזעהן, נאַרעלע, אז איך מאַך שפּאַס.

— איך זעה, אז דו זאָגסט מיר ניט דעם אמת — איז מיסעס אדלער וויעדערצו איהר צוגעשטאַנען — זאָג מיר וואָס האָט ער געמיינט מיט דיא ווערטער, אז זיינע רייד האָבען ביי דיר קיין שום בעדייטונג ניט, אז דו שענקסט אויף זיי קיין שום אויפמערקזאַמקייט ניט?

— וואָס ווייס איך וואָס ער האָט דערמיט געמיינט? — האָט בערטהא געצויגען מיט דיא פּלייצעס.

זיא האָט געמאַכט דערביי אזא ערנסטע מינע, אז איהר פריינדין האָט שוין ווירקליך אָנגעהויבען צו דיינקען, אז זיא וועט דאָ ביי איהר קיין זאַך ניט דערגעהן, ווייל זיא ווייס פון קיין זאַך ניט.

מיסעס אדלער האָט אָבער געברענט פון נייגיעריגקייט. אַלעס אין דער וועלט וואָלט זיא אוועקגעגעבען אום אויסצוגעפינען וואָס מיט איהר מאַן קומט פאָר. און זיא איז געפאַלען אויף אזא פּלאַן:

— הער מיך אויס, בערטהא — האָט זיא צו איהר געזאָגט אין דער שטיל, אוועקגעהענדיג מיט איהר אָן א זייט, און אָפּשטעלענדיג איהר — אז עטוואָס האָט געמוזט צווישען אייך פּאַסירען, דאָס זעה איך דאָך אזוי קלאָהר וויא דער טאָג, נור דו ווילסט עס מיר ניט זאָגען. וועל איך דיר מאַכען אזא פאָרשלאַג: אז דו וועסט מיר דאָס דערצעהלען, וועל איך דיר עטוואָס דערצעהלען וועגען דיין מאַן.

— וועגען מיין מאַן? — האָט בערטהא אויסגעשריען מיט א פאַרשטיקטען קול, ווערענדיג דערביי זעהר נערוועז — דו האָסט מיר עטוואָס צו דערצעהלען וועגען מיין מאַן?

— וואָס וואונדערסטו זיך אזוי, בערטהא? — האָט מיסעס אדלער געלאַכען און קאַלטבלוטיג ווייטער גערעדט — דו קענסט נאָך הפּנים ניט די מענער; זיי זיינען אַלע פאַלשע קערלען. פאַר די חתונה זיינען זיי גוט, כאָטש לייג זיי צו צו א געשוויר; פאַר דיינע פיס ליגען זיי אויסגעצויגען וויא געטרייע הינד; יעדען טריט וואָס דו מאַכסט, לויפען זיי דיר נאָך. אָבער נאָך דער חתונה ווערט דאָס

אלעס גלייך פערשוואונד׳ען און זיי ציינען זיך גלייך ארויס אין זי׳ער פאלשקייט. מאנכע מענער ציינען זיך גלייך ארויס, מאנכע שפעטער אביסעל, אבער אלע זיינען זיי עגאל; קיין איין רעכטער איז ניטא צווישען זיי.

— איך קען דאס אויף מאיר׳ן ניט זאגען — האט בערטהא געזאגט מיט א טאן פון פעסטקייט און זיכערהייט — ווען דיא גאנצע וועלט זאל מיר אפילו קומען זאגען, אז ער איז פאלש, וועל איך אויך ניט גלויבען.

זיא האט געברענט מיט נייגיעריגקייט צו וויסען וואס צווישען איהר מאן און ביטרים׳ען איז אזעלכעס פארגעקומען און זיא האט אומישנע איהם פערטהיידיגט, וועלענדיג אויף אזא ארט ארויסקריגען פון איהר פריינדין דעם אמת. אגב האט זיא זיך עפעס געפיהלט שטאלץ ביי זיך, דאס זיא האט א געלעגענהייט פאר יעמאנדען צו ריידען וועגען א י ה ר מאן, וועלכער איז אין דער ווירקליכקייט געווען צו איהר ביז יעצט א פרעמדער... הערענדיג יעצט פון ביטרים׳ען דיעזע ווערטער, איז איהר אייך עפעס פערדעכטיג פארגעקומען זיין היינטיגע פלעצליכע גוטסקייט צו איהר, זיין וויזיט ביי איהר אין רום.

— דו גלויבסט ניט, זאגסטו — האט מיסעס אדלער געזאגט מיט א געמאכטע ערנסטקייט — וועלל, דו וועסט שוין שפעטער אויסגעפינען. איך האב אויך ניט געגלויבט.

— ווארום זאלסטו מיר יעצט ניט זאגען? — האט בערטהא שוין ניט געקענט פערבארגען פון איהר פריינדין דיא נייגיעריגקייט און אנגסט, וואס דיעזע נאכריכט האט אין איהר ארויסגערופען.

— און ווארום ווילסטו מיר ניט זאגען?

— איך האב דיר ווירקליך גיט וואס צו זאגען, ביטרים. איבעריגענס, אויב דו גלויבסט מיר ניט, פרעג דיין מאן, וועט ער דיר זאגען.

זי האט זיך גענומען פיהלען שלעכט. זיא האט געשפירט, אז אט, אט וועט זיא אויסברעכען אין א געוויין.

— אלזא, דו ווילסט מיר ניט זאגען? — האט בערטהא מיט פערשטיקטע טרעהרען אין איהר שטימע זיך ווייטער געבעטען ביי איהר פריינדין.

— אויב דו וועסט מיר ניט זאגען, וועסטו פון מיר אויך קיין איין ווארט ניט הערען — האט מיסעס אדלער געענטפערט — איבעריגענס וואס אינטערעסירט דיך דען דאס? — האט זיא אין א ווילע ארום צוגעגעבען מיט איראניע — דו גלויבסט דאך ניט אויף ד י י ן מאן; ווען דיא גאנצע וועלט זאל קומען דיר זאגען, וועסטו דאך אויך ניט גלויבען...

דיעזע לעצטע ווערטער האבען איהר שרעקליכע שמערצען פערשאפט. זיא איז שוין בערייט געווען צו זאגען אלעס וואס צווישען איהר און אדלער׳ן איז פארגעקומען, אבי צו הערען דיעזע נייעס וועגען איהר מאן.

ווען זיא האט שוין געוואלט אנפאנגען ריידען, איז פלוצלונג הינטער זיי אויסגעוואקסען ראטער. ביידע פרויען זיינען געבליבען שטעהן דערשראקענע. זיי האבען געדיינקט, אז ער איז דא דיא גאנצע צייט געשטאנען און האט זיך איינגעהארכט אין זייער געשפרעך. ראטער, זעהענדיג וויא זיי זיינען דערשראקען געווארען, האט אויף זיי געקוקט מיט ערשטוינונג און געזאגט:

— וואס דאט איהר זיך עפעס אזוי דערשראקען? בין איך דען אזא שרעקליכער. הא? עפעס זעהט איהר אוים אזוי מאדנע — האט ער אין א ווילע ארום צוגעגעבען — אזוי וויא א גנב, וועלכען מען כאפט ביים האנד אזוי זעהט איהר אויס.

בערטהא האט געווארפען א לאנגען, דורכדרינגליכען בליק אויף איהר מאן. זי האט זיך גענומען פיהלען אביסעל בעסער, דרייסטער, פרייער. ענדליך האט זי זיך אפגערופען אין א טאן, אזוי וויא זי וואלט זיך פיעסטשען פאר איהם:

— ביטרים האט מיר יעצט זעהר פיעל שמערצען פערשאפט!

איהר פריינדין האט איהר א שטארקען טראט געטהאן אויף׳ן פוס, געבענדיג

איהר דערמיט אנצוהערענים, אז זיא זאל שווייגען.

— ביטרים האט דיר שמערצען פערשאפט? — האט ראטער אנגעקוקט זיין פרוי מיט ערשטוינונג — איז דאס וואהר ביטרים? האט ער זיך געווענדעט צו זיין פריינד׳ס פרוי.

בערטהא האט געשוויגען. זיא האט ניט געוואוסט וואס זיא זאל יעצט טהאן. זאל זיא ווייטער דערצעהלען אדער זאל זיא פאלגען איהר פריינדין.

— איך האב דיך אפגענארט! — האט מיסעס אדלער זיך הויך צולאכט, פאטשענדיג מיט דיא הענד — זעהסט וויא מ׳קען דיך „אנציהען"? איהר ווייסט וואס איך האב איהר געזאגט? — האט זיא זיך נאכהער געווענדעט צו ראטער׳ן — איך האב איהר געזאגט, אז איך האב איהר עטוואס צו דערצעהלען וועגען אייך. און זיא האט געגלויבט און קוקט איהר נאר אן וויא זיא האט זיך דאס גענומען צום הארצען!...

בערטהא איז געשטאנען מיט פערשעהמט־ארונטערגעלאזטע אויגען. בלוט־רויטע פלעקען האבען האסטיג גענומען ארויסטרעטען אויף איהר געזיכט. זיא האט שווער געאטהעמט. איהר הארץ איז יעצט געווען איבערפיללט מיט גליק. ווען זיא וואלט זיך ניט שעהמען, וואלט זיא יעצט ארויפגעפאלען אויף איהר פריינדין׳ס האלז און איהר געקושט און געדאנקט.

ראטער האט זיך אויך געפונען אין א פערלעגענהייט. ענדליך האט ער זיך אפגערופען אין א טרוקענעם טאן:

— וועגען מיר קען מען גאר ניט דערצעהלען, ווייל עס איז ניטא וואס צו דערצעהלען. איך בין ניט קיין פערבארגענער מענש. דיא וואס קענען מיך גוט, ווייסען עס.

דאן האט ער זיך געווענדעט צו מיסעס אדלער און געזאגט מיט א בלומרשטען כעס:

— און איהר האט שוין קיין אנדער „פאן" ניט געקענט אויסקלעהרען וויא דיעזען? דאס מוז הפנים זיין א פילאדעלפיער מין שפאס — אויסצוטראכטען ניט געשטויגענע, ניט געפלויגענע זאכען אויף א מענשען!

— איהר זעהט דאך וויא פילאדעלפיא האט ניו יארק איינגענארט אין זאק אריין! — האט מיסעס אדלער ווייטער געשטיפט.

— נו, זאל שוין זיין גענוג — האט ראטער א מאך געטהאן מיט׳ן האנד — דער קאנצערט פאנגט זיך באלד אן. דער ערשטער אויפ׳ן פראגראם זיינען מידיע — האט ער זיך געווענדעט צו בערטהא׳ן — איך האב דיך ארומגעזוכט. עס קומען אלץ אן נייע געסט. מען דארף זיי עמפפאנגען...

ער האט גערעדט מיט דערזעלבער העפליכקייט וויא פריהער, בשעת ער איז געווען ביי איהר אין צימער, און אין איהרע אויערן האבען דיעזע ווערטער אפגעקלונגען וויא א הערליכע מעלאדיע.

ראטער האט ביידע פרויען גענומען אונטער דיא ארמס און איז מיט זיי צוגעגאנגען צום סטיידזש. אויפ׳ן וועג האט ער זיי פארגעשטעלט פאר פערשיעדענע געסט, מיט וועלכע ער איז געווען בעקאנט.

דער עולם איז געווען זעהר א גרויסער. פון אלע ארומיגע זומער־פלעצער איז מען געקומען צום קאנצערט. ערשטענס, האט דער האספיטאל, פאר וועלכען דיעזע אונטערנעהמונג איז ארראנזשירט געווארען, געהאט זעהר א גוטען שם אלס א׳ן אמת׳ע פאלקס־אינסטיטוציאן, וואו דיא פאציענטען בעקומען א ברידערליכע הילף; צווייטענס, איז מען טאקע געקומען הערען דעם רייכען מוזיקאלישען פראגראם און ספעציעל דעם ניגער, וועלכער זינגט אידישע ליעדער וויא א איד זמירות. דיא וואס האבען בייגעוואהנט דעם פאראכטאגעדיגען קאנצערט, האבען דיא גאנצע וואך געהאלטען אין איין רייטען וועגען איהם.

דער גרויסער עולם איז געווען אויסגעזעצט אויף דיא לאנגע ביינק פון פראסטע ברעטער, וועלכע דער ניגער האט צוגעריכט. דיא פרויען זיינען געווען דיק בעהאנגען מיט דזשולערי, וועלכע האט געבלישצעט און געפינקעלט אין דער

דונקעלהייט פון דער נאכט. פון ווייטען האט עס אויסגעזעהן אזוי וויא א שטיק הימעל מיט עטליכע טויזענד שטערען וואלט זיך אפגעריסען פון דער הויך און ארונטערגעפאלען אויף דער ערד... פון דיא פערזאמעלטע האט זיך געטראגען א גערויש, אין וועלכען עס האט אפגעקלונגען פריילינע געלעכטער.

אויפ'ן סטיידזש איז ארויף ראטער. ער האט געגעבען א צייכען מיט'ן האנד און אלע זיינען מיט אמאל שטיל געבליעבען. ער האט אין דעם נאמען פון דעם האספיטאל בעדאנקט דעם פובליקום פאר דעם צאהל־רייכען בעזוך און האט פארגעשטעלט איינעם פון דיא שכנים אלס דעם טשערמאן.

דער טשערמאן איז ארויף אויפ'ן סטיידזש און האט פארגעשטעלט מיסעס און מיסטער ראטער אלס די ערשטע קאנצערטיסטען.

זיי האבען זייער זאך דורכגעפיהרט גרויסארטיג. ווען זיי האבען געענדיגט, האט אויסגעבראכען א שטורם פון אפלאדיסמענטען, וועלכער האט אנגעהאלטען היבשע מינוטען. זיי האבען געמוזט דיא ענדע פון דער זאך נאך אמאל איבערשפיעלען.

בערטהא האט איינפאך בעצויבערט מיט איהר זיסע, ריינע שטימע. זיא האט געזונגען מיט אזוי פיעל חן און געפיהל, דאס אלע זיינען געזעסען אין טיעפער בעגייסטערונג און האבען זייערע אויגען פון איהר ניט ארונטערגענומען. זיא האט זיך יעצט געפיהלט אזוי גליקליך! זיא האט ענדליך איהר מאן'ס ליעבע געוואונען — דיא ליעבע, פאר וועלכע זיא האט שוין אזוי פיעל געליטען, אזוי פיעל בזיונות, ערניעדערונגען אריבערגעטראגען! האט זיא עס יעצט איהר גליק דורך דיא טענער פון דער מוזיק דערצעהלט. ראטער איז אויך מיטגעריסען געווארען פון איהר זינגען און ער האט זיך גאר פערגעסען, אז ער שפיעלט דאס יעצט מיט דיא פרוי, צו וועלכע ער האט קיין אנדערע געפיהלען אויסער האס און פעראכטונג — דיא פרוי, וועלכע האט זיך איהם אנגעווארפען מיט געוואלד, געצוואונגען איהר צו הייראטהען, דיא פרוי, וועלכע האט איהם פון זיין געליעבטע אפגעריסען און זיין לעבען פערגיפטעט. ער איז פער'כישוף'ט געווארען פון איהר זינגען און ער האט זיך אויך בעגייסטערט אויף זיין פיעדעל. קוקענדיג אויף דיעזע קאנצערטיסטען און וויסענדיג, אז דאס איז מאן און פרוי, האט מען אנדערש ניט געקענט דיינקען, אז דאס דערצעהלען זיי דורך דיא פראכטפאלע, הערליכע מעלאדיען דעם פראכטפאלען, הערליכען און גליקליכען פאמיליען־לעבען זייערען...

דיא נעקסטע אויפ'ן פראגראם זיינען געוועזן צוויי יונגע קינדער, וועלכע האבען געזונגען אן ענגלישע ליעד. דאן האט ראטער ווידער געשפיעלט מיט מיסעס אדלער. זיי האבען געשפיעלט א שעהנע אבער א שווערע קאמפאזיציע. ראטער האט געשפיעלט מיט געשמאק, וועהרענד מיסעס אדלער איז געוועזן נערוועז און עס איז געוועזן קענטיג, אז זיא שפיעלט ניט זעהר גערן.

ווען דער טשערמאן האט אנאנסירט, אז עס טרעטען יעצט פאר מיסעס ראטער און מר. אדלער, האט דאס גאנצע פובליקום אויסגעבראכען אין א שטורעמדיגען אפלאוז. דער אפלאוז איז נאטירליך געגאנגען פאר בערטהא'ן, וועלכע האט אזוי שטארק אויסגענומען אין איהר פריהערדיגען ארויסטרעטען.

ביי בערטהא'ן איז דיא הארץ איינגעפאלען, הערענדיג אדלער'ס נאמען דערמאנען צוזאמען מיט איהרען. זיא האט געציטערט ווען זיא איז ארויס אויף דער פלאטפארמע. אדלער האט גוט בעמערקט איהר אויפרעגונג און ער האט זיך געכטארעט ניט צו בעגעגנען זיך מיט איהרע בליקען, אום ער זאל איהר דערמיט ניט מעהר אויפרעגען. ער איז אליין אויך געוועזן שטארק נערוועז, אבער ער האט זיך מיט אלע קרעפטען אנגעשטריינגט צו האלטען זיך רוהיג. ער איז צוגעגאנגען צו דער פיאנא, זיך אוועקגעזעצט און אי־

בערגעלאפען מיט דיא פינגער איבער דיא קלאווישען. דיא טענער האבען עטוואס בערוהיגט בערטהא'ס געמיטה. זיא האט זיך אוועקגעשטעלט אין דער ריכטיגער פאזע, גרייט צום זינגען.

— מיר וועלען שפיעלען מענדעלסאן'ס „ליעדער אהנע ווארטען" — האט אדלער שטיל געזאגט צו איהר.

— איך האב עס אזוי וועניג איינגעשטודירט — האט זיא געזאגט וויא צו זיך אליין.

— נעווער מיינד — האט ער מיט א גוטמוטהיגען שמייכעל ווייטער געזאגט — איהר וועט עס זינגען אויסגעצייכענט.

זיין קאמפלימענט האט איהר געשטאכען אין דיא אויערען וויא מיט שפילקעס. זיא האט אונגעדולדיג א זאג געטהאן:

— פאנגט אן.

ער האט אנגעפאנגען שפיעלען. וואונדערבארע, זיסע טענער האבען זיך צוגאסען אין דער לופטען. אדלער איז געזעסען מיט ברייט אפענע אויגען, אין גאנצען פערטיעפט אין דער מוזיק. זיינע פינגער האבען לייכט ארומגעשוועבט איבער די קלאווישען, וועלכע האבען ארויסגעגעבען אלץ נייערע, שעהנערע טענער. דער עולם איז געזעסען געשפאנט. בערטהא האט יעצט פארגעסען אז דאס שפיעלט א פערזאן, וועלכען זיא האסט אזוי שטארק. איהר ארטיסטישער געפיהל האט איהר יעצט בעהערשט און זיא איז אויך בעגייסטערט געווארען פון זיין שעהנעם שפיעלען. דעם פארשפיעל האט ער אליין געשפיעלט. ווען זיא האט געדארפט אנפאנגען צו זינגען, האט ער אויף איהר א קוק געטהאן, אזוי וויא ער וואלט איהר וועלען דערמאנען, אז זיא דארף אנפאנגען. זיא האט א לייכטען ציטער געטהאן פאר דיזען בליק. פערצווייפלונג און געבעט האט זיא אין דיעזען בליק זיינעם געלעזען.

בערטהא האט זיך צוגערוקט נעהענטער צו איהם, דען זיא האט געדארפט אריינקוקען אין דיא נאטען און האט אנגעפאנגען זינגען. דערהערענדיג איהר שטימע, האט אדלער גענומען שפיעלען נאך מיט מעהר בעגייסטערונג. ער פלעגט פון צייט צו צייט ווארפען א בליק אויף בערטהא'ן, אזוי וויא ער וואלט דאס פון איהר שעפען זיין בעגייסטערונג... און דאך פלעגט ער זיך מיט זיינע אויגען איינגראבען אין דיא נאטען. וואו עס האבען ארומגעשוועבט דער זינגערין'ס בליקען און, קוקענדיג אויף דער נאטע, וועלכע זיא האט געזונגען, האט זיך איהם געדוכט, אז ער בעגעגענט זיך מיט בערטהא'ס אויגען...

צוויי פערזאן האבען אויף דיזע קאנצערטיסטען געקוקט מיט אנדערע בליקען וויא דאס פובליקום. דאס זיינען געוועזען אדלער'ס פרוי און דער ניגער. מיסעס אדלער איז דיא גאנצע צייט געוועזען זעהר אונרוהיג. איהר מאן'ס עטליכע ווערטער וועגען בערטהא'ן האבען איהר צושרויפט דעם מח און וויא שווערע שטיינער האבען זיי געדריקט איהר הארץ. זיא האט געדיינקט עטוואס צו דערגעהן פון בערטהא'ן, אבער זיא האט זיך קיין זאך ניט דערוואוסט. זיא האט נאכהער געפרעגט דעם מאן, אבער ער האט איהר אפגעפטר'ט מיט א שמייכעל און איהר געבעטען אז זיא זאל איהם ניט דורען קיין מח. זיא האט געוואלט זיך צוריקציהען פון דעם קאנצערט, אבער זיא האט דאס ניט געקענט טהאן נעגען דיא ראטערס. הערענדיג יעצט וויא פראכטפאל ער שפיעלט, זעהענדיג זיין בעגייסטערונג, איז איהר נייגיעריגקייט נאך שטארקער געווארען. „וואס איז דאס מיט איהם פלוצלונג געווארען?" — פרעגט זיא זיך וויעדער זעלבסט דיא פראגע, וועלכע זיא האט זיך שוין דיעזען אבענד עטליכע מאל געפרעגט. זינד זיא קען איהם, האט זיא איהם נאך ניט געהערט שפיעלען מיט אזא בעגייסטערונג, און דיא הארץ נעהמט איהר שמערצליך קלעמען. ווען זיא קען וויעדער קיין אנטווארט אויף דיעזע פראגע ניט געפינען. און זיא ווינשט זיך, אז דער קאנצערט זאל זיך שוין ענדיגען, אלע זאלען זיך פונאנדערגעהן. ווען זיא וועט זיך געפינען מיט איהם אין זייערע רומס, וועט זיא מוזען אלעס דערגעהן.

אלעס. ער וועט זיך פון איהר מעהר מיט קיין שמייכעל אדער מיט פוסטע רייד ניט ארויסדרעהען.

דער ניגער האט פערשטאנען בערטהא'ס הארץ יעצט, וויא זיא פיהלט, זינגענדיג צוזאמען מיט אדלער'ן, און ער האט מיט איהר שטארק מיטלייד געהאט. אבער זעהענדיג אין איהר געזיכט וויא זיא ווערט אליין אויך היגעריסען פון דער מוזיק און פון אדלער'ס שפיעלען, הערענדיג וויא זיא זינגט אזוי פראכטפאל, מיט אזוי פיעל געפיהל, וויא דיא טענער קלינגען אזוי קלאהר, איז ער א פארציטערטער געווארען. ער האט זיך פארגעשטעלט, אז זיא וועט זיין אויפגערעגט און אז דיעזע אויפרעגונג וועט זיך הערען אין איהר זינגען, און אזוי האט זיא זיך טאקע געפיהלט, ווען זיא איז יעצט ארויף אויפ'ן סטיידזש. צום סוף זינגט זיא גאר מיט אזא בעגייסטערונג! ניט אנדערש נור דער קערל האט איהר פער'כשוף'ט מיט זיין שפיעלען, האט ער ביי זיך געטראכט און זיין הארץ האט גענומען קאכען מיט האס צו אדלער'ן. ער האט ניט געקענט איינזיצען פון כעס. זיינע אויגען האבען גענומען שפריצען מיט פייער.

זיי האבען געענדיגט. א שטורמישער „בראווא" האט אפגעהילכט אין דער שטילקייט פון אבענד. דער עולם האט געפאדערט אז זיי זאלען נאך עפעס שפיעלען. אדלער האט זיך ניט געלאזען בעטען און ער האט גלייך צוגעגרייט דיא נייע נאטען.

אבער וויא ערשטוינט איז ער געווארען, הערענדיג פון בערטהא'ן אז זיא וויל מעהר ניט זינגען! ראטער איז צו־געקומען און האט איהר געבעטען, אבער זיא האט איהם ערקלערט, אז זיא פיהלט זיך ניט גוט, זיא קען אבסאלוט מעהר ניט זינגען.

דער ניגער האט אונטערגעטאנצט פון פרייד, הערענדיג אז זיא ענטזאגט זיך מעהר צו שפיעלען. ביי איהם איז קיין צווייפעל ניט געווען, אז זיא טהוט דאס דערפאר, ווייל זיא וויל ניט מעהר זינגען צוזאמען מיט אדלער'ן, ווען ער וואלט זיך ניט זעהמען וואלט ער איהר יעצט צו די פיס געפאלען און איהר געדאנקט דערפאר.

אדלער האט אויך פערשטאנען דיא אורזאכע ווארום זיא ענטזאגט זיך יעצט צו זינגען און זיין געזיכט איז בעצויגען געווארען מיט א טיעפען אומעט.

עס זיינען ארויסגעטראטען נאך עטליכע קאנצערטיסטען און דאן איז דיא רייהע געקומען צום ניגער. א דונערענדער אפלאוז האט זיך אויפגעהויבען אין דער לופטען, ווען דער טשערמאן האט ערקלערט, אז יעצט וועט ארויסטרעטען דער שווארצער, וועלכער וועט זינגען אידישע ליעדער.

דער ניגער איז ארויף אויף דער סצענע און האט זיך טיעף פערניגט. ער איז געווען אויסגעפוצט פון קאפ ביז דיא פיס. אין דער קלאפע פון זיין ראק האט ער געטראגען א שעהנע בלום. ער האט געזונגען א פאאר ליעדער אהן בעגלייטונג. יעדעס מאל וואס ער האט געענדיגט זינגען א זאך, איז דער עולם אייגפאך ווילד געווארען פון בעגייסטערונג. דען אויסער דיא קוריאזיטעט וואס א קריסט, דערצו נאך א ניגער, זאל אזוי גוט זינגען אידישע ליעדער, האט ער ווירקליך געזונגען מיט געשמאק. און דיא מאיאריטעט פון פובליקום איז געווען אזא, וועלכע האט זיך מעהר אמוזירט ביי דעם שווארצען'ס זינגען, וויא ביי דיא פריהערדיגע קאנצערטאנטען.

דאן איז אויפ'ן סטיידזש ארויף בערטהא, וועלכע האט זיך אוועקגעזעצט ביי דער פיאנא און האט איהם בעגלייט „דאס טלית'ל". דיא בעגייסטערונג צווישען פובליקום איז געווארען אלץ גרעסער. מען האט דעם שווארצען זינגער אין דער לופטען געהויבען, אויף דיא הענד ארומגעטראגען און מען האט איהם ניט געלאזט רוהען. קוים האט ער געענדיגט איין ליעד, האט מען ניט אויפגעהערט צו אפלאדירען ביז ער האט אנגעפאנגען א נייע זאך.

מיט בערטהא'ן האט ער געהאט איינשטודירט בלויז צוויי זאכען און ווען ער האט זיי געהאט אפגעזונגען, איז זיא ארונטער פון סטיידזש. דער זינגער איז

געבליבען שטעהן מיט א מינע, אזוי וויא ער קען שוין מעהר ניט זינגען, אָבער דער עולם האָט אַלץ ניט אויפגעהערט צו פּאַטשען. ענדליך האָט ער א מאַך געטהאָן מיט דער האַנד, אזוי וויא ער וואָלט וועלען עטוואָס זאָגען. דער עולם האָט זיך אויף דיעזען צייכען גלייך איינגעשטילט. ער האָט עפּעס גערעדט אין דער שטיל מיט דעם טשערמאַן און דאַן האָט ער אין א הויכע קלינגענדע שטימע געזאָגט:

— לײדיעס און דזשענטעלמען! מעהר קיין ליעדער קען איך ניט. איך האָב אייך שוין מיין גאַנצען רעפּערטואַר אויסגעזונגען. נאָר אויב איהר ווינשט זיך, וועל איך אייך פאָרשטעלען א סצענע, וואָס איך האָב אמאָל געזעהן אין א טהעאַטער.

— אָלל רייט! גאָ עהעד! — האָבען זיך געהערט פיעלע שטימען פון פערשיעדענע זייטען.

דער שוואַרצער האָט זיך אויסגעצויגען גלייך וויא א סטרונע און מיט א וואַזשנע מינע האָט ער אָנגעפאַנגען:

—אין דער פּיעסע איז פאָרגעקומען אזא געשיכטע: צו א מאַן, וועלכער האָט געלעבט מיט זיין פרוי א צופריעדענעם פאַמיליען־לעבען, איז געקומען זיינער אַן אַלטער פריינד, מיט וועלכען ער איז אין דער „אָלד קאַנטרי“ צוזאַמען אין סקוהל געגאַנגען און וועלכער איז געווען זיין בעסטער פריינד. ער האָט דעם גאַסט בעגריסט מיט פרייד און ער האָט פון גרויס שמחה גאָר ניט געוואוסט וואָס מיט איהם צו טהאָן. ניט וויינגער פריינדליכקייט האָט איהם אויך דיא ווירטין פון הויז אַרויסגעצייגט. דער מאַן איז געווען א ביזנעס מאַן און עס איז איהם אויסגעקומען אָפט אוועקצופאָהרען פון דער היים. יעדעס מאָל ווען ער פלעגט איהם אויסקומען איבערצולאָזען דיא פרוי אליין, פלעגט ער דערפון שטאַרק ליידען. יעצט, ווען זיין פריינד איז געווען ביי איהם אין הויז, האָט ער זיך געפריט וואָס זיין פרוי וועט אין זיין אַבּוועזענהייט מעהר ניט זיין איינזאַם; זיא וועט זיך געפינען אין דער געזעלשאַפט פון זיין בעסטען פריינד. אָבער הערט

וואָס דיעזער פריינד האָט אָפּגעטהאָן.

דאַ האָט ער זיך פערהוסט און גענומען מיט זיינע גרויסע בלישצענדע אויגען קוקען צווישען דעם פּובליקום, אזוי וויא ער וואָלט אימיצען זוכען, און ער האָט פאָרטגעזעצט:

ווען דער ווירטה איז געווען אוועקגעפאָהרען, האָט זיך דער גאַסט, זיין יוגענד־פריינד, גענומען צושאַרען צו זיין פרוי, ערקלערענדיג זיך איהר אין ליעבע. אָנפאַנגס האָט דיא פרוי געמיינט, אַז ער מאַכט דאָס שפּאַס, זיא האָט זיך אָבער באַלד איבערצייגט, אז ער מיינט דאָס ערנסט. א פערציטערטע איז זיא געוואָרען. דאַן איז איהר איינגעפאַלען א געדאַנק, אַז פיעלייכט האָט דאָס איהר מאַן איהם אומישנע אונטערגעשיקט, אום איהר אויסצופּרובירען אויב זיא איז איהם טריי. אָבער זיא האָט גלייך אויסגעפונען, אַז דיעזער געדאַנק האָט קיין גרונד ניט.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט אַרויפגעלייגט דיא האַנד אויפ׳ן שטערן, אזוי וויא ער וואָלט זיך וועלען אַן עטוואָס דערמאָנען. פּלוצלונג איז ער געוואָרען זעהר נערוועז און ער האָט אָנגעפאַנגען ווייטער צו דערצעהלען שנעל און מיט א הויכע שטימע, אזוי וויא ער וואָלט מורא געהאַט, טאָמער וועט איהם אימיצער גוט ניט הערען...

— און דיעזער פריינד — האָט ער געשריען מיט אַלע זיינע קרעפטען — איז געווען א פערהייראַטער מאַן, האָט געהאַט א פיינע פרוי מיט ליעבע קינדערלעך. דיא ווירטין פון הויז האָט דיעזען קעריל אָנפאַנגס ענערגיש אָבער העפליך אָפּגעשטויסען פון זיך. אָבער שפּעטער, זעהענדיג, אַז דאָס העלפט ניט, האָט זיא זיך אָפּגעקעהרט פון איהם מיט עקעל און מיט האַס. אָבער דאָס האָט אַלץ ניט געהאָלפען. דער גאַסט האָט איהר ניט אויפגעהערט צו פערפאָלגען מיט זיינע ליעבעס ערקלערונגען, סטראַשענדיג איהר דערביי, אַז אויב זיא וועט ניט אוועקוואַרפען איהר מאַן, וועט ער זיך און איהר דעם לעבען נעהמען. דיא פערצווייפעלטע פרוי האָט דאַן געגעבען א [illegible] צו איהר מאַן, וועלכער איז

גלייך אהיים געקומען א דערשראקענער. דיא ערעלע פרוי האט ניט געוואלט בע־שמוצען איהר מאן׳ס פריינד. האט זיא איהם דעם אמת ניט געזאגט. זיא האט איהם געזאגט, אז זיא פיהלט עפעס ניט גוט, דערפאר האט זיא איהם אהיים גע־רופען. זיא האט געדיינקט, אז יעצט, ווען איהר מאן וועט זיין אין הויז, וועט דער גאסט מעהר ניט וואגען איהר צו פער־פאלגען מיט זיין ליעבע. אבער זיא האט ווידער א טעות געהאט. דא האט דיא אונגליקליכע שוין קיין ברירה ניט געהאט און האט אלעס דערצעהלט דעם מאן. ער האט דאס אויף זיין פריינד ניט געוואלט גלויבען. האט דיא פרוי געקלאגט פאר איהם מיט ביטערע טרעהרען און געזאגט: „אויב דו גלויבסט מיר ניט, קענסטו זיך איבערצייגען מיט דיינע אייגענע אויגען און אויערן“. „גוט, איך וויל זיך טאקע איבערצייגען“ — האט דער מאן געזאגט. נאך מיטאג האט דער ווירטה געזאגט צו זיין פריינד, אז ער דארף אוועקגעהן אויף עטליכע שטונדען צוליעב ביזנעס. אבע־ער האט זיך גאר בעהאלטען אין א זייט־יגען צימער. דער גאסט האט ווייטער זיך גענומען ערקלעהרען דער ווירטהין אין ליעבע. דאס מאל האט איהם דיא פרוי געפרעגט: „שטעלט איך פאר ווען איך זאל אייך ווירקליך ליעבען און זאל אוועקווארפען מיין מאן און מיט אייך אוועק. אבער וויא אזוי קענט איהר ביי זיך פועל׳ן אזא זאך צו טהאן אייער בעסטען פריינד? איהר וועט דאך איהם רו־אינירען זיין לעבען, איהר וועט דאך איהם אונגליקליך מאכען“? „דיא ליעבע וויל פון קיין זאך ניט וויסען“ — האט ער איהר דערויף קאלטבלוטיג געענטפערט.

ער האט ווידער אפגעהאקט און מיעף אפגעאטהעמט. ער איז געווארען נאך מעהר צוקאכט. דיא גרויסע, בלישר־צענדע אויגען האבען ארומגעטאנצט אין זיין קאפ און אויף זיין גלאנציגע פעך־שווארצע געזיכט האט זיך בעוויזען אן איראנישער שמייכעל, וועלכער האט פונ־אנדערגעשפענט זיינע דיקע ליפען און ענטפלעקט צוויי שורות גרויסע, ווייסע ציינער. ער האט ווייטער גערעדט:

— דא האט זיך דיא טהיר פון דעם צימער, וואו דער ווירטה איז געווען, גע־עפענט און עס איז ארויס דער מאן. ער איז געווען בלייך וויא דער טויט. ער איז צוגעגאנגען צו זיין פאלשען פריינד, וועל־כער האט זיך געטרייסעלט וויא אין א קדחת, און געזאגט צו איהם מיט מערק־ווירדיגער קאלטבלוטיגקייט:

ער האט זיך פלוצלונג פערהוסט. דאן האט ער געמאכט אן אקטיארסקע מינע און, אויסשטרעקענדיג זיין רעכטע האנד צום פובליקום, האט ער פארטגע־זעצט אין א שטארקע שטימע:

— ארויס פון דאנען, דו פאלשער הונד! וויא א שלאנג האסטו זיך ארייננגע־גנב׳עט אין מיין הויז און האסט מיר געוואלט פערא גגליקען. איך האב דיר אפילו געדארפט דערשיסען, אזוי וויא מען דערשיסט א משוגענעם הונד, וועלכער איז א געפאהר פאר דיא מענשען, אבער איך טהו דאס ניט ווייל איך האב מיט־לייד מיט דיין פרוי און קינדערלעך און לאז דאס איבער צו דיין געוויסען. זאל דיר דיין געוויסען דיין גאנצען לעבען פלאגען, זאלסט קיין איין רוהיגע מינוט ניט האבען. ארויס פון מיין הויז!

דער שווארצער האט זיך העפליך פערניינגט. זיינע גרויסע אויגען האבען געשפראצט מיט טריאומף, מיט זיעג. דער עולם האט ווידער שטארק אפלא־דירט און דערמיט האט זיך דער קאנ־צערט געענדיגט.

* * *

קיינער פון דעם עולם האט נאטיר־ליך דא ניט פערדעכטיגט, אז דער שווארר־צער איז מיט דיעזער ערצעהלונג עט־וואס אויסען געווען. אדלער אבער האט פערשטאנען, אז דער ניגער האט דא איהם געמיינט. אזוי וויא דער שווארצער האט נאר אנגעפאנגען דיא ערצעהלונג, האט ער זיך געפיהלט אזוי וויא א דונער וואלט איהם געטראפען. ער האט געוואלט אוועקגעהן, אבער ער איז געזעסען צווי־שען זיין פרוי און ראמער׳ן און ער האט דאס ניט געקענט טהאן. יעדעס ווארט וואס דער ניגער האט גערעדט, האט איהם וויא מיט שארפע מעסערס זיין לייב גע־שניטען. ער האט זיך זנגעשטרענגט צו

מערטראכטען וועגען עמוואס אנדערש, אום ער זאל איהם ניט הערען; ער האט אבער וועגען קיין אנדער זאך ניט געקענט דענקען און דיא ווערטער האבען זיך וויא מיט געוואלט געשפארט אין זיינע אויערן און איהם געענגבערט זיין מוח. עס האט זיך איהם גערוכט, אז ער הערט דיעזע ווערטער פריהער און דייטליכער וויא אנדערע... אך, וואס פאר א העלישע יסורים ער האט דורך דיעזער קורצער צייט איבערגעלעבט! און דא האט ער נאך געמוזט מיטשמייכלען מיט דעם עולם, אפלאדירען, אום מען זאל אויף איהם קיין זאך ניט בעמערקען. און ווען דער ניגער האט מיט זיין שטארקע שטימע אויסגעשריען: „ארויס פון דאנען, דו פאלשער הונד!" האט זיך איהם גערוכט, אז דאס שרייט ער צו איהם, אז דאס צייגט ער אן אויף איהם מיט דער האנד... ער האט אין דיעזען מאמענט געפיהלט, אריינצולויפען צו זיך אין רום, כאפען זיין רעוואלווער און צו דערשיסען דעם ניגער. אבער אין דער מינוט האט איהם גראד ראטער א פרעג געטהאן:

— וויא געפעלט דיר עפעס מיין הויזקיפער? ער קען זיין א סטאר אין א אידישען טהעאטער, ניט וואהר, עלעקס? ער איז א וואהרער עקטער.

ארלער'ן האט זיך אנפאנגס געדוכט, אז ראטער האט זיך דערוואוסט פון בערטהא'ן דיא גאנצע געשיכטע און ער האט דאס דעם ניגער אנגעשטעלט, ער זאל פארשטעלען דיעזע סצענע. ער האט דארום ניט געוואוסט וואס ער זאל זאגען זיין פריינד. ער האט זיך פשוט געשעמט איהם אין דיא אויגען צו קוקען. ראטער האט בעמערקט זיין צוטראגענהייט און ער האט איהם ווייטער געפרעגט:

— וואס זיצסטו עפעס אזוי צורודערט, עלעקס?

דא האט ארלער ערשט פערשטאנען, אז זיין פערדאכט האט קיין שום גרונד ניט און ער האט געענטפערט:

— איך פיהל עפעס ניט אם בעסטען. מיר דוכט זיך, אז איך האב זיך גוט צערקיהלט.

זיין פרוי איז דיא גאנצע צייט גע־זעסען בעוועגלאז. אלע איהרע חושים זיינען געווען אנגעשטרענגט אויף דעם ניגער, ניט וועלענדיג קיין איין ווארט פערלירען. זיא איז געווען זעהר פעראינטערעסירט אין זיין ערצעהלונג און זיא האט זיך דארום ניט איינגעהארכט אין דעם געשפרעך וואס איז דא פארגעקומען צווישען איהר מאן און ראטער'ן. פון צייט צו צייט פלעגט זיא ווארפען א דורכדרינגענדען בליק אויף איהר מאן. ארלער'ן האבען דיעזע בליקען געשטאכען וויא פייערדיגע שפיזען; ער האט זיך אבער געמאכט אזוי וויא ער וואלט זיי ניט בעמערקען.

בערטהא, וועלכע איז יעצט געווען צווישען עטליכע פרויען, פאר וועלכע מען האט איהר דעם היינטיגען אבענד פארגעשטעלט, האט זיך אויך צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט. עס איז ביי איהר יעצט מעהר קיין צווייפעל ניט געווען, אז דער ניגער האט זיך געמוזט דורך דער טהיר צוהארכען צו ארלער'ס געשפרעך מיט איהר היינט אין דער פריה, ווען זיי זיינען געבליבען אליין אין הויז. זיא איז אויך געווען זיכער, אז דאס איז געווען זיינע אן אייגענע קאמפאזיציע — ער האט דאס אליין אויסגעטראכט דיא געשיכטע מיט דיא צוויי פריינד און אין הארצען האט זיא געפיהלט א טיעפע, גרענצלאזע דאנקבארקייט צום ניגער דערפאר וואס ער רעדט יעצט דאס, וואס עס פרעסט איהר אזוי שטארק אויפ'ן הארצען. זיא האט פון צייט צו צייט געווארפען א פער'גנב'עטען בליק אויף איהר מאן, וועלענדיג זיך איבערצייגען, צו ער הערט זיך צו אויפמערקזאם, און זיא האט אזוי געוואלט, אז ער זאל זיך צוהארכען... און זעהענדיג, אז ער זיצט פעראינטערעסירט אין דעם ניגער'ס ערצעהלונג, האט זיא זיך געפיהלט אזוי גליקליך, אז ווען זיא וואלט זיך ניט שעהמען, וואלט זיא צוגעלאפען צום שווארצען און זיינע פיס געקושט דערפאר וואס ער האט איהר דיעזען גליק פערשאפט... און ווען ער האט געענדיגט, האט זיא איהם אפלאדירט מיט מעהר בעגייסטערונג וויא דיא איבעריגע פון פובליקום. דער ניגער האט

דאס בעמערקט און האט זיך טיעף פערניינט. זיינע אויגען האבען דאן געפלאמט פון גליק... ער איז ארונטער פון סטיידוש און איז גלייך פערשוואונדען, אזוי וויא ער וואלט מורא האבען פאר אימיצען... מאנכע פון פובליקום האבען איהם געזוכט, זיי האבען איהם געוואלט פערזענליך בעדאנקען פאר דעם פערגעניגען וואס ער האט זיי פערשאפט, אבער מען האט איהם אין ערגעץ ניט געקענט געפינען. ער איז פערפאלען געווארען, וויא אין וואסער אריין.

עס איז שוין געווען גוט שפעט ווען דער עולם איז זיך פונאנדערגעגאנגען העכסט צופריעדען פון דעם אבענד וואס זיי האבען פערבראכט.

אכטער קאפיטעל.

פארטאג האט אדלער זיך גענומען איינפאקען זיינע זאכען. ער האט דיא ארבייט געטהאן שטיל, אום ניט אויפצוועקען זיין פרוי. אבער זיא האט דאך ערוואכט און איהם געפרעגט וואס ער איילט זיך אזוי.

— איך וויל מיר זאלען גלייך פאהרען — האט ער איהר קורץ געענטפערט.

זיין געזיכט האט אויסגעזעהן קריינקליך און זיין גאנצע האלטונג איז געווען וויא פון א נערוועזע, ליידענדע פערזאן. דאס האט נאך פערשטארקט אין מיסעס אדלער דעם פערדאכט, וועלכער האט זיך נעכטען אריינגע'גנב'עט צו איהר אין הארצען, אז עס האט עטוואס געמוזט דא פאסירען מיט איהר מאן און זיא האט בעשלאסען, אז זיא מוז אויסגעפינען וואס דאס איז אזעלכעס. זיא האט איהם געזאגט:

— וואס מיינסטו מיר זאלען גלייך פאהרען? אלע אין הויז שלאפען דאך נאך. מען וועט אויפשטעהן, אפעסען ברעקפעסט, וועלען מיר פאהרען.

— אלל רייט! — האט ער נערוועז געענטפערט — דו קענסט נאך שלאפען. איך וועל דערווייל אלעם איינפאקען.

א שרעק האט דורכגענומען איהר גאנצען וועזען און איהר פערדאכט איז אלץ שטארקער געווארען מיט יעדער סעקונדע. זיא איז ארויס פון בעט, האט זיך אנגעטהאן, וועהרענד אדלער האט, ניט ריידענדיג קיין ווארט, ווייטער געטהאן זיין ארבייט. ווען זיא איז פארטיג געווארען מיט'ן אנטהאן זיך, איז זיא צוגעגאנגען צום מאן און געזאגט:

— סטאפ א ווייל, עלעקס, איך וויל מיט דיר עפּעס ריידען.

ער האט א שטארקען ציטער געטהאן. ער האט זיך אבער אין דער זעלבער מינוט בעהערשט, זיך געפאסט מוטה און געפרעגט מיט א שמייכעל אויף זיינע ליפען:

— וואס ווילסטו זאגען, טהייערע?

פון איהר ברוסט האט זיך א שווערער, טיעפער זיפץ ארויסגעריסען. איהרע ליפען האבען זיך גענומען בעוועגען צום ריידען, אבער זיא איז פלוצלונג איבערוועלטיגט געווארען פון א שטראם טרעהרען, וועלכער האט זיך האסטיג איהר גענומען שפארען אין קעהל און זיא האט אויסגעבראכען אין א ביטערען געוויין. אדלער איז געבליבען שטעהן א דערשראקענער און אויף זיין טויטט־בלייכע געזיכט האבען גרויסע קאלטע טראפען שוויים גענומען ארויסטרעטען.

— וואס איז דיר ביטרים? — האט ער מיט א ציטערענדע שטימע איהר געפרעגט, ארומנעהמענדיג איהר ארום דער טאליע און אויפקוועצענדיג איהר ביי זיך אויפ'ן שויס.

זיא האט זיך ארויסגעריסען פון איהם און בייז א זאג געטהאן, ניט אויפהערענדיג אלץ צו וויינען:

— וואס מיר איז, פרעגסטו? דו ווייסט עס אליין. מיר איז זעהר ביטער!

און זיא האט ווידער אויסגעבראכען אין א הויכען געוויין.

— ששששא! וויין ניט — האט ער זיך ביי איהר געבעטען — עס איז דאך ניט שעהן. זיי וועלען הערען. וואס וועלען זיי דיינקען? דו זאגסט אז איך ווייס ווארום דו וויינסט. איך שווער דיר ביי אלעם היילינגען, אז איך ווייס ניט פון קיין זאך. אדרבא, זאג מיר, לאמיך הערען.

זיא האט איהם אפּגעשטויסען פון

זיך אוו, כליפענדיג האט זיא ווייטער געזאגט:

— מיין וויזיט דא האט מיר מיין לעבען פערגיפטעט. זינט נעכטען געה איך ארום מיט אזעלכע הארץ־שמערצען, אז איך פיהל אז איך וועל האם ניט אריי־בערטראגען. דו מיינסט, אז איך זעה ניט, אז אין דיר איז עפעס אן ענדערונג פאר־געקומען? דיעזע ענדערונג האב איך שוין בעמערקט זינט דיא לעצטע פאר טעג. איך האב דיר ניט געוואלט פרעגען, ווייל איך האב געדיינקט, אז דוא וועסט מיר אליין זאגען. אבער דוא, ניט נאר דוא האסט מיר קיין ווארט וועגען דעם ניט געזאגט, האסטו מיר נאך אויסגעמיעדען, פלעגסט מיר איבערלאזען אין בערטהא'ס אדער אין ראטער'ס געזעלשאפט און אליין פלעגסטו פערפאלען ווערען אויף שטונ־דען לאנג. וואהרשיינליך מוזטו דאך האבען אזעלכע געהיימניסע, וועלכע אפילו אן אייגענע פרוי טאר ניט וויסען! — האט זיא מיט ביטערע איראניע געענדיגט.

— איך שווער דיר נאך אמאל ביי אלעם הייליגען, אז איך ווייס פון קיין זאך ניט צו זאגען — האט ער זיך געסטא־רעט איהר צו בערוהיגען, מאכענדיג דער־ביי אן אונשולדיגע מינע — וואס פאלט דיר עפעס איין אז עס איז אין מיר אן ענדערונג פארגעקומען! וואס פאר א סודות האב איך פאר דיר? ניט אנדערש דוא געהסט מיך נעהמען אויף א פערהער — האט ער גוטמוטהיג געשמייכעלט.

ער האט איהר א כאפ געטהאן אין זיינע געזונדע ארמס, אפגעפרעסט עטלי־כע הייסע קושען אויף איהר געזיכט און געזאגט אין א קינדערשען טאן:

— דוא גנב, דו געהסט מיך נעהמען „אויף זיכער“?

זיא האט זיך בעפרייט פון איהם און מיט אפענעם כעס געזאגט:

— איך בין ניט בלינד. איך זעה אללעס. אויב דוא דיינקסט, אז איך בין א נאר און פערשטעה גיט וואס ארום מיר מהוט זיך, האסטו א גרויסען טעות. מען קען מיך ניט נארען. וואס האסטו געסטערן געמיינט מיט דיא ווער־טער, אז בערטהא לייגט ניט קיין געוויכט אויף דיינע רייד? אז זיא הערט זיך צו זיי ניט צו? וואס פאר א רייד האסט דאס צו איהר גערעדט, הא? דוא מיינסט, אז איך ווייס ניט? זיא האט מיר אללעס דערצעהלט.

— וואס האט זיא דיר דערצעהלט?

— האט ער מיט א ווילדען קול אויסגע־שריען, אנקוקענדיג איהר מיט פערווירטע בליקען.

— וואס האסטו זיך אזוי דערשרא־קען? — האט זיא געזאגט, פערביי־סענדיג מיט דיא ליפען און קוקענדיג איהם גלייך אין דיא אויגען — זעה נאר וויא דוא ציטערסט, פונקט אזוי וויא א גנב, וועלכען מען כאפט ביים דזשאב. זעהסט שוין, אז פאר מיר זיינען קיינע געהיימניסע ניטא.

ער האט גענומען וויא א ווילדער ארומשפרייזען איבערן צימער, רייסענדיג זיך דיא האר פון קאפ. זיינע אויגען האבען געשפראצט מיט כעס און רציחה. „זאל דאס אמת זיין, אז זי זאל איהר האבען דערציילט וועגען אלעם?“ האט ער זיך אליין געפרעגט. „ניין, עס קען ניט זיין!“ — איז ער געקומען צום בעשלוס — „זיא וועט דאס ניט טהאן. און פיע־לייכט האט דער שווארצער הונד דאס איהר דערצעהלט?“ — איז איהם א צווייטער געדאנק דורכגעלאפען דורכ'ן כוח. ער האט זיך ענדליך אויף וועגען דעם בערוהיגט. „זיא ווייס פון קיין זאך ניט“ — איז ער געוועזען ביי זיך זיכער — זיא וויל פון מיר עטוואס דערגיין. ער איז צוגעגאנגען צו איהר און מיט א געלאסע־נעם טאן געזאגט:

— הער מיך אוים בימרים. דוא האסט מיך יעצט זעהר בעליידיגט. וואלט איך דיך אזוי היים ניט געליעבט, וואלט איך דיר קיינמאל ניט פערצייהעט, אבער איך האב דיך צו היים ליעב און איך קען אויף דיר ניט זיין אין כעס. אלזא, אום

דיר צו איבערציינגען, אז דיין יעצטיגע האנדלונג איז אן אונגערעכטע, וועל איך מיט דיר צוגעהן צו בערטהא'ן, ווען מיר וועלען זיך מיט איהר געזעגענען און זאל זיא זאגען פאר מיר אין דיא אויגען, וואס איך האב איהר אזעלכעס געזאגט. דאן וועסטו חרטה האבען פאר דיא שמערצען וואס דוא האסט מיר יעצט פערשאפט.

דיעזער ארגומענט האט גענצליך בערוהיגט דיא פרוי. דאס וואס ער איז פריהער אזוי אויפגערעגט געוואָרען ווען זיא האט איהם געזאגט, אז בערטהא האט איהר אללעס דערציילט, האט זיא יעצט אויסגעטייטשט איז געווען דערפאר, ווייל ער האט זיך געפיהלט אונשולדיג. און זיא האט אין הארצען טאקע חרטה געהאט ווארום זיא האט איהם דיעזע שמערצען פערשאפט. אבער זיא האט ניט געוואָלט אויפ'ן שטעל צוגעבען, אז זיא איז אונגערעכט און האט ווייטער געזאגט מיט א וויינענדיגע מינע:

—זינט איך קען דיך ביזטו אימער א פרייליכער, איך האב דיך קיינמאל ניט געזעהען אין א טרויעריגען געמיטה און דאָ ביזטו דיא לעצטע טעג ארומגעגאנגען אן אנגעבלאזענער, א נערוועזער. וואס איז געווען מיט דיר נעכטען ביי נאכט נאכ'ן קאנצערט? דוא האסט געמיינט אז איך שלאף שוין, אבער איך האב זיך געמאכט שלאפען און האב גוט געזעהען וויא דוא ביזט געשטאנען ביי דער ווינדאו אזוי פערטראכט, האסט עפעס געבורמשעט אונטער דער נאז און האסט זיך געטרייסעלט אזוי וויא אין א פיבער. וואס הייסט דאס, הא?

ער האט געזעהען דייטליך, אז זיין פריהעריגער ארגומענט האט אויף איהר געווירקט און ער האט ווייטער געזאגט:

— איך האב נעכטערן געהאט שרעקליכע קאפ שמערצען. איך האב זיך זאגאר בעקלאגט פאר ראָטער'ן. ווען ער וועט אויפשטעהן, וועל איך דיר מיט איהם איבערציינגען.

— פאר ראָטער'ן האסטו זיך בעקלאגט — האט זיא איהם געמאכט פארווירפע — און וואו בין איך?

— איך האב דיר ניט געוואָלט קיין שמערצען פערשאפען, טהייערע — האט ער געזאגט, אנגעהמענדיג איהר צערטליך ביי דער האנד.

ער איז געווען זעהר צופריעדען וואס עס האט זיך איהם איינגעגעבען זיך אזוי קונציג ארויסצודרייען פון איהר פערדאכט. ער האט געוואָלט זיין אבסאלוט זיכער אין דעם און ער האט ווייטער געזאגט, קוקענדיג אויף דעם זייגער:

— איך וואלט געוואָלט, אז בערטהא זאל שוין אויפשטעהן און זיא זאל מיר זאגען, וואס איך האב איהר אזעלכעס געזאגט.

— זיא האט מיר קיין זאך ניט געזאגט — האט דיא פרוי פערשעהמט ארונטערגעלאזען דיא אויגען — און דוא זאלסט איהר ניט פרעגען.

זיא האט זיך צוגעטוליעט צום מאן, אנגעלעהנט איהר קאפ אויף זיין ברוסט און געזאגט אין א האלב טרויעריגען טאן, אזוי וויא זיא וואלט זיך פאר איהם געפעסטשעט:

— איך וויים ניט וואס מיר איז. עפעס איז מיר אזוי דאס הארץ בעשווערט! איך בין אהער געקומען א פרייליכע, א לוסטיגע און איך פאהר אוועק פון דאנען מיט א פערביטערטען געמיטה. איך פיהל, אז איך לאז דא עפעס איבער, אז איך וועל אין דערהיים שוין ניט האבען דיעזע רוהיגקייט, דיעזע צופריעדענהייט וואס פריהער.

זיא האט אויסגעשטעלט אויף איהם איהרע גרויסע שעהנע אויגען, אזוי ווי זיא וואלט ערוואַרטעט פון איהם א בערוהיגונג אויף איהר שרעק. האלטענדיג איהר קאפ אויף זיין ברוסט, האט זיא זיך צוגעהאָרכט צו דעם האסטיגען קלאפען פון זיין הארצען און זיא האט באמערקט א טיעפען אומעט אין זיינע אויגען.

— דו פערשאפסט זיך אליין שמערצען, דיינקענדיג וועגען נארישקייטען —

האט ער געזאגט מיט צערטליכקייט, גלעטענדיג איהרע סאמעט ווייכע האאר און קושענדיג איהר — האסט קיין אורזאכע ניט צו זיין אונרוהיג. אלעס וועט זיין ווי געווען — האט ער צוגעגעבען מיט א געמאכטע פריילִיכקייט.

זיא האט אפגעזיפצט און ווייטער גערעדט :

— דוא ווייסט, עלעקס, עפעס ווילט זיך מיר ני... וועקפאהרען פון דאנען. יעדענפאלס ... ניט היינט. איך וואלט וועלען אוועקפאהרען מיט דעם זעלבען הומאר, אין דעם זעלבען געמיטה, אין וועלכען איך בין אהער געקומען. גלויב מיר, אז איך מיין דאס גאנץ ערנסט. עפעס בעאונרוהיגט אזוי שטארק מיין הארץ, עפעס שרעק איך זיך און איך וויים אליין ניט פארוואס.

וויעדער האט זיך א טיפער אומעט צושפרייט אויף אדלער'ס בלייכע געזיכט. דיא פרוי האט געדיינקט, אז דאס האט זיא מיט איהרע רייד דיעזען אומעט אין איהם ארויסגערופען. ער האט זיך א ווײלע טיעף פערטראכט און געזאגט :

— מיר מוזען פאהרען, טהייערע. איך האב פיעל ביזנעס צו אטענדען. איבעריגענס, האבען מיר דאך אהיים געשריעבען, אז מיר וועלען היינט קומען.

זיא דערמאנט זיך, אז ער האט אליין געזאגט, נאכדעם וויא זיי האבען געהאט אהיים געשריעבען, אז זיי וועלען דעם היינטיגען טאג קומען, אז ער דיינקט דא צו פערבלייבען נאך עטליכע טעג. טא וואדום איילט ער זיך יעצט עפעס אזוי שטארק אהיים צו פאהרען ? זי האט איהם דאס געזאגט און ער האט איהר געענטפערט :

— מיר מוזען פאהרען, ביטריס. איך דארף מארגען זיין אין פילאדעלפיא.

און זעהענדיג, אז זיא קוקט אויף איהם פערדעכטיג, האט ער שנעל צוגעגעבען:

— אויב דו ווילסט דא בלייבען, טהייערע, האב איך ניט דאגעגען. קענסט דא פערבלייבען מיט פערגניגען און ווען דו וועסט וועלען אהיים פאהרען, וועסטו מיר געבען א טעלעגראמע, וועל איך קומען נאך דיר.

ער האט זיך פלוצלונג פערטראכט און שנעל א זאג געטהאן, אזוי וויא ער וואלט וועלען צוריק כאפען דאס, וואס ער האט נאר וואס געזאגט :

— אדער איך וועל בעטען ראסער'ן, וועט ער דיך אהיים ברייננגען. בעשטיירסטו דערויף ?

אליין, אהן דיר ? — האט זיא נאכדיינקענדיג געזאגט. ווייסטו וואס ? — איז זיא אויפגעשפרונגען א פריילִיכע פון דעם געדאנקען, וואס איז איהר פלוצלונג געקומען אויפ'ן זינען—איך האב א פלאן: איך וועל בעטען בערמודא'ן און ראסער'ן, אז זיי זאלען מיטפאהרען מיט אונז. דו ווייסט — איז זיא נאך מעהר בעגייסטערט געווארען פון דיעזען פלאן — איך וועל זעהר שטארק בייִנקען נאך בערמודא'ן. איך האב איהר אזוי ליעב, טאקע וויא אן אייגענע שוועסטער. אלזא אזוי בלייבט עס.

אדלער איז געווארען אהנגעדולדיג. זיין געזיכט האט זיך אויסגעקרימט, אזוי וויא ער וואלט יעצט אינעוליך שטארק געליטען און מיט א געמאכטע רוהיגקייט האט ער געזאגט :

— דיין פלאן געפעהלט מיר ניט, ביטריס. ערשטענס, ווייסטו דאך ניט צי זיי וועלען פאהרען. פארגעס ניט, אז זיי פערברייגגען יעצט זייער „האני מון" — האט ער מיט א פיעל בעדייטענדען שמייכעל איהר א קניפ געטהאן אין באק — און זיי ווילען געווים זיין אליין. נאטירליך, אויב דו וועסט צושטעהן צו זיי, וועלען זיי ניט קענען ענטזאגען. דערמאן זיך, אז דו האסט אויך נאך דער חתונה ניט געוואלט אין ערגעץ געהן. צווייטענס, וועל איך דיא טעג זיין זעהר ביזי און איך וועל מיט זיי ניט קענען פערברייגגען. דו פאלג מיך. מיר וועלען היינט אהיים פאהרען און ווען מיר וועלען זיין אין אטלאנטיק סיטי, וועלען זיי צו אונז קומען.

זיא האט ענדליך איינגעוויליגט אהיים צו פאהרען און אדלער האט זיך בערוהיגט.

נאך ברעקפעסט האט דער ניגער

מיט'ן אטאמאביל אוועקגעפיהרט צום סטיישאן אדלער'ס באגאזש. זיי האבען בעשלאסען צו געהן צום טריין צוזאם. אויפ'ן וועג איז אויסגעקומען, אז ראטער איז געגאנגען מיט מיסעס אדלער און בערטהא מיט אדלער'ן. זיי האבען גערעדט וועגען דעם נעכטיגען קאנצערט, וויא דער עולם האט זיך פיין אמוזירט. ראטער האט ניט מיינענדיג קיין זאך ווידער געפרעגט אדלער'ן:

— וואס זאגסטו צו דעם „היט" וואס מיין ניגער האט געמאכט?

ער איז א פעהיגער קערל — האט אדלער מיט א געמאכטען שמייכעל זיך אפגערופען — ער האט געהאט א גרעסערען ערפאלג וויא מיר, קינסטלער....

— האסט געזעהן דיא כחות, וואס ער האט אוועקגעלייגט ביי דעם אקט, וועלכען ער האט פארגעשטעלט? — האט ראטער ווייטער איהם געפרעגט.

א שוידער איז דורכגעגאנגען דורך אדלער'ס אלע גליעדער. ער האט געדיינקט, אז ער ווייסט פון זיין געשפרעך מיט בערטהא'ן און ער נעהמט דאס איהם יעצט אויפ'ן פערהער, אדער ער וויל זיך חאס רייצען מיט איהם.

— איך האב זיך ניט צוגעהארכט— האט אדלער געענטפערט — איך האב דאך דיר געזאגט, אז איך האב ניט גוט געפיהלט, איך האב געהאט שרעקליכע קאפ־שמערצען.

— איך האב גאר פערגעסען — האט ראטער געזאגט — און וויא פיהלסטו יעצט?

— איך בין שוין אלל־רייט — האט ער געענטפערט, זייענדיג צופריעדען וואס ראטער האט שוין אויפגעהערט צו ריידען וועגען דעם ניגער'ס פארשטעלונג.

אדלער איז געגאנגען מיט לאנגזאמע טריט אום ער זאל בלייבען אויף א געוויסע ווייטקייט פון ראטער'ן. בערטהא, ניט וועלענדיג אליין לויפען פאראויס און לאזענדיג אדלער'ן אליין, איז אויך געגאנגען פאמעלעך. זיא איז געגאנגען מיט א קלאפענדע הארץ, וויסענדיג, אז ער געהט דאס אומישנע אזוי לאנגזאם, אום ער זאל מיט איהר קענען עטוואס ריידען. וועגען וואס ווערט ער ווידער מיט איהר ריידען? — האט איהר געטומשעט א געדאנק. זיא האט זיך אבער אליין בערוהיגט. „ער וועט זיך דאך יעצט ווידער ניט ערקלעהרען אין ליעבע" — האט זיא צו זיך אליין געזאגט. זיא האט אבער באלד אויסגעפונען, אז זיא האט געהאט א טעות.

— בערטהא! — האט אדלער שטיל ארויסגעשטאמעלט, קוקענדיג אויף איהר מיט בעטענדע בליקען.

זיא איז א פערציטערטע געווארען, הערענדיג וויא ער רופט איהר ביי איהר נאמען. זיא האט זיך ניט אפגערופען, מאכענדיג זיך ניט הערענדיג און האט גענומען געהן מיט שנעלע טריט.

ער האט איהר אנגענומען פאר דיא האנד און, אפשטעלענדיג זיך, האט ער ווייטער גערעדט:

— וואס לויפט איהר אזוי? הערט מיך אויס בלויז עטליכע ווערטער, איך בעט אייך.

זיא האט מיט כעס ארויסגעריסען איהר האנד און געזאגט, דורכשפיזענדיג איהם מיט איהרע שטאלצע בליקען:

— איך ווייס וועגען וואס איהר ווילט ריידען און איך וועל אייך ניט הערען.

— איהר ווייסט ניט—האט ער מיט א פערצווייפעלטען, פערשטיקטען קול זיך געבעטען ביי איהר — איהר ווייסט ניט וואס איך וויל אייך יעצט זאגען. איך בעט אייך, הערט מיך אויס!

בערטהא האט געשוויגען, ניט ארונטערנעמענדיג פון איהם איהרע שארפע בליקען.

— ענטפערט מיר בלויז אויף א פאר פראגען — האט ער שנעל גערעדט — האט איהר מאיר'ן דערצעהלט וועגען...

— ניין — האט זיא קאלט געענטפערט — אבער איך וועל איהם זיכער דערצעהלען, ווען איהר וועט מיר ניט אויפהערען צו פערפאלגען.

ער האט טיעף אפגעאטהעמט, אזוי וויא א שווערע דריקענדע משא וואלט איהם יעצט ארונטער פון זיין הארצען און אין זיינע אויגען האט א פרייליכער פייער'ל א בלישטשע געטהאן.

— איהר האט פאר קיינעם ניט דערצעהלט — האט ער ווייטער גערעדט מיט א נערוועזען טאן — פאר ביטריס'ן אויך ניט.

— ניין — האט זיא מיט דער זעלבער קאלטקייט וואס פריהער געענטפערט.

— און וויא קומט עס, וואס דער ניגער האט פארגעשטעלט גראדע אזא אקט?

— האט אדלער איהר געפרעגט מיט א לייכטען פאחוואורף. ער האט דאך מיר מיין בלוט געצאפט עמער־ווייז!

— וואס ווייס איך וואָרום ער האט גראדע פארגעשטעלט אזא אקט? — האט זיא געזאגט—דאס דארפט איהר ביי איהם פרעגען. איבעריגענס, איהר האט דאך געזאגט פריהער, אז איהר האט זיך גאר ניט צוגעהארכט, אז איהר האט געהאט קאפשמערצען. איך ווייס ניט מיט וואס ער האט אייך געצאפט דיא בלוט — האט זיא נאך א ווילע נאכדיינקען צוגעגעבען — איהר האט געזעהן וויא אלע האבען איהם אפלאדירט. דאס דארף זיין פאר אייך א גוטער לעסמאן, און איך האף, אז דאס איז געווען א גוטער לעסמאן פאר אייך.

— די ליעבע וויל פון קיינע אזעלכע לעססאנס ניט וויסען! — האט ער ארויסגעזיפצט. איך פאהר יעצט אוועק, אבער מיין הארץ וועט דא בלייבען ביי אייך. איך...

— ביטריס! — האט בערטהא ארויסגעשריען.

ראטער און מיסעס אדלער האבען זיך אפגעשטעלט.

— וואס לויפט איהר אזוי? — האט בערטהא מיט א שמייכעל ווייטער געזאגט — איהר מוזט דארט האבען וויכטיגע סודות, וואס איהר לויפט אזוי אוועק פון אונז.

— געווים האבען מיר סודות—האט מיסעס אדלער געזאגט, מאכענדיג אן ערנסטע מינע — דיין מאן האט מיר יעצט א וויכטיגע געהיימניס דערצעהלט.

— גלויב איהר ניט — האט ראטער געזאגט מיט א געמאכטע העפליכקייט — מיר האבען נאר גערעדט וועגען דער מאמען.

— און וועגען וואס האט איהר גערעדט, עלעקס? — האט מיסעס אדלער געפרעגט איהר מאן — איהר וויל איך ניט פרעגען — האט זיא אנגעוויזען אויף בערטהא'ן — ווייל זיא וועט מיר דעם אמת ניט זאגען, אבער דו וועסט דאך מיר זאגען דיא וואהרהייט.

— מיר האבען גערעדט וועגען דיר.

— האט אדלער זיך געוויצעלט.

— גלויב איהם ניט, ביטריס — האט בערטהא געזאגט — עס איז ניט אמת.

— איך גלויב איהם יא! מיין עלעקס זאגט מיר קיין מאל קיין ליגען ניט. ער איז א „גוד באי" — האט מיסעס אדלער מיט שמאלץ געזאגט, נעהמענדיג איהם אונטער'ן ארעם.

אדלער האט זיך געשעהמט יעצט צו קוקען בערטהא'ן גלייך אין דיא אויגען.

ראטער האט אויך אנגענומען בערטהא'ן פאר דיא האנד און זיי זיינען יעצט געגאנגען זאלבע־פיערט.

ווען זיי זיינען געווען אפגעגאנגען א שטיקעל וועג, האט זיך אפגעשפיעלט א שרעקליכע סצענע. זיי זיינען פערביי געגאנגען א סטאר מיט שפיעלצייג פאר קינדער. מיסעס אדלער האט געבעטען ביים מאן אביסעל געלד, ערקלעהרענדיג, אז זיא וויל אהיים קויפען פרעזענטען פאר איהר ברודער'ס קינדער. ער האט איהר געגעבען געלד און זיא איז אריין מיט בערטהא'ן אין סטאר. זיי זיינען שוין גערוועזען ניט ווייט פון סטיישאן. האט אדלער געזאגט, אז ער וועט מיט ראטער'ן צוגעהן בעזארגען דעם באגאזש און ווען זיי וועלען זיך האבען אפגעפערטיגט אין סטאר זאלען זיי אליין צוקומען צו דער באהן. די פרויען האבען אין סטאר לאנג ניט געזאמט זיך. געהענדיג צום סטיישאן, האבען זיי דערזעהען וויא עס לויפט זיי אנטקעגען א ווילד־צויאגטער פערד, איינגעשפאנט אין א קעררידזש. דיא פרויען האבען ארויסגעלאזען פערצווייפעלטע געשרייען און פון שרעק אנשטאט אריינצולויפען צוריק אין סטאר, זיינען זיי געלאפען, האלטענדיג זיך ביי דיא הענד, גלייך אנטקעגען דעם צובושעוועטען פערד. לויפענדיג זיינען זיי געפאלען. מיסעס אדלער האט

זיך שנעל אויפגעהויבען און גענומען אליין לויפען, שרייענדיג וויא א ווילדע מיט אלע איהרע כוחות. אדלער און ראטער האבען זייערע געשרייען געהערט און זיי האבען זיך געלאזען לויפען צו העלפען די פרויען. מיסעס אדלער איז אוועקגעלאפען אן א זייט, אויפ'ן פעלד. בערטהא, ווען זיא האט זיך אויפגעהויבען האט זיא שנעל לויפען ניט געקענט, דען זיא האט זיך שטארק צוקלאפט דעם פוס בשעת זיא איז געפאלען. איהר לעבען איז יעצט געהאנגען אויף א האאר. דער פערד איז געווען בלויז עטליכע טריט פון איהר. אט, אט צוטראטעוועט ער זיא אונטער זיינע פיס. זיא האט פערצווייפעלט אויסגעשטרעקט איהרע הענד צום מאן, וועלכער איז געלאפען גלייך מיט אדלער'ן און זיא האט געשריען מיט איהרע לעצטע קרעפטען:

— מאיר! מאיד!

ראטער איז אבער ניט געלאפען צו איהר, נור צו מיסעס אדלער, וועמען עס האט קיין געפאהר ניט געדראהט. זעהענדיג דאס, איז בערטהא געפאלען אין אונמאכט אויפ'ן מיטען וועג. עס זיינען זיך געווען צוזאמענגעלאפען אויף דיא געשרייען פון דיא פרויען א גרויסע צאהל מענשען. זעהענדיג וויא בערטהא איז געפאלען כמעט פאר דעם ווילדען פערד'ס פיס, האבען זיי גענומען ליארמען און מאכען שרעקליכע געוואלדען. דא איז אדלער מיט איין שפרונג געווען לעבען דעם צויאגטען פערד און מיט אן איבערנאטירליכע גבורה האט ער איהם א כאפ געטהאן פאר דעם צוים און איהם איינגעהאלטען הארט לעבען דער פערהלש'טער בערטהא'ן. דער ווילדער פערד האט זיך געריסען, געבריקעט פון אלע זייטען, אבער אדלער האט איהם געהאלטען פעסט, וויא איינגעקלאמערט אין צוואנגען. ער האט זיך געווענדעט צו דיא ביישטעהענדע, שרייענדיג אז מען זאל איהם קומען צו הילף. עטליכע מענשען זיינען צוגעלאפען. ער האט זיי איבערגעגעבען דעם פערד, וועלכער האט זיך שוין געהאט אביסעל איינגעשטילט און ער האט א כאפ געטהאן בערטהא'ן אויף זיינע הענד און איז מיט איהר אריין אין א דערבייאיגען סטאר, וואו ער האט איהר אוועקגעזעצט אויף א שטוהל און גענומען מונטערן. עס האט ניט לאנג גענומען און זיא האט געעפענט די אויגען. זי האט א שרעקליכען ציטער געטהאן, ווען זיא האט לעבען זיך אנשטאט איהר מאן גאר געפונען אדלער'ן. אבער באלד איז אריינגעקומען ראטער מיט ביטרים'ען. מיסעס אדלער איז צוגעלאפען צו בערטהא'ן, איהר געקושט און האט ענדליך אויסגעבראכען אין א היסטערישען געוויין. בערטהא איז ווידער געפאלען אין חלשות און עס האט גענומען א היבשע צייט ביז מען האט ביידע פרויען איינגעשטילט.

ראטער איז געווען זעהר צוטראגען. ווען בערטהא איז גענצליך צו זיך געקומען, איז ער צוגעגאנגען צו איהר, אנגענומען איהר צערטליך פאר דיא האנד און געפרעגט:

— וויא פיהלסטו, בערטהא?

זיא האט אויף איהם א לאנגען בליק געווארפען. זיא האט בעוועגט דיא ליפען, אזוי וויא זיא וואלט וועלען עטוואס זאגען, אבער טרעהרען האבען פערשטיקט איהרע ווערטער און זיא האט אויסגעבראכען אין א הערצליכען געוויין.

— זאל איך רופען א דאקטאר? — האט ראטער געפרעגט מיט דער זעלבער צערטליכקייט וואס פריהער.

— ניין — האט זיא אפזיפצענדיג שוואך געענטפערט — איך פיהל זיך שוין בעסער.

ראטער איז דאן צוגעגאנגען צו זיין פריינד, אויסגעשטרעקט צו איהם זיין האנד און געזאגט:

— מיט קיין ווערטער קען איך דיר, עלעקס, מיין דאנק ניט אויסדריקען. איך בין שטאלץ וואס איך האב אזא העלדישען פריינד.

— האסט גוט געטהאן וואס דוא האסט מיך געפאלגט און ביזט געלאפען צו ביטרים'ען און האסט מיך אליין געלאזען לויפען צום פערד — האט אדלער געזאגט — ווען דוא וואלסט מיט מיר מיטגעלא-

פען, וואלטען מיר ביידע צוטומעלט געווארען און עס וואלט נאך געקענט פאסירען אן אונגליק.

ראטער, וויסענדיג ביי זיך, אז זיין פריינד זאגט דאס אומישנע, אום איהם צו פערענטפערען פאר בערטהא'ן, ווארום ער איז איהר ניט געקומען צו הילף, האט זיך געפיהלט זעהר ניעדערגעשלאגען און ער האט אדלער'ן ניט געקענט קוקען גלייך אין דיא אויגען. הויפטזעכליך האט ער זיך געערגערט דערפון, וואס אדלער ווייס שוין יעצט אויף זיכער, אז ער האט בערטהא'ן ניט ליעב. בערטהא, הערענדיג אדלער'ס רייד, האט זיא אויף איהם א פערוואונדערטען בליק געווארפען. זי האט זיך דערמאנט, דאס ווען זי האט גערופען דעם מאן, איז ער גאר אוועקגעלאפען צו מיסעס אדלער, וועלכע איז געווען געזיכערט פון א געפאהר, און דאס האט איהר דאן אזוי פערדראסען און אזוי פיעל שמערצען פערשאפט, דאס זיא איז געפאלען אין אונמאכט צו דער ערד.

בערטהא'ן איז געקומען אויפ'ן זינען א געדאנק, אז אדלער האט עס בכיון אוועקגעשיקט איהר מאן צו זיין פרוי, אום ער זאל עס זיין איהר רעטער... ראטער וואלט געוויס זיין לעבען געשטעלט אין געפאהר, פונקט וויא אדלער האט עס געטהאן, אום איהר צו ראטעווען, איז זיא געווען זיכער ביי זיך. נאר א קוק טהאנדיג אויף ראטער'ן, זעהענדיג וויא ער שטעהט מיט ארונטערגעלאזענע אויגען, פונקט אזוי וויא א פערברעכער, וועלכער האט זיך מודה געווען אין זיין פערברעכען און זעהענדיג ווי ער מיידעט אוים אדלער'ס בליקען, איז א קאלטער שוידער דורך דורך אלע איהרע גליעדער. עס איז איהר מיט אמאל אלעס קלאהר געווארען... אדלער וויל דא ריינוואשען זיין פריינד, איהר מאן... ראטער וואלט געווען צופריעדען ווען זיא וואלט געטוידטעט געווארען פון דעם צובושעוועטען פערד. דיא הארץ קלעמט איהר שרעקליך. זיא האט פאראיבעל אויף אדלער'ן ווארום ער האט איהר דעם לעבען געראטעוועט. עס וואלט איהר שוין יעצט פיעל בעסער געווען... זיא וואלט מעהר ניט דארפען אזוי שרעקליך ליידען.

ראטער האט געמאכט א פארשלאג, אז אלע זאלען צוריק אהיים געהן און אז אדלער זאל אפלייגען דיא רייזע אויף מארגען. ער האט היינט איינפאך ניט געוואלט זיין אליין מיט זיין פרוי אין הויז. דער געוויסען האט איהם אין דיעזען מאמענט שטארק געפלאגט און ער האט געדיינקט, אז ווען ער וועט זיך געפינען צווישען געזעלשאפט וועט ער זיך בערוהיגען. מיסעס אדלער האט שוין בעשטאנען צו פערבלייבען ביז מארגען, אבער אדלער האט ערקלעהרט, אז ער מוז גלייך פאהרען. בערטהא איז געווען צופריעדען וואס ער בלייבט ניט. זיא האט יעצט געגארט צו זיין אליין.

ביים ארויסגעהן פון סטאר האט אדלער ערשט דערזעהן, אז זיין האנד איז שטארק צוקאליעטשעט. האטפערענדיג זיך מיט'ן פערד, האט ער זיך אין עטליכע ערטער איינגעשניטען. ער האט געבעטען אביסעל וואסער און ער האט זיך ארומגעוואשען. צוקומענדיג צום סטיישאן האט ראטער דערצעהלט דעם ניגער וואס עס האט פאסירט. ער איז א פארציטערטער געווארען, דער שווארצער. ער איז צוגעלאפען צו בערטהא'ן, זיך טיעף פערנייגט און איהר געפרעגט וויא זיא פיהלט. הערענדיג, אז זיא פעהלט גוט, האט זיין געזיכט גענומען שטראהלען פון צופריעדענהייט. אדלער האט אויף דעם שווארצען געווארפען א בליק, פול מיט פעראכטונג און דאך האט ער איהם געגעבען א 5-דאלאר ביל, ווינשענדיג איהם דערביי אין הארצען, אז ער זאל זיך מיט איהם דערווערגען.

ביים געזעגענען זיך האט מיסעס אדלער געזאגט צו בערטהא'ן:

— בערטהא, דו מעגסט זיך מיט כיין מאן צוקושען. ער איז דאך יעצט ניט בלויז דיינער א פריינד, נאר דיין לעבענסרעטער.

— איהר האט רעכט, מיסעס אדלער — האט ראטער אונטערגעכאפט — אבסאלוט רעכט.

בערטהא איז געשטאנען פערשעהמט מיט ארונטערגעלאזענע אויגען.

— נו, וואס שטעהסטו, בערטהא?

— האט מיסעס אדלער ווייטער געזאגט צו איהר — האב ניט קיין מורא, איך וועל ניט זיין אייפערזיכטיג. ווען דיין מאן וואלט מיר דאס לעבען געראטעוועט, וואלט איך איהם גאר ניט אויפגעהערט צו קושען און ווען איך וואלט געווען א מיידעל, וואלט איך זיך דערפאר אין איהם פערליעבט.

בערטהא האט זיך אינסטינקטיוו גענומען צורוקען צו איהר מאן, אזוי וויא זיא וואלט זיך וועלען אונטער איהם בעשיצען. דאס האט איהר אבער ניט געהאלפען. אדלער, ערמוטהיגט פון זיין פרוי און פון ראטער'ן, איז צוגעשפרונגען צו איהר, האט איהר פעסט ארומגעכאפט און בעדעקט איהר געזיכט מיט אונצעהליגע הייסע, ליידענשאפטליכע קושען. בערטהא האט זיך געשעהרט געגען איהם, זיא איז אבער געווען צו שוואך. וויא א פערמויבטע איז זיא געבליבען שטעהן, ווען אדלער האט איהר אפגעלאזען. איהר געזיכט האט שטארק געפלאמט און איהר ברוסט האט זיך האסטיג אויפגעהויבען און ארונטערגעלאזען. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל אין איהר לעבען וואס א מאנספערזאן האט איהר געקושט. איהר אייגענער מאן האט זיך מיט זיינע ליפען צו איהר געזיכט ניט צוגעריהרט... מיסעס אדלער און ראטער האבען געלאכט אויפ'ן קול און צוגעפאטשט מיט דיא הענד. דער ניגער איז געשטאנען בייא אטאמיל און האט געקריצט מיט דיא ציינער. ער האט גוט פערשטאנען וואס דיזע קושען בעדייטען... ער האט בעגריפען בערטהא'ס הארץ.

— זעה נאר וויא ער האט זיך צוגעכאפט צו איהר! — האט ביטרים מיט א כלומרשטען פארוואורף געזאגט צו איהר מאן — א האלבע געזיכט האט ער איהר כמעט אויפגעגעסען.

זיא איז צוגעגאנגען צו בערטהא'ן, איהר א גלעט געטהאן אין געזיכט און איהר גענומען היים קושען, זאגענדיג:

— אלזא אין א וואך ארום וועט איהר זיכער קומען צו אונז אין אטלאנטיק סיטי.

בערטהא האט געקוקט אויף ראטער'ן, אזוי וויא זיא וואלט וועלען פון איהם בעקומען אן אנטווארט.

— מיר וועלען זיכער קומען — האט ער זיך אפגערופען — סיידען אז עס וועט עטוואס אונערווארטעטעס פאסירען, אבער דאן וועלען מיר אייך שרייבען.

דיא באהן איז אנגעקומען. דיא געסט זיינען אריין אין וואגאן. אדלער האט א כאפ געטהאן בערטהא'ס האנד און איהר היים געדריקט, וועהרענד אין זיינע אויגען האבען זיך טרעהרען בעוויזען. ראטער און ביטרים זיינען געווען זיכער, אז דאס זיינען טרעהרען פון פרייד וואס ער איז געווען דער העלד און האט איהר לעבען געראטעט.

ניינטער קאפיטעל.

צוריקפאהרענדיג פון סטיישאן איז ראטער געווען זעהר העפליך צו בערטהא'ן. זיין געוויסען האט איהם שטארק געפלאגט פאר זיין פריהעריגע האנדלונג. אן אנדער פרוי וואלט איהם געמאכט א סקאנדאל פאר אזא האנדלונג — האט ער בייא זיך געטראכט — און זיא קוקט אויף איהם אזוי ליעבליך, אזוי וויא עס וואלט קיין זאך ניט פאסירט. ער האט איהר געוואלט עפעס זאגען, אבער ער האט זיך געהיט פאר דעם ניגער. ער האט זיך אבער ניט געקענט איינהאלטען און האט דאך איהר אריינגעשעפטשעט אין אויער:

— איהר זייט דאך ניט בייז אויף מיר. איך בין פון שרעק צוטומעלט געווארען... אדלער האט געזאגט, אז ער וועט דעם פערד איינהאלטען. אמת איהר זייט ניט בייז אויף מיר?

— ניין — האט זיא שטיל געענטפערט, קוקענדיג אויף איהם מיט איהרע צוטרויליכע, קלוגע אויגען.

אהיים קומענדיג האט איהר ראטער ווידער געפרעגט, צו זיא האט זיך ניט א קלאפ געטהאן, בשעת זיא איז געפאלען און ווען בערטהא האט איהם ערקלעהרט,

אז זיא פיהלט זיך פאלקאם געזונד, איז ער געווען זעהר צופריעדען.

דיעזע העפליכקייט האט אבער ביי ראטער'ן לאנג ניט אנגעהאלטען. ער איז באלד וויעדער געווארען צוטראגען, נערוועז. ער איז ארומגעגאנגען אונגעדולדיג און ער האט זיך אין ערגעץ קיין ארט ניט געקענט געפינען.

— וואס וועט יעצט זיין? — האט ער צו זיך אליין גערעדט, ארומגעהענדיג אן איפגערעגטער הין און צוריק אין זיין צימער — וויא אזוי לעבט מען אזא לעבען? וויא האלט מען דאס אוים?

אין דער זעלבער צייט איז בערטהא געשטאנען ביים שפיעגעל און גוט שטודירט איהר געזיכט, וועלענדיג זיך איבערצייגען אויב דיא שרעק, וועלכע זיא האט היינט איבערגעלעבט, האט דארט ניט איבערגעלאזען קיין סמנים. איבערצייגענדיג זיך אז ניט, האט זיא גליקליך געשמייכעלט. איהר הארץ איז יעצט געוועזן פולל מיט האפנונג. ראטער איז יעצט צו איהר אזוי העפליך. קיינער איז אין הויז יעצט נימא. ער וועט יעצט מיט איהר פערברייננגען. זיא האט יעצט געפיהלט ווי צו טאנצען פון שמחה. זיא האט זיך דערמאנט אן אדלער'ן און זיא האט געפיהלט צו איהם א טיעפע דאנקבארקייט דערפאר וואס ער האט איהר לעבען גערעטעט און פערצייהעט פאר זיינע ליעבעם ערקלעהרינגען.

דיא דיענסט האט אנגעקלאפט אין טהיר און איהר ערקלעהרט, אז דער דינער איז פערטיג. בערטהא האט זיך איבערגעטהאן און איז דאס מאל לייכטער וויא אימער געשטאנען ביים שפיעגעל....

ווען זיא איז אריין אין דיינינג רום, האט זיא שוין דארטען געפונען ראטער'ן. א קוק טהאנדיג אויף איהם, איז זיא גלייך געווארען אומעטיג. דאס איז שוין ניט געווען דער זעלבער ראטער, וועלכער איז מיט איהר צוזאמען אהיים געפאהרען פון סטיישאן. ער איז געזעסען א פערכמורעטער, ווארפענדיג מיט זיינע נערוועזע בליקען איבער'ן צימער, אזוי ווי ער וואלט וועלען וואס שנעלער ארויסגיין פון דאנען. זיא האט זיך אוועקגעזעצט מיט א פערשטיקטען זיפץ ביים טיש און גענומען עסען, ווארפענדיג אלע ווײלע א זייטיגען בליק אויף ראטער'ן. אין צימער האט געהערשט א טויטע שטילקייט. בערטהא האט זיך געווארגען מיט יעדען ביסען, וואס זיא האט גענומען אין מויל אריין. איהרע אויגען זיינען געווען איבערפיללט מיט טרעהרען. זיא האט זיך אבער מיט אלע כוחות איינגעהאלטען ניט אויסצוברעכען אין א געוויין.

ענדליך האט ראטער זיך אפגערופען אין א קאלטען טאן:

— מארגען אין דער פריה פאהר איך קיין נויארק.

בערטהא האט שטיל אבגעזיפצט און איז געבליעבען שטיל.

— מארגען אין דער פריה פאהר איך קיין ניו יארק! — האט ראטער וויעדערהאלט דיא זעלבע ווערטער שוין מיט כעס, אזוי וויא זיא וואלט איהם זאגען, אז ער זאל ניט פאהרען.

— איך האב דאך שוין געהערט — האט בערטהא געזאגט, קוקענדיג אויף איהם מיט טרויעריגע בליקען — קענסט פאהרען אויב דו ווילסט.

איהם האט פערדראסען ווארום זיא איז אזוי גוט צו איהם. ער האט ערווארטעט, אז זיא זאל איהם זאגען, דאס ער זאל ניט פאהרען. און ער האט שוין געהאט צוגעגרייט א פאאר שארפע ווערטער איהר צו זאגען: „וואס בין איך דיין שקלאף? איך קען טהאן וואס מיין הארץ גלוסט און קיינער האט איבער מיר קיין דעה ניט. דוא האסט מיך ניט געקויפט; האסט בלויז אוועקגערויבט מיין נאמען, אבער ניט מיין פערזענליכע פרייהייט!“ צום סוף איז זיא גאר ניט דאגעגען! ער האט אבער געזוכט אן וואס זיך צו טשעפען. ער איז אין כעס געווארען, ווארום זיא זאגט איהם „דו“ און ער האט זיך אפגערופען, בעטאנענדיג שטארק יעדעס מאל וואס ער האט איהר געזאגט „איהר“.

— א י ה ר זייט דאך ניט קיין בייבי, וואס מען דארף מורא האבען איבער־

צולאָזען אליין. א י ה ר האָט איבעריגענס דאָ דיענסטען. א י ה ר קענט אויך אריבערגיין פערברענגען צו דיא שכנים.

ער האָט גערעדט מיט אזוי פיעל פערביסענהייט, שטעכעניס, אז דיא ווערטער האָבען איהר געשטאָכען וויא שפּיזען. זיא האָט זיך אָפּגערופען מיט א ציטערנדע שטימע, וועלכע איז געווען דורכגעווייקט מיט טרעהרען:

— בין איך דען געווען דאגעגען? האָב איך ניט געזאָגט, אז איהר זאָלט פאָהרען? ווארום זייט איהר אזוי אין כעס?

— איך בין ניט אין כעס! — האָט ער א קלאַפּ געטהאָן בייז אָן טיש — איך האָב פיינט, אז מען וויל מיר זאָגען דעות.

ער האָט זיך אויפגעהויבען אן אויפגערעגטער פון טיש און געזאָגט:

— און אז איך בין יע אין כעס, וואס קומט מיר דערפאר? מסתמא האָב איך דאָך אן אורזאכע אזוי צו זיין.

בערטהא איז געזעסען בלייך וויא קאַלך און זיא האָט שטארק געציטערט.

— עס קען זיין, אז איך וועל פערבלייבען א פאָר טעג — האָט ראטער ווייטער גערעדט.

— איך וועל דאָ אליין א פּאָאר טעג ניט זיין — האָט בערטהא געזאָגט מיט א וויינענדיגען קול — אויב אזוי וועל איך מיטפאָהרען.

— מיטפאָהרען? — איז ער צוגעשפּרונגען צו איהר, קוקענדיג אויף איהר מיט אויגען, פולל מיט רציחה — וואָס, א פריזאָנער בין איך? איך טאָר שוין אליין ערגעץ ניט געהן?

— איך וועל זיין ביי מיין אָנקעל און איהר וועט קענען זיין וואו אייער הארץ וועט געלוסטען — האָט זיא זיך געבעטען ביי איהם, איינהאלטענדיג זיך מיט אלע כוחות ניט אויסצוברעכען אין א געוויין.

— איך וויל ניט וויסען וואו איהר וועט זיין; עס אינטערעסירט מיך ניט — האָט ער איהר געשטאָכען מיט דיא רייד — דיא טריין איז פריי פאר יעדען איינעם. מען קויפט א טיקעט און מען פאָהרט וואו מען וויל. געלד פעהלט דאָך אייך ניט.

בערטהא האָט זיך שוין לייגער ניט געקענט בעהערשען און זיא האָט אויסגעבראָכען אין א יאָמערליכען געוויין. דאָס האָט נאָך ווילדער געמאכט ראָטער'ן. ער איז ארומגעלאָפען איבער דעם גרויסען עסס־צימער, בייסענדיג זיך דיא נעגעל פון כעס. ענדליך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבען איהר און געזאָגט:

— איהר האָט דאָך מיר פערשפּראָכען אין קיין זאַך ניט צו שטערען. אז איך האָב פערשפּראָכען האָב איך געהאלטען וואָרט.

פון בארטהא'ס ברוסט האָט זיך א הערצרייסענדער קרעכץ ארויסגעריסען. זיא האָט אויף איהם א קוק געטהאָן מיט איהרע פערוויינטע אויגען און, כליפּענדיג, האָט זיא געזאָגט:

— האָב איך אייך ניט געזאָגט, אז איהר זאָלט פאָהרען? מיט וואָס האָב איך געוואָלט שטערען? פאר וואָס קומט מיר אזוי מיין בלוט צו פערגיסען? וואלט מיר ניט בעסער געווען, ווען איך וואָלט היינט צוטראָטען געוואָרען אונטער דעם פערד'ס פיס?

און זיא האָט ווידער אויסגעבראָכען אין א ביטערען געוויין. דיא טרעהרען האָבען ראָטער'ס הארץ ניט ווייכער געמאכט. ער האָט געפיהלט א מין צופריעדענהייט וואָס זיא ווייַנט, ליידעט, און ער האָט ווייטער גערעדט:

— מיט פאָהרען! אז איך וועל וועלען, מען זאָל מיטפאָהרען, וועל איך אליין זאָגען. פאָהרען צום אָנקעל מיט א וויזיט! איך האָב מיט'ן אָנקעל אייערען קיינע ביזנעס ניט. ער איז ביי מיר א'ן איידזשענט, דאָס אללעס. אז איהר וועט דאָרט אליין זיין אָהן מיר, וועט מען דאָך מיר איבער גאנץ ניו יאָרק בערײדען. איהר האָט זיך ביי מיר געבעטען, איך זאָל אייך קיין שאנדע ניט פערשאפען, און איך האָב אייך צוליעב געטהאָן און ווענען מיין שאנדע—דאָס אַרט אייך וויא דער פאר א יאָהריגער שנעע!

בערטהא האָט אין הארצען צוגעגע־

בען, אז ער האט רעכט און זיא האט זיך אפגערופען:

— יעס, איהר האט רעכט. עס פאסט ניט, איך זאל אליין פאהרען צום אנקעל. אבער דא וועט מיר זיין זעהר אומעטיג אליין.

— איך קען דערצו גאר ניט העלפען. איך מוז פאהרען צוליעב ביזנעס— האט ראטער שוין עטוואס בערוהיגט געזאגט.

— וועט איהר דאך קענען ביינאכט אהיים קומען—האט בערטהא בעמערקט.

— איך וועל ניט קענען!—איז ער ווידער געווארען אין כעס.

— ווי לאנג וועט איהר זיך זאמען?

— האט זיא געפרעגט.

— דריי, פיער טעג — האט ער געענטפערט.

— ווען איהר וועט ניט האבען דאגעגען — האט זיא געזאגט, אויסווישענדיג דיא טרעהרען פון דיא אויגען — וועל איך פאהרען צו דער שוועגער אויף בעזוך.

— ניין — האט ער א טופע געטהאן מיט'ן פוס מיט כעס — דיא מאמע איז דארט אויף קוראציע און מען דארף איהר ניט באדערן.

— אלל רייט, איך וועל דא בלייבען — האט זיא מיט א זיפץ געזאגט, אויפהויבענדיג זיך פון טיש.

ער האט א קוק געטהאן אויף איהר מיט א מינע פון נצחון און געזאגט:

— איך האף, אז איהר זייט ניט אין כעס אויף מיר. איך מהו און האנדעל אימער אזוי וויא איך פיהל... קיין היפאקריט בין איך ניט...

זיא האט איהם דערויף ניט געענטפערט און איז ארויס פון צימער.

* * *

איז מאדאם אייזען דא אין הויז?

— האט ראטער געפרעגט שטעהענדיג אויף דער שוועל פון דער יונגער רייכער אלמנה'ס וואהנונג אין ניו יארק.

ער איז געשטאנען מיט א קלאפענדע הארץ און געווארפען נערוועזע בליקען צו דער טהיר, וועלכע האט געפיהרט אין דיא ווייטערע צימערען.

דיא דיענסט־מיידעל האט ראטער'ן גוט געקענט. ביז פאר זיין חתונה האט זיא אויף איהם געקוקט אלס אויף איהר צוקינפטיגען הערר, — דעם מאן פון איהר מיסעס. זיא האט זיך העפליך פערנייגט און מיט א שעלמישען שמייכעל אין איהרע אויגען האט זיא געענטפערט:

— ניין, די מאדאם איז יעצט ניטא.

— קענט איהר מיר זאגען ווען זיא וועט זיין? — האט ער ווייטער געפרעגט.

אבער דא האט זיך געהערט דער ווירטין'ס שטימע. זיא האט אריינגעשריען:

— ווער איז דארט, בעסי?

דיא דיענסט־מיידעל איז שטארק פערשעהמט געווארען. ראטער האט שוין יעצט פערשטאנען, אז דאס האט מאדאם אייזען אנגעזאגט דער דיענסט, אז אין פאל ער וועט פרעגען אויף איהר, זאל זיא איהם זאגען, אז זיא איז אין הויז ניטא. ער האט ניט געווארט אויף קיין ערלויבניס און איז שנעל אריין צו איהר אין צימער.

דערזעהענדיג ראטער'ן, האט דיא יונגע אלמנה געווארפען אויף איהם א בייזען בליק און געפרעגט:

— ווער האט אייך ערלויבט אהער אריינצוקומען?

— זיי ניט בייז אויף מיר — האט ראטער ארויסגעשטאמעלט — מען האט מיר געזאגט, אז דו ביזט ניטא יעצט אין הויז און איך האב שוין געוואלט אוועקגעהן. האב איך דיין קול דערהערט...

ער איז געווען זעהר בלייך און איז געשטאנען מיט אן אראפגעלאזענעם קאפ, אזוי וויא א פערברעכער פאר א ריכטער.

— וואסושע פערלאנגט איהר? — האט זיא איהם ווייטער געפרעגט נאך מיט מעהר שטרענגקייט וויא פריהער.

— ווערסט דאך מיר ערלויבען זיך אוועקצוזעצען — האט ער געקוקט אויף איהר מיט בעטענדע בליקען.

— איך בין יעצט זעהר בייז — האט זיא געזאגט — זאגט וואס אייך האט געבראכט צו מיר.

ער האט שווער אפגעזיפצט און גע־

זאגט, מאכענדיג עטליכע טריט נעהענמער צו איהר:

— אז דו ביזט אין כעס, האב איך דיר גאר ניט וואס צו זאגען. אבער איך בעט דיך, זיי ניט בייז! הער מיך געדולדיג אויס!

— עס איז ניט קיינעם'ס ביזנעס וויא איך בין— האט זיא איהם געשטאכען מיט דיא ווערטער, אומקערענדיג דעם קאפ פון איהם — איך האב אייך שוין געזאגט, אז איך האב קיין צייט ניט. אויב איהר האט מיר עפעס צו זאגען, זאגט און מאכט עס שנעלער.

— פלארא! — האט ראטער פערצווייפעלט פערבראכען דיא הענד — קענסטו צו מיר אנדערש ניט זיין? איך קען ניט אנפאנגען צו ריידען, זעהענדיג אז דו ביזט אין כעס. דיא מויל בעוועגט זיך ניט צום ריידען.

— פליעז, הערט מיר אויף צו באדערען א קאפ מיט אייערע נארישקייטען! — האט מיסעס איימן געזאגט, ווערענדיג אויפגערעגט — רעכענט זיך ניט מיט מיר. אונזערע חשבונות זיינען שוין לאנג געשלאסען. זאגט וואס איהר פערלאנגט און דאט'ס אלל!

— אונזערע חשבונות זיינען נאך ניט געשלאסען, פלארא! — האט ראטער געזאגט מיט א פעסטקייט אין זיין שטימע.

דיא יונגע אלמנה האט ארויסגעזעצט אין א הילכיגען געלעכטער.

— פלארא! — האט ער ווייטער גענומען ריידען מיט א וויינענדיגע שטימע — לאך ניט פון מיר און הער מיך אויס. איך בין זעהר אן אונגליקליכער און איך בין געקומען צו דיר אום זיך דאס הארץ אויסצורייידען. איך האב קיינעם ניט פאר וועמען איך זאל קענען מיין ביטער הארץ אויסדערצעהלען. האב מיטלייד מיט מיר, פלארא!

זיא איז געזעסען בעוועגלאז. איהר געזיכט האט אויסגעדריקט א מינע, אזוי וויא עס וואלט איהר ניט אינטערעסירען וואס ער רעדט צו איהר. ראטער האט שווער אפגעזיפצט און האט ווייטער גערעדט:

— דו, פלארא, ביזט דיא איינציגע וואס בעגרייפט מיין ביטערע לאגע. אך, וויפיעל געזונד עס האט מיר געקאסט מיין יעצטיגער וויזיט צו דיר! איך האב יעצט נאך ניט געוואלט אהער קומען. איך האב געוואלט קומען צו דיר א פרייער מענש, אום מיר זאלען קענען פראנק און פריי געניסען פון אונזער ליעבע. ליידער איז נאך דיעזע גליקליכע צייט ניט געקומען. איך בין נאך ניט פריי, איך בין נאך פערבונדען, אבער איך האף, אז איך וועל מיט דער צייט פריי ווערען. איך האב אזוי שרעקליך געבייגקט נאך דיר, אז איך בין ספעציעל געקומען קיין ניו יארק, אום דיך צו זעהן, אום מיין ביטער הארץ פאר דיר אויסצוריידען, אום דיר צו זאגען, אז מיין ליעבע צו דיר איז יעצט נאך פיעל שטארקער וויא פריהער, אז איך האב דיך נאך אויף קיין איין סעקונדע ניט פארגעסען.

ער איז צוגעגאנגען נעהענטער צו איהר, אריבערגעבויגען זיך צו איהר און, אנגעהמענדיג איהר פאר דער האנד, האט ער איהר געפרעגט מיט טרעהרען אין דיא אויגען:

— ווארום שווייגסטו, פלארא? האסטו מיר גאר ניט צו זאגען?

זיא האט בייז ארויסגעריסען איהר האנד פון זיינע און זיך אפגערופען:

— דאס איז אלעס וואס איהר האט מיר געהאט צו זאגען?

— יעס, דאס איז אלעס — האט ער מיט א טיעפען זיפץ געענטפערט — און אז דו וועסט מיר שיינקען אויפמערקזאמקייט, האב איך דיר נאך עטוואס צו זאגען.

זיא האט זיך אויפגעהויבען און, קוקענדיג אויף איהם מיט שארפע בליקען, האט זיא געזאגט:

— איך וויל ניט, איהר זאלט מעהר אין מיין הויז אריינקומען. איהר זייט א פערהייראטהער מאן און איך האב מיט אייך מעהר קיין ביזנעס ניט. איך ראטה אייך פון טיעפען הארצען, אז איהר זאלט זיך ארויסשלאגען פון אייער קאפ דיא נארישע האפנונג, אז איך וועל מיט אייך אמאל הייראטהען. איך האב א געליעב־

מען און דיא וואך הייראטהען מיר. גוד באי!

זיא איז ארויס אין אן אנדער צימער. ראטער איז אנידערגעפאלען אויף א שטוהל און האט אויסגעבראכען אין א יאמערליכען געוויין, וועלכער האט אנגעהאלטען היבשע עטליכע מינוטען. דיא יונגע אלמנה איז צוריק אריינגעקומען און מיט א בעפעהלענדען טאן האט זיא צו איהם געזאגט:

— מיסטער ראטער, איהר וועט אזוי גוט זיין און פערלאזען מיין הויז. עס דארף באלד איםיצער קומען צו מיר און איך וויל ניט, אז יענער זאל איך דא טרעפען.

— פלארא! — האט ער אויסגעשטרעקט צו איהר פערצווייפעלט דיא הענד.

— מיסטער ראטער! — האט זיא אין א שטרענגען טאן געזאגט — איך האב אייך געזאגט מיין לעצטעס ווארט און מעהר וועט איהר פון מיר קיין ווארט ניט הערען. זייט אזוי גוט און פערלאזט מיין הויז!

ער האט פערצווייפעלט א מאך געטהאן מיט דער האנד, אזוי וויא איינער, וועלכער בעשליסט עטוואס צו טהאן און האט זיך געלאזען געהן מיט לאנגזאמע טריט, זאגענדיג:

— דו טרייבסט מיך ארויס פון דיין הויז... איך האב צו דיר ניט דערפאר אבער געדענק דאס איינע. איך ליעב דיך און איך וועל דיך קיינמאל ניט אויפהערען צו ליעבען. דו האסט א געליעבטען, זאגסטו. איך ווארען דיך, אז דו זאלסט זיך מיט איהם ניט פערבינדען! איך וועל אין קורצען צו דיר צוריק קומען אלס א פרייער מענש און אויב דו וועסט שוין דאן ניט זיין פריי, וועט עטוואס שרעקליכעס פאסירען. זאלסט דאס גוט געדענקען, פלארא!

ער האט זיך אפגעשטעלט ביי דער טיהר און געקוקט אויף איהר מיט בעטענדע בליקען, אזוי וויא ער וואלט געווארט אויף אן ענטפער. זיא האט געשוויגען איראניש און געזאגט, מאכענדיג צו איהם מיט דער האנד:

— גוד באי, גוד באי!

ארונטערקומענדיג אין גאס איז ראטער געווען אזוי צוטראגען, אז ער איז געבליבען שטעהן, ניט וויסענדיג וואו ער געפינט זיך. עס האט איהם גענומען היבשע מינוטען ביז ער האט זיך בעדענקט אויף וועלכער סטריט ער איז. דאן האט ער זיך זעלבסט געשטעלט דיא פראגע:

— וואו געהט מען יעצט?

ער איז אהער געקומען מיט דער האפנונג, אז זיא, מיסעס אייזען, וועט איהם פריינדליך אויפנעהמען און ער וועט מיט איהר צוזאמען גליקליך פארברייגען א פאאר טעג. אבער בעקומענדיג פון איהר אזא קבלת פנים, האט ער ניט געוואוסט וואו זיך אהינצוטהאן. א געדאנק איז איהם ארויפגעקומען אויפ'ן זינען, אז ער זאל גלייך צוריקפאהרען קיין ראקאוויי. דא איז ער נאך מעהר צוטראגען געווארען. ער האט זיך געלאזען לויפען שנעל, אזוי וויא ער וואלט וועלען אנטלויפען פון דיעזען געדאנק... אפלויפענדיג אזוי ביי עטליכע בלאק, האט ער זיך ווידער אפגעשטעלט און גענומען טראכטען, וואו ער זאל געהן. ער האט בעשלאסען צו געהן אין שאפ אריין. דארטען, האט ער געדענקט, וועט ער זיך אביסעל בערוהיגען און ער וועט דאן קענען בעשליסען וואו ער זאל פערברייגען דיא קומענדע פאאר טעג.

אין שאפ איז ער אבער אויף דאס ניי געווארען אויפגערעגט. אריינקומענדיג אין אפיס, זיינען זיינע אויגען געפאלען אויף דעם ארט, וואו בערטהא פלעגט אימער זיצען, צוזאמען מיט זיין פאטער און דאס האט איהם געמאכט זעהר נערוועז. ער האט געגעבען אן ארדער, אז מען זאל דעם פריוואט אפפים פונאנדערנעהמען און עס זאל צוריק זיין איין צימער, אזוי וויא עס איז אמאל געווען, איידער בערטהא איז דא אנגעקומען ארבייטען. ער האט דערביי געפיהלט א מין פערגניגען, אזוי וויא ער וואלט איהר, בערטהא'ן, דערמיט קרענקונג פערשאפען... דאן האט איהם דער הויפט בוך־קיפער דערצעהלט א געשיכטע, פון

וועלכע ער איז שרעקליך אויפגעבראַכט געוואָרען. ער האָט איהם דערצעהלט, אַז בערטהאַ׳ס אָנקעל, וועלכען זיין פּאַטע־האָט געמאַכט פאַר אַן איידזשענט ביי זיינע הייזער, האָט פערדיענט אַ פּאָאַר טויזענד דאָלאַר אין ריעל עסטייט. ער פּלעגט קאָלעקטען יעדען מאָנאַט איבער צוויי טויזענד דאָלאַר רענט. דאָס געלד פּלעגט ער אָפּגעבען יעדען ערשטען פון דעם קומענדען מאָנאַט. האט ער פאַר די געלד וואָס ער האָט צונויפגענומען פון רענט געקויפט אַ הויז, אָן וועלכע ער האָט גליך פון דער האַנד פערדיענט אַ פּאָאַר טויזענד דאָלאַר.

— אַזאַ שנאָרער! — האָט ראָטער געטופּעט מיט די פיס — ער וועט מאַכען ביזנעס מיט מיין געלד! איך וועל איהם דערפאַר שוין ווייזען.

און ער האָט געהייסען, אַז מען זאָל איהם גלייך ברייגען אין אָפּפיס. אַלע אָנגעשטעלטע האָבען געקוקט אויף ראָטער׳ן מיט פערוואונדערונג. וויא קומט עס וואָס ער זאָל אַזוי בעליידיגען זיין פרוי׳ס אָן אָנקעל. בעזאָנדערס האָבען איהם אַלע ליעב געהאַט, ווייל ער איז געווען אַן אָרענטליכער, קלוגער מענש און האָט מיט זיין גוטמוטיגקייט זיך ערוואָרבען יעדען אַלס זיין פריינד. דער בוך־קיפּער וואָס האָט ראָטער׳ן דערצעהלט די געשיכטע, האָט קיין זאַך דערביי ניט געמיינט. ער האָט געדענקט, אַז ראָטער׳ן וועט דיעזע נייעס פערשאַפען פערגעניגען, און ער האָט שטאַרק חרטה געהאַט פאַר וואָס ער האָט עס איהם דערצעהלט. ער האָט זיך אָפּגערופען צו ראָטער׳ן:

— ער האָט דאָס ניט געהאַלטען אין געהיים, ער האָט עס יעדען איינעם דערצעהלט און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אייך אויך שרייבען וועגען דעם.

— אַ שעהנעם דאַנק איהם! — האָט ראָטער זיך ווידער גענומען קאָכען — ער האָט קיין רעכט ניט געהאַט צו מאַכען ביזנעס מיט מיין געלד.

— ענטשולדיגט, מיסטער ראָטער— האָט דער בוך־קיפּער געזאָגט — ער ברייגגט אימער דיא געלד יעדען ערשטען פון מאָנאַט. ער פּלעגט זיך אַזוי פיהרען נאָך ווען אייער זעליגער פאָטער האָט געלעבט. איך זעה ניט איין דעם פערברעכען וואָס ער איז בעגאַנגען. ער האָט דאָך געקענט מאַכען אַ שוויינ וועגען דער געשיכטע און איהר וואָלט זיך דאָס קיין מאָל ניט דערוויסען.

— וואָס פערטהיידיגט איהר איהם אַזוי? — איז ראָטער אָנגעפאַלען אויף דעם בוך־קיפּער — איך וויל ניט, אַז ער זאָל זיך ארומטראָגען מיט מיין געלד אַ גאַנצען מאָנאַט! איך וועל איהם אין גאַנצען ענטזאָגען פון דזשאָב דערפאַר.

ווען דער מאַן איז געקומען, איז ער מיט אַ פריינדליכע מינע צוגעגאַנגען צו ראָטער׳ן, איהם בעגריסט און געפרעגט וואָס בערטהאַ מאַכט.

— זיא איז אָלל רייט! — האָט ער איהם גראָב געענטפערט — אָבער זאָגט מיר נאָר, וואָס פאַר אַ רעכט האָט איהר געהאַט צו מאַכען ביזנעס מיט מיין געלד? ווער האָט אייך דאָס ערלויבט, הא?

דעם מאַן׳ס געזיכט איז פערלאָפען געוואָרען מיט בלוט. עטליכע סעקונדען איז ער געווען אַזוי צוטומעלט, דאָס ער האָט ניט געקענט קיין וואָרט ריידען. ענדליך האָט ער זיך בערוהיגט און אין אַ גוטמוטיגען טאָן געזאָגט:

ענטשולדיגט מיר מר. ראָטער, איך האָב ניט געוואוסט, אַז דאָס וועט אייך אַזוי שטאַרק פערדריסען. ווען איך וואָלט געוועזען וויסען, וואָלט איך עס ניט געטהאָן, ווען איך וואָלט אפילו געהאַט דערביי צו פערדיענען הונדערט טויזענד דאָלאַר. איהר מעגט דאָס מיר עהרליך גלויבען.

— אַזוי! איהר האָט ניט געוואוסט, אַז עס וועט מיר פערדריסען! — האָט ראָטער זיך ווייטער געקאָכט, שטעכענדיג איהם מיט זיינע בליקען און מיט דיא ווערטער — אַז מען ווייסט ניט, קען מען דאָך אָנפרעגען.

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, אַז קלענערע סומען האָב איך שוין ניט איין מאָל פערדיענט מיט דיא געל־וואָס איך קאָלעקט איין פון דיא רענט — האָט ער געזאָגט מיט אָפּענהערציגקייט. — איך האָב זיך וועגען דעם געפרעגט ביי

אייער זעליגען פאטער און ער האט דאס מיר ערלויבט; אייער מוטער, זיא זאל געזונד זיין, קען זיין אן עדות. ער האט מיר נאך אליין אנגעבאטען געלד פאר ביזנעס.

— איך בין דאך ניט דער טאטע!

— איז ער נאך מעהר אין כעס געוואָרען — מיר דארף מען פרעגען. און וואס וואלט געווען, אז איהר וואלט צוגעלייגט צו דעם „דיעל“, הא? ווער וואלט מיר דאן אומגעקעהרט מיין געלד, מיסטער?

— איך — האט בערטהא'ס אנקעל מיט שטאלץ געענטפערט, ארויפלייגענדיג זיין האנד אויף דער ברוסט — איך וואלט אייך צום ערשטען אריינגעבראכט אייער געלד, קיין איין סענט וואלט אייך ניט געפעהלט.

זיין געזיכט האט אויסגעדריקט שרעקליכע ליידען. ער האט זיך פערטראכט א ווייל. דאן האט ער זיך אוועקגעזעצט ביי א דעסק, ארויסגענומען פון בוזעם־טאש א טשעק־בוך. ער האט אויסגעמאכט א טשעק און דערלאנגענדיג איהם ראטער'ן האט ער געזאגט:

— דא האט איהר א טשעק אויף זעקס און דרייסיג הונדערט דאלאר. דאס איז דיא סומע וואס איך האב פערדיענט דורך אייער געלד. איך בין עס אייך מוחל, צוזאמען מיט דעם דזשאב. איך בין שוין באלד נאך א מאל אזוי אלט וויא איהר, דורך מיינע הענד זיינען שוין הונדערטע טויזענדער דורכגעגאנגען און איך האב נאך פון קיינעם קיין בעליידיגונגס־ווארט ניט געהערט. איהר זייט דער ערשטער וואס האט מיך בעליידיגט.

ראטער האט בייז א כאפ געטהאן דעם טשעק און האט איהם צוריסען, זאגענדיג:

— איך דארף ניט אייער געלד!

— איהר זאגט דאך, אז עס איז א י י ע ר געלד — האט דער איידזשענט איהם בעמערקט.

— איך וויל מעהר וועגען דעם ניט ריידען, דאט'ס אלל! — האט ראטער געשריען, אפקעהרענדיג זיך פון איהם — איהר ווילט ניט דעם דזשאב, דארף מען ניט. זיינען מיר אויס מחותנים.

— דאס ניט, מיסטער ראטער—האט בערטהא'ס אנקעל מיט א לייכטען שמייכעל זיך אפגערופען—מחותנים בלייבען מיר דאך. איהר וועט זיך דאך צוליעב מיר ניט גט'ען מיט בערטהא'ן.

ראטער האט געקריצט מיט דיא ציינער פון כעס. פלוצלונג האט ער בעמערקט וויא איינער פון דיא אנגעשטעלטע אין אפפים האט געשמייכעלט. האט ער צו איהם זיין כעס אויסגעלאזען, שרייענדיג:

— וואס איז דא א פארשטעלונג וואס איהר האט זיך אזוי צולאכט? וואו געפינט איהר זיך — אין א מיוזיק האלל אדער אין א'ן אפפיס? איהר האט דא מעהר קיין ארבייט ניט.

ער האט זיך געווענדעט צום עלטעסטען בוך־קיפער און געזאגט מיט א בעפעהלענדען טאן:

— בעצאהלט איהם וואס איהם קומט און זאל ער געהן!

דער מאן, וועמען ער האט ענטזאגט פון דער שטעלע, איז געווען שוין א'ן עלטערער מענש. אכצעהן יאהר האט ער שוין דארטען געארבייט. דער פערשטארבענער בענדזשאמין האט איהם געהאלטען אלס איינעם פון דיא געטרייסטע, איבערגעבענסטע מענשען. הערענדיג, אז ער פערליערט זיין ברויט, איז אין איהם דיא הארץ איינגעפאלען פון שרעק. ער האט געהאט א גרויסע פאמיליע צו ערנעהרען, א חוץ דעם האט ער ביי זיך געהאלטען א'ן אלטע פאראליזירטע מוטער, וועלכע ער האט ניט געוואלט אוועקגעבען אין קיין טשאריטי־אנשטאלט. ער האט זיך פארגעשטעלט וואס פאר א טרויעריגע צוקונפט איהם ערווארטעט. ער איז צוגעגאנגען צו ראטער'ן און געזאגט, צוּוויינענדיג זיך וויא א קליין קינד:

— מיסטער ראטער, פאר וועלכע זינד ענטזאגט איהר מיר פון מיין שטעלע? איך ארבייט שוין דא אזוי לאנג...

— גיט איהם זיינע וויידזשעס! — האט ראטער א דונער געטהאן צום בוךקיפער.

— מיסטער ראטער! — האט זיך בערטהא'ס אנקעל אפגערופען אין א

העכסט פריינדליכען טאָן, צוגעהענדיג צו איהם.

דער יונגער מאַנופעקטשורער האָט אָבער ניט געלאָזען ריידען צו זיך. ער האָט זיך מיט א פּרעכע מינע אָפּגעקעהרט פון איהם און געזאָגט מיט כעס:

— הערט מיך אויף צו באַדערען!

דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו איינע פון דיא טייפּריימערינס און איהר געהייסען אַז זיא זאָל אדווערטייזען אין א גרויסע ענגלישע צייטונג נאָך אַן איידזשענט מיט פינף טויזענד דאָלאר קעש סעקיוריטי, און ער האָט פערלאָזען דעם אפּיס.

ארונטערקומענדיג אין סטריט האָט ער זיך ווידער אָפּגעשטעלט טראַכטען וואו ער זאָל געהן. ער איז יעצט געווען נאָך מעהר אויפגערעגט וויא פריהער, ווען ער איז ארונטער פון דער יונגער אַלמנה'ס הויז. ער האָט מורא געהאַט לענגער צו שטעהן אויף אַן אָרט, אום ער זאָל ניט בעגעגענען קיין בעקאַנטע — און אין דער געגענד האָט ער געהאַט זעהר פיעל בעקאַנטע מאַנטפעקטשורערס. זיי וועלען איהם נעהמען אויספרעגען וואס ער טהוט דא, וויסענדיג אַז ער פערברייננגט גאַר יעצט זיין „האָנימון"...

ער איז אריינגעשפּרונגען אין א קאַר, וואס איז פאַרבייגעפאָהרען, ניט קוקענדיג צומאָל וואוהין דיא קאַר פאָהרט. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל און פערשטעלט זיין געזיכט מיט א צייטונג, אַזוי וויא ער וואָלט כלומר'שט לעזען, אום קיינער זאָל איהם ניט בעמערקען. ער האָט זיך עטוואס בערוהיגט און גענומען נאָכדיינקען וועגען אַלעם וואס עס האָט מיט איהם היינט פּאַסירט. טראַכטענדיג וועגען דיא יונגע אַלמנה, איז ער געקומען צום בעשלוס, אַז זיא האָט זיך דאָס מיט איהם גערייצט, אַז עס איז ניט וואהר, אַז זיא האָט א געליעבטען גוי אַז זיא געהט הייראַטהען. א שטראַהל פון האָפנונג האָט א בליץ געטהאָן אין זיין האַרצען. זיא וועט וואַרטען אויף איהם ביז ער וועט ווערען פריי. „אָבער וויא אַזוי בעפרייט מען זיך פון בעטרהא'ן?" — האָט ער זיך געפרעגט און איז ווידער געוואָרען אומעטיג. ער איז געווען אַזוי פערזונקען אין זיינע געדאַנקען, אַז ער האָט גאַר ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך, און ווען ער האָט ארויסגעקוקט דורך דער אָפענער ווינדאָו פון קאַר, האָט ער געזעהן, אַז ער געפינט זיך אַפּטאַון אויף דער וועסט סייד.

ער איז ארונטער פון קאַר און איז אריין אין דעם ערשטען האָטעל, וועלכען ער האָט בעגעגענט. געפינענדיג זיך אין זיין צימער, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט שרייבען א בריעף צו מיסעס אייזען. א לאַנגען בריעף האָט ער געשריבען, וועגען זיין גרויסע ליעבע צו איהר, האָט ער איהר געשריבען. מיטלייד האָט ער ביי איהר געבעטען און ער האָט איהר פערזיכערט, אַז עס וועט ניט נעהמען קיין צוויי מאָנאַטען און ער וועט זיין פריי פון זיין יעצטיגע פרוי דורך א שיידונג. דאַן האָט ער איהר געשילדערט וויא גליקליך זיי וועלען לעבען צוזאַמען. ער האָט זיך ווידער פערטהיידיגט, אַז ער האָט געמוזט הייראַטען; ער האָט זיך אַנדערש ניט געקענט העלפען. צום שלוס האָט ער ביי איהר געבעטען ערלויבניס, אַז ער זאָל איהר בעזוכען ביי איהר אין הויז און אויב זיא וויל ניט, אַז ער זאָל איהר בעזוכען אין איהר הויז, זאָל זיא קומען צו איהם אין האָטעל, וואו ער וועט פאַרברייננגען דריי טעג. ער האָט דעם בריעף אוועקגעשיקט מיט א מעסענדזשער באָי און געהייסען וואַרטען אויף אַן ענטפער.

מיט דער גרעסטער אונגעדולד האָט ער ערוואַרטעט דעם שליח'ס צוריק־קומען. יעדע סעקונדע איז ביי איהם געווען א יאָהר. ענדליך איז דער מעסענדזשער באָי געקומען און ער האָט איהם געבראַכט דעם פאָלגענדען קורצען אנטוואָרט:

— דיא ליידי האָט געזאָגט, אַז זיא האָט אייך שוין געענטפערט און מעהר האָט זיא אייך ניט וואס צו זאָגען.

ראַטער איז ארומגעלאָפען איבער זיין צימער אַזוי וויא א פערוואונדעטער טיגער, רייסענדיג זיך דיא האָאר פון קאָפּ. טרויעריגע, פינסטערע געדאַנקען האָבען

זיך האסטיג גענומען שפארען אין זיין קאפ.

ענדליך האט ער זיך עטוואס בערוהיגט.

— זיא רייצט זיך יעצט מיט מיר — האט ער צו זיך אליין גערעדט — אבער ווען איך וועל זיין פריי, וועט זיא מיך ניט פערשטויסען; זיא וועט מיך נאך שטארקער ליעבען וויא פריהער.

און ער האט בעשלאסען אויף מארגען אהיים צו פאהרען און אפען ריידען מיט בערטהא'ן וועגען א שיידונג. א האלבען פארמעגען וועט ער איהר אוועקגעבען זיא זאל איהם בעפרייען. ער איז זיכער געווען אז זיא וועט איהם בעפרייען. יעצט איז דיא בעסטע צייט דערצו. דיא מאמע איז אין דער היים ניטא. און אויב זיא וועט איהם ניט וועלען בעפרייען מיט'ן גוטען ווילען, וועט ער מוזען זוכען אנדערע מיטעל...

דעם זעלבען אבענד איז ער אוועק צו א בעוואוסטען לאיער, וועלכער איז געווען א ספעציאליסט אין גט פראצעסען. ער האט איהם פערשפראכען א גרויסע סומע, אום ער זאל זעהן צו קריגען פאר איהם א גט, אין פאל ווען זיא וועט איהם אליין ניט וועלען בעפרייען. דער לאיער האט איהם געגעבען גוטע האפנונגען, ערקלערענדיג איהם, אז ער איז ניט דער איינציגער, פאר וועמען ער האט שוין אין אזא פאל א גט בעקומען. ער האט איהם דערביי אויסגעפרעגט, צי זיא פארברייננט עפעם מיט יונגע לייט. ראטער האט איהם געענטפערט, אז ניט. דער לאיער האט זיך א וויילע פערטראכט און געזאגט, אז מען קען שוין זעהן, אז זיא זאל זיך בעקענען מיט א יונגען מאן, און דיעזער יונגער מאן וועט זיין פון זיינע מענשען און ער וועט שוין וויסען, וואס ער האט צו טהאן. ראטער האט געזאגט דעם לאיער, אז ער וועט איהם וועגען דעם לאזען וויסען. פיליייכט וועט זיא דאך איינוויליגען מיט גוטען זיך צו שיידען.

א גליקליכער האט ראטער פערלאזען דעם לאיער'ס אפיס.

אויף מארגען האט ער געוואלט אהיים פאהרען. ער איז שוין געווען ביי דער באהן, אבער ער האט זיך פון דארט צוריקגעקעהרט. ער האט זיך בעדיינקט, אז עס איז בעסער, ער זאל ניט אהיים פאהרען. זיא וועט נאך דיינקען, אז ער האט זיך פערביינקט נאך איהר, האט ער געטראכט. ער וועט ערשט אהיים פאהרען אויף שבת. זאל זיא ווידער זעהן, אז ער „קעהרט" ניט פאר איהר, אז ער וויסט ערשט פון א לעבען דאן, ווען ער איז ניט מיט איהר. ער וועט עס איהר אליין זאגען.

* * *

ווען ראטער איז אוועקגעפאהרען, האט בערטהא זיך געפיהלט זעהר נידערגעשלאגען. זיא איז געבליבען איינע אליין אין קאטטעדזש, וויא אין א פריזאן. זיא האט זיך קיין ארט ניט געקענט געפינען. שטונדען לאנג איז זיא געזעסען פערמאכט אין איהר צימער און האט זיך בעגאסען מיט טייכען טרעהרען. זיא האט זיך געשעהמט צו ווייזען פאר איהרע איינענע דיענסטען, דענקענדיג, אז זיי וועלען דערקענען אן איהר געזיכט וואס אין איהר הארצען טהוט זיך. צוליעב דער זעלבער אורזאכע האט זיא זיך אויך געשעהמט צו ווייזען פאר דיא שכנים. דער ניגער איז געווען דער איינציגער, וועלכער האט פערשטאנען איהר לאגע און ער האט געזוכט א מיטעל וויא אזוי איהר צו פעראינטערעסירען אין עטוואס, אום זיא זאל זיך ניט פיהלען אזוי אומעטיג. ענדליך האט ער אזא מיטעל געפונען.

אויף מארגען נאכדעם וויא ראטער איז געווען אוועקגעפאהרען, האט דער ניגער אנגעקלאפט אין בערטהא'ס צימער. ווען ער איז אריין, האט ער זיך אפגעשטעלט ביי דער טיהר און פערנייגענדיג זיך, האט ער אונדרייסט געזאגט אין ענגליש :

— ענטשולדיגט מיר פאר מיין דרייסטקייט, מאדאם, איך האב צו אייך א ביטע.

בערטהא האט זיך ניט נור ניט געשראקען יעצט פאר דעם שווארצען, פערקעהרט, נאך דעם קאנצערט, וואו ער האט

פארגעשטעלט דעם אקט מיט דעם פאלשען פריינד האט זיא צו איהם געפיהלט א מין דאנקבארקייט. זיא האט אינסטינקטיוו געפיהלט, אז זיא האט אין דיזען מענשען אן אמת'ן פריינד און זיא איז זעהר צופריעדען געווען וואס ער איז יעצט אריינגעקומען צו איהר. זיא וועט כאטש האבען מיט וועמען א ווארט אויסצוריידען. זיא האט איהם אנגעוויזען אויף א טשער, ער זאל זיך זעצען און געזאגט זעהר העפליך אין אידיש:

— וואס קען איך טהאן פאר אייך?

— דיא ביטע וואס איך פערלאנג פון אייך — האט דער ניגער געזאגט אויך אין אידיש, בלייבענדיג שטיין אויף זיין ארט — איז ניט פאר מיר, נאר פאר א פרעמדען. נעכטען איז דא געווען א פעדלער, האט ער מיר דערצייהלט, אז אויף א פארם עטליכע מייל פון דאנען, געפינט זיך א אידישע פאמיליע אין שרעקליכער נויטה. דיא פרוי איז א שווינדזיכטיגע און דער מאן איז פון שרעקליכע צרות משוגע געווארען און ער איז צוגענומען געווארען אין א האספיטאל אריין. איך בין גלייך נעכטען אהין געלאפען און איך האב דארטען געפונען אזא שרעקליכע בילד, אז עס איז אונמעגליך דאס איבערצוגעבען אין ווערטער.

בערטהא איז זעהר געריהרט געווארען פון דער געשיכטע און זיא האט געזאגט:

— ווארום האט איהר מיר דאס נעכטען ניט דערצייהלט. איך וואלט אייך געגעבען עטליכע דאלאר, איהר זאלט דאס צו זיי אוועקטראגען.

— איך האב איבערגעלאזט א פאר דאלאר — האט ער געזאגט, ארונטערלאזענדיג פערשעהמט דיא אויגען — אבער דאס איז ניט גענוג. מען דארף דיא פרוי זעהען אוועקצושיקען קיין ליבערטי און די קינדער מוז מען בעזארגען.

— איהר האט רעכט — האט בערטהא צוגעגעבען.

זיא האט זיך פערטראכט א ווייליע און ווייטער געזאגט:

— גרייט צו דעם אויטאמאביל און איך וועל גלייך אהין פאהרען. איך וועל איהר פרעגען צו זיא האט דא ערגעץ בעקאנטע אדער פאמיליע. דאן וועל איך בריינגען א דאקטאר און מיר וועלען זעהען דיא פרוי מיט דיא קינדער צו בעזארגען.

דער ניגער איז ארויס. בערטהא האט זיך גענומען אנטהאן. אך, וויא דאנקבאר זיא איז יעצט געווען דעם שווארצען דערפאר, וואס ער האט איהר געגעבען א געלעגענהייט צו טהאן א גוטע זאך און אין דערזעלבער צייט וועט זיא האבען מיט וואס זיך צו פעראינטערעסירען! ווען דער ניגער איז אריינגעקומען און ערקלעהרט, אז דער אויטאמאביל איז גרייט, איז זיא שוין געווען פערטיג מיט איהר טואלעטע. זיא איז ארויסגעגאנגען, זיך אריינגעזעצט אין אויטאמאביל און זיי זיינען געפאהרען.

אהין קומענדיג, האט זיא דיא אונגליקליכע פרוי אויסגעפרעגט וויא זיא פיהלט און צו זיא האט דא פאמיליע. דיא קראנקע האט קוים געקענט ריידען. זיא האט איהר בקיצור דערציילט וועגען איהר לאגע און זיא האט געזאגט, אז זיא האט אין בראנזוויל א ברודער, וועלכער איז אליין אויך א גרויסער ארימאן. בערטהא האט איהר געגעבען עטליכע דאללארבילס איהר געטרייסט און פערשפראכען איהר צו העלפען מיט וואס זיא וועט נאר קענען. ווען זיי זיינען ארויס, האט דיא קראנקע אנגעכאפט דעם ניגער'ס האנד און איהר בעדעקט מיט קושען. בערטהא האט בעמערקט טרעהרען אין דעם שווארצען'ס אויגען. זיא איז זעהר געריהרט געווארען פון דיעזער סצענע און איהר סימפאטהיע צום ניגער איז יעצט נאך פיעל שטארקער, הייסער געווען.

— מיר וועלען יעצט פאהרען צום דאקטאר, וועלכער וואהנט ניט ווייט פון אונז — האט בערטהא געזאגט צום ני־

גער, ווען זיא האט זיך אוועקגעזעצט אין אויטאמאביל.

— מען וועט אויך דארפען אריינגיין צו דעם דירעקטאר פון דעם האספיטאל, פאר וועלכען מען האט געמאכט דעם קאנ־צערט — האט ער געזאגט.

— איהר האט רעכט — האט זיא צוגעגעבען, קוקענדיג אויף איהם מיט פריינדליכע בליקען — איך האב גאר פערגעסען אן דעם. מיט וועלען טאקע פריהער צו איהם אריינגיין.

דער דירעקטאר, אויסהערענדיג דיא טרויעריגע געשיכטע, האט ערקלעהרט, אז ער וועט מיט פערגניגען טהאן אלעס וואס ער וועט נאר קענען און אויב דער דאקטאר וועט זאגען, אז מען קען איהר האלטען אין האספיטאל, וועט ער גלייך טעלעפאנירען, אז מען זאל שיקען אן אמ־בולאנס און איהר צונעהמען.

— אבער וואס וועט זיין מיט דיא קינדער ?—האט ער געפרעגט בערטהא'ן.

— דיא פרוי האט א ברודער אין בראנזוויל — האט זיא איהם ערקלעהרט — איך האב זיין אדרעס. ער איז א גרוי־סער ארימאן, אבער מען וועט איהם גע־בען עטליכע דאלאר א וואך, וועט ער דיא קינדער מיט פערגניגען האלטען און אכ־טונג געבען אויף זיי. דאס וועל איך שוין בעזארגען — האט זיא שטיל און עטוואס פערשעהמט צוגעגעבען.

זיי זיינען ביידע צופוס אוועק צום דאקטאר. אויפ'ן וועג האט בערטהא איהם דערצעהלט וויא אזוי זיא האט זיך דער־וואוסט פון דער אונגליקליכער.

— דער ניגער איז זעהר א בראווער יונג — האט איהר דער בעגלייטער בע־מערקט.

— איהר האט געדארפט זעהען וויא דיא קראנקע האט איהם געדאנקט און געקושט דיא האנד — האט זיא גערעדט מיט א מין בעגייסטערונג.

דער דאקטאר איז גזווען פערנומען מיט עטליכע געסט, אבער הערענדיג דיא געשיכטע, האט ער זיך ענטשולדיגט פאר די געסט און ער איז מיט זיי גלייך ארויס.

אהין קומענדיג צו דער קראנקער, האט דער דאקטאר איהר גרינדליך אונ־טערזוכט און האט ערקלעהרט, אז מען קען איהר נעהמען אין האספיטאל אריין. אויף דעם פערלאנג פון דעם דירעקטאר פון האספיטאל, האט ער אנגעשריעבען צום הויז־דאקטאר פון האספיטאל א בריעף, אין וועלכען ער האט אויסגעשרי־בען איהר קראנקהייט. ביידע מענער האָ־בען דער קראנקער איבערגעלאזען צו עט־ליכע דאלאר און זיי זיינען אוועק. דער ניגער, זעהענדיג וויא בערטהא פיהלט זיך צופריעדען, וויא איהרע אויגען בלישצען מיט לעבעדיגקייט, האט אין איהם דיא הארץ גענומען טאנצען פון שמחה.

ווען בערטהא איז אהיים געקומען האט זיא געזאגט דעם ניגער, אז זי געהט גלייך שרייבען א בריעף צו דער קראנ־קער'ס ברודער, ער זאל קומען נאך דיא קינדער.

— מען קען דאך זיי אהין פיהרען מיט דעם אויטאמאביל — האט דער ני־גער בעמערקט — אויב איהר וועט מיר ערלויבען, וועל איך דאס מארגען טהאן.

— איהר האט רעכט — האט זיא איהם צוגעגעבען.

ווען זיא איז אריין צו זיך אין צי־מער, האט זיא אויפ'ן טיש געפונען א בריעף צו איהר. דערזעהענדיג אויף דעם קאנווערט איהר אנקעל'ס האנד־שריפט, האט זיא זיך אינסטינקטיוו שטארק דער־שראקען. דיא הארץ האט איהר געזאגט, אז דער בריעף ברינגט איהר ניט קיין פריילליכע נאכריכט. ביז יעצט האט ער איהר קיין ווארט ניט געשריעבען, אב־וואהל ביים געזעגנען זיך מיט איהם, האט ער איהר פערשפראכען אפט צו שרייבען, האט זיא געטראכט, און גראד יעצט, ווען ראטער איז אין נויארק, האט ער איהר געשריעבען. מיט ציטערנדע הענד און א קלאפענדעם הארץ האט זי געעפענט דעם בריעף און איהם מיט פיבערשע בליקען גענומען לייענען. איבערלזיענדיג איהם, האט זיך א טיעפער זיפץ ארויסגעריסען פון איהר ברוסט. איהר שרעק האט גע־

האט א גרונד. איהר אָנקעל האָט איהר מיטגעטהיילט וועגען דעם סקאַנדאַל וואָס ראַטער האט געמאכט און וועגען דעם וואָס ער האט ענטזאגט דעם מאַן. ער האָט איהר געבעטען, אז זיא זאָל בעטען ראַטער'ען, ער זאָל דעם מאַן צוריק אַנ־שטעלען אויף דעם דזשאב.

זיא איז געבליבען זיצען זעהר פער־טרויערט. איהר פריהעריגע צופריעדענ־הייט איז פערשוואונדען. דיא הארץ האט איהר שטארק וועה געטהאָן אי אויף איהר אָנקעל, וועלכער האט פערלאָרען דעם דזשאב, אי אויף דעם צוויטען מאַן; אויף דעם לעצטען האט זיא נאָך מעהר מיט־לייד געהאט וויא אויף דעם אָנקעל, ווייל דער אָנקעל האט כמעט אביסעל געלד; און ער האט איהר אויסדריקליך געבעטען אין דעם בריעף, אז פאר איהם זאָל זיא מיט ראַטער'ן קיין איין ווארט ניט רעדען. דען ווען ער זאָל איהם אפילו וועלען צו־ריק אָנשטעלען, וועט ער ביי איהם מעהר ניט וועלען זיין. דעם ענטזאגטען מאַן האט זיא זעהר גוט געקענט. ער איז גע־ווען א העכסט אָרענטליכער און ארבייטס־זאמער מאַן. דער אַלטער ראַטער האט איהם אזוי געליעבט, דערמאָנט זיא זיך, און אללע אין אָפפיס און אין שאָפּ האָ־בען איהם זעהר רעספעקטירט.

בערטהא איז א פערציטערטע געוואָ־רען ביי דעם געדאנק, אז זיא וועט דאַר־פען אָנקומען צו ראַטער'ן מיט א ביטע. וואָלט זיא געוואוסט, אז זי וועט ביי איהם פועל'ן, וואָלט זיא דאָס מיט פערגניגען געטהאָן. דיא הארץ האט איהר אָבער גע־זאגט, אז זיא וועט גאר ניט אויספיהרען ביי איהם; ער וועט זיך נאָך גוט אויס־שרייען אויף איהר — האט איהר דיא הארץ פאָראויס געזאָגט — און וואָס פאר א פנים וועט זיא האָבען דאן ביי איהרע בעקאַנטע ? אללע וועלען זיך יעצט דער־וויסען, אז זיא האט ביי איהר מאַן קיין שום ווערטה ניט. דיעזע שאַנדע איז איהר יעצט פאָרגעקומען ניט וויינינגער שרעק־ליך, וויא דיא שאַנדע, ווען ער וואָלט איהר פערלאָזען באַלד נאָך דער חופה.

זיא האט אויסגעבראָכען אין א ביי־טערען געוויין. דיא וועלט איז אין איהרע אויגען אזוי פינסטער געווען, זיא האט זיך געפיהלט אזוי אונגליקליך !

זיא איז איינגעלאַדען געוואָרען פון דעם דאָקטאַר'ס פרוי אויף סאפּער. זיא האט דיא איינלאדונג מיט פערגניגען אָנ־גענומען. אָבער ווען עס איז געוואָרען דונ־קעל און זיא האט זיך שוין געדארפט אָנ־טהאָן, האט זיא זיך זעהר שלעכט גע־פיהלט. איהר געמיטה איז יעצט ניט גע־ווען צו גיין צו געסט. זיא האט געוואָלט בלייבען אַליין אין איהר צימער — אַליין מיט איהרע טרויעריגע געדאנקען, מיט איהרע טרעהרען.... זיא האט זיך אָנגע־טהאָן, געפּאַסט מוטה און איז אוועק צום דאָקטאָר. ארויסגעהענדיג האט זיא בעגע־גענט דעם ניגער, וועלכער האט דערקענט אָן איהר געזיכט, אז זיא האט פיעל גע־וויינט און אז זיא איז זעהר פערביטערט.

ווען זיא איז אוועק, האט דער שווארצער זיך ארייגגע'גנב'עט אין בערטהא'ס צימער, וועלענדיג אויסגעפי־נען דיא אורזאכע פון דער פּלעצליכער ענדערונג אין זיין מיסעס. ער האט געפו־נען ליעגען אויפ'ן טיש דעם בריעף, וועלכער איז געווען געשריעבען אין אי־דיש. ער האט איהם איבערגעלעזען און עס איז איהם שוין יעצט אללעס קלאָהר גע־וואָרען. א שטארקען מיטלייד האט ער געפיהלט צו זיין ערעלער בעל הבית'טע, צו וועלכער ער האט געפיהלט אזא טיע־פען רעספּעקט און ליעבע פון דער ער־שטער מינוט וואָס ער האט איהר דער־קענט. ער איז געבליבען שטיין זעהר פערטרויערט און האט זיך פערטראכט וועגען א מיטעל וויא אזוי איהר צו העל־פען.

בערטהא איז ווארים בעגריסט געוואָ־רען פון דעם דאקטאר, זיין פרוי און דיא איבעריגע געסט. מען האט געהאט צוגע־גרייט א רייכען סאפּער, אָבער בערטהא האט וויניג געגעסען. יעדער ביסען איז

איהר געבליבען שטיין אין האלז. זיא האט זיך מיט אלע קרעפטען אנגעשטרענגט זיך צו בעהערשען, מען זאל ניט דערקענען אן איהר דיא שרעקליכע לײדען, וועלכע זיא לעבט יעצט דורך. דאס האט זיך איהר אײנגעגעבען, אבער דאך האבען אלע בײם טיש בעמערקט, אז זיא איז עפעס אונרוהיג. זיא האט גערעדט, געשטיפט מיט אללעמען צוגלײך, וועהרענד אין איהר מוח האט איהר געעגבערט דער געדאנק, אז אין א פאר טעג ארום וועט זיך איהר אנקעל און דיא אללע אנגעשטעלטע אין אפים דערוויסען וועגען איהר לאגע...

נאך'ן סאפער האט דיא גאנצע קאמפאני גענומען א „היי־רייד". בערטהא האט זיך געפרופט צו ענטזאגען, ערקלעהרענדיג, אז זיא פיהלט זיך מיעד, אבער דעם דאקטאר'ס פרוי איז צו איהר צוגעשטאנען און האט איהר, וויא מיט געוואלד, ארויפגעזעצט אויף דעם וואגען. א ווײטע שטרעקע זײנען זײ געפאהרען. דיא גאנצע קאמפאני זײנען געווען אינטעליגענטע רוסישע יונגע לײט און פרײלײנס. בערטהא און דעם דאקטאר'ס פרוי זײנען געווען דיא אײנציגע פערהײראטהע פרויען. בײם סאפער און אויך דא זײנען דיא געשפרעכען געפיהרט געווארן אין דער רוסישער שפראך.

ווען דער וואגען איז געווען אפגעפאהרען א שטיקעל וועג, האבען אײניגע פון דער קאמפאני גענומען זינגען רוסישע פאלקס־ליעדער, וועלכע דיא איבעריגע רײזענדע האבען גלײך אונטערגעכאפט. דיא נאכט איז געווען א וואונדערשעהנע. דיא לבנה האט בעגאסען מיט איהרע זילבערנע שטראהלען דיא פעלדער און דיא בוימער, וועלכע האבען געוואקסען אויף בײדע זײטען פון וועג. איבעראל, וואו דיא אויג איז געפאללען, האט געבלישצעט מיט דעם צויבער, וועלכען עס ענטהאלט אין זיך א זומער נאכט אויפ'ן דארף.

בערטהא האט זיך גענומען פיהלען עטוואס פרײער. דיא טרויעריגע געדאנקען האבען איהר ביסלעכווײז פערלאזען און א פרײליכער געדאנק האט פערנומען זײער פלאץ. „און ווען אפילו ער וועט מיר ניט טהאן דיא טובה — האט זיא געטראכט — ווען ער וועט דעם מאן ניט וועלען צוריק אנשטעלען, וועלען זײ מיך אויך ניט בעשולדיגען דעריין און זײ וועלען אויך ניט דײנקען, אז ער האט מיך ניט ליעב. דאס איז ביזנעס און א פרוי דארף זיך ניט מישען אין קײן ביזנעס; און עס קען זײן, אז ער וועט מיר יא צוליעב טהאן, איז א צווײטער, א פרײליכער, געדאנק איהר געקומען אויפ'ן זינען. איך וועל איהם שטארק בעטען און ער וועט דאס מיר ניט ענטזאגען".

און מורא האבענדיג אז דיא פריהעריגע טרויעריגע געדאנקען זאלען זיך ניט צוריק אומקעהרען, האט זיא זיך אנגעשטרײנגט מעהר וועגען דעם ניט צו דײנקען. ווען זיא האט אלזא דערהערט די בעקאנטע טענער פון דעם רוסישען פאלקס־ליעד האט זיא נערוועז גענומען מיטזינגען, אזוי וויא זיא וואלט מורא האבען, אז דיא זינגער זאלען ניט אויפהערען פלוצלונג צו זינגען. דעם דאקטאר'ס פרוי, וועלכע איז געזעסען פון אײן זײט לעבען איהר מאן און פון דער אנדער זײט לעבען בערטהא'ן, דערהערענדיג איהר שעהנע, קלינגענדע שטימע, האט זיך ליעבליך צוגעטוליעט צו איהר און איהר אײנגעראמט אין אויער:

— איהר וועט אונז מוזען שפעטער עפעס אלײן זינגען, מיסעס ראטער.

בערטהא איז אזוי שטארק געווען היגגעריסען פון דעם פאלקס־ליעד, וואס האט איהר דערמאהנט אן דיא אמאליגע גליקליכע יאהרען, וועלכע זיא האט פערבראכט אין איהר הײמאטה, אין איהר יוגענד, דאס זיא האט גאר געהאט פערגעסען וואו זיא געפינט זיך יעצט. עס האט זיך איהר גערוכט, אז זיא איז יעצט אין איהר געבורטס־שטאדט, צווישען איהרע חבר'טעס און חברים, זײ שפאצירען אויפ'ן פעלד און זינגען. דערהערענ־

דיג אבער דעם נאמען „ראטער", האט זיא זיך גלייך געכאפט וואו זיא געפינט זיך און זיא האט געפיהלט וויא איינער, וואס כאפט זיך אויף פון א גליקליכען טרוים און דערזעהט פאר זיך די טרוקענע, הארטע, טרויעריגע ווירקליכקייט.... און א טיעפע ביינקשאפט האט גענומען נאגען איהר הארץ, איהר נשמה — א ביינקשאפט נאך דיא פערשוואונדענע גליקליכע יאהרען, וועלכע וועלען זיך שוין קיינמאל מעהר ניט צוריקקעהרען.

זיא איז וויעדער אריינגעפאלען אין א טרויעריגען געמיטהס־צושטאנד. זיא האט בעטראכט דיא מיטרייזענדע. אללעמענס פנים'ער שטראהלען מיט פרייד און גליק. יעדער האט ביי זיין זייט א פריילין, א געליעבטע וואהרשיינליך, האט זיא געטראכט, נאר זיא געפינט זיך דא איינע אליין... וואו איז יעצט איהר געליעבטער? וואס טהוט ער יעצט ? אין וועלכער געזעלשאפט פערברייננט ער יעצט ? אך, וויא גליקליך וואלט זיא זיך יעצט געפיהלט, ווען ער זאל זיך דא לעבען איהר געפונען ! א העלפט יאהרען פון איהר לעבען וואלט זיא פאר דיזען מאמענט אוועקגעגעבען.

זיא האט געפיהלט וויא דיא טרעהרען נעהמען איהר שטיקען אין האלז. זיא האט געוואלט ענטפערען דעם דאקטאר'ס פרוי, אבער זיא האט מורא געהאט, אז זיא זאל ניט אויסברעכען אין א געוויין. איהר הארץ איז געווען פולל מיט יסורים, מיט ביינקשאפט און זיא האט גענומען זינגען מיט א שטא־קערע שטיממע, אין וועלכער עס האבען געקלונגען פערשטיקטע טרעהרען. מיט אללע איהרע כוחות האט זיא געזונגען. זיא האט געוואלט פערטויבען דיא טרויעריגע געדאנקען, וועלכע האבען האסטיג זיך גענומען שפארען אין איהר מוח.

ווען זיי האבען געענדיגט זינגען, האט דעם דאקטאר'ס פרוי אויסגערופען, אז בערטהא וועט יעצט אליין עטוואס זינגען. בערטהא האט זיך געפרופט ארויס־

דרייען, אבער דיא גאנצע קאמפאניע איז צו איהר צוגעשטאנען און זיא האט געזונגען דיא אריע פון אפעליא פון דער אפערא „האמלעט". איהר גאנצע נשמה האט זיא אין דיזען ליעד אויסגעגאסען. אללע זיינען געזעסען שטיל און מיט פערטיפטקייט זיך איינגעהארכט אין דיא וואונדערשעהנע טענער, וועלכע דיא צויבערליכע נאכט האט אויפגעכאפט און אוועקגעטראגען ערגעץ ווייט...

ווען זיי האבען זיך צוריקגעקעהרט אהיים איז שוין געווען גוט ליכטיג. בערטהא האט זיך א מיעדע אריינגעווארפען אין בעט, דיינקענדיג אז זיא וועט געפינען בערוהיגונג אין דיא ארמס פון שלאף. זיא איז אבער א היבשע צייט געלעגען און ניט געקענט איינשלאפען. איהר הארץ איז יעצט געווען בעשווערט פון א נייע, אונבעוואוסטע שרעק.

ווען זיא איז אויפגעשטאנען און איז ארויס פון איהר צימער, האט זיא בעגעגענט דעם ניגער, וועלכער האט געקוקט אויף איהר מיט אונרוהיגע בליקען. א שרעק האט דורכגענומען איהר גאנצען וועזען. זיא האט געפיהלט, אז עס האט עטוואס געמוזט פאסירען און, ניט ווארטענדיג ביז ער וועט איהר דערציילען, האט זיא איהם מיט א ציטערנדע שטימע געפרעגט :

— וואס האט דא פאסירט, דזשארדזש ?

— ששששא ! — האט דער ניגער שטיל צו איהר געזאגט, צוגעהענדיג אויף דיא שפיץ־פינגער צו בערטהא'ן און ווינקענדיג צו איהר, אז זיא זאל קיין ווארט ניט ריידען — ער איז געקומען צו פאהרען.

בערטהא האט פערשטאנען, אז ער מיינט דאס אדלער'ן און איהר געזיכט איז בעגאסען געווארען מיט א טוידטע בלייכקייט. זיא האט געמאכט עטליכע טריט נעהענטער צו איהר צימער, וועלענדיג אהין אריינגיין און זיך פערשליי־נען, אזוי וויא מען פערמאכט זיך פאר א

רויבער, א גזלן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך א ווײלע פערטראַכט און איהם גע־פרעגט, קוקענדיג אויף איהם מיט צושראָ־קענע בליקען :

— אליין איז ער דאָ אָדער מיט דער פרוי ?

— אליין — האט דער שוואַרצער אַרויסגעשעפּטשעט — ער איז אונטען אין דײנינג־רום.

ביי בערטהא׳ן איז דיא געזיכט שרעקליך אויסגעקרומט געוואָרען. זיא האָט געעפענט דיא טיהר און איז שנעל אריין צו זיך אין צימער, געבענדיג א צײ־כען דעם ניגער, אז ער זאָל מיט איהר אַריינגיין. מיט איין שפּרונג איז ער גע־ווען אינעווייניג און האט שטיל פערמאַכט הינטער זיך דיא טיהר.

א ווײלע זײנען ביידע געבליעבען שטיל. ענדליך האָט דער ניגער געזאָגט :

— איהר דאַרפט זיך פאַר קיין זאַך ניט שרעקען. איך... איך...

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער ער איז ניט געווען דרייסט דאָס ארויסצורײדען און האָט אָפּגעהאַקט אין מיטען.

בערטהא האָט פערשטאַנען וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען און זיא האָט זיך אָפּגערופען, קוקענדיג אויף דעם דינער מיט דאַנקבארע בליקען :

— איהר זייט זעהר אַ גוטער מענש, דזשאָרדזש, איך בעטראַכט אייך אַלס מיינעם א פריינד, ניט קיין דיענער. איהר וועט זיין מיין איינציגער עדות....

דיא טרעהרען האָבען איהר גענומען שטיקען און זי האָט ווייטער ניט געקענט ריידען. אין דעם שוואַרצענס אויגען האָט אַ פייערעל א בליטץ געטהאָן, הערענדיג דיא פריינדליכע ווערטער פון זיין וויר־טהין, אָבער, זעהענדיג וויא זיא איז וויע־דער געוואָרען אומעטיג, האָט זיך א טיע־פער טרויער אָפּגעשפּיעגעלט אויף זיין געזיכט און זיין מויל האָט זיך אויסגע־קרומט פון כעס. ער האָט געמאַכט אַ בע־וועגונג אזוי וויא ער וואָלט וועלען עפּעס זאָגען, אָבער ער האָט זיך צוריקגעהאַל־טען.

— ווען איז ער געקומען ? — האָט איהם בערטהא געפרעגט.

— אין דער פריה.

— האָט ער עפּעס געזאָגט ?

— ער האָט געפרעגט וואו איהר זייט. איך האָב איהם געזאָגט, אז איהר שלאָפט נאָך.

דער ניגער האָט אריינגעשטעקט זיין האַנד אין פּאַקעט אַרויסנעהמענדיג פון דאָרט א זילבערנעם זייגער פון א באַקסעל, האָט ער געזאָגט מיט א שפּאָ־טישער מינע :

— ער האָט מיר דיא וואַטש גע־בראַכט אַלס פּרעזענט. ער מיינט...

ער האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט און ניט געענדיגט וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען.

— איך וועל באַלד אַרונטערגעהן— האָט בערטהא געזאָגט — און איך בעט אייך, אז איהר זאָלט היינט פון הויז ניט אוועקגעהן.

—דאָס האָב איך בעשלאָסען באַלד וויא איך האָב איהם נאָר דערזעהן—האָט ער געזאָגט—און אויב מען וועט דאַרפען אוועקפירען דער קראַנקער פרוי׳ס קינ־דער, וועל איך בעטען דעם דאָקטאָר׳ס שאָופער, וועט ער דאָס טהאָן. דער דאָק־טאָר וועט דאָך איהם דאָס ערלויבען. און אייך וואָלט איך בעטען—האָט ער צוגע־געבען, אַרונטערלאָזענדיג פערשעהמט דיא אויגען—אז איהר זאָלט זיך גאָר ניט ער־גערן, גאָר ניט שרעקען. איך וועל פון הויז ניט אוועקגעהן דיא גאַנצע צייט וואָס ער וועט דאָ זיין.

ווען ער איז ארויס פון בערטהא׳ס צימער, איז ער גלייך אריין צו זיך אין רום. דאָרט האָט ער פון זיין טראָנק ארויס־גענומען אַ׳ן אַנגעלאָדענעם רעוואָלווער און איהם אריינגעלייגט אין איינעם פון דיא הויזען פּאַקעטס.

בערטהא איז אריין אין דיינינג רום און דערזעהענדיג אדלער׳ן, איז זיא געבליע־בען שטעהן מיט אַ׳ן ערשטוינטע מינע, אזוי וויא זיא וואָלט ניט ערוואַרטעט איהם דאָ צו געפינען.

אדלער איז צוגעלאפען צו בערטהא'ן, זיך טיעף פערנייגט און געזאגט:

—איך זעה, אז איהר וואונדערט זיך וואס איך טהו דא. איך האב דא געהאט פערגעסען עטליכע קלייניגקייטען, וועלכע זיינען מיר אבער זעהר נייטיג. בין איך דאס אהער געקומען נאך דעם. איהר האט זיך אויף מיר ניט גערעכט, ניט וואהר?—האט ער צוגעגעבען קוקענדיג אויף בערטהא'ן מיט א שמייכעל.

— האט איהר דאס געפונען?—האט בערטהא איהם געפרעגט, ניט ענטפערענדיג איהם אויף זיין לעצטע פראגע.

— יא—האט ער געענטפערט—איך האב עס געפונען אויף דעם זעלבען ארט, אייף וועלכען איך האב עס געהאט אוועקגעלייגט. איהר האט זעהר עהרליכע דיענער—האט ער ווייטער בעמערקט—איך האב אויך געפונען אין קלאזעט א ביסעל טשיינדזש, וואס איך האב דארט געהאט פערגעסען.

בערטהא האט פערשטאנען, אז ע האט דאס אומישנע געהאט איבערגעלאזט, אום ער זאל האבען א'ן אויסרייד נאך וואס צוריקצוקומען. זיא האט צו איהם געפיהלט א טיעפען האס, זיא האט זיך אבער אנגעשטריינגט צו האלטען רוהיג און האט גענומען זוכען א מיטעל וויא אזוי איהם וואס שנעלער אוועקצושיקען.

— מיינע דיענער זיינען זעהר עהרליכע—האט זיא געזאגט—ספעציעל דער שווארצער. א'ן אייגענער, א פריינד, קען שוין געטרייער ניט זיין.

— יא, דאס איז אמת—האט אדלער מיט א נערוועזען טאן צוגעגעבען, — ער איז א בראווער קערל. איך האב איהם געבראכט א זילבערנע וואטש א פרעזענט.

— וואס מאכט ביטרים? — האט איהם בערטהא געפרעגט.

רויטע פלעקען זיינען ארויסגעטראטען אויף אדלער'ס גלאט־ראזירטע געזיכט. ער איז געווארען אונרוהיג און האט ניט געענטפערט. בערטהא האט א ציטער געטהאן. זיא האט אין איהם דערקענט, אז צווישען איהם און זיין פרוי האט עטוואס געמוזט פאסירען און ניט בעקומענדיג פון אידם קיין אנטווארט, האט זיא ווייטער געזאגט:

— איך פרעג דאך אייך וואס ביטרים מאכט און איהר ענטפערט מיר ניט.

— איך האב זיך פערטראכט און איך האב ניט געהערט וואס איהר האט געפרעגט — האט אדלער זיך פערענטפערט — זיא איז אלל־רייט. זיא האט אייך געלאזען הערצליך גריסען. זיא בענקט נאך אייך, אבער ניט אזוי שטארק וויא איך — האט ער שטיל, מיט א לייכטען זיפץ צוגעגעבען.

— איהר ווייסט דאך שוין אודאי, אז מאיר איז אין נויארק — האט בערטהא געזאגט, איגנארירענדיג זיין קאמפלימענט — איך פאהר אויך באלד אוועק.

— וואוהין? — האט אדלער כמעט אויסגעשריען?

— איך דארף אוועקפאהרען אויף עטליכע טעג — האט זיא מיט א פעסטען טאן געזאגט, קוקענדיג אויף איהם מיט שארפע בליקען.

— ענטשולדיגט מיר — האט ער זיך פערנייגט מיט א געמאכטע רוהיגקייט —איך האב געמיינט, אז איך מעג וויסען וואו איהר פאהרט.

— איך פאהר גלייך נאך דינער — האט בערטהא געזאגט.

זיא האט א דריק געטהאן דעם עלעקטרישען גלעקעל. א דיענסט איז אריינגעקומען. בערטהא האט איהר געהייסען גרייטען צום טיש.

— מיר וועלען פאהרען צוזאמען — האט אדלער געזאגט, ווען זיי זיינען וויעדער אליין געבליבען אין צימער.

— מיר קענען צוזאמען ניט פאהרען — האט בערטהא שטריינג געזאגט.

— ווארום? — האט ער געפרעגט, קוקענדיג איהר גלייך אין דיא אויגען אריין מיט פערוווירטע בליקען.

בערטהא האט שוין לייגנער ניט געקענט פערבארגען איהרע געפיהלען און זיא האט מיט אפענעם כעס געזאגט:

— מיסטער אדלער! פרעגט מיר

ניט קיין קשיות און באדערט מיך ניט.

זיין געזיכט, וועלכע איז יעצט געווען בלייך וויא קאלך, האט זיך שרעקליך אויסגעקרומט. ער האט שווער אפגעזיפצט און געזאגט:

— בערטהא! איך....

זיא האט איהם ניט געלאזען ענדיגען. זיא האט זיך אויפגעשטעלט פון טיש, איז צוגעגאנגען נאהענט צו איהם און דורכשפיזענדיג איהם מיט איהרע שטאלצע בליקען, האט זי א טופע געטהאן מיט'ן פוס און געזאגט בייז:

— איך ערלויב אייך קיין ווארט ניט ריידען, מיסטער אדלער. אויב איהר וועט ניט זיין אנשטענדיג, וועל איך אייך הייסען פערלאזען מיין הויז.

— אדלער האט פערביסען מיט דיא ליפען, אזוי וויא א גיפטיגע שלאנג וואלט זיך אין זיין לייב איינגעגעסען. ער האט עפעס געוואלט זאגען, אבער בעגעגענענדיג זיך מיט איהרע בליקען, איז איהם דיא צונג אפגעשטארבען אין מויל. א שווערער, ביטערער קרעכץ האט זיך בלויז ארויסגעריסען פון זיין ברוסט.

דיא דיענסט האט אריינגעבראכט עסען. בערטהא האט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש. זיא איז געווען אזוי צוטראגען, אז זיא האט בלויז פון יעדען מאכל מטואם טועם געווען. אדלער האט גאר ניט געגעסען. ער איז געזעסען שטום, וויא א חדר אינגעל, וועלכער אי, נאר וואס בעטראפט געווארען פון זיינע עלטערן.

נאכ'ן עסען האט זיך בערטהא אויפגעהויבען, זאגענדיג צו אדלער'ן:

— דא האט איהר מיין לעצטעס ווארט, מיסטער אדלער. אויב איהר וועט זיך ווייטער ניט אויפפיהרען אנשטענדיג, וויל איך ניט, אז איהר זאלט קומען אין מיין הויז אריין. איך וועל אויך דאן געצוואונגען זיין דאס צו דערצעהלען פאר אייער פרוי און פאר מאיר'ן.

אדלער האט געמאכט א בעוועגונג אזוי וויא איינער, וועלכער געפינט זיך אין א שרעקליכער געפאהר און עס איז איהם בלויז געבליעבען איין מיטעל זיך צו רעטען. ער איז צוגעגאנגען צו בערטהא'ן און, פאלענדיג פאר איהר אויף דיא קניע, האט ער געזאגט, אויסשטרעקענדיג פערצווייפעלט צו איהר דיא הענד.

— שיינקט מיר בלויז עטליכע מינוטען צייט. איך האב אייך זעהר וויכטיגעס מיטצוטהיילען.

זיא האט זיך אפגעקעהרט פון איהם מיט א מינע פון פעראכטונג און האט זיך געלאזען געהן צום טהיר.

אך, וויפיעל געזונד, וויפיעל לעבען זיא האט אין דיעזען מאמענט פערלארען.

אדלער איז איהר אויף דיא קניע פערלאפען דעם וועג, בעטענדיג זיך ווייטער ביי איהר:

— בלויז עטליכע מינוטען שיינקט מיר! האט מיטלייד מיט מיר. הערט מיר בלויז אויס און איך פערלאז גלייך אייער הויז. זייט ניט אזוי גרויזאם צו מיר.

בערטהא האט געמאכט נאך עטליכע טריט און קומענדיג הארט צו דער טהיר, האט זיא זיך אפגעשטעלט. זיא האט געוואוסט, אז דער ניגער געפינט זיך יעצט זיכער אין קארידאר, האט זיא געוואלט, אז ער זאל יעדעס ווארט הערען... זיא האט געהייסען אדלער'ן אויפשטעהן פון דער ערד, וועלכעס ער האט מיט א שקלאפישע געהארכזאמקייט גלייך געפאלגט. דאן האט זיא צו איהם געזאגט, אפקעהרענדיג פון איהם דעם קאפ:

— איהר קענט רעדען, אבער מאכט עס שנעל. איך מוז גלייך וועקפאהרען!

אדלער איז געווען אזוי צוטראגען, אז ער האט ניט געקענט אנפאנגען צו ריידען. אין זיין קאפ, אין זיין הארצען האט יעצט א ווילדער שטורם געוואיעט. ענדליך האט ער אויסגעבראכען אין א פערשטיקטען ביטערען, יאמערליכען געוויין.

בערטהא'ס אויגען זיינען אויך פערלאפען געווארען מיט טרעהרען. זיין געוויין האט איהר הארץ געשניטען וויא

מיט מעסערס. זיא האט זיינע טרעהרען גיט פערשטאנען. און א געפיהל פון טיעפען מיטלייד צו איהם האט גענומען בעהערשען איהר הארץ. זיא האט ניט געצווייפעלט אז דיזע טרעהרען זיינען עהרליכע, אויפריכטיגע, אז דאס וויינט א ליידענדע, ליעבענדע הארץ. אך, גאנצע טייכען טרעהרען אזעלכע האט זיא דאך שוין פערגאסען. דיא פיס האבען זיך גענומען וואקלען אונטער איהר און זיא האט זיך אוועקגעזעצט אויף א שטוהל, וואס איז געשטאנען לעבען דיא טיהר. אדלער האט נאך ניט אויפגעהערט צו וויינען.

היבשע מינוטען האט דיזע סצענע אנגעהאלטען. ענדליך האט אדלער כליפענדיג געזאגט:

— איהר האט פריהער געזאגט, אז איהר וועט אויסזאגען פאר ביטרים'ען. איהר דארפט איהר דאס שוין ניט זאגען, זיא ווייס שוין אלעס...

— וואס ווייס זיא? — האט בערטהא מיט א פערשטיקטען קול אויסגעשריען, וועהרענד איבער איהר בלייכע געזיכט האט געשוועבט א טויט־שרעק.

— אז איך ליעב אייך — האט אדלער געענטפערט, ניט אויפהערענדיג אלץ צו כליפען.

— ניין, זיא ווייסט נאך ניט אלעס!

— האט בערטהא געציטערט אזוי וויא אין א פיבער — זיא ווייסט נאך ניט אלעס. זיא ווייסט ניט, אז איך האס אייך, אז איך פעראכטע אייך, אז...

טרעהרען האבען איהר גענומען שטיקען און זיא האט ניט געקענט ענדיגען.

— אויך דאס ווייסט זיא — האט אדלער, שוין עטוואס בערוהיגט, געזאגט — איך האב דאס איהר אליין געזאגט. זיא ווייסט שוין יעצט אלעס.

בערטהא האט זיך ווילד גענומען רייסען דיא האאר פון קאפ, וועהרענד אדלער האט ווייטער גערעדט אין איין אטהעם:

— בערוהיגט זיך, איך בעט אייך! אז איהר וועט מיר געלאסען אויסהערען, וועט איהר בייטען אייער מיינונג וועגען מיר. איהר וועט זעהען, אז איך בין ניט קיין לייכטזיניגער אדער פערדארבענער מענש. ביטרים האט זיך דערוואוסט וועגען דעם אויף דעם פאלגענדען ארט:

פון זיין ברוסט האט זיך א הערצרייסענדער זיפץ ארויסגעריסען. ער האט זיך איינגעגראבען מיט זיינע אויגען אין בערטהא'ן, וועלכע איז געזעסען בעוועגלאז מיט פערשטארטע בליקען און האט ווייטער גערעדט:

— מיינע ליידען וואס איך טראג איבער זינט איך האב אייך דערקענט קען איך אייך ניט שילדערען. קיין איין רוהיגע מינוט האב איך דורך דיזע צייט ניט געהאט. און זינט איך האב פאר אייך מיין הארץ אויפגעדעקט זיינען דיזע ליידען נאך פיעל שרעקליכער געווארען. איך האב אזוי שטארק געקעמפפט געגען מיינע געפיהלען! א פירכטערליכער קאמפף איז פארגעקומען צווישען מיין מוח און מיין הארצען, אבער דיא הארץ האט בעזיעגט דעם מוח. און וואלט איהר געווען גליקליך מיט מאיר'ן, וואלט איהר פון איהם געליעבט געוועזן, וואלט מיר פיעלייכט גרינגער געווען מיינע געפיהלען צו דערשטיקען, אבוואהל איך וואלט אייך קיין מאל ניט אויפגעהערט צו ליעבען. איך וואלט ניט וועלען רואינירען מיין בעסטען פריינד'ס לעבען. ווען דאס זאל מיר אפילו געווען קאסטען מיין אייגענער לעבען. וויסענדיג אבער, אז איהר זייט ניט גליקליך, אז מאיר ליעבט אייך ניט...

— עס איז ניט וואהר! — האט בערטהא היסטעריש אויסגעשריען — עס איז פאלש!

— הלואי וואלט עס ווירקליך אזוי געווען — האט אדלער ארויסגעזיפצט, אפווישענדיג דעם שווייס פון זיין געזיכט — איך וואלט אזוי אונגליקליך ניט געווען. ליידער איז עס אבער אן אמת. איך האב אלעס געזעהן; אויך ביטרים האט דאס זעלבע בעמערקט. עס איז דא א אידישער שפריכווערטעל: „א גאסט אויף א וויל, זעהט אויף א מייל“. איך האב אלעס געזעהן.

— איהר האט גאר ניט געזעהן — האט בערטהא ווידער אויסגעשריען מיט א ביטערניס אין איהר שטימע — איך בין די גליקליכסטע פרוי אויף דער וועלט. איך האב מאיר'ן ליעב מיט מיין גאנצער זעעלע.

—דאס איז אמת — האט אדלער טרויעריג צוגעגעבען—איהר ליעבט איהם, אבער ער ליעבט דאך אייך ניט און ער וועט אייך קיינמאל ניט ליעבען.

וויא א דונער האט בערטהא'ן דיא לעצטע ווערטער געטראפען. זיא האט אויסגעגלאצט אויף איהם א פאר ווילדע אייגען און געפרעגט:

— וויא וואגט איהר אזעלכעס צו ריידען? וועלכע אורזאכע האט איהר אזוי צו דיינקען?

זיא האט זיך ביטער צו־וויינט און ווען זיא האט זיך עטוואס בערוהיגט, האט זיא איהם ווייטער געפרעגט:

— האט אייך דאס מאיר געזאגט?

אדלער'ס אויגען האבען גענומען בלישצען פון א גליקליכען געדאנק, וועל־כער איז איהם פלוצלונג געקומען אויפ'ן זינען. ער וועט איהר זאגען, אז ראטער האט דאס איהם אליין געזאגט — האט ער געטראכט. אבער דיא עדעלע געפיהלען זיינע האבען געגען דעם גענומען פראָ־טעסטירען. דער געוויסען האט איהם ניט דערלאזען זאגען קיין ליגען און ער האט בעשלאסען צו גיין מיט דעם אמת.

— מאיר האט מיר דאס ניט געזאגט — האט ער זיך אפגערופען — אבער איך האב גענוג אורזאכען ניט בלויז אזוי צו דיינקען, נור צו זיין פאלקאם איבער־צייגט.

— וואס פאר אן אורזאכע? — האט בערטהא געפרעגט, ציטערנדיג אזוי וויא איינער, וועלכער ערווארטעט צו הע־רען זיין טוידטעס־אורטהייל...

— מאיר ליעבט אן אנדערע — האט ער מיט א שארפע שטימע קאלטבלוטיג געזאגט — ער איז וואהנזיניג פערליעבט אין א יונגע רייכע אלמנה, וועלכע ליעבט איהם אויך ניט ווייניגער וויא ער זיא. ער האט מיט אייך געהייראטה, ווייל זיין פאטער'ס צוואה האט איהם דערצו גע־צוואונגען.

— עס איז ניט וואהר! עס איז ניט וואהר! — האט בערטהא פערווירט גע־שריען אין א וויינענדיגען קול.

— הלואי וואלט עס ניט אמת גע־ווען — האט אדלער, זיפצענדיג ווייטער גערעדט — ליידער איז עס אבער וואהר.

א ווייל זיינען ביידע געזעסען שטיל. עס האבען זיך בלויז געהערט דיא שווערע זיפצען, וועלכע האבען זיך ארויסגעריסען פון ביידענס הערצער. ענדליך האט אדלער איבערגעריסען דיא שטילקייט, זאגענדיג:

— ווען איך האב זיך דערוואוסט וועגען אייער לאגע, האט מיין ליעבע צו אייך נאך מעהר זיך צופלאקערט. איהר זאלט זיין אונגליקליך! איהר זאלט דארפען אזוי ביטער ליידען! ניין, איהר טארט ניט ליידען! דיא גליק־ליכסטע פרוי אויף דער וועלט דארפט איהר זיין, דען עס זיינען ניטא פיעלע אזעלכע פרויען וויא איהר. און איך האב פאר אייך מיין הארץ אויפגעדעקט, ער־קלעהרענדיג אייך, אז איך וויל אייך דיע־יען גליק געבען און אין דער זעלבער צייט אליין אויך געניסען פון דיזען העכסטען גליק, האט איהר מיך גרויזאמם פערשטוי־סען!....

ער האט גערעדט מיט היץ, מיט זיין גאנצען הארצען. יעדעס ווארט זיי־נער האט זיך אריינגעריסען אין בער־טהא'ס הארצען אזוי וויא א גיפטיגע פייל. זיא איז געווארען זעהר אונגעדולדיג און האט געוואונשען, ער זאל אוועקגיין. זיא האט געגארט צו פערבלייבען יעצט איינע אליין. די נייעס, אז ראטער ליעבט נאך יעצט אן אנדערע פרויענצימער, האט איהר הארץ צוריסען אויף שטיקלעך. זיא האט זיך אויפגעהויבען און געזאגט, מיט א געמאכטע רוהיגקייט:

— איהר מוזט מיר ענטשולדיגען איך דארף שוין פאָהרען.

און נאָך א קליינע פויזע האָט זיא צוגעגעבען מיט אן אָנגעשטריינגטען שמייכעל:

— און איך זאָג אייך, אז איהר האָט א גרויסען אירטהום וועגען מאיר'ן. איך וויים וועגען דיעזע אמאָליגע ליעבע זיינע, אָבער ער ליעבט יענע שוין מעהר ניט. ער ליעבט נאָר מיך.

אדלער האָט אין אמת'ן ניט געוואוסט וועגען ראָטער'ס לעצטע בעציהונגען צו מאדאם אייזען און, הערענדיג יעצט פון בערטהא'ן, אז ער ליעבט שוין ניט דיא יונגע אלמנה, איז ער א פערצימערטער געוואָרען. ער האָט דיעזען ארגומענט בעטראכט אלס א זעהר וויכטיגער מיטעל אום צו געווינען בערטהא'ס הארץ, יעדענפאלס, איהר צו איבערצייגען, אז דאָס וואָס ראָטער האָט איהר ניט ליעב, איז ניט דערפאר, ווייל ער ליעבט א י ה ר ניט, נאָר ווייל ער ליעבט אן א נ ד ע ר ע. קענענדיג דיא פרויען נאָטורען, האָט ער ניט געצווייפעלט, אז דאָס וועט מאכען א שטארקען איינדרוק אויף בערטהא'ן, אז זיא וועט ווערען אייפערזיכטיג און וועט ענדליך, אויס ראכע צו איהר מאַן, זיך איינליעבען אין איהם.

יעצט אבער איז זיין לעצטע האָפנונג צושטערט געוואָרען. „פיעלייכט האָט ראָטער טאקע שוין איבערגעריסען זיינע בעציהונגען מיט מאדאם אייזען, פיעלייכט האָט זיא איהם אוועקגעוואָרפען“ — האָט ער געטראכט. א שוידער איז דורכגעגאנגען איבער אללע זיינע גליעדער.

ער איז צוגעגאנגען נעהענטער צו איהר און געזאָגט:

— שיינקט מיר בלויז נאָך אייניגע מינוטען. איך האָב דאָך אייך נאָך זעהר פיעל וויכטיגעס צו זאָגען — וועגען ביטרים'ען. איך בין ספעציעל וועגען דעם אהער געקומען. איהר זאָגט, אז ער האָט נאָר אייך ליעב. געדיינקט איהר דיא מצעגע, ווען מיר זיינען געגאנגען צום טריין? איך האָב געוואָלט מאיר'ן פערענטפערען פאר אייך, האָב איך געזאָגט, אז איך האָב איהם געהייסען לויפען צו ביטרים'ען. ער איז אָבער אין אמת'ן אליין געלאָפען צו איהר. דיא געפאהר, אין וועלכע איהר האָט זיך געפונען, האָט איהם ניט אָנגעהויבען צו אארען. האנדעלט מען אזוי, ווען מען ליעבט א פרוי? פאר א פריינד דארף מען דאָך אויך דעם לעבען איינשטעלען, ווען עס האנדעלט זיך אום איהם דעם לעבען צו ראטעווען. איך וויל זיך אין אייערע אויגען ניט מאכען פאר א העלד, אָבער איך שווער אייך ביי מיין הייליגע ליעבע צו אייך, אז ווען איהר און ביטרים וואָלטען זיך געפינען אין יענעם געפאהר, וואָלט מיין ערשטער געדאנק געווען אייך צו ראטעווען.

אדלער'ס געזיכט האָט געפלאמט און פון זיינע אויגען האָבען פייערדיגע פונקען געשפריצט, ווען ער האָט ווייטער גערעדט.

— איך בין אוועק פון דאנען, דייענקענדיג, אז איך וועל זיך פיעלייכט קענען בערוהיגען. אָבער פאר מיר איז אין ערגעץ קיין רוהע ניטאָ! אָה, ווען איהר זאָלט וויסען וויא שווער, וויא פיינליך עס איז מיר געווען פון דאנען אוועקצופאָהרען! — האָט ער וויינענדיג אויסגעשריען — אָבער אייער הארץ איז דאָך טויב צו מיינע ליידען — האָט ער מיט א פערצווייפעלטע מינע, ארונטערלאָזענדיג זיין קאָפּ אויף דער ברוסט, צוגעגעבען.

בערטהא איז געוואָרען אלץ מעהר אונגעדולדיג. א קאלטער שוויים האָט בעדעקט איהר געזיכט און איהרע ליפען האָבען זיך בעוועגט, וויא צום ריידען, אָבער זיא האָט ניט גערעדט. זיא האָט בלויז דערשטיקט א זיפץ, וואָס האָט זיך ארויסגעריסען פון דער טיעפענים פון איהר ברוסט.

— מיינע ליידען זיינען שוין מעהר קיין געהיימניסע ניט — האָט אדלער ווייטער גערעדט אין א שטילען טאָן — ביטרים האָט מיר געמאכט אן עפענטליכען סקאנדאל. זיא איז אוועק צו איהרע עלטערען!

— וואס?! — האט בערטהא ווילד אויסגעשריען, אנכאפענדיג זיך מיט דיא הענד פאר דעם טיש, אום זיא זאל ניט אנידערפאלען.

אין איהרע אויגען האבען זיך פערגליווערטע טרעהרען בעוויזען. זיא איז געשטאנען בעוועגלאז און געקוקט פערווירט פאר זיך. א היבשע ווילע איז זיא אזוי געשטאנען ביז זיא איז צו זיך געקומען. דאן האט זיא מיט א שוואכע, ציטערענדע שטימע געפרעגט:

— וויא אזוי איז דאס געשעהען?

— ווען מיר זיינען געזעסען אין טריין —האט ער אנגעפאנגען צו דערצעהלען— האט זיא מיר פערווארפען מיט פראגען, ווארום איך בין צוטראגען; זיא האט זיך צוגעטשעפעט צו מיר אז איך האב עפעס א געהיימניס און איך וויל דאס איהר ניט זאגען. ענדליך האט זיא זיך גענומען צו מיר, ווארום איך בין אייך געלאפען ראטעווען און בין ניט צוגעלאפען צו איהר. מיינע רייד האט זיא ניט געוואלט אויסהערען. אזוי וויא א ריכטער האט זיא מיך געהאלטען אויפ'ן קרייצפערהער ביז מיר זיינען געקומען קיין פילאדעלפיא. קומענדיג אהיים האט זיא זיך אויך דאס ניי גענומען מיר אפעסען דיא הארץ. עס זיינען געווען מאמענטען, אז איך האב איהר שוין דעם גאנצען אמת געוואלט אויסזאגען, אבער איך האב זיך מיט אלע קרעפטען איינגעהאלטען. דיינקענדיג פיליכט וועל איך זיך דאך קענען בערוהיגען, צו פערשטיקען מיינע געפיהלען אין זיך. וואס איך האב אין דיעזען טאג איבערגעלעבט, בין איך ניט אימשטאנדע אייך איבערצוגעבען.

ער האט זיך שווער אפגעזיפצט און ווייטער דערצעהלט:

— ווען עס איז נאכט געווארען, האט זיא זיך אביסעל בערוהיגט, אבער מיט מיר איז זי געווען ברוגז. אין מיטען נאכט האט מיך אויפגעוועקט א היסטערישער געשריי. איך כאפ זיך אויף — ביטריס זיצט אין בעט און רייסט זיך ווילד דיא האאר פון קאפ, מאכענדיג דערביי שרעקליכע קולות. דער ערשטער געדאנק וואס מיר איז געקומען אויפ'ן זינען איז געווען, אז גנבים האבען זיך געווים אריינגעכאפט צו אונז אין הויז און איך האב אויך גענומען שרייען אויפ'ן קול. אונזערע קולות האבען אויפגעוועקט דיא דיענסט און דיא שכנים, וועלכע האבען דערשראקענע גענומען קלאפען אין טהיר. איך האב זיך באלד איבערצייגט, אז ניט דאס איז דיא אורזאכע פון איהר שרייען. איך האב ארויסגעשיקט דיא דיענסט, בערוהיגט די שכנים, אז עס האט קיין אונגליק ניט פאסירט, אז עס האט זיך איהר געדוכט, אז גנבים זיינען אין הויז און איך האב גענומען איהר פרעגען, וואס איהר איז. זיא האט מיך אפגעשטויסען פון זיך, זידלענדיג מיך מיט דיא לעצטע ווערטער. איך האב געוויינט פאר איהר וויא א קליין קינד, זיא זאל מיר זאגען, וואס איהר איז, אבער עס האט גאר ניט געהאלפען. איך האב געדיינקט, אז זיא איז פון זינען ארונטער און האב געזאגט, אז איך געה רופען א דאקטאר. דאן איז זיא ארונטערגעשפרונגען פון בעט און זיך גענומען אנטהאן. איך בין צוגעלאפען צו איהר, געפרעגט וואס זיא געהט טהאן, האט זיא מיך האסטיג אפגעשטויסען פון זיך, שרייענדיג, וויא א וואהנזיניגע:

— אוועק פון מיר, דו פאלשער מענש! געה צו דיין געליעבטע, צו בערטהא'ן, נאך וועלכע דו בייינקסט אזוי שטארק, אז דו ערקלערסט זיך איהר אין ליעבע אפילו אין שלאף! איך האס דיך, איך וויל דיך מעהר פאר מיינע אויגען ניט אנזעהן!

בערטהא איז ארונטערגעזונקען אויף א שטוהל, האט איינגעגראבען איהר געזיכט צווישען איהרע הענד און האט אויסגעבראכען אין א ספאזמישען שלוכצען.

קיין מענשליכע פעדער איז ניט אימשטאנד צו שילדערען דיא שרעקליכע יסורים, וואס בערטהא האט אין דיעזען מאמענט איבערגעלעבט. זיא האט מיסעם אדלער, דורך דיא קורצע צייט וואס זיי זיינען געווען צוזאמען, זעהר ליעב געקראגען. הערענדיג יעצט דיא געשיכטע, האט זיא גוט בעגריפען איהרע ליידען און

זיא האט געפיהלט צו איהר א טיעפען מיטלייד. נאר זיא האט געקענט מיטפיהליי אזעלכע שמערצען... גבער זיא האט אויך געליטען דערפון וואס זיא איז אונשולדיג ארייגגעצויגען געווארען אין א'ן אפענעם סקאנדאל. א שווידער האט דורכגענומען; איהר גאנצען וועזען, און זיא האט א טראכט געטהאן וועגען דעם, וואס ראטער וועט זאגען, ווען ער וועט דערהערען דיא געשיכטע. וועט ער איהר גלויבען, אז זיא איז אונשולדיג? א שרעק האט גענרמען בעהערשען איהר צו־וועהטאגטע הארץ. ראטער וועט איהר יעצט נאך מעהר פיינד האבען; ער וועט איהר עפענטליך פערשטויסען פון זיך — און ער וועט דאך האבען א גוטען אויסרייד פאר דער וועלט — אלע ערנידרונגען, פיין, יסורים, וואס זיא איז, צוליעב איהר הייסע ליעבע צו איהם ביז יעצט אויסגעשטאנען זיינען אלזא געווען אומזיסט! און א געפיהל פון האס, געמישט מיט ראכע, האט איהר בעהערשט. זיא האט געוואלט ארויפווארפען זיך אויף אדלער'ן או איהם צורייסען אין שטיקער, אזוי וויא ער האט איהר לעבען צוריסען. זיא איז אבער געווען אזוי שוואך, וויא א קליין קינד. דיזע געשיכטע איז פאר דער ארימער בערטהא'ן געווען א צו שרעקליכער קלאפ.

אדלער איז צוגעגאנגען צו איהר און, וויינענדיג וויא א קליין קינד, האט ער ווייטער גערעדט:

— איך האב איהר פערשטעלט דעם וועג, געקעמפפט מיט איהר זיא זאל ניט אוועקגעהן, אבער איך האב דאס ביי איהר ניט געקענט פועל'ן. זיא האט מיר געסטראשעט, אז אויב איך וועל איהר ניט ארויסלאזען פון הויז, וועט זיא רופען פאליס צו הילף, און זיא איז אוועק אהיים צו איהרע עלטערען אין מיטען דער נאכט. פארטאג האב איך זיך וויא א גנב ארויסגעכאפט פון מיין הויז און בין אהער געקומען.

בערטהא האט זיך פלוצלונג אויפגעכאפט און מיט א מערקווירדיגע רוהיגקייט האט זיא צו איהם געזאגט אין א בעפעהלענדען טאן:

— געהט אהיים צו ביטריס'ן און בעט איהר פערצייהונג! איך געה איהר שרייבען א בריעף.

— עס איז שוין צו שפעט! — האט אדלער טרויעריג געזאגט, פערברעכענדיג דיא הענד — עס איז געשעהן דאס, וואס האט געמוזט געשעהן. דיא צייט האט זיך בלויז אביסעל צוגעאיילט... דאס האט סאי וויא סאי געמוזט פאסירען. זינד איך האב אייך דערקענט, האב איך ביטריס'ען אויפגעהערט צו ליעבען.

— איך ערלויב אייך ניט אזוי צו מיר צו ריידען! — האט בערטהא מיט כעס אויף איהם א געשריי געטהאן — און איך וויל ניט, אז איהר זאלט מעהר קומען צו מיר אין הויז אריין!

אדלער איז געפאלען פאר איהר אויף דיא קניע און אויסשטרעקענדיג צו איהר פערצווייפעלט דיא הענד, האט ער מיט טרעהרען זיך געבעטען:

— פערשטויסט מיך ניט פון זיך! אהן אייך האט דער לעבען ביי מיר קיין שום ווערטה ניט!

— איהר זאלט שוין פערלאזען מיין הויז! — האט בערטהא נאך מיט מעהר כעס וויא פריהער געשריען מיט א פערשטיקטען קול — אויב איהר וועט נאך איין ווארט צו ריידען, וועל איך מאכען א געוואלד.

זיא האט געווארפען דערשראקענע בליקען צו דיא טיהר, זאגענדיג:

— איך בין דא ניט אליין.

זיא האט געהערט דעם ניגערס שטילע טריט אין האלל און זיא האט לייכט אפגעאטהעמט.

— הערט מיר בלויז אוים נאך עטליכע ווערטער! — האט אדלער מיט טרעהרען זיך ווייטער ביי איהר געבעטען און דאן... דאן וועט איהר מעגען טהאן מיט מיר וואס איהר וועט וועלען. פערשטויסען, בעליידיגען און זאגאר הייסען דעם ניגער, אז ער זאל מיך ארויספיהרען.

— קיין איין ווארט וויל איך מעהר פון אייך ניט הערען! — האט זיא
[illegible] דיא ציהען פון וואטה גע־

שריען — איהר האט רואינירט דעם לע־
בען פון דער עדעלער, גוטער ביטרים׳ען,
ווילט איהר יעצט מיין לעבען אויך רואי־
נירען! עס איז אייך ווייניג איין אפפער?

—ניט רואינירען אייער לעבען, נאר גליקליך וויל איך אייך מאכען! — האט ער מיט זיינע לעצטע קרעפטען אויסגעשריען, אויפהויבענדיג זיך פון דער פאדלאגע און אויסשטרעקענדיג צו איהר ביידע הענד — אויף אייער גאנצען לעבען וויל איך אייך גליקליך מאכען, און ניט מיט מיין געלד, נאר מיט א פיעל גרע־סערען פערמעגען, וועלכען מען קען מיט דער גאנצער וועלט געלד ניט אפקויפען — מיט מיין הייסע ליעבע צו אייך, מיט מיין הארצען!

אין בערטהא׳ס מוח האט יעצט א ווילדער שטורם געבושעוועט. אך, וויא זי האט געגארט צו הערען דיזע ווערטער! — אבער ניט פון קיין אנדערען מאנס־פערזאן, נאר פון ראטער׳ן. אין איהר פאנטאזיע האט זיא זיך ניט איינמאל פארגעשטעלט וויא ראטער קניעט פאר איהרע פיס און זאגט דיא זעלבע ווערטער. און זיא האט געווארט אויף דיזען גליק־ליכען מאמענט, זיא האט אזוי פיעל צרות אריבערטראגען און געלעבט מיט דער האפנונג, אז דיזע מינוט וועט דאך קו־מען. און יעצט הערט זיא גאר דיזע ווער־טער פון א פרעמדען! וויא מיט מעסערס דאבען אדלערס רייד איהר יעצט געשטא־כען. זיא האט אין איהר הארצען א היי־ליגען סוד געטראגען און יעצט קומט אד־לער און ענטפלעקט איהם, פערשפאטעט איהם.... עס האט איהר גענומען פייניגען א געדאנק, אז זיא וועט שוין פון ראטער׳ן קיינמאל דיזע ווערטער ניט הערען.

זיא האט דערפיהלט א שמערצליכען שטאך אין איהר הארצען, פון וועלכען איהר גאנצער קערפער האט אויפגעצי־טערט.

— איהר געהט ארויס פון דאנען?— האט בערטהא שום קיין כוח ניט געהאט צו שרייען און האט זיך געבעטען ביי איהם מיט איהרע לעצטע קרעפטען— אויב איהר ווילט אויסמיידען א סקאנדאל, זאלט איהר שוין ארויסגעהן!

— איך געה! איך געה—האט אד־לער מיט ביטערניס געזאגט, וואקלענדיג זיך וויא א שכור—איך האב אבער נאך ניט געענדיגט. דאס לעצטע ווארט האב איך אייך נאך צו זאגען.

בערטהא האט געוואלט פראטעסטי־רען, אבער טרעהרען האבען איהר גע־שטיקט אין האלז און זיא האט ניט גע־קענט ריידען.

— איך געה אוועק! — האט אדלער שטיל און טרויעריג געזאגט — אבער גיט מיר כאטש דיא ערלויבניס, איך זאל מע־גען פון צייט צו צייט קומען אייך זעהן, בלויז א קוק טהאן אויף אייך.

— געהט אהיים צו ביטרים׳ען!— האט זיא, וויינענדיג צו איהם געזאגט— אז איהר וועט לעבען מיט איהר גליקליך, וועלען מיר ווייטער בלייבען פריינד.

— ניין, דאס וועט שוין קיין מאל ניט זיין—האט ער פערצווייפעלט געשא־קעלט מיט׳ן קאפ—מיין הארץ איז טויט פאר ביטרים׳ען.

א ווײלע האט אין צימער געהערשט א טויטע שטילקייט. עס האט זיך גע־הערט דאס האסטיגע קלאפען פון ביידענס הערצער. ענדליך האט אדלער זיך אפגע־רופען:

— אלזא, איהר ענטזאגט מיר מיין ביטע?

— יא! — האט בערטהא שארף געענטפערט.

— ניט זשע מיר כאטש דיא איינ־ציגע האפנונג, אז ווען איהר וועט זיך ענדליך ארומזעהן, אז איהר האט מעהר ניט צו האפען אויף מאיר׳ן, ווען איהר וועט זיך ענדליך איבערצייגען, אז ער וועט אייך קיינמאל ניט ליעבען — און איהר וועט זיך דאס זיכער איבערצייגען — אז דאן וועט איהר מיך ניט פערשטוי־סען!

— *שווייגט, אונמענש!*—איז בער־

טהא צוגעשפּרונגען צו איהם, וויא א געֿ
רייצטער טיגער מ'ט אויפגעהויבענע
הענד.

אדלער איז אפּגעשפּרונגען און אין
א פּאָאר סעקונדען ארום האָט זיך געֿ
הערט א שאָס פון א רעוואָלווער.

— דזשאָרדזש! — האָט בערטהא
אויסגעשריען מיט א ווילדען קול.

דער ניגער איז אריינגעלאָפען מעהר
טויט וויא לעבעדיג, דיינקענדיג, אז אדֿ
לער האָט געשאָסען זיין ווירטהין.

בערטהא איז געלעגען אויפ'ן פלאָאר
א פער'חלש'טע און ניט וויט פון איהר
איז געלעגען אדלער און א שטראָם הייסע
בלוט האָט געשפּריצט פון זיין ברוסט.

צעהנטער קאַפּיטעל.

— דער קריזיס איז פאָראיבער, מאַֿ
דאַם, זיא וועט בלייבען לעבען — האָט
געזאגט איינער פון דיא בעריהמטעסטע
פּראָפעסאָרען פון ניו־יאָרק צו דער אלֿ
טער מיסעס ראָטער, ארויסקומענדיג פון
דעם צימער, וואו בערטהא איז געלעגען.

דיא פרוי האָט פון גרויס שמחה זיך
צ־וויינט אויפן קול און גענומען קושען
דעם דאָקטאר'ס האנד.

ראָטער האָט זיך דאן געפונען אין
אן אנדער צימער. הערענדיג דער מוטער
וויינען, איז ער א פערציטערטער געוואָרען.
גענוג טרעהרען האָט דיא אָרימע פרוי
פערגאָסען דורך דיא דריי וואָכען וואָס
בערטהא איז קראנק; אָבער בשעת דער
פּראָפעסאָר איז געוועזן ביי דער קראנקער
פלעגט זיא זיך אימער בעהערשען. ער
איז דארום אריינגעלאָפען א דערשראָקעֿ
נער, אָהן אָן אָטהעם, אין דעם צימער,
פון וואנען עס האָט זיך געהערט דער געֿ
וויין.

— איהר האָט א נייע פרוי, מיסטער
ראָטער! — האָט צו איהם געזאגט דער
דאָקטאר מיט א ליעבליכען שמייכעל.

ראָטער האָט מיט ביידע הענד אָנגעֿ
כאפּט דעם דאָקטארס האנד און איהר
היים געדריקט, זאָגענדיג מיט טרעהרען
אין דיא אויגען:

— איך דאנק אייך, פּראָפעסאָר!
מיין גאנצען לעבען וועל איך אייך דאנקֿ
באר זיין.

ווען דער דאָקטאר איז שוין געוועזן
ביי דער טהיר, איז ראָטער צו איהם צוֿ
געלאָפען און געפרעגט, מיט א בעטענדען
טאָן:

— וועט איהר מיר ערלויבען זיא צו
זעהען?

— ניין—האָט דער פּראָפעסאָר מיט
א שטריינגען טאָן געזאגט—איהר זאָלט
ניט וואגען דאָס צו טאָהן. איך האָב געגעֿ
בען דיא נוירסעס א בעפעהל, אז זיי זאָלען
קיינעם צו דער קראנקער ניט אריינלאזען.
איהר וועט איהר פיעלייכט קענען זעהען
ערשט אין א פיער, פינף טעג ארום. מען
דארף נאָך זיין מיט איהר זעהר, זעהר
פאָרזיכטיג. דיא מינדעסטע אויפרעגונג
קען איהר שאַדען.

— איך וועל ניט צוגעהן צום
בעט! — האָט ראָטער זיך ווייטער געבעֿ
טען ביים דאָקטאר—איך וויל בלויז איין
קוק טאָהן אויף איהר, איך וויל בלויז
זעהען וויא זיא זעהט אויס. איך וועל צוֿ
מאָל אינעווייניג ניט אריינגעהן. איך וועל
שטעהן אין דער טהיר.

דער ארצט איז זעהר געריהרט געֿ
ווארען פון ראָטער'ס ווערטער. ער האָט
זיך צוריק אומגעקעהרט, זאָגענדיג:

— אויב זיא שלאָפט יעצט, וועל איך
אייך ערלויבען אויף איהר א קוק צו טאָן;
אויב זיא איז וואך, קענט איהר זיא ניט
זעהען.

דער דאָקטאר איז אריין אין דער
קראנקער'ס צימער און איז באלד צוריק
ארויסגעקומען. ער איז געבליבען שטעהן
אין דער אָפענער טהיר, א וואונק געטאָהן
צו ראָטער'ן, ער זאָל צוקומען; מאכענֿ
דיג מיט'ן פינגער, אז עס זאָל זיין שטיל.

ראָטער איז צוגעגאנגען אויף דיא
שפּיץ פינגער מיט אן איינגעהאלטענעם
אָטהעם און מיט דעם קאָפּ אויסגעֿ
שטרעקט פאָראויס. נאָך איהם איז נאָכֿ
געגאנגען דיא מוטער. דער דאָקטאר האָט
זיך אָפּגערוקט אָן א זייט.

ווען ראַטער האָט דערזעהען בער־טהאַ'ס געזיכט, האָט ער אַ שרעקליכען ציטער געטאָהן. זיין געזיכט, וועלכעס איז פּלוצלונג בעצויגען געוואָרען מיט אַ טויטע בלייכקייט, האָט זיך קראַמפּהאַפט אויס־געקרימט. דער דאָקטאָר האָט שנעל צוגע־מאַכט דיא טהיר. ראַטער איז אַרויפגע־פאַלען אויף דער מוטערס האַלז און האָט אויסגעבראָכען אין אַ פערשטיקטען יאָ־מער, כליפּענדיג:

— מאַמאַ! מאַמאַ!

דיא מוטער האָט איהם צוגעטוליעט צו זיך און בעגאָסען זיין געזיכט מיט זודיגע טרעהרען.

* * *

פון דעם אונגליק האָט זיך ראַטער דערוואוסט זייענדיג אין נויאָרק, דורך די ציימונגען. מיט גרויסע שווארצע און רויטע בוכשטאַבען האָבען זיי בעשריעבען דיא געשיכטע אונטער אַ „קעפּעל": „אַ בלוטיגע ליעבעס דראַמאַ אין ראַקאַוויי". דערזעהענדיג דיא נעמען פון זיין פרוי און זיין פריינד, איז ער שיער פון זינען ניט אַרונטער פון דעם. דער ערשטער גע־דאַנק איז ביי איהם געווען צו אַנטלויפען וואו דיא אויגען וועלען איהם טראָגען. ער איז אוועק אין אָפּיס אום צו בעזאָרגען געוויסע זאַכען. דאָרטען זיינען איהם בע־פאַלען אַ מחנה רעפּאָרטערס. זיי האָבען איהם גענומען פרעגען איינצעלהייטען און דאָס האָט איהם איינפאַך ווילד געמאַכט.

ער האָט זיך דערוואוסט פון דיא רע־פּאָרטערס, אַז בערטהאַ איז געפעהרליך קראַנק און אַז מען האָט טעלעגראַפירט נאָך זיין מוטער. ווען ער האָט דערזעהן זיין בילד, צוזאַמען מיט דיא בילדער פון בערטהאַ'ן און אַדלער'ן, איז ער אַזוי אויפ־גערעגט געוואָרען, דאָס ער האָט געהאַט בעשלאָסען צו מאַכען אַן ענדע צו זיין לע־בען. ער האָט זיך אָבער בערוהיגט אין עט־ליכע שטונדען אַרום און אַ געפיהל פון רחמנות צו דער אונגליקליכער בערטהאַ האָט אַרומגענומען זיין האַרץ. ער איז אַהיים געפאַהרען.

ער האָט געטראָפען בערטהאַ'ן ליע־גענדיג אין אַן אונבעוואוסטען צושטאַנד. אַרום איהר זיינען געשטאַנען צוויי דאָק־טוירים, ער האָט טעלעפאָנירט נאָך אַ פּראָפעסאָר און האָט וועלטען איינגע־לייגט, אום מען זאָל דער קראַנקער אָפּעראַ־טעווען. דער פּראָפעסאָר איז געקומען און נאָך אַ גענויע אונטערזוכונג האָט ער ער־קלערט, אַז דיא קראַנקע ליידעט פון מאַרך־ענטצינדונג און ער האָט אַרויסגעגעבען בעפעהלע צו דיא דאָקטוירים, וויא אַזוי איהר צו בעהאַנדלען.

אַדלער'ן האָט מען אין אַ שטערבלי־כען צושטאַנד צוגענומען אין אַ האָספּי־טאָל אין ניו יאָרק. ראַטער האָט אָנפאַנגס געדענקט צו בעזוכען זיין אונגליקליכען פריינד. אָבער הערענדיג פון דעם ניגער דיא גאַנצע געשיכטע, וויא אַדלער האָט איהר גרויזאַם פערפאָלגט, וויא בערטהאַ האָט איהם פערשטויסען פון זיך, וויא זיא האָט זיך ביי איהם געבעטען, אַז ער זאָל זיך צוריק אומקעהרען צו זיין פרוי — הע־רענדיג דיעזע איינצעלהייטען, איז אין איהם ענטשטאַנען אַ שטאַרקער האַס צו אַדלער'ן. ער האָט געפיהלט, אַז ווען ער. אַדלער, וואָלט זיך אַליין ניט געווען דער שאָסען, וואָלט ער דאָס געטהאָן.

צעהנדליגע מאָל האָט דער ניגער פאַר ראַטער'ן געמוזט איבערדערצעהלען דיעזע איינצעלהייטען, פיעלע פון וועלכע ער האָט געהאַט פערצייכענט אין זיין נאָטיץ־ביכעל; הויפּטזעכליך האָט ער גע־האַט פערשריבען בערטהאַ'ס רייד אין איהר געשפּרעך מיט אַדלער'ן. ער האָט אַלעס דייטליך געהערט, שטעהענדיג הינ־טער דיא טהיר. ער האָט זיי פאַרשריבען — האָט ער ערקלעהרט — ווייל דיא האַרץ האָט איהם געזאָגט, אַז דאָס וועט איהר שפּעטער זעהר צוניץ קומען... ראַטער האָט יעדעס וואָרט געשלונגען מיט אַ זשעדנעקייט, און וואָס מעהר ער האָט דיעזע איינצעלהייטען געהערט, אַלץ שטאַרקער איז געוואַקסען אין איהם דער האַס צו זיין געוועזענעם פריינד, וועלכער האָט איהם אַזוי שענדליך, אַזוי גרויזאַם פערראַטהען און אַלץ הייסער זיי־

נען געוואָרען זיינע געפיהלען צו דער אונגליקליכער בערטהא'ן...

בערטהא'ס אָנקעל, דערוויסענדיג זיך פון זיין פלימעניצע'ס אונגליק, איז ער ארויסגעפאָהרען צו איהר. ווען ראָטער האָט איהם דערזעהן, איז ער איהם אויפ'ן האלז געפאלען מיט א הערצרייסענדען געוויין.

— אָנקעל! — האָט ער געיאָמערט — העלפט מיר אין מיין אונגליק! מיין גאנצען פארמעגען וועל איך אָפּגעבען ביז איין פעני, אום צו ראטעווען מיין טהייערע בערטהא'ן! איך האָב ניט געוואוסט וואָס פאר א דימענט, וואס פאר אן עדעלע זעעלע דאָס איז! איך בין א שרעקליכער פערברעכער געגען איהר!

דער מאַן האָט ניט פערשטאנען וואָס ראָטער מיינט. ער האָט ניט געוואוסט ויעגען דיא ליידען וואָס זיין פלימעניצע האָט איבערגעטראָגען דורך דיא קורצע צייט וואָס זיא איז פערהייראטה. ער האָט געדיינקט אז זיא לעבט גליקליך. הערענדיג יעצט ראָטער'ס רייד, האָט ער געמיינט, אז ער מיינט דאָס דיא געשיכטע וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּיעלט מיט א פּאָאָר טעג צוריק אין אָפּפּיס. און ער האָט געזאָגט:

— דאָס איז א קליינינקייט. זיא זאָל נאָר געזונד ווערען.

— א קליינינקייט! — האָט ראָטער ביטער געקלאָגט — ניין, עס איז ניט קיין קליינינקייט. עס איז דער שרעקליכסטער פערברעכען וואָס א מענש קען בעגעהן. אוי, וויא מיין געוויסען פּלאָגט מיר!

דיא מוטער איז צוגעקומען. ראטער איז איהר צו דיא פיס געפאלען און אויסגעשריען:

— פערצייהע מיר, מאמע! איך בין ביז יעצט בלינד געווען. איך האָב ניט געזעהן, אז איך האָב דעם העכסטען גליק ביי זיך אין הויז. איך בין געגאנגען זוכען מיין גליק ערגעץ אנדערש און האָב מיין גליק צושטערט.

דורך דיא פּאָאָר וואָכען וואָס בערטהא האָט געשוועבט צווישען לעבען און טויט, איז ראָטער מיט א צעהנדליג יאָהרען עלטער געוואָרען. א שרעק וויא ער האָט זיך געענדערט! גאנצע טעג און נעכט איז ער ניט אָפּגעטראָטען פון דעם צימער, אין וועלכען דיא קראנקע איז געלעגען. ער פלעגט שטעהן ביי דער טהיר און אלע ווייל‍ע פרעגען דיא נוירסעס:

— וואָס מאַכט זיא? וויא פיהלט זיא?

ניט ווייניגער פון איהם האָט דיא אַלטע מיסעס ראָטער געליטען. איהרע אויגען האָבען דיא גאנצע צייט ניט געטרוקענט. זיא פלעגט דיא דאָקטוירים און דעם פּראָפעסאָר דיא הענד קושען און וויינען פאַר זיי:

— ראַטעוועט מיר מיין קינד! ראַטעוועט איהר!

אַדלער איז אין א פּאָאָר טעג ארום געשטאָרבען. ער האָט פאר'ן טויט ערקלעהרט פאר דער פּאָליציי, אז אין זיין טויט איז קיינער ניט שולדיג; אז ער האָט זיך אַליין דערשאָסען.

ווען ראָטער האָט זיך דערפון דערוואוסט, האט ער א פרעהליכער אויסגעשריען:

— גאָט איז א גוטער ריכטער! אָט דאָס איז דיא איינציגע שטראָף פאר אזעלכע פערברעכער!

דיא קראנקע האָט זיך געבעסערט מיט יעדען טאָג. ווען דער פּראָפעסאָר האָט א געוויסען טאָג ערקלעהרט, אז ער וועט ערלויבען צו זעהן דיא קראנקע בלויז אויף א פּאָאָר מינוטען, האָט ראָטער גע־נכיען טאנצען פון פרייד, אזוי וויא א קליין קינד, וועלכעס, נאָך א לאנגען וויינען, בעקומט ענדליך דאָס, וואס עס האָט געבעטען ביי דער מוטער.

ראָטער האָט אָנגענומען דיא מוטער און בערטהא'ס אָנקעל פאר דיא הענד און מיט אן ערנסט־הייליגער מינע, אזוי וויא מען געהט בעזוכען א הייליגען אָרט, זיינען זיי שטיל אריין אין דער קראנקער'ס צימער. אויף דער שוועל האָט ראָטער זיך פלוצלונג אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— וואו איז דזשאָרדזש? ער דאַרף אריינגעהן דער ערשטער. ער איז געווען איהר איינציגער פריינד.

דער ניגער איז אויך אריינגעגאנגען. זיין שווארצער פנים האט געשטראהלט פון אונבעשרייבליכען גליק.

ראטער איז צוגעלאפען צו דער קראנקער, אנגעכאפט האסטיג איהר האנד און אויסברעכענדיג אין א הארציגען געוויין, האט ער איהר ליידענשאפטליך געקושט, כליפענדיג:

— בערטהא ! בערטהא ! זיי געזונד ! יעצט שטעהט ניט פאר דיר דערזעלבער ראטער ! אן אנדער מענש רעדט יעצט צו דיר !

דער פראפעסאר איז צוגעלאפען צו ראטער'ן און איהם אפגעריסען פון דער קראנקער, זאגענדיג בייז:

— וואס טהוט איהר, משוגענער ! דאס האב איך אייך ניט ערלויבט ! איהר ווילט איהר אוועק'הרג'ענען ! איך האב דאך אייך בלויז ערלויבט איהר צו זעהן !

ער האט זיך געווענדעט צו דיא צוויי נוירסעס מיט א בעפעהלענדען טאן:

— פיהרט זיי אלעמען ארויס פון דאנען און איהר זאלט קיינעם אהער מעהר ניט אריינלאזען. אויב עס וועט אימיצער וואגען דא אריינצוקומען, קומט מיין פוס מעהר דא ניט אריין !

אבער דא האט פאסירט עטוואס אונבעשרייבליכעס, אונגאטירליכעס.

דיא קראנקע האט זיך האסטיג אויפגעזעצט אויפ'ן בעט און, אויסשטרעקענדיג איהרע הענד, האט זיא, אבוואהל מיט א שוואכע שטימע, שארף אויסגעשריען:

— מאיר ! מיין געליעבטער, מיין טהייערער !

ראטער האט ווילד אפגעשטויסען פון זיך דיא נוירס און מיט איין שפרונג איז ער געוועזען ביי דער קראנקער'ס בעט, האט זיך ארונטערגעלאזען אויף דיא קניע און קישענדיג ליידענשאפטליך איהרע הענד האט ער געזאגט מיט א ציטערענדע שטימע:

— בערטהא, פערצייהע מיר פאר מיין האנדלונג געגען דיר ! איך בין געווען בלינד ! פערצייהע מיר.

— איך בין אויף דיר קיין מאל ניט אין כעס געוועזען ! — האט דיא קראנקע אלץ שארפער גערעדט — דערפאר וואס איך האב דיך אימער הייס געליעבט.

דער פראפעסאר און דיא נוירסעס זיינען געשטאנען ערשטוינט; זיי האבען ניט געגלויבט זייערע אייגענע אויערן און אויגען דאס, וואס זיי האבען יעצט געהערט און געזעהן.

— דו וועסט שוין מעהר ניט ליידען ! — האט ראטער געזאגט, ניט אויפהערענדיג צו קושען בערטהא'ס הענד — גליקליך וועסטו זיין דיין גאנצען לעבען און איך וועל ערשט אנהויבען צו געניסען פון דעם גליק, וועלכען איך האב אייגענטווילליג פערשטויסען פון זיך.

הייסע, זודיגע טרעהרען האבען גענומען שטראמען פון זיינע אויגען.

דער פראפעסאר איז צוגעגאנגען צו דער קראנקער, ארויסגענומען פון טאש דעם זייגער און אונטערזוכט דער קראנקער'ס פולס.

— עס איז מיר שוין גאר ניט, דאקטאר ! — האט בערטהא ליעבליך געגלעט דעם פראפעסאר'ס האנד — איך בין שוין געזונד. איך וועל באלד ארונטערגעהן פון בעט.

— יא ! — האט דער פראפעסאר מיט ערשטוינונג געזאגט — איהר זייט געווארען געזונד פיעל שנעלער וויא איך האב דאס אויסגערעכענט. עס זיינען פארהאן אזעלכע קראנקהייטען, צו וועלכע די מעדיצין האט קיין מיטעל ניט. דער איינציגער דאקטאר וואס קען דערצו העלפען, איז דאס לעבען. איך האב זיך שטארק דערשראקען. איך האב געדיינקט, אז דיא יעצטיגע אויפרעגונג וועט פערערגערען אייער געזונדהייטס צושטאנד, אבער איך האב א טעות געהאט. דאס, וואס דיא מעדיצין וואלט געדארפט אויפטהאן אין עטליכע טעג, האט אן אנדער דאקטאר אויפגעטהאן אין איין סעקונדע.

דער ארצט האט זיך דאן מיט א ליעבליכען שמייכעל פערנייגט פאר ראטער'ן און געזאגט, מאכענדיג מיט דער האנד, אזוי וויא בשעת מען שטעלט פאר צוויי אונבעקאנטע פערזאנען:

— הערר ראטער ! איך גיב אייך איבער אין אייערע הענד מיין פאציענטין.

איהר דארפט מיך שוין דא מעהר ניט האבען.

אין אלעמענס אויגען האבען זיך בעוויזען פריידענס־טרעהרען. היבשע סעקונדען האט אין ־עם צימער געהערשט א פרעהליכע שטילקייט, וועלכע קיינער האט ניט געוואגט איבערצורייסען.

ענדליך איז דיא שטילקייט איבערגעריסען געווארען פון קלינגענדע, ליידענשאפטליכע קושען.

דאס האט בערטהא דעם ערשטען מאל געקושט איהר היים געליעבטען — איהר געליעבטען, צוליעב וועלכען זיא האט אזוי שרעקליך געליטען, צוליעב וועלכען זיא איז שוין געשטאנען ביים שוועל פון קבר...

— זאגט מיר מזל טוב! — איז ראטער צוגעלאפען צו דיא אנוועזענדע, טאנצענדיג פון פרייד — עס איז דאך יעצט מיין חתונה!

— שוויגער! אנקעל! — האט בערטהא אויסגעשטרעקט איהרע הענד צו דער אלמנה און צו איהר מוטער'ס ברודער, איהר ערציהער — ענטשולדיגט מיר, וואס איך האב אייך ביז יעצט ניט בעגריסט! איך האב אייך גאר ניט בעמערקט. וויא בייטויבט בין איך געוועזן... מיין הארץ.. מיין קאפ האט זיך מיר געמישט...

דיא אלטע מיסעס ראטער איז ארויפגעפאלען בערטהא'ן אויפ'ן האלז און האט אויסגעבראכען אין א הארציגען געוויין — א געוויין פון העכסטען גליק איז דאס געוועזן.

דער אנקעל איז צוגעגאנגען און האט אפגעפרעסט א הייסען קוש אויף זיין פלימעניצע'ס שעהנעם, מאיעסטעטישען שטערן.

בערטהא'ס געזיכט איז יעצט געוועזן בעצויגען מיט א ראזאווע רויטקייט און פון איהרע אויגען זיינען צוויי פערלטרעהרען אראפגעהאנגען.

— און אז מיין אלטען גוטען פריינד דזשארדזש האב איך אויך פארגעסען! — האט בערטהא אויסגעשריען, אויסשטרעקענדיג איהר רעכטע האנד צום ניגער, וועלכער איז דיא גאנצע צייט געשטאנען מיט א גליקליכע, שטראהלענדע געזיכט.

ער איז צוגעגאנגען און אנגענומען לייכט איהר האנד מיט א מינע, אזוי וויא מען ריהרט זיך צו צו עטוואס זעהר טהייערעס, הייליגעס, און איהר לאנג און היים צוגעדריקט צו זיינע גראבע ליפען. זיינע אויגען האבען יעצט וויא צוויי גרויסע בריליאנטען געבלישצעט...

— וואס מאכט איהר, אלטער פריינד? — האט זיא איהם ליעבליך געפרעגט.

— אלל־רייט! — האט ער מיט זיין באסאווע שטימע א גליקליכער, שמייכלענדיג געענטפערט.

„דאס טלית'ל איז דאך דעם אידען'ס איינציגע פרייד“ — האט זיא שטיל געזונגען, צוקנאקענדיג מיט'ן פינגער, וויא ער פלעגט עס טהאן בשעת'ן זינגען.

אלע אנוועזענדע האבען זיך הערצליך צולאכט.

ראטער האט ערקלערט דעם פראפעסאר וואס דאס מיינט, און דער ארצט האט זיך אויך צולאכט.

— איך האב אייך פערשאפט שמערצען, שוויגער — האט בערטהא אין א טאן פון ענטשולדיגונג זיך געווענדעט צו דער אלמנה — אבער איך פערשפרעך אייך, אז פון היינט אן וועלען מיר שוין אלע זיין גליקליך, ניט וואהר, מאיר? — האט זיא זיך געווענדעט צו ראטער'ן. קוקענדיג אויף איהם מיט ליעבליכע בליקען.

— יא, מיין טהייערע! — איז ער צוגעלאפען צו איהר, אנכאפענדיג איהר פאטש'ן האנד און דריקענדיג איהר היים.

— יא, עס איז זעהר שווער צו קריגען דאס ביסעלע גליק — האט בערטהא ווייטער גערעדט — עס איז זעהר א טהייערער און זעלטענער ארטיקעל, דאס גליק. און אין קיין דעפארטמענט סטאר קען מען עס ניט קריגען. מיט דעם גרעסטען פערמעגען אין דער וועלט קען מען עס ניט קויפען. מיט טרעהרען, מיט ימים טרעהרען, מיט צעהנדליגע, צעהנדליגע שלאפלאזע נעכט, מיט שרעקליכע יסורים קען מע עס אבער יא קויפען. און דערפאר איז עס אזוי טהייער דערנאך, ווען מען האט עס שוין. אפט פאסירט, אז איידער מען בעקומט עס, בעצאהלט מען דערפאר מיט דעם לעבען...

ראטער איז געשטאנען מיט אן אראפגעלאזטען קאפ. איהר יעדעס ווארט האט ער וויא א טהייערען געטראנק געשלונגען. ער האט אין זיי קיין פארוואורף ניט געהערט, נאר אן אויסדרוק פון איהר הייסע ליעבע צו איהם, אין וועלכע ער האט ביז יעצט געצווייפעלט, דיינקענדיג, אז זיא איז נאר אויסען זיין גרויסען פערמעגען....

דער לעצטער ווארט פון בערטהא'ס רייד, האט איהם דערמאנט אן זיין יוגענד פריינד, וועלכער האט בעצאהלט מיט זיין לעבען, זוכענדיג זיין גליק... ער איז געווארען שטארק אומעטיג. א טיעפער טרויער האט געדריקט זיין הארץ.

אין דיעזען מאמענט האט ער צום זעלבסטמערדער קיין האס ניט געפיהלט...

דאן האט זיא זיך געווענדעט צו איהר אנקעל, זאגענדיג:

— אנקעל, איך בין דאך דיר שולדיג אן ענטפער אויף דיין בריעף. ווען איך האב דיין בריעף בעקומען, האט דער אונגליק פאסירט.

— עס איז שוין אלעס אלל רייט — האט דער אנקעל זיך אפגערופען — מיסטער ראטער האט באלד צוריק אנגעשטעלט דעם מאן און איך האב אויך צוריק בעקומען מיין דזשאב.

בערטהא האט אנגעכאפט ראטער'ס האנד און איהר הייס געדריקט, קוקענדיג אויף איהם מיט דאנקבארע, ליעבליכע בליקען.

דעם פראפעסאר'ס ערקלעהרונג, אז מען וועט איהם שוין מעהר ניט דארפען, איז פערווירקליכט געווארען. אין א פאר טעג ארום איז בערטהא ארונטער פון בעט און זיא האט זיך געפיהלט פאלשטענדיג געזונד. וועגען אדלער'ס טויט האט זיא ניט געוואוסט. ניט זיא האט נאכגעפרעגט וועגען איהם, ניט מען האט עס איהר געזאגט.

ראטער איז קיין איין מינוט יעצט פון בערטהא ניט אפּגעטראטען. אויף דיא הענד האט ער איהר איינפאך ארומגעטראגען. ער האט איהר נאך אלץ ניט אויפגעהערט צו בעטען אום פערצייהונג. וואס הייסער זיין ליעבע איז געווארען צו איהר, אלץ שטארקער איז אין דער זעלבער צייט געווארען דיא חרטה פאר זיינע פערגאנגענע מעשים.

—אך, ווי מענשען זיינען אפט בלינד — האט ער ניט אויפגעהערט צו ריידען צו בערטהא'ן און צו דער מוטער — זיי האבען דאס העכסטע גליק ביי זיך אין דיא הענד און זיי פערשטויסען עס אליין פון זיך, מאכען זיך אונגליקליך.

ווען בערטהא האט זיך דערוואוסט פון אדלער'ס טויט האט זיא ביטער געוויינט. זיא האט געוויינט דערפאר וואס איהר מאן'ס ליעבע האט זיא געוואונען דורך דעם אפפער פון א יונגען מענשענס לעבען....

* * *

צעהן יאהר שפּעטער.

דיא ראטערס האבען א שם צווישען אלע בעקאנטע אלס דיא גליקליכסטע פאר פאלק. עס איז ווירקליך צו זייער גליק קיין גלייכען ניט געווען. זיי האבען זיך היים געליעבט איינער דעם אנדערען. ביידע, אי ראטער, אי בערטהא זיינען געווען טהעטיג אין פערשיעדענע צדקה אנשטאלטען. דיא נאטור האט זיי מיט דריי שעהנע ליעבליכע קינדער געבענשט — א אינגעל און צוויי מיידלאך. זייער איבערגעבענער פריינד, דער ניגער, איז נאך אלץ מיט זיי צוזאמען. ער האט זיך מגייר געווען און האט געהייראטה מיט א אידישע מיידעל, וועלכע האט געדיענט ביי דיא ראטערס.

דיא אלטע מיסעס ראטער ליעגט קראנק און דיא דאקטוירים האבען שוין אויפגעגעבען אלע האפנונגען איהר ביים לעבען צו דערהאלטען. איהר הארץ איז שוואך און איהר טויט ווערט יעדען טאג ערווארטעט.

ראטער און בערטהא זיינען זעהר פערטרויערט. זיי טרעטען ניט אפּ פון דער קראנקער'ס בעט, טרייסטען איהר, אז זיא וועט נאך געזונד זיין. און זיי וואלטען

ווירקליך זייער גאנצע פארמעגען אוועקגעגעבען, אום איהר צו ראטעווען.

א געוויסען טאג האט דיא קראנקע געבעטען איהר זוהן ער זאל אריינברייגען צו איהר דעם עלטעסטען אייניקעל, בענדזשאמין, וועלכער האט געטראגען דעם נאמען פון איהר פערשטארבענעם מאן.

ווען מען האט דעם אינגעל צוגעפיהרט צו דער קראנקער, האט זיא איהם מיט אלע איהרע קרעפטען צוגעטוליעט צו זיך, איהם היים געקושט, זאגענדיג:

— איך האב געמיינט, אז איך וועל נאך דערלעבען צו זעהען, וויא מען וועט איהם פיהרען אונטער דער חופה. ליידער האט גאט ניט געוואלט. אז איך זאל זוכה זיין דיעזע גרויסע שמחה. ער רופט מיך צו זיך.

זיא האט דעם אייניקעל'ס קעפעל מיט הייסע טרעהרען בעפייכט.

דאס זעלבע האט זיא געטהאן מיט די איבריגע אייניקלאך.

ראטער און בערטהא האבען געפרובירט צו פראטעסטירען, זעהענדיג וויא שלעכט דאס ווירקט אויף דער קראנקער. אבער זיא האט זיך ביי זיי געבעטען:

— לאזט מיר, ליעבע קינדער, זיך געזעגנען מיט מיינע ליעבע אייניקלאך. איך דאנק דעם רבונו של עולם וואס ער האט מיר ביים קלארען זינען געלאזט אין דיא לעצטע מינוטען פון מיין לעבען. איך וועל בענדזשאמין'ען אפגעבען א גרוס פון אייך אלעמען. ער האט ניט געהאט דיא זכיה צו דערלעבען דעם נחת, וואס איך האב געהאט.

דאן האט זיא געהייסען ארויספיהרען דיא אייניקלאך פון צימער, זאגענדיג אין א געהיימניספאלען טאן:

— קינדער, איך האב אייך עטוואס זעהר וויכטיגעס מיטצוטהיילען.

ביי ראטער'ן און בערטהא'ן זיינען דיא הערצער איינגעפאלען פון שרעק. זיי האבען אינסטינקטיוו געפיהלט, אז זיי וועלען זיך דא דערוויסען א וויכטיגע געהיימניס, — א געהיימניס, וואס איז שטארק פערבונדען מיט זייער לעבען.

ווען זיי זיינען געבליבען אליין מיט דער קראנקער אין צימער, האט זיך דיא קראנקע אויפגעזעצט אויף איהר געלעגער, אנגענומען דעם זוהן און דיא שנור ביי דיא הענד און געזאגט מיט א ציטערענדען קול:

— מאיר, מיין זוהן, דאס וואס איך געה דיר יעצט דערצעהלען, האט מיר דער טאטע דיינער געבעטען, ווען ער איז קראנק געווארען, אז איך זאל עס דיר איבערגעבען, ווען איך וועל זעהן אז דיא לעצטע שטונדע פון מיין לעבען איז געקומען. דיעזע שטונדע איז אלזא יעצט געקומען.. און וואלט מיר גאט געשטראפט און ער וואלט ביי מיר דעם זינען צוגענומען, וואלסטו דאס געפונען אויפגעשריבען אין דער באקסעל פון מיין דזשולערי. אויפגעשריבען האט דאס בערטהא'ס אנקעל, וועלכער וויים פון דער גאנצער געהיימנים.

איבער באטער'ס און בערטהא'ס לייבער איז א סקרוך דורכגעגאנגען.

— אלזא, הערט מיך אוים, ליעבע קינדער, — האט דיא קראנקע ווייטער גערעדט. — גאט האט מיר געגעבען א גרויסען פארמעגען...

זיא האט פלוצלונג אפגעהאקט און געמאכט א בעוועגונג, אזוי וויא זיא וואלט פארגעסען זעהר: וויכטיגע זאך. דאן האט זיא זיך געווענדעט צו ראטער'ן און צו בערטהא'ן:

— בעפאר איך וועל אייך דערצעהלען דיא געהיימנים, וויל איך, אז איהר זאלט מיר שווערען, אז איהר וועט זיך ווייטער אזוי ליעבען און לעבען אזוי גליקליך וויא ביז יעצט.

זיא האט גענומען דעם זוהן'ס און דיא שנור'ס הענד און זיי צוזאמענגעשלאסען, זאגענדיג:

— שווערט ביי גאט!

— מיר שווערען! — האבען ביידע מיט אמאל ארויסגערעדט מיט עהרעפורכט און שרעק אויף זייערע טויטבלייכע געזיכטער.

— גאט האט מיר געגעבען א גרויסען רייכטהום — האט דיא קראנקע ווידער אנגעפאנגען איהר ערצעהלונג — אבער

דעם גרעסטען עשירות, דעם העכסטען פערמעגען — קינדער — האט ער מיר ניט געגעבען...

— מאמא! — האט ראטער אויסגעשריען מיט א ווילדען קול.

— שרעק זיך ניט, מיין קינד — האט איהם די קראנקע בערוהיגט — דו זעהסט איך רוף דיך „מיין קינד“, דען איך האב דיך ווירקליך אזוי ליעב וויא דו וואלסט זיין מיין אייגען קינד, דען איך האב גענוג בלוט פאר דיר פערגאסען. אבוואהל איך האב דיך ניט געטראגען, געבארען און געזויגען...

ראטער און בערטהא זיינען געבליבען שטעהן וויא פאראליזירטע די גאנצע צייט וואס די קראנקע האט גערעדט.

— איך האב באלד נאך מיין חתונה אן אפעריישאן געהאט און איך האב מעהר קיין קינדער נאכדעם ניט געקענט האבען. אונזער לעבען איז געווען א טרויעריגער. וואס רייכער מיר זיינען געווארען, אלץ אומעטיגער האבען מיר זיך געפיהלט. האבען מיר בעשלאסען צו נעהמען א קינד פון א יתומים־אנשטאלט, און אזוי האבען מיר געטהאן. אויב דו ווערסט וועלען וויסען ווער דיינע עלטערען זיינען, קענסטו דאס אויסגעפינען אין דעם ניו יארקער וויייזענהויז. אבער מיין מאן איז געווען גליקליכער פון מיר. איהם האט גאט יא געבענשט מיט א קינד איידער ער האט מיט מיר געהייראטה, אבער שלעכטע, נארישע מענשען האבען פון איהם זיין גליק אוועקגעטריבען. ער איז געווען א דימענטמענער מענש, א פראסטער, אבער מיט אן עדעלער נשמה. אין רוסלאנד האט ער געארבייט אין א קליין שטעדטעל. דארט האט ער זיך פערליעבט אין א בעל הבית'ישע מיידעל. איהרע עלטערען איז אבער ניט אנגעשטאנען, אז זייער קינד זאל הייראטהען מיט א פראסטען שניידער; זיי האבען זיך געהאלטען פאר יחסנים. האבען די גליקליכע פאריל א שטילע חופה געשטעלט און זיינען אוועק אין אנאנדער שטעדטעל. אבער איהרע עלטערען האבען איהר אויסגעפונען און מיט געוואלד איהר אפגעריסען פון איהר געליעבטען. ער איז דאן אוועק קיין אמעריקא, דיינקענדיג אז ער וועט איהר קענען ברייגען צו זיך. זיא האט שוין דאן געשוואנגערט. זיא האט איהם געשריבען, אז ווען זיא וועט איבערקומען די ווינפעט וועט זיא קומען צו איהם. זיא איז אבער אין דער קינפעט געשטארבען, איבערלאזענדיג א מיידעלע. דאס מיידעלע איז יעצט... דיין פרוי, מאיר!

ראטער און בערטהא האבען געציטערט וויא אין א פיעבער. ביידע האבען זיי געוואלט עפעס ריידען, אבער בייביידען זיינען די צינגער אפגעשטארבען אין די מיילער.

די קראנקע האט זיך צוריק אוועקגעלייגט, סאפענדיג שווער.

ליעבט זיך, קינדערלאך! — האט זיא צו זיי געזאגט. יעהרענד איהר שטימע איז אלץ שוואכער געווארען — יעצט פערשטעהסטו שוין, מאיר. וואס דיין טאטענס צוואה האט בעדייטעט? לעבט גליקליך! — האט זיא געדריקט זייערע הענד.

אין עטליכע מינוטען ארום האט די קראנקע איהר לעצטען אטהעם אויסגעהויכט.

* * *

די ליעבע צווישען ראטער'ן און בערטהא'ן איז יעצט נאך פיעל הייסער געווארען. זייער גאנצער לעבען איז געווען א אידישער גן־עדן, א פראכטפאלע, הימלישע מעלאדיע...

ע נ ד ע.

געקליבענע שריפטען

— פון —

אנטאָן טשעכאָוו

איבערזעצט פון לעאָן קאָברין

אין 4 פּראַכטפאָלע בענדער

אינהאלט פערצייכנים פון די פיער בענדער:

1טער באַנד

1. די נקמה.
2. וואָס אַן אנגעקלאָגטער האָט דערצעהלט.
3. א בעקאַנטער מאַנספּערשוין.
4. א גליקליכער מענש.
5. א רפואה געגען שכרות.
6. א טהעאַטער דירעקטאָר אונטער א זאָפע
7. די ענגלענדערין.
8. דער אויסרופונגס־צייכען.
9. דער רעדנער.
10. א קונסט־ווערק.
11. דער נצחון פון א זיעגער.
12. דער ממזר.
13. אַן עלענדע בעשעפּניס.
14. א טהייערער קינד.
15. אויס די שריפטען פון א אויפ־גערעגטען מענשען.
16. זומער געסט.
17. א רעטהזעלהאַפטע נאַטור.
18. דער טוידט פון א בעאַמטען.
19. די מכשפה.
20. נערוועָן.
21. דאָס איז געוועזן זי.
22. איבערגעזאָלצען.
23. איבעריגע מענשען.
24. דער שלעכטער אינגעל.
25. א מעשה מיט א שוהל־אינגעל.
26. א שריפטשטעלער.
27. אַן אונגעוועהנליכער מענש.
28. דער קרומער שפּיגעל.
29. א פאַמיליען־פאָטער.
30. א גוטער סוף.
31. אין באָד 1.
32. אין באָד 2.
33. דאָס לעזען.
34. דער ערשטער ליעבהאָבער.
35. די פּאַסירונג.
36. דער פּאַססאַזשיר פון דעם ער־שטען קלאַס.
37. אונפאַרזיכטיגקייט.
38. דער קלוגער וועכטער.
39. די שטיוועל.

2טער באנד

1. דער אנטלאָפענער.
2. א בלבול.
3. פינסטערניש.
4. לעבעדיגע סמנים.
5. דעם קאפיטאן'ס יוניפארם.
6. דער מאן.
7. די פאלאטע נומער זעקס.
8. אן אונגליק.
9. די ארומשפרינגערקע.
10. אריאדנא
11. גנבים
12. נו, פובליקום!

3טער באנד

1. די ליידענדע
2. די דאמען
3. אין דער פאסט אבטהיילונג
4. ביים בארבער
5. דער שפיגעל
6. די שכנים
7. דער אונטערזוכונגס־ריכטער
8. שונאים
9. די דאמע מיט'ן הינטעל
10. א צרה
11. ווייבער
12. א פאל פון פראקטיק
13. וואָלאָדיא דער גרויסער און וואָלאדיא דער קליינער
14. שטארקע געפיהלען
15. שווערע מענשען
16. אבגא אויף דער האלדז
17. א נערוועזער אנפאל
18. קליינינקייטען פון לעבען

4טער באנד

1. וואינקא
2. שלאפען ווילט זיך
3. אניוטא
4. וואס זי האט דערצעהלט
5. דער געבורטס־טאג
6. די פויערים
7. וואלאדיא
8. נשמה'ניו
9. אהן א נאמען
10. דער פאטער
11. קעסטניקעס
12. די אפטהעקערקע
13. דאס ווייב
14. די מוהמע
15. די כאריסטקע
16. די פארבלאנדזשעטע
17. בענקעניש
18. אגרעסען

פרייז בלויז 4 דאלאר

(פארטא פריי)

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., NewYork.

געקליבענע שריפטען

פון דעם גרויסען רוסישען שרייבער

איוואן טורגעניעוו

איבערזעצט פון לעאן קאברין

אין 4 פראכטפאלע בענדער.

אינהאלט פערצייכנים פון די פיער בענדער:

1טער באנד

1. אסיא
2. די ערשטע ליעבע
3. דער רופא
4. א צוזאמענקונפט
5. דער טאגע־בוך פון א איבעריגען מענשען

2טער באנד

1. פאעזיע און פראזא 1טער טהייל
2. פאעזיע און פראזא 2טער טהייל
3. צוויי פריינד
4. קלארא מיליטש

3טער באנד

1. מומו
2. וואלד און סטעפע
3. דריי פארטרעטען
4. אין א פערוואָרפענעם ווינקעל
5. דריי מאָל בעגעגענט
6. טוק... טוק... טוק

4טער באנד

1. טשערטאָפכאנאָוו און נעדאָ פיוסקין.
2. טשערטאָפכאנאָוו׳ס סוף.
3. דער הונד
4. א הפקר מענש
5. א חלום
6. א לעבעדיג הייפעל ביינער
7. יאקאב פאסינקאוו
8. אנדרעי קאלאסאוו

פרייז בלויז 4 דאָלאר

(פארטא פריי)

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

דער וועלט־בעריהמטער בוך

אנקעל טאָמ'ס קעבין

פון העררייעט ביטשער סטאָו

אַיז יעצט איבערזעצט געוואָרען אין אידיש

פון י. יאַפפאַ.

דיעזער בעריהמטער בוך האָט מיט פופציג יאָהר צוריק אויפגעשטורמט די גאַנצע וועלט און האָט געפיהרט צו דער אָבשאַפונג פון דער שקלאַווערייַ וועלכע האָט דאָן עקסיסטירט אין אַמעריקאַ.

אין „אָנקעל טאָמ'ס קעבין" ווערט גענוי און פינקטליך געשילדערט דער גאַנצער העסליכער האַנדעל וואָס עס איז אָנגעגאַנגען אין אַמעריקא מיט די שוואַרצע שקלאַ־ווען, ווי מען האָט זיי געקויפט און פערקויפט אַזוי ווי בהמות.

מען פלעגט פערקויפען אַ פאָטער פון אַ פאַמיליע, אַ מוטער פון קינדער, קינדער פון עלטערן און שוועסטער פון ברידער, מען האָט ניט געוואוסט פון קיין רחמנות, מען האָט ניט געקוקט אויף טרעהרען און מען האָט זיך ניט צוגעהערט צו קיין וויינען.

מען פלעגט אויך פערקויפען אַ מוטער צו איינעם און איהר קינד צו איין אַנ־דערן, און די שיידונג צווישען מוטער און קינד איז געוועזן הימעל־שרייענד.

מען פלעגט מיט זיי אַרבייטען אַזוי ווי מיט פערד און זיי שלאָגען גאָר אָהן ערבאַרמונג.

מען פלעגט זיי שמייסען ביז בלוט און נאָכדעם אויסוואַשען זייערע וואונדען מיט עסיג און זאלץ, אַז דער בראנד זאָל ניט צופאלען.

יונגע שקלאַווינס פלעגען בערויבט ווערען פון זייער עהרע און געטריבען ווע־רען צו פערדיענען שאַנד־געלד.

דיעזע גרויל־טהאַטען, וועלכע זיינען דורך דיעזען בוך בעקאַנט געוואָרען, האָבען אַרויסגערופען אַ שטורם אין דער גאַנצער וועלט, און האָבען געבראכט צו דער בירגער־קריעג און צו די אָבשאַפונג פון דער שקלאַווערייַ.

„אָנקעל טאָמ'ס קעבין" איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין אַ פראַכט־אויסגאַבע. אַ גרויסע צאהל בילדער קומען אין בוך אַריין, וועלכע שטעלען פאָר די פערזאָנען און די סצענעס, וועלכע ווערען דאָרטען געשילדערט, און דאָס מאַכט דעם בוך אוי־סערגעוועהנליך רייך און שעהן.

אַ פראַכט־אויסגאַבע פון „אָנקעל טאָמ'ס קעבין" אין אַנדערע שפּראַכען קאָסט ניט ווייניגער ווי 2 דאָלאר. אונזער פרייז פיר אַ פראַכט־אויסגאַבע אין אידיש איז

בלויז $1.50

(פּאָרטאָ פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St. **New York.**